STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00201

DI LIDER

Abraham Reisen

Permanent preservation of this book was made possible by The F. Weiler Charity Fund in memory of Jack D. Weiler

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די
לידער

פון

אברהם רייזען

אין צוועלף טיילן

(1891—1951)

מיט אַ פאָרוואָרט פון מחבר

ניו יאָרק   תשי״ב   1951

DI
LIDER

(POEMS)

By

ABRAHAM REISEN

IN TWELVE PARTS
WITH A PREFACE BY THE AUTHOR

Copyright 1951 *by*
ABRAHAM REISEN
3451 Giles Place, Bx., N. Y.

פרייז 5 דאָלאַר

געדרוקט ביי די שולזינגער ברידער
Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING AND PUBLISHING CO.
21 East 4th Street. New York 3. N. Y.
253



אברהם רייזען

(צו זיין ערשטן ליטעראַרישן יובילײ אין קאַרנעגי האָל, 1917)



אברהם רייזען
(אין יאָר 1907)



אברהם רייזען
(צו זעכציק יאָר)



אברהם רייזען
(צו זיין זיבעציקיאָריקן יובילעאום)

פאַרוואָרט

דער איצטיקער באַנד לידער איז ניט קיין פולע זאַמלונג און איז אָבער אויך ניט קיין „געקליבענע לידער" — און טאַקע צוליב דעם הייסט דער באַנד: „די לידער פון אברהם רייזען", ניט חלילה מיטן „ה" הידיעה, נאָר מיט דער אָנדייטונג, אַז אין דעם באַנד, שפּאָרעוודיק געדרוקט, אין בראַוויר־שריפט און אין דאָפּלטע זייטן, זיינען אַריין כמעט אַלע לידער, וואָס דער שרייבער האָט געשאַפן אין פאַרלויף פון דעם מער ווי אַ האַלב יאָרהונדערט... איבערהויפּט די אַלע יענע לידער, וואָס האָבן אַ שייכות צו די וויכטיקסטע פּאַסירונגען אין דעם האַלבן יאָרהונדערט, מיט דער אויסנאַם פון אַ היבשער צאָל לירישע און פילאָזאָפישע לידער, וואָס זיינען בכלל אויסער דער צייט. בפרט אַז אפילו אַ גרויסער טייל פון די צייט־לידער זיינען נאָך אַקטועל.

סיי ווי סיי גייען דורך אין די אַלערליי אָפּטיילונגען פון גרעסערן באַנד — די אַלע פעריאָדן, פּאַסירונגען — וועלט־פּאַסירונגען און פון אידישן פאָלק — אין פאַרלויף פון דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און נאָך מיט אַן עודף פון אַ צענדליק יאָר פון די נייַנציקער יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט: למשל, די לידער: „דער גמרא־ניגון", „דאָס העמערל", „אויף קאַראַוול", און אַ צאָל אַנדערע, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין די לעצטע צענדליק יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט — אין מיין געבורטס־שטעטל קוידאַנאָוו, אין מינסק און אין קאָוונע... דערצו די ערשטע לידער געשריבן אין וואַרשע — אין 1899 — דאָס יאָר ווען איך בין דאָרט אָנגעקומען, און אגב מיין צווייטער באַזוך — נאָך מיין באַזוך אין דער רעדאַקציע פון „יוד", וואו ס'האָט זיך שוין אָפּגעדרוקט אין צוויי פאָרזעצונגען מיין גרעסערע פּאָעמע — „מיין צוריקקער אַהיים" — איז געווען אין דער וואַרשעווער אידישער גמינע — צו פרץ'ן. און כאָטש איך בין געגאַנגען מיין אייגענעם וועג — וועגן איינפלוסן רעדט מען ניט — האָבן דאָך מיינע ווייטערדיקע וועכנטלעכע, און ניט זעלטן טעגלעכע באַזוכן פּרץ'ס הויז אויף מיר דירעקט און אומדירעקט פיל געווירקט — אויסער די העכערע פרייד אַליין! דערפאַר ווידמע איך אין דעם באַנד לידער אַ גאַנצע אָפּטיילונג — לכבוד דער פייערונג פון פרץ'ס הונדערטסטן געבורטסטאָג...

מיינע אַ גרעסערע ליד — געשריבן צו פּרץ'ן — צו זיין ערשטן יובילײ — איז ליידער ניט אַריין אין איצטיקן באַנד. דאָס דאָזיקע ליד איז דערלאַנגט געוואָרן פון מיר — צו פּרץ'ס פופציק־יאָריקן געבורטסטאָג — באַזוכנדיק אינדערפרי, נאָך אין יענעם הערלעכסטן טאָג פון מיין יוגנט — פּרץ'ס וואוינונג. דאָס ליד האָב איך נאָך געזען אין פּרץ'ס יובילײ־אַלבאָם אין 1910, און איך בין געווען גליקלעך איבערראַשט, וואָס דער גרויסער פּרץ האָט דאָס ליד אַזוי לאַנג אָפּגעהיט. שפּעטער איז דער יובילײ־אַלבאָם אַריבער אין מוזעאום אויפן נאָמען פון ש. אַנסקי אין ווילנע, און נאָך שפּעטער אין ווילנער אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, און טיילן פון דעם ליד זיינען געווען איבערגעדרוקט אַלס ציטאַטן אין אַן אַרטיקל פון מ. שאַליט, ע"ה — אין די „וואַרשעווער ליטעראַרישע בלעטער" פון נחמן מייזיל. כ'געדענק נאָך איצט מיין דעמאָלסדיקע איבערראַשונג, כאָטש פּרץ ז"ל איז שוין דעמאָלט צווישן אונז ניט געווען — האָט אָבער זיין גייסט — ווי ביז היינט צו טאָג געשוועבט און געלעבט צווישן אונז — זיינע אָנהענגער, תלמידים און ליבהאָבער — ביי זיין ליכטיקן לעבן.

אין איצטיקן באַנד „די לידער" — פעלן אויך די לידער געשריבן צו אונזער גרויסן דיכטער און תנ"ך־איבערזעצער — מיטן וויכטיקן באַנד הערות צום תנ"ך — יהואש ז"ל;

דאָס ליד צו מרדכי ספעקטאָר, און צו אַנדערע גרויסע פּערזענלעכקייטן. די וועלן שוין אַריין אין דער צווייטער פאַרגרעסערטער אויפלאַגע, וואָס וועט, האָפנטלעך, הייסן „אַלע לידער פון אברהם רייזען". כאָטש, ווי געזאָגט, דער איצטיקער באַנד אונטערן טיטל: „די לידער פון אברהם רייזען" קענען הייסן „אַלע לידער"; דער שרייבער האָט נאָר דורכגעלאָזן אַ קליינע צאָל לידער, וואָס ער האָט ניט געפונען פאַר צו־נויטיק אין דער דאָזיקער צייט — זיי אַריינצוגעבן.

דערביי וויל איך אויך דערפילן אַ הייליקן חוב, צו באַדאַנקען מיין ליבן פריינט און קאָלעגע, דעם דיכטער און איבערזעצער אהרן קאַרלין, דעם רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון דער צייטשריפט און זאַמלשריפט „די פעדער", וואָס איר דערשיינען איז אַ דאַטע אין דער אידיש־ליטעראַרישער נייער שאַפונג, אין וועלכער איך האָב געהאָט די פרייד און דעם העכערן כבוד — צו שרייבן פאַר יעדער העפט, און יעדער זאַמלשריפט — די ליטעראַרישע רעוויו — פאַר וועלכער איך ווער אַמאָל קריטיקירט, אָבער מיט וועלכער איך בין באמת גליקלעך און וועלכע פאַרשאַפט מיר אמת'ע פרייד, קענענדיק אויסדריקן מיינע, דאָס רוב באַגייסטערטע מיינונגען וועגן אונזערע עלטערע, אינגערע און נייעסטע פּאָעטן, דערציילער און עסייאיסטן, וואָס האָבן באַרייכערט אונזער אידישע ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן, און די הלכה בלייבט ווי הלל...

דער פריינטלעכער און עכט־קאָלעגיאַלער אהרן קאַרלין האָט ביי דער טעכנישער זייט פון מיין בוך „די לידער", און ביי דער קאָרעקטור — אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענ־דעניש, קענטשאַפט און דער עיקר ליבשאַפט צום אידישן וואָרט בכלל. איך באַדאַנק אים פון טיפסטן האַרצן פאַר זיין אויפריכטיקער פריינטשאַפט און פאַר זיין אחריות'פולער אַרבעט ביי מיין בוך „די לידער", וואָס איז דאָס ערשטע בוך פון די אַלע ווערק — אין ליד און אין דער דערציילונג — וואָס וועלן מיט גאָטס הילף דערשיינען בוך נאָך בוך — אין זעלבן גרעסערן פאָרמאַט — אין נאָך דריי גרויסע בענד, לויט איך האָב אויסגעפּלאַ־נירט — אויסער מיינע עסייען, לענגערע ביכער־רעצענזיעס, און דער עיקר — די „עפּיזאָדן פון מיין לעבן" — און מיין אויטאָביאָגראַפישע עפּאָפּיי אין דריטער פּערזאָן, אַזוי אויך די עפּאָפּיי „דריי דורות" — 1) הירש למדן, 2) זלמן משכיל און 3) דער יונגער לייב.

אין מיין געדרוקטער אויטאָביאָגראַפישער עפּאָפּיי, אין דריטער פּערזאָן, ווערט פיל מאָל דערמאָנט הירש למדן — דער נאָמען הירש איז אין אונזער פאַמיליע אַ נאָמען נאָך איינעם פון די גרויסע ראשי־ישיבות אין דער־מיר און דער פעטער פון מיין באָבע שולקע, ביי וועמען זי האָט זיך דערצויגן, אַלס יתומה, ביז איר חתונה. פון דעם דאָזיקן ראש הישיבה ר' הירש האָט געשטאַמט דער באַרימטער, אין זיין צייט, פּראָפעסאָר נ. באַקשט — אַ גרויסער קענער פון סעמיטישע שפּראַכן אויך דער באַרימטער מאָלער לעאָן באַקשט. נאָך דעם זעלבן ראש הישיבה ר' הירש טראָגט אויך דעם נאָמען מיין ברודער הירש בן קלמן רייזען פון נואַרק וואָס איז געווען ביי זיין לעבן באַליבט ביי אַלע זיינע קרובים און גוטע פריינט, ווי אַ גרויסער בעל־צדקה לויטן אידישן און וועלטלעכן באַגריף; איבערגעגעבענער טוער אין אַרבעטער רינג, אין נואַרקער „ביאַליסטאָקער ברענטש", און בכלל אַ גייסטרייכער, אַ פרײדיקער, אַז זיין איינפלוס האָט געווירקט אויף דער רייכער טעטיקייט פון נואַרקער אַרבעטער רינג בכלל.

דערמאָן איך אויך — מיט גרויס אַנערקענונג, מיין הויכגעשעצטע שוועגערין, כייקע רייזען מיט די קינדער, מיינע באַליבטע פּלימעניקעס: מאָריס, עדי און דער יונגסטער — קלאַרענס — קלמן — טייערע יונגעלייט, וואָס גייען אין די וועגן פון מיין פאַר דער צייט געשיידטן ברודער הירש בן קלמן רייזען, ע"ה. — זייער הויז, ביי מיין ברודערס לעבן — איז געווען אַ בית ועד פאַר דער נואַרקער אינטעליגענץ, אַרבעטערשאַפט, שרייבער און אַרבעטער־רינג־מיטגלידער; און פאַר אַלע פון אונזער גרויסער, פאַרצווייגטער פאַמיליע — שוין אין נואַרק. —

דערמאָן איך אויך דאָ מיט גרויס פאַרערונג — מיין פאָטער קלמן רייזען ע״ה, וועמעס העברעאישע שירים האָבן מיך נאָך אַלס קליין אינגל געוועקט צו שאַפן לידער אין אידיש. אויך מיין מוטער קריינע ע״ה, וואָס האָט מיט איר זינגען אידישע פאָלקס־לידער, געוועקט אין מיר די שענסטע געפילן און מיט אירע מידות געוויזן מיר דעם וועג פון לעבן, די באַציאונג פון מענטש צו מענטש — אַזוי אויך אירע שוועסטער, מיינע מומעס — מירל, חיי־שרה, באַסיע, יהודית, פייע און ראַשקע, פון וועלכע איך האָב פיל געלערנט ווי ביי מיין מוטער קריינע בת ר׳ פסח עפשטיין־סווירנאַווסקי ז״ל. —

פיל איך אויך אַ שטאַרקן באַגער צו דערמאָנען אונזער עלטסטער שוועסטער רבקה שקליאַר, ע״ה, וואָס איז אַוועק פון דער וועלט נאָך אין אירע טעטיקסטע יאָרן, איבערלאָזנ־דיק פיר פיין־דערצויגענע קינדער, טעכטער און זין: בעסי גאַלבוט, גיטל הוירשפעלד און לילי; פיוועל און אברהם־יצחק און ליבע און גראַטענע אייניקלעך. מיין צער אויף איר צו־פריען פאַרגיין איז גרויס און מיין פליכט צו דערמאָנען איר — איז מיר הייליק.

שוין אָפּגערעדט וועגן מיין צער אויף מיין אומפאַרגעסלעכן גרויסן ברודער — דער יונגסטער פון אונז — זלמן רייזען, דער שאַפער פון דער ערשטער אידישער גראַמאַטיק, די הויך ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע כריסטאָמאַטיע: פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע און פון מאָנומענטאַלן ווערק אין פיר גרויסע בענד: דער לעקסיקאָן פון דער אידישער לי־טעראַטור. — נאָר ס׳איז ניט אויסצורעכענען אין אַ קורצער הקדמה די אַלע שאַפונגען אין זיין טראַגיש יונג פאַרשניטענעם לעבן. דערמאָן איך דאָ אויך זיין ליכטיקע, רייכ־באַגאַב־טע פרוי, מירעלע ע״ה — וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאַציס, ימח שמם! אויך — צו לאַנגע יאָר — זייערע צוויי רייך־באַגאַבטע זין, וואָס געפינען זיך איצט אין לאָנדאָן, ענגלאַנד — שאול און לייב; אויך זייער טייערע מומע — די דיכטערין און שריפטשטעלע־רין שרה רייזען — מיין איינציק איבערגעבליבענע שוועסטער, זאָל זי לאַנג לעבן! מיט איר טייערן, טאַלאַנטפולן זון משה.

איך קום נאָך פיל דאַנקען דעם לערער־פאַרבאַנד פון אַלע אידישע שולן, נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, אַרבעטער רינג שולן און שלום עליכם שולן — גוטע פריינט פון אויטאָר און פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור. איך בין אָבער שולדיק דאַנקען נאָך פיל אַנדערע געזעלשאַפטן און יחידים. ביי די וויטערדיקע בענד — וועל איך מיין הייליקן חוב צו זיי — מיט גאָטס הילף — דערפילן מיט ליבשאַפט און פאַרערונג, ווי צו אַלע מיינע קאָלעגן!

ס׳איז מיר ליב דאָ צו דערמאָנען מיין פרוי שרה בת ר׳ משה פון דעם הויז ראָזענדאַר אין בעסאַראַביע, און אונזער טייערע טאָכטער שיינדל, וואָס האָט אונז און אונזערע נאָענטע שוין דערפרייט מיט אַ צאָל פּאָעטישע שאַפונגען אין אידיש און ענגליש. זיי ביידן — זאָלן לאַנג לעבן — בין איך אוודאי פיל פאַרפליכטעט פאַר מיינע נייערע ווערק, געשאַפן זינט די צוואַנציקער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ביז היינט צו טאָג.

דערווייל אָבער — אין דער דאָזיקער אומרואיקער צייט, אין דער צייט פון אבילות אויף אונזערע גרויסע אבידות — וואָס דערגרייכט אַ דריטל פון אונזער ליב פאָלק; אין דער טרייסט ווען מיר בויען אונזער אַלט־ניי לאַנד ישראל, איז אונזער גלויבן, אַז אויך אין ישראל וועט אידיש — צוגלייך מיט העברעאיש — מיט אַ באַנייטן העברעאיש, אָבער ניט לחלוטין אַ געענדערטן, חלילה — וועט אידיש אויפטאָן וואונדער, ווי ביז אַהער — און אויך ווייטער — אין די כל תפוצות ישראל, ווי דאָס איז אויך געווען אין אונזערע גליק־לעכע יאָרן, ווען דאָס פאָלק ישראל האָט געוואוינט אויף זיין אייגענער ערד — אין יהודה און ישראל און אויך דאַן בכל תפוצות, ווי אין בבל, וואו מיר האָבן געשאַפן אַזאַ מאָנו־מענטאַל ווערק, ווי דעם תלמוד בבלי, און שפעטער — ביז היינט צו טאָג, אין אַנדערע לענדער — אונזער רייכע ליטעראַטור — אין אידיש!

דער אויטאָר, אברהם רייזען

ניו יאָרק, בראָנקס, שלום־עליכם־הייזער, מאַי, 1951.

אינהאַלט

ערשטער בוך

אָנהויב

ווען דאָס לעבן — 1
גאָט זאָגט: לי הכסף ולי הזהב — 1
אין וואַלד — 1
ווען דאָס פייער — 1
דער מגיד — 2
צום מלוה (פון חומש) — 2
נאָכאַנאַנד — 2
צום רייכן ברודער — 3
אַ פּראָגע — 3
צום העמער׳ל — 3
דער אידישער אַזראַ — 3
שטערן — 4
אויף אַ זעאונג — 4
אַ ווינטער ליד — 4
די פידל — 4
צו אָרעמע אינגלאַך — 5
אָרעמע מענשן — 5
ווינטער לידער — 6
קידוש לבנה — 6
וואָלקן — 7
דער נעפּל — 7
ווילדער ווינט — 7
דער גט — 7
די וואַנט — 8
אַ גיכער משיח — 8
אין גאַס — 9
פּאַרגעס — 9
די יונגע קרעמערין — 10
ליכט — 11
דער מענש — 11
פרויען — 11
באַגערן — 11
מיינע טעג — 11
מיינע לידער — 11
גאָטס פוסביינקל — 11
מיין פריינט — 12
אַלטער גלויבן — 12
די ערד — 12
אַ קאָמפּלימענט — 12
צוויי וועלטן — 12
שטערן — 13
האַרבסט — 14
צום פרילינג — 14
צו די פייגל — 14
צום אַרבעטער — 15
ערלאָכע אַרבעט — 15
דער גמרא ניגון — 16
אַ האָר פון באָרד — 16
דער פרייער ים — 16
אויף קאַראול — 17
צו פיר — 17
דער מענש — 17
דער צוג — 18
צו מיין האָרץ — 18
פיל נעכט — 18
וואָס שטייט אונז נאָך פאָר — 19
יום טוב — 19
שלום — 19
איך פיל — 19
דאָס שטוב-מיידל — 20
אין אַ פינסטערער נאַכט — 20
אין אַ וואָלקנדיקן טאָג — 20
אויף אַן אָרימאַנס טויט — 20
דער יונגער שטערן — 21
אַ פאָלקס צוג — 22
דאָס געבעט — 22
סודות — 22
איך וואַרט — 23
די נייע סחורה — 23
די קירכן גלאָקן — 23
מיין שיפעלע — 24
שטורם — 24
דער נאַכט וועכטער — 24
אין גאָרטן — 25
ווילט זיך נאָך — 25
בוימער — 25
ס׳וועט קומען אַמאָל — 26
די ערשטע טעג — 26
אין אַ הייסן טאָג — 26
ביים גרענעץ — 26

צווייטער בוך

צייט לידער

איך זינג — 27
מיין געליבטע — 27
ווי קום איך? — 28
אָפּשייד — 28

דער ווינט — 28
די אָרימע כלה — 29
פּערלען — 29
נאָך אַ יאָר — 29
אַ אידישע פרוי — 30
ווען איך זע — 31
די יוגנט — 31
ווען איך האָף — 31
די צייט — 31
דער האַנדלער — 32
איך הער — 32
אין גרויסער שטאָט — 32
איך ווייס אַ הויז — 33
די לבנה — 33
פון לעבן — 33
אין דער אָרעמער גאַס — 33
מאי קאָ משמע־לן ? — 34
קיין ענטפער — 34
דער שומר — 34
פון דער דירה — 35
אָרימעס לעבן — 35
מיינע טעג — 35
די אָרעמע געווינערין — 36
עס דונערט, עס בליצט — 36
אַ געזינד זאַלבע אַכט — 36
לויטערע טרערן — 36
דאָס נייע ליד — 37
דער אָדלער — 37
דיין בילד — 37
בלאַנזשע ! — 37
צו אַ געפאַלענע פרוי — 37
עס גיבן אין לעבן — 38
זע, דער הימל — 38
סודות — 38
פון ווייטן — 38

דריטער בוך

די ליבע היים

מיין צוריקקער אַ היים (פּאָעמע) — 39
אין קלויז — 45
די היים — 45
אין גרויסער וועלט — 45.
באַלעבאַטישער מוסר — 46
צום אַלטן יאָר — 46
דער שטויב פון דער וועלט — 46
אין דער היים — 47
איצט פאַרשטיי איך — 47
צו... — 47
וואָס מאַכט איר ? — 47
פון טאָל — 48
ביי דעם גאָרטן — 48
די עפּל פאַרקויפערין — 48
דער קראַנקער בוים — 48

פערטער בוך

אין אומרו

עפּעס הער איך — 49
זייט גרייט — 49
איז אַוועק אין קריג דער מלך — 49
אַ מידער טאָג — 50
אין אַ מאי טאָג — 50
פילסט זיך... — 50
לעבן ווילט זיך... — 50
אין קישן — 51
די בערג — 51
נאַכט און קאַלט — 51
די צייט — 51
בירגער — 51
אויף די פעלדער — 52
עס דאַכט מיר — 52
אויפן פעלד — 52
דער הימל — 52
שטיינער און טרערן — 52
דו פרעגסט — 53
אַמאָליקע טעג — 53
אין אַ לאַנד — 54
צום איינזאַמען — 54
דער מיטל — 54
צום לעבן — 55
שטילערהייט — 55
איר ווייסט — 55
די ערשטע גראָע האָר — 55
צו די ליידנדע — 56
עס איז געווען אַמאָל — 56
מיין ליד — 56
קלוגע און שלעכטע — 56

פינפטער בוך

נייע ליבע

פינף באַגנען — 57
דער וואַנדערער — 57
צו... — 57
צו אַ כלה־מיידל — 57
צום טרוים — 58
דער צוג — 58
אַ פאַרוועלקטע שיינהייט — 58
דאָס שענסטע ליד — 58
די אייביקע שיינהייט — 59

צו אַ בילד — 59
איך בין ניט... — 59
אַלע מאָל — 60
קרעלן — 60
דער לאַמטערן — 60
דאָס פעלד — 60
פאַרגראַבענעס גליק — 61
אין אַ זומער־נאַכט — 61
אַ נייער פרילינג — 62
ליבע און שניי — 62
וועק נישט — 62
אַ פּאָר — 62
פאַרנאַכט אויפן פעלד — 63
מיין געליבטע — 63
מיין גאָרטן — 63
דער ניגון — 63
אין דער רוישנדער גאַס — 64
אַ חלום — 64
מיינע אָפּגעלעבטע יאָרן — 64
אין דער ווייט — 65
די מוטער צום קינד — 65
מיין האַרץ איז ווייך — 65
אין קיך — 66
אין פינצטערע אַלייען — 66
די איינציקע — 66
דער עלענדער — 67
פליכטן — 67
דאָס טייעלע — 67
באַ אונז אין לאַנד — 68
פאַלט אַריין אַן אָרעמאַן — 68
די נאַאיווע — 68
די לעצטע סטרונע — 68
האַרבסט־לידער — 69
עס וויינט — 69
דו קומסט — 70
אין צער — 70
דאָס ליד פון חתן — 70
די בלינדע ליבע — 70

זעקסטער בוך

דאָס לעבן ציט

דאָס לעבן — 71
פאַלן און שטייגן — 71
מיין פריינט צי דו ווייסט? — 71
צו די הימלען — 72
באַשיצונג — 72
ווי אַזוי ער זעט אויס — 73
צו אַ ברודער — 73
אין צוג — 73
די ערשטע עמיגראַנטן — 74
וואו מיר וועלן — 74
אַ שיף — 75
ערשטער מאַי — 75
אַ ים־ליד — 75
דער אָרקעסטער — 76
צו אַ שולמית — 76
פייער — 77
אין אַ שטילע גאַס — 77
וואַרטן — 77
אין אַ שטילער געגנט — 78
די דאַמע — 78
אַ תפילה — 79
צווישן מויערן — 79
צו אַ שול־מיידל — 79
אַזוי ווייט — 80
אויף דער פינפטער עוועניו — 80
אין מיין גאַס — 80
אינמיטן נאַכט — 80
דער שפיגל אין טאַנץ־זאַל — 81
די בלוטיקע שטאָט — 81
אויפן ים — 82
די באַרואיקונג — 82
ווי שיפן — 82
דער טויט פון אַ נביא — 83
ווי גוט — 84
אַמאָל — 84
ביי דער ראַדיאָ — 84
איך האָב ליב — 85
ניו־יאָרקער בילדער — 85
מאָדערנער ראָמאַנס — 86
ס'איז דאָ אַ חן — 86
אַ נעגערל — 87
איך האָב אין לעבן — 87
פאַרגעבונג — 87
צוויי בילדער — 88
אַ שפּילצייג — 88
איינזאַמע אָוונטן — 89
ביי דער גרעניץ — 89
היימישע טעכטער — 90
ניו־יאָרק אין דער פרי — 90
די „אָפּיסעס" — 90
ווי אַ בלום — 90
סטרייק — 91
טרייסט — 91
פרייד און דאַנק — 91
פון אָרעמע — 91
צו אַ אינגל — 92
פינסטערע געזיכטער — 92

אינהאַלט

זיבעטער בוך

לידער אַלערליי

אויף דער וועלט — 93
דער אייביקער קוואַל — 93
קלאָרע שנייען — 93
אין סוכה — 94
סענטימענטן — 94
ניט אַלץ — 94
אָך, וואָס ווערסטו זאָגן — 94
נאָך דיר — 95
הערצער־שפּיל — 95
צו... — 95
זייט ניט בייז — 95
ווער — 95
וועלט־טרויער — 96
אָ, לייטער — 96
אַ מאָדנע וועלט — 97
אַ געדאַנק — 97
אַ געזאַנג צו די קעמפּפערינס — 98
צו אַ סאָציאַליסטין — 98
אַ ניגון — 98
שניי — 98
דאָס נייע ליבע ליד — 99
די צווייטע געליבטע — 99
דו ביזט געווען — 99
גרויסקייט — 100
פרילינג אין לאַנד — 100
זי — 100
זוניקע — 101
ווינטן — 101
איך הער אין גאַס — 101
ווינטן אַלערליי — 102
טונקעלע נביאות — 102
דער צופרידענער — 103
מיין וועלט — 103
די זון — 103
אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט — 103
האַרבסט־לידער — 104
עס בלייכן — 104
ערינערונג — 104
עס קלינגען די גלעקער — 105
פאַרשפּעטיקט — 105
ווען די בלעטער פאַלן — 105
אין וועג — 106
קום שוין — 106
מאַן און ווייב — 106
דער שטראָם — 106
טייערע בילדער — 107
ניט גערעדטע ווערטער — 107
נאָכן שטורם — 107
זון אין פעלד און וואַלד — 107
דורך גאָלדענע בריקן — 108
געבעט צו דער זון — 108
אַ בילד — 108
איך וואַלט וועלן — 108
דער פויגל אין שטייגל — 109
די שטאַרבנדע זון — 109
אַ תפילה — 109
ניט זאָג — 109
אין אַ שטילן טאָג — 109
די באַגעגניש — 110
אין מינוטן וויסטע — 110
פאַרן בילד — 110
אַלע נאַכט — 110
שטימען — 110
פרילינגס־רויש — 111
צו אַ יונגן שמיד — 111
דאָס קליינע קינד — 111
אויף יענער זייט ים — 112
צווייערליי צער — 112
אַ יונגער טאָג — 112
שיינע האַרבסט טעג — 113
צו אַ וויינער — 113
אַ טייל — 113
זיג — 113
אַלץ, וואָס לעבט — 114
אויף אַלע וועגן — 114
קום — 114
אין רייד — 114

אַכטער בוך

זינג — 115
וואו ? — 115
אין פעלד — 115
אַזוי... — 115
אַ לערער — 116
וואַך אויף ! — 116
לעבנס־אַנגסט — 116
וואויל — 116
ערשט איצט — 116
אין מיט — 117
אין זומער — 117
גלויבן אין זיג — 117
איך שעם מיך — 117
צו דער וועלט — 118
דו מענטש — 118
איך בין דער האַרבסט — 118
מיינע פּערל — 118
ניט מאָדערן — 118
אַלע מאָל — 119

מיין פאַרלאַנג — 119
דער נעכטן — 119
נאָך אַ יאָר — 119
טרוימעריי — 120
צו מענער פון גייסט — 120
ניט באַרימען זיך — 120
אָפגענאַרט — 121
אויפן באַרג — 121
איינמאָל — 121
דיין ליד — 121
אימער פרילינג — 122
אַ געשריי — 122
אויף די בערג — 122
אין מיין קעניגרייך — 122
אויף ימים — 123
אלול שטימונג — 123
יענע פרייהייט — 123
אלע אינזלען — 123
דאָס וואָרט — 123
די פרילינגס־זון — 124
אָפטמאָל — 124
אין טרויעריקע טעג — 124
וואו איז ער ? — 124
דאָס בוימעלע — 125
פאַרזינדיקט — 125
די שעה — 125
דער טעות — 126
געבעט — 126
איך האָב געוואָלט — 126

ניינטער בוך

די ערוואַרטונג

ווער... — 127
דער שעפער — 127
דער שטעג פון די ערשטע — 127
הילף ! — 128
שטורמישע צייטן — 128
פון איין זייט וועלט — 128
איך קעמף — 128
ווען ? — 129
דערזעלביקער — 129
רופט מיך — 129
עס טרעפט — 130
צו זיי — 130
דאָס שווייגן — 130
זיינע וואונדער — 130
ניט רייד — 131
פרילינג און קריגס־צייט — 131
דער רייטער — 131
יעקב'ס וואָרנונג — 132
פון באַרג און טאָל — 133
אַ פראַגע — 133
אין אונזערע טעג — 134
נויט־רוף — 135
אין פינצטערער צייט — 135
שאָדנס — 135
מיט יאָרן צוריק — 136
געלויבט — 136
דער חלום פון ריז — 136
די אַנטשוויגענע — 137
אַ טרוים — 137
אין צוואַנג — 137
אַ גרוס — 138
מאָראַנען — 138
צום יובילעי... — 138

צענטער בוך

אידיש וועלטלעכע מעלאָדיען

דער ענטפער — 139
דער פרייער — 139
דער פילאָזאָף — 140
די נייע וועלט — 141
די עלטסטע — 141
דורך פעלדער — 141
דער פּאָעט — 142
אַ דיכטערס חלום — 142
פרייד און טרויער — 142
דער אומשולדיקער וועכטער — 143
אַ תפילה — 144
עס האָט מיך דער פרילינג גערופן — 144
אין אַ מענשנס וועזן — 144
באַטראַגן — 144
איך שפּיל אייך ניט — 145
גיי אויף — 145
צום היינטיקן מאָראַן — 146
פלוצים — 146
דאָס איבערלעבן — 146
זון און רויש — 147
איך גלויב — 147
איך און די וועלט — 147
אַ פרעמדער יום־טוב — 147
אייביקע זוכער — 148
וועלט באַשאַף — 148
אידייען — 149
אַליין — 149
די וועלט־טויערן — 150

וועמען — 150
די זינד — 150
די אַלטע קשיא — 151
צום מזל — 151
געבעט צו דער זון — 151
דאָס לעבן ציט — 151
די היילונג — 152
דער שמעטערלינג און די בלום — 152
בייגעשטאַנען — 152
פייגעלעך אין שטאָט — 152
אין זאָרג — 153
דערווײַלע — 153
ניו יאָרק — 153
אַ פרייד אַ געוועזענע — 153
דער פאַרלאַנג — 154
אַלע וואַרטן — 154
אַ שטערן — 154
ניט ערשטע — 155
ערשטער מאַי — 155
ערד און הימל — 155
דער אַנטראַקט — 156
דער טאָג — 156
צו אַ קעמפער — 156
פאַלן און שטייגן — 156
דאָס דאָס אוממעגלעכע — 157
די נייע רייד — 157
אַלט־נייע סדרה׳ס — 157
די געזוטכע ליבע — 158
צו איר — 158
דאָס לעבן — 158
ניו יאָרקער מיידלעך — 159
אָוונט — 159
טרויער און פרייד — 159
די יונגע מוטער — 159
אָנהויב פרילינג — 160
דערוואַכונג — 160
אַ רייזע אין די בערג — 160
אַ בוים ביים וואַסער — 160
אויף אַ פאַרם — 161
פייגל — 161
שפעטע זומער־טעג — 162
די זון אין האַרבסט — 162
אין אַ נעפלדיקן טאָג — 163
אין אַ זוניקן ווינטער־טאָג — 163
פון די בערג — 163
צום רעגנדל — 163
אידישע ראָמאַנסן — 164
צו איינעם — 164
היים־וועלט — 165
דורכן פענסטער — 165
דריי מוטערס — 165
פאַר אַ פענסטער — 166
דער שעפער — 166
אַרום הויז — 166
באַגערן — 166
דער באַשייד — 167
פאָטער און קינד — 167
שטילע רייד — 167
מיין גליק — 168
אַ סאָנעט וועגן סאָנעטן — 168
דאָס לעבן — 168
קינדער־שפיל — 169
ביי דער ראַדיאָ — 169
שפילכלעך פאַר קינדער — 170
דער געגנט — 171
באַקאַנטע גאַסן — 171
דאָס לעבן — 171
אַ הויז — 172
אַ פאַנטאַזיע — 172
אַלטע בריוו — 172
פון מיין פענסטער — 173
אויף די פעלדער — 173
ווינטער און פרילינג — 173
דער שניי־שטורעם — 174
קאַלט — 174
דער שפילער — 174
רופט די ווייטקייט — 175
אין וואַגאָן — 175
אין באַן — 175
אוי די יאָרן ! — 175
ביים ברעג — 176
וואוהין ? — 176
פאַרנאַכט ביים ים — 176
אויפן וואַסער — 176
דער גרויסער ים — 177
דאָך איך גלויב — 177
ביים וואַסער — 177
אין צען יאָר אַרום — 178
נאָכן שטורעם — 179
דעם פרעמדן — 179
וועלטס פייער־טאָג — 179
די פריידן — 179
אין מלחמה — 180
טראָמפייטן שאַלן — 180
איך בין זיי מקנא — 181
געדענקען — 181
איר נאָענטע — 182
דורות שכנים — 182
לעבנס־זין — 182
דאָס שוואַרצע בוך — 183
אָנהייב פרילינג — 183
פוילן — 184
אַ בילד פון די צענטע יאָרן אין וואַרשע — 185

די ערשטע — 185
אויף פוילנס טייך ווייקסל — 186
אַ וואָרט — 186

עלפטער בוך

אידיליעס און באַלאַדן

היימישע וועגן — 187
שבת בייטאָג — 187
די היים פון דער ווייט — 188
אינדערהיים — 188
פון היימישן ברונעם — 188
דאָס הייזעלע — 189
דער וואונדער — 189
די היימען — 190
דער היוון — 190
אַ שטעטל — 191
מיר שוועבט — 191
נאָר איצטער — 192
די ווינט־מיל — 193
הינטער דעם הויז — 194
אַ פויער אין שטעטל — 194
דעם בוים ביים זיידנס הויז — 195
די פענצטער — 195
מיר שטעלט זיך פאָר — 196
יום טובים — 196
דאָס נאָענטע — 196
דער פאַקנטרעגער — 197
פון גרונט — 197
שבת אָוונט — 198
הבדלה — 198
פון דער חרובער היים — 198
היימישער זומער — 199
אַמאָל, אינדערהיים — 199
אין די שטעטלעך — 200
היים־לידער — 200
פאַר די פעלדער — 201
אַ יעדער — 202
אַמאָל — 202
אונזער אָרעמע היים — 202
אין מיין ליבער היים — 203
נייע היימען — 203
געדענקט איר זיי — 203
אַ באַלעבאָס — אַ בעל־תפלה — 104
דיין היים — 205
היים — 205
דער שמש וועקט — 206
דאָס נייע בלאַט — 206
זאָג — 207
נאָך אַ יאָר — 207
עס וועט זיין — 207
היימישע פיר צייטן — 208
וואונדערלעכע צייטן — 208
חדש אָדר — 209
דער פורים שפילער — 209
מגילת אסתר — 210
היימישער ערב־פרילינג — 210
דער דערוואַרטעטער טאָג — 211
פאַר פסח — 211
די אַלטע הגדה — 211
דער וואונדער — 212
דריי דורות — 213
אויפן ניל — 213
משה — 214
אַ נאָך פסח מאָטיוו — 215
אסרו חג — 216
מיר דאַכט — 216
אַלע ליבע זאַכן — 217
פרייד — 217
נאָך פסח — 217
אין חדר — 218
פאַר שבועות — 220
אַ ליד וועגן רות — 220
נאָך גרינס — 221
שבת שירה — 222
די לעצטע גאַס — 222
דער נס אום שמחת תורה — 223
די נייע פאָן — 224
א חתונה שבת נחמו — 225
אַ חתן — 225
אַ תשרי־טאָג — 226
יענע — 226
שופרות — 226
ערב ראש השנה — 226
די קערה — 227
כל נדרי — 227
שפעטע שעה — 227
דער יום כפור׳דיקער שפאַציר — 228
געדאנקען — 228
חנוכה — 229
דאָס אַכטע ליכטל — 229
דער נס — 229
די שווערד און די פייערלעך — 229
ווען איך צינד די ליכטלעך — 230
איך געדענק — 230
דאָס יאָר — 231
דער נביא — 231
די קעלנערין — 232
די צוויי ראַדיקאַלן — 232
סיידע דעלאַן — 233
אין „האָל אָוו אינדעפענדעס“ — 233
די צויבערין — 234
די טירן פון פאַלאַץ — 235

אינהאַלט

דער גוטער קעניג און דאָס פאָלק — 236
דער פאַרבלאָנדזשעטער מלאך — 237
יעקבס חלום — 239
צוויי ברידער — 240
אַ ספר תורה שרייבן — 241
דער טאַנץ אין צוג — 242
אין שעהן — 242
פאַרגעבונג — 243
אָן פרייד — 243
צו מיין פאָלק — 244
צום גולם — 244
דאָפּלטע בענקשאַפט — 245
צו זיי — 245
אויף אַ פערד אַ ווייסן — 246
היינט — 246
דאָס ליד פון שוויגן — 246
אני מאמין — 247
שטילע שמונה עשרה׳ס — 247
צו ברידער — 247
אין לענדער — 247
נייע וואַנדערער — 248
ווער ? — 248
אַ שיף — 248
דער וואַנדערער — 248
צוויי שטעט — 249
פרילינג אין ישראל — 249
איין וואָרט — 249
אין ארץ ישראל — 250
היימלאַנד — 250
דער פרעמדער — 250
אַ ליד צום יום טוב פון ישראל — 251
מיט די זאַפטן — 252
איך וועל זינגען מיין ליד — 253
עס דאַכט מיר — 253

צוועלפטער בוך

געווידמעט י. ל. פרץ

אָן אַ סוף — 254
די שבתים ביי פרצ׳ן — 255
פרצ׳ס בילד — 255
וואַרשע — 256
די הייליקע שליחות — 256
פאַרוואָס — 257
עס וועט ניט פאַרשווינדן — 257
פאַרוואָס — 257
יענע הויז — 258
אָנהויב — 258
פרץ׳ס „גאָלדענע קייט“ — 258
זיין אָנקום — 259
ביים גרעניץ פון יאָרהונדערט — 260
געשטאַלטן — 261
אויף אַ. ווייטערס טויט — 261
צו אַ פּאַבעליסט — 262
ביז דאַן — 262
י. קיסין — 262
אַ בליק — 262
אויף אַלע צייטן — 263
די גאָלדענע קייט — 263
מיר זאַמלען — 264
אידיש — 264
די אויפקלערונג — 265
שפּינאָזע — 265
זיין לערע — 266
אַ געזאַנג צו איינשטיין — 266
געדאַנקען — 266
די מערב אידן — 267
געאָרג בראַנדעס — 267
די אידישע מוזיק — 268
דעם טאַטנ׳ס תנכ״ל — 269
דער תלמוד — 269
אמת׳ן — 269
די ביבל — 270
פון די בערג — 270
דער „צאינה וראינה“ — 271
ביכער און ספרים — 272
אין יענעם טאָג — 273
צו די שרייבער — 273
הוי, שודד — 273
גאָטס וואָרט — 274
פאַרוואָס — 274
אַליין — 274
דער גוטער — 274
ניט באַווייזן — 274
ווי איז יענעם — 274
אין טאָל — 275
איכה — 275
קהלת — 276
פון קהלת — 276
שיר השירים — 277
נאַכט סודות — 278
ביינאַכט — 279
קענסטו ? — 279
די סודות — 279
דאָס פאָטערלאַנד — 280
די געצעלטן — 280
דער זעגל — 280

אינהאַלט

פאַרטאָג — 281
מיין הויז — 281
אין הייסע טעג — 281
ווער זיינען זיי? — 282
דער וועג צו אַ נייער שטאָט — 282
דורך אַ פענסטער — 282
דאָס אידישע ליד — 283
ביכער — 283
אַ צייטונג — 283
דאָס בוך פון לעבן — 284
מאָדערן — 284
די מסיבה — 284
דער רוף — 285
איוואָ — 285
דאָס וואָרט — 286
מיר אַלע — 286
זון — 286
כ׳האָב ליב — 286
דו פרעגסט — 287
מאַמעס — 287
פון וואַנען — 287
פאַרגענגער — 288
צום חבר — 288
דער אָנזאָג — 289
אַמאָל איז — 289
דער נייער וועג — 289
דער צויבערער — 290
צווייערליי — 209
ווען ניט די פּאָעטן — 290
אַ לייד — אַ ליד — 290
וועלט־פּרושים — 291
הויך — 291
די וועלט — 291
לידער — 292
אַ פאַרלאַנג — 292
די שבועה — 292
אַ באַגער — 292
מיר — 293
דער אָנהויב — 293
מיט אַ בליק — 293
קומט אַ איד — 293
נעמען — 294
אין שטילקייט — 294
צו די יונגע — 294
אונזער ליד — 295
ניט איצט — 295
פאַר אייך — 295
ס׳קלינגען נאָך — 295
צום יונגן דור — 296
יוגנט — 296
צוויי וועגן — 296
אַ היימיש אינגעלע — 297
אונזער קינדער־שול — 297
הקפות — 298
אותיות — 298
אַ רייזע בילד — 299
נייע קוואַלן — 299
אין רואיקן לאַנד — 299
עס ציט זיי — 300
מיר שטאַמען אַלע פון אַן אַנדער וועלט — 300
אָפּגייענדיקע שיפן — 301
דער שפּיל־קאַסטן — 301
בוימער — 301
ווען ער קומט — 302
צוויי הערצער — 302
דורות — 302
מיין וואָרט — 303
מיט דער וועלט — 303
ביים ראַנד פון דער וועלט — 303
דער אָנזאָג — 304

ערשטער בוך

אָנהייב

ווען דאָס לעבן ... *)

ווען דאָס לעבן איז פאַרביטערט
און דאָס האַרץ הויבט אָן צו קלעמען,
און אַ טרער אין ד׳אויגן ציטערט,
און דערציילן — האָסט ניט וועמען.

ס׳וועהט אַ קעלט אויף דעם ירידל,
אײַז — צו וואָס דו שטעקסט זיך צו;
אָ, מײַן אָרעם־אידיש לידל —
בלײַב מיר דו כאָטש, וואַרעם דו!

קוידענאָוו, 1890־1891; וואַרשע, 1910.

לי הכסף...

לי הכסף, לי הזהב!
דורכ׳ן נביא פלעגט גאָט זאָגן,
און די גאַנצע וועלט איז מײַנע
און איך דאַרף איך אַלע טראָגן.

מײַנע גרויסקייט, מײַנע גוטסקייט
דאַרף איך שטענדיק איך באַווײַזן, —
אײַך, איר טאַטעס, מיט די קינדער
דאַרף איך קליידן, דאַרף איך שפּײַזן.

זאָלט איר — זעט! מיר ערלעך דינען,
קיינמאָל מיר נישט אָנצוטרעטן,
און פאַר אײַער לעבן דאַרפט איר
שטענדיק וויינען, שטענדיק בעטן...

קאָוונע, אין מוזיקאַנטן־קאָמאַנדע, 1898

* דאָס ערשטע ליד, וואָס דער אויטאָר האָט צוגע־
שיקט צו פּרץ׳ן, איז געווען געדרוקט אין פּרץ׳ס
ערשטן באַנד „די יידישע ביבליאָטעק“. די צווייטע
סטראָפע האָט פּרץ דאַן שטאַרק געענדערט. האָט דאָ
דער אויטאָר באַאַרבעט די צווייטע סטראָפע לויטן
זכרון.

אין וואַלד

קום אין וואַלד, מײַן ליבער פרײַנט׳
וואו עס סוד׳ן זיך די בלעטער;
וואו עס אָטעמט פריי די ברוסט,
וואו דערקוויקענד איז דער וועטער.

קום, מײַן פרײַנט! פון שטאָט אַנטלויף,
פון דעם שטויב, און פון דעם טומעל;
דאָרט אין וואַלד איז גרין די ערד,
גרין די ערד און בלוי דער הימעל.

קום אין וואַלד, מײַן אָרמער פרײַנט,
וועסט פאַרגעסן אַנגסט און לײַדן;
הערן וועסטו דאָרט קיין פאַלש:
נאָר פון גאָט די פייגל רעדן.

קום מײַן פרײַנט! דו ביזט דאָך קראַנק:
מענטשן האָבן דיך דערעסן;
דאָרטן וועסטו זיי ניט זען,
און דו וועסט דײַן לייד פאַרגעסן!

קוידענאָוו, 1891.

ווען דאָס פייער...

ווען דאָס פייער פלאַקערט
איז צו קוקן שיין;
ווען דו ביזט אין כעס
קריגסטו נאָך מער חן.

ווען דאָס פייער פלאַקערט
איז זיך גוט צו וואַרמען;
ווען דו ביזט אין כעס
וויל איך דיך אומאַרמען.

קוידענאָוו, 1892

דער מגיד

א לאַנגע באָרד, אַ שיינע באָרד,
דאָך ניט געפּוצט און ניט געקאַמט,
די פּיאות לאַנג, געקרייזלט פאַרט, —
דאָס פּנים לויכט, דאָס פּנים פלאַמט.

עס הילכט און קלינגט זיין שטאַרקער קול,
עס ציטערן די בית־מדרש ווענט,
און ווי אַ נביא פון אַמאָל
ער שפּרייט צום עולם זיינע הענט...

ווי טוי, דאָס מויל ביי אים, עס טריפט,
און ווערטער — גליאיק — פונק נאָך פונק
די רייד, דער עולם שטייט פאַרטיפט
און יעדעס וואָרט אין ווייט אַ וואונק.

ער נעמט אַ פּסוק פון תנ״ך
וואָס האָט קיין זין און האָט קיין פּשט,
און מיט משלים גאָר אַ סך —
ער מאַכט אים קלאָר און קונציק גלאַט.

מיט אַ גימטריא אַליין —
באַווייזט ער ריכטיק, דייטלעך, קלאָר,
אַז ס׳איז די גאולה נאָענט שוין, —
משיח קומט נאָך היינטיקס יאָר.

דער עולם שיינט... אַן אַנד׳רער באַנג
זיפצט און באַגלייט: אָה, טאַטע, פאָטער!
עס וואָלט שוין צייט געווען לאַנג
פון וויסטן גלות ווערן פּטור!...

ער קומט צו „ובא לציון" פאַרט
און גייט אַראָפּ פון קליינער בימה,
און קוקט און הערט צום „קערה" דאָרט,
מיט פרומען בליק, מיט מילדער מינע...

קוידענאָוו, 1895.

צום מלוה

(פון חומש)

ווען דיין ברודער, אַ געדריקטער,
איינגעהויקערט, איינגעבויגן;
מיט אַ דאָרן, בלאַסן פּנים,
מיט פאַרוויינטע, רויטע אויגן,

קומט צו דיר אַן עפּעס לייען
פאַר זיין הויזגעזינד אויף ברויט —
זיי־זשע, מלוה, ניט קיין אכזר,
שינד פון אים ניט אָפּ די הויט.

ווען עס וועט די נויט אים צווינגען,
ווי עס טרעפט אין בייזן לעבן,
דיר, דו, מלוה, אַלס אַ משכון
ס׳לעצטע בגד אָוועקגעבן, —

זאָלסטו נאָר דאָס בגד האַלטן
ביז די זון וועט אונטערקומען,
דען דאָס בגד איז זיין קאָלדרע,
און דו האָסט זי צוגענומען.

אָ, זיין איינציק לעצטן־בגד,
זאָלסטו מלוה, אים אומקערן,
ביינאַכט וועט ער צו מיר וויינען,
כ׳וועל ניט שווייגן זיינע טרערן...

נאָכאַנאַנד

(פראַגמענט)

נאָכאַנאַנד דאָ די גרויקייט, די וואָך,
און ס׳דויערט דער וועג אַזוי לאַנג;
דו ביזט אַלץ ביי יענעם אין יאָך,
און לעבסט ניט לויט אייגענעם פאַרלאַנג...

דו וואונדערסט זיך ווי דו דערהאַלטסט —
ווי לאַנג אַז דו טראָגסט שוין דיין באַנג;
און דעם אַדלער אין פלי זעסט ניט אַלץ,
און אויך ניט די פּאַווע אין גאַנג...

צום רייכן ברודער

דו האָסט פאַרגעסן דעם ברודערס נויט,
זיין עלענט און זיין פיין,
און ווען ער איז געזעסן אָן ברויט
האָסטו געטרונקן וויין.

און ווען ס'האָט ביי אים אין פאַדוואַל
ס'לעמפּל געריוכערט די ווענט,
האָט דעמאָלט ביי דיר אין דיין זאַל
צען בליץ־לאָמפּן געברענט.

און ווען ס'האָט דער פראָסט געקנאַקט
און ער האָט געציטערט פאַר קעלט,
האָסטו די קאַמינעס מיט האָלץ געפּאַקט
און שעלמיש געלאַכט אויס דער וועלט.

און ווי נאָר ס'איז געקומען דער מאַי,
האָסטו שוין אין וואַלד זיך געקוויקט,
געלעגן אויף גראָז, געפילט זיך פריי,
און אים האָט די לופט דאָ געשטיקט...

וואַרשע, 1899.

צום העמערל

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אָ טשוועק נאָך אַ טשוועק!
קיין ברויט איז אין שטוב שוין נישטאָ,
נאָר צרות און לייד אָן אַן עק!

אָ, העמערל, העמערל קלאַפּ!
דער זייגער ער שלאָגט שוין באַלד צוועלף:
די אויגן זיי מאַכן זיך צו —
גיב כוחות — אָ, גאָטעניו העלף.

אָ, העמערל, העמרל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך,
ביז מאָרגן מוז פאַרטיק שוין זיין
דער גבירה'טעס טאָכטערלס שיך!

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
ניט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס!
מיין איינציקער שפּייזער ביזט דו,
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס!...

קאָוונע, 1897.

אַ פראַגע

ריימען, וואָס איך האָב געקליבן,
לידער, וואָס איך האָב געשריבן,
פערזן, וואָס איך האָב געזונגען,
טענער, וואָס איר האָט געקלונגען, —
זאָגט מיר, וואָס וועט פון אייך זיין,
ווען איך וועל שוין דאָ ניט זיין?

וועט זיך איינער ווען געפינען
מיט אַ האַרץ און מיט אַ זינען
און אייך, ליבע מיינע גראַמען,
וועט מיט צאַרטער האַנט צוזאַמען
קלויבן, פלעכטן אייך אין קראַנץ,
בלייבן זאָלט איר אייביק גאַנץ?

אָדער איר וועט גיין פאַרלאָרן,
ווי גאָר קיינמאָל ניט געבאָרן,
ווי פון יוגנט די חלומות,
ווי אין שול די אַלטע שמות,
ווי אַ וואָלקן אין דער הויך,
ווי אַ ווינט און ווי אַ רויך?...

קוידענאָוו, 1893.

דער אידישער אזרא

(פּאַראָדיע)

אַלע אָוונט קומט דאָס מיידל
צו דעם ברונעם שעפּן וואַסער;
זי באַגעגנט דאָרט אַ אינגל,
יעדער אָוונט ווערט ער בלאַסער.

„זאָג, ווער ביזטו?" האָט זי טרויעריק
אים אַמאָל אַ פרעג געגעבן —
„דיין געבורטסאָרט וויל איך וויסן,
וואו דו האָסט פאַרבראַכט דיין לעבן?"

און ער האָט איר שטיל געענטפערט:
כ'בין פון עלענד, נויט אַ זינגער;
מיין געבורטסאָרט איז די „ליטאָ",
וואו מען שטאַרבט אין גאַס פון הונגער...

קוידענאָוו, 1895.

שטערן

ליכטיק אויפן הימל
גלאַנצן אַלע שטערן —
אַ, זיי זיינען וועלטן,
וויל מען אונדז דערקלערן.

אָבער קען איך גלויבן,
אַז די שטערן זיינען
וועלטן? איז דען מעגלעך
וועלטן זאָלן שיינען?

ניין! זיי וואָלטן אויסזען
פינצטער, טרויעריק, טריב,
און דער בלויער הימל
וואָלט געקוקט ניט ליב.

און עס וואָלט פון דאָרטן
זיך געהערט בלויז טומל;
ניט קיין רעגן — גיסן
וואָלט אָפט בלוט פון הימל.

קאָוונע, 1896

אויף אַ זעאונג

(אין וואַרשעווער פּאַוויאַק)

פרילינג, זאָגט איר, פרילינג... הא?
טאַקע? זיכער? אַי, ווי שיין!
בלומען בליען? פויגל? הא...
און דער טייך ער קען שוין גיין?...

און די זון? אַזוי... אַזוי...
און זי וואַרעמט... און זי גלעט...
און דער גאָרטן? אָפן שוין?
מען שפּאַצירט אין אוונט שפּעט...

פריילעך, ליכטיק... פריי — אַ יאָ?
פרילינג! פרילינג! אַי ווי גוט!
נו, דערציילט און גריסט דאָרט, גריסט...
באַלד איז אויס די פינף מינוט.

1905.

אַ ווינטער-ליד

הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן,
פריי באַהערשט די וועלט!
ברעכט די צווייגן, וואַרפט די בוימער,
טוט וואָס איך געפעלט!

טרייבט די פויגל פון די וועלדער
און פאַריאָגט זיי פאָרט;
די וואָס קענען ווייט נישט פליען, —
טויט זיי אויפן אָרט!

רייסט די לאָדן פון די פענצטער,
שויבן ברעכט אַרויס!
ברענט אַ ליכטל ערגעץ טונקל, —
לעשט מיט צאָרן אויס!

הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן,
איצט איז אייער צייט!
לאַנג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נאָך ווייט!...

וואַרשע, 1899

די פידל

ס'איז געווען אַמאָל אַ פידל,
ס'האָט געברומט אַמאָל אַ לידל;
ס'האָט געברומט מיט ווי און פיין,
דאָך דאָס האַרץ דערקוויקט פלעגט זיין.

אָנגעקומען נייע צייטן,
לידער פּאַסט זיך ניט פאַר לייטן,
ס'הערשט אַ שטורעמדיקע נאַכט,
און עס גייט אַ ווילדע שלאַכט,

און עס רופן די סיגנאַלן,
קוילן פליען, מענטשן פאַלן...
איצטער שפּילן — שפּאַט און שאַנד!
און די פידל פאַלט פון האַנט...

קראָקע, 1905

צו אָרעמע אינגלעך

שפילט אינגעלעך, שפילט אייך, פאַרגעסט אייער נויט,
נאָר בעט ביי די מאַמעס קיין שטיקעלע ברויט
די מאַמעס זיי האָבן אין שטוב דאָרט גענוג;
ווער ס'לאַטעט, ווער ס'וואַשט דאָרט, ווער עס זיצט ביי דער וויג.
שפילט אינגעלעך, שפילט אייך, אין דרויסן איז פריי,
אָן — זעט איר עס טראָגט זיך אַ פייגל פאַרביי.

שפילט אינגעלעך, שפילט אייך, פאַרטשעפעט נאָר ניט
דעם אַלטן ר' בערן, וואָס גייט טריט ביי טריט.
אַ, זעט איר זיין בליק, ווי ער קוקט אַזוי טריב,
דאָס שפיל אייערס שטעכט אים, ער האָט עס ניט ליב.
דאָס לעבן דאָס האַרטע האָט האַרט אים געמאַכט —
אַ, אינגעלעך ליבע, פאַר אייך ניט געדאַכט!

שפילט אינגעלעך, שפילט! נאָר אָן טומל, אָן האַסט,
נאָר שפילט אייך אַזוי ווי פאַר אָרעמע פאַסט!
און שפילט איר אין פערדלעך, טאָ שמייסט ניט דאָס פערד;
עס וועט אים אַן אמת'ער פערד זיין באַשערט;
עס וועט אים דאָס לעבן נאָך נעמען אין שפאַן,
אַ, יאָגט אים ניט קינדער, אַ שוינט אים ביז דאַן!...

אָרעמע מענטשן

אונדזער שכל, אונדזער חכמה,
אונדזערע קלוגע, שאַרפע ווערטער,
הערט מען נישט אין קיין געזעלשאַפט,
קלינגען נישט אין קיינע ערטער —

שטאַרבן אָפּ מיט אונדז צוזאַמען, —
שטאַרבן אָפּ מיט אונדז, קבצנים, —
קיינער ווייס פון אונדזער שכל,
און מיר הייסן די נאַראָנים.

אונדזער שיינקייט, גאָטס מתנה,
מערקט נישט קיינער, זעט נישט קיינער,
ביז עס עסט אונדז אויף דער דלות
און מיר בלייבן הויט און ביינער.

און דעריבער, אַז מיר ריידן
לאָזן מיר אַראָפּ דאָס פנים,
און די ווערטער שטיל, געוואויגן,
ווי עס פאַסט פאַר אונדז, קבצנים.

און דעריבער, אַז מיר שטאַרבן
מאַכט מען נישט קיין גרויסן ווענז,
ווי אַ רויך ווערט באַלד פאַרשוואונדן,
ווי גאָר קיינמאָל נישט געוועזן...

ווינטער־לידער

1

עס רוקט זיך דער ווינטער
אריבער דער וועלט,
און שרעקט אַפּ דעם עולם
מיט ווינטן און קעלט.

און חיים דער סטאָליער
פאַר שרעק איז שיער טויט,
ער האָט אין דעם זומער
פיל הייזער געבויט;

געמאַכט זיי אי וואַרעם,
געמאַכט זיי אי פעסט,
עס זאָל צו זיי האָבן
קיין שליטה די פרעסט.

פאַרריכטן זיין שטיבל
האָט ער נאָר פאַרפעלט,
אריין זאָל ניט קומען
די ביטערע קעלט.

דאָס דעכל אין לעכער
האָט ער ניט פאַרדעקט,
ער האָט ניט אפילו
די שפּאַלטן פאַרשטעקט.

אוי, אָרעמער! דיין אַרבעט
האָט פילע באַהיט
פון גרויזאַמען ווינטער,
נאָך דיך אַליין — ניט!...

2

און לייבע דער שניידער
— אַ מענטש ניט קיין גבר —
אַט ממש אַ לולב,
אַזוי איז ער דאַר!

און דאַרף ער אַרויסגיין
אין מאַרק, צי אין גאַס,
פאַרשעלט ער דאָס לעבן
איז בייז און אין כעס.

ער האָט ניט ערוואַרטעט
דעם ווינטערס באַזוך,
עס פרעסט זיינע ליפּן
אַ ביטערער פלוך...

געאַרבעט האָט לייבע
ווי טאָג אַזוי נאַכט, —
און האָט זיך קיין בגד
צום ווינטער געמאַכט!

ער האָט פון נאָך פסח
ביז סוכות גענייט,
אין וואַרעמע בגדים
פיל מענטשן באַקליידט.

פאַר זיך עפּעס נייען,
סאיז פּשוט אַ שאַנד!
קיין צייט ניט געוועזן —
פאַרקויפט איז זיין האַנט!

קוידענאָוו, 1895.

קידוש־לבנה...

צוזאַמענגעדריקט אין אַ רעדל, —
אין גאַס — שטייען אידן געבויגן;
מיט ליפּן פאַרשמאַכטע פון הונגער,
מיט בענקשאַפט און צער אין די אויגן.

עס שטייען פאַריתומט די שטיבלעך
און קוקן אַזוי ווי דערשלאָגן,
ווי זיי וואָלטן אויף זייערע דעכער
דעם יאָך פון די מענטשן געטראָגן.

די קליינע לבנה אין הימעל
האָרכט אײַן ווי דערשראָקן און בלייך
און שיקט אירע שטראַלן אַרונטער
און קוקט אַזוי טרויעריק־ווייך...

קוידענאָוו, 1892.

וואלקן

וואס־זשע שלעפט איר זיך איר וואלקן
אויפן הימל גאר באזונדער,
ווי פארלאזענע יתומים,
ווי פארטריבענע אר׳מע קינדער?

און וואס איז דאס פאר א תכלית
אזא לעבן, אזא וואנדערן?
אבגעריסן, אבגעשליסן
און ווייט איינער פון דעם אנדערן?

און אז ס׳דריקט אייך צו דאס וואגלען,
אונערטרעגלעך ווערט דער קומער,
גיסט איר דאמאלס גרויסע טרערן
פאר דער קאלטער ערד, דער שטומער?..

וואס־זשע שלעפט איר זיך, איר וואלקן,
וואס־זשע וועקט איר אויף די וואונדן —
וואס דערמאנט איר מיר מיין לעבן?...
ווערט פארשוואונדן, ווערט פארשוואונדן.

דער נעבל

וואס זאל עס באדייטן דער נעבל,
וואס הענגט דא געדיכט אויף דער שטאט!
צי וויל שוין דאס שטיקעלע הימל
אוועקרויבן אויך פון אונדז גאט?

צי וויל ער פארשטעלן דאס פנים
פון מענטשן, וואס גייען אין גאס,
און זען זאל ניט איינער דעם צווייטן,
די בליקן, די בייזע, פול האס?...

צי איז אים די זון שוין א שאדן,
וואס לויכט נאר צו גזלה און זינד,
און האט זי פון מענטשן פארהאנגען
מיט נעבל געדיכטן אצינד?...

וואס זאל עס באדייטן דער נעבל,
וואס הענגט אזוי טרויעריק און שווארץ
אן אימה באפאלט מיין נשמה,
עס טרויערט און ציטערט מיין הארץ...

ווארשע, 1899.

ווילדער ווינט

זאג, וואס קענסטו זיך ניט שטילן,
ווילדער ווינט?
וועמעס זיפצן, וועמעס קרעכצן
טראגסטו צינד?

צי דו האסט געזאמעלט אלע
זיפצן פון דער וועלט,
און דו ווילסט זיי טראגן, ברייננגען
ביז צו גאט׳ס געצעלט?

און דו ווילסט אים דארטן וועקן,
שטערן אים זיין רו,
נאר די שווארצע דיקע וואלקן
לאזן דיך נישט צו?

און עס ברענט דיין ווילדער צארן
פאר וואס האט
פעסט פארשלאסן זיך אין הימעל
אונדזער גאט?!..

דער גט...

כ׳וויל זיך מיט מיין מוזע גט׳ן,
זי האט קיין גליקן מיר געבראכט,
כ׳בין פון איר פארשווארצט געווארן,
קראנק נאר האט זי מיך געמאכט.

נו, זיך גט׳ן... וואס־זשע קלערסטו? —
נעם די לידער און פארברען...
ווילט זיך אבער אויך דאס גט׳ן
גלייך באשרייבן מיט דער פען...

און עס ווערט א נייע לידל,
און די מוזע שמייכלט ברייט:
ארעמער זינגער, בלאסער זינגער,
דו ביזט מיינער ביז׳ן טויט . . .

קוידענאוו, 1893

די וואַנט

די אויגן — פול־צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער — זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט —
מיר שטייען ביי אַ הויכער, געמויערטער וואַנט, —
מיט העק און מיט האמערס, און אייזנס אין האַנט —
מיר ברעכן די וואַנט!

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פאַרצוימט אונדז די וועגן צום לעבן, צום גליק;
פאַרשטעלט אונדז די ליכטיקע זון און זי מאַכט
פון פריילעכן טאָג אונדז אַ פינצטערע נאַכט —
מיר ברעכן די וואַנט!

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אַראָפּ
אַ שטיין, צי אַ ציגל, טרעפט וועמען אין קאָפּ, —
די איבעריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און אַרבעטן ווייטער, מען לויפט נישט אַוועק —
מיר ברעכן די וואַנט!

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער —
פאַרזאַמלט זיך ברידער, קומט אַלע אַהער
זאָל יעדערער צולייגן פעסטער זיין האַנט,
מיר וועלן די הויכע, די פינצטערע וואַנט —
צעברעכן, צעברעכן די וואַנט!...

וואַרשע, 1900

אַ, גיכער משיח

אַ, גיכער משיח, אַ גיכער שוין קום!
עס רינגלט די גאַנצענע וועלט שוין אַרום,
ווי גיפטיקע שלאַנגען דער הונגער, די נויט,
און הפקר און פחד, און אַנגסטן און טויט.
עס וויל שוין ניט אַלעמען שפּייזן די ערד —
אַ, קום שוין, משיח, אויפן קלאָר־ווייסן פערד.

אַ קום שוין משיח! עס דריקט אומעטום
די קייטן פון קנעכטשאַפט אַרום און אַרום:
עס האָט שוין קיין אָרט דאָס אומשולדיקע בלוט,
וואָס שפּריצט און וואָס גיסט זיך פון אונטער דער רוט.
עס ראָסטעט פון מענטשלעכע בלוט שוין דער שווערד —
אַ, קום שוין, משיח, אויפן קלאָר־ווייסן פערד!...

אין גאַס
(אַ וואַרשעווער בילד)

„ווי פריילעך אין גאַס איז!" — דו פרייסט זיך אומזיסט —
דו זעסט נאָר דערנעבן, און ווייטער — שוין נישט;
דו ווענד נאָר דיין אויג אָפּ אַהינצו, אין מיטן:
אַך, דאָרטן, וואָס טוט זיך — זאָל גאָט נאָר באַהיטן!

אָט זעסטו: עס שלעפּט זיך אַ קאַסטן אין גאַס...
ווי שלעפּט זיך אַ קאַסטן? אָ, ביטערער שפּאַס!
עס שלעפּט אים אַ טרעגער פון קאַסטן נאָך קלענער:
ער שלעפּט און ער טרייסט זיך: „כ'וועל קריגן אַ צענער!"

זע ווייטער: אַ מענטשל, ווי דאַר און ווי געלב!
אויף זיך אַליין טראָגט ער די גאַנצע געוועלב —
אָ זע — זיינע אויגן זיי גלאָצן און שטאַרען —
אַ זעקסערל פּדיון! זיי קוקן און האַרען...

און ווייטער: אַ דראָזשקע — דער פורמאַן ער זיצט,
דער קאָפּ זיינער וויגט זיך, דאָס היטל געגליטשט —
ביזט חושד — אַ שכור... אָ גאָט וועט דיך שטראָפן!
דאָס האָט ער אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן.

און ווייטער און ווייטער — דו וואַרף נאָר דיין בליק;
מען הייבט עפּעס וועמען פון דער ערד אויף מיט שטריק —
עס שטעלט זיך אָפּ יעדער — אַ קוק טאָן אַ בעלן.
דאָס איז אונטער אַ משא אַ פערדל געפאַלן...

„ווי פריילעך אין גאַס איז!" דו פרייסט זיך אומזיסט,
דו זעסט נאָר דערנעבן, און ווייטער שוין נישט;
דו ווענד נאָר דיין בליק אָפּ אַהינצו, אין מיטן,
אַך, דאָרטן וואָס טוט זיך — זאָל גאָט נאָר באַהיטן!

נאַלעווקיס, וואַרשע, 1899.

פאַרגעס...

און דאָס, וואָס איך וויל, וועל איך קיינמאָל נישט האָבן —
דאָס האָב איך, אָ לאַנג שוין, אָ לאַנג שוין באַגראָבן.
עס צאַפּלט אַמאָל קוים דער אַלטער זכרון
און רוימט אין דער שטיל איין: דו האָסט וואָס פאַרלאָרן!
ער וויזט ניט קיין קברים, ער רופט נישט קיין נעמען:
פאַרגעסן זיך וואו, און פאַרגעסן זיך וועמען...

די יונגע קרעמערין

כ'גיי פאַרביי די קראָמען,
קראָמען אַזוי פיל,
„לעבעדיק באַגראָבן!"
קלאָגט דאָס האַרץ מיר שטיל.

זיצן אַלטע ווייבער —
קאַלט איז זייער בלוט,
און די אַלטע מיינען,
אַז אַזוי איז גוט.

אין אַ קרעמל זע איך
זיצט אַ יונגעס קינד, —
טיידטען אַזאַ לעבן —
דאָס איז שוין אַ זינד.

זעט דאָס פנים אירע
אָפּגעלעבט און בלאַס,
נאָר די אויגן פינקלען,
רייסן זיך צום גאַס.

דאָרט אין גאַס איז ליכטיק,
מענטשן גייען פריי,
און דאָס יונגע מיידל
וועלקט דאָ אָפּ איר מאַי.

אָפּגעפליקט פון לעבן,
אָפּגעזאָגט פון אַלץ;
וועג־אָפּ אַ פונט הערינג,
מעסט אָפּ אַ קוואָרט זאַלץ.

פון אַ זעקסער רעשטע
גיב אַרויס געשווינד! — —
אוי, עס וויינט דאָס האַרץ מיר
אויף דיר אָרעם־קינד...

ווי מיר וואָלט זיך וועלן
צו דיין טאַטן גיין:
בעטן, דיך באַפרייען —
וועט ער ניט פאַרשטיין.

אוי, דיין קלוגער טאַטע
פרייט זיך און ער קוועלט:
איז מיין קינד אַ בריה —
איינס גאָר אין דער וועלט.

ליכט

קאַרג געווען איז אונדזער רבי,
און ער פלעגט קיין ליכט נישט ניצן
פון נאָך מנחה ביז נאָך מעריב —
אין דער פינצטער הייסט ער זיצן.

און כדי אונדז צו פאַרנעמען,
אַז מיר זאָלן זיך ניט שטיפן,
פלעגט ער דאַמאָלס אונדז דערציילן
טויזנט גראָע, אַלטע מיפן.

אין אַ ווינקל נעבן אויוון
פלעגט ער פיל און פיל דערציילן,
פון פאַרכישופטע פּאַלאַצן,
פון פאַרבאָרגענע טיפע היילן.

פון מכשפים, מכשפות
און פון רוחות און פון שדים,
און פון לצים, וואָס זיי טאַנצן
אין די פוסטקעס אויפן בוידעם: —

און ער האָט מיט זיינע מעשיות
אונדזער חיות אויסגעצויגן;
שדים, רוחות און מכשפים
פלעגן שטיין אונדז פאַר די אויגן.

אַך ווי שרעקלעך! שטיל און פינצטער...
ס'קינדערש־האַרץ קלאַפּט אונגעהייער...
און מיר פלעגן זיך צעוויינען:
רבי, רבי, צינד אָן פייער!...

און אַ וואונדער! ווי דער רבי
פלעגט אַ ליכטל נאָר אָנצינדן,
פלעגן אַלע בייזע רוחות,
שדים, לצים גלייך פאַרשווינדן...

געדאַנקען

1

דער מענטש

דער מענטש — ער האָט הויכע פאַרלאַנגען,
די כוחות — ווי שוואַך און ווי קליין!
אים ווילט זיך דעם הימעל דערלאַנגען,
און קען אויף דער ערד קוים אומגיין.

אים ווילט זיך די גאַנצע וועלט ליבען
און לינדערן יעדערענס „אוי״ —
און ליבע איז קוים אים געבליבען
פאַר אַן אָרעמער, זינדיקער פרוי...

2

פרויען

פאַרזוימט האָט זיך משה אין הימעל,
דאָס פאָלק האָט נאָך גאָט זיך פאַרבענקט —
אַן אַנדערן גאָט זיך צו מאַכן,
האָבן פרויען די צירונג געשענקט.

אַ, היינט זיינען אַנדערע פרויען —
עס בייטן זיך צייטן, אַ שרעק!
די היינטיקע פרויען פאַר צירונג
זיי שיינקען דעם גאָט אייך אַוועק...

באַגערן...

וואָס זיינען דען באַגערן,
וואָס זיינען דען פאַרלאַנגען? —
אַ פרייד, וואָס דאַרף געהערן
צו דיר — און איז געפאַנגען.

אַ שטים, וואָס האָט געברומט־דיר
און האָסט זי ניט פאַרנומען...
אַ גליק, וואָס ס׳האָט געקומט־דיר,
און האָסט עס ניט באַקומען...

4

מיינע טעג

ביטער איז געוועזן מיין נעכטן
און דער היינט איז אויך פול זאָרגען —
און דער היינט און נעכטן —ביידע
שאַפן, וועבען מיר מיין מאָרגן.

אַ, אַזעלכע צוויי טאַלאַנטן
קענען רעכטס דען עפּעס שאַפן? —
ס׳וועט אַרויסקומען אַ מאָרגן
נאָר צום חוזק, נאָר צום גאַפן...

5

מיינע לידער

כ׳האָב געשריבן מיינע לידער
נאָר מיט טינט מיט שוואַרצן,
ווען איך לעז זיי, דאַכט מיר זע איך
רויטן בלוט פון האַרצן.

וואָס איך לעז די לידער מערער
ווערט אַלץ רויטער, רויטער,
וואָס איך שרייב די לידער, מערער
ווער איך בלייכער, טויטער...

קוידענאָוו, 1892.

6

גאָט׳ס פּוסביינקל

דער גרויסער, פרייער הימעל
דאָס איז דאָך גאָט דיין טראָן,
און ריין איז גאָט דיין הימעל
פון אייביק־אייביק־אָן.

די ערד — דאָס איז דיין ביינקל
— אַזוי זאָגסטו אַליין —
צי פאַסט דיר גאָט דיין ביינקל
זאָל זיין אַזוי ניט שיין?...

7

מיין פריינט

מיין פריינט! מיט דער וועלט וועסטו גאָרנישט ניט מאַכן —
און האָט זי פון דיר נאָר גענומען צו לאַכן,
דאַן מוזטו אַנטלויפן, דאַן מ ו ז ט זיך באַהאַלטן,
אין ערגעץ אַ ווינקל, אַ וויסטן, אַ קאַלטן.

מיין פריינט! מיט דער וועלט וועסטו גאָרנישט ניט מאַכן,
עס האָט שוין געטראָפן אַ זעלכענע זאַכן.
די וועלט, אָט די אַלטע, די נאַרישע זקנה,
איז פונקט, ווי אַ קינד נאָך, אַן עקשנ׳טע איינע...

8

אַלטער גלויבן

אַלטער גלויבן, אַלטע האָפנונג
ציט זיך פון מיין האַרץ אַרויס —
אָפּגעוואוינט האָט איר דאָרט יאָרן,
איצט איז אייער צייט שוין אויס!

כ׳האָב דערקענט אייך פאַלשע שכנים,
איר פאַרשפּרעכט אַלץ זילבער, גאָלד,
און איך בין שוין אַלט געוואָרן,
און איר האָט נאָך נישט באַצאָלט!...

9

אַ קאָמפּלימענט

כ׳האָב מיט איר געשערצט, געלאַכט,
קאָמפּלימענטן איר געמאַכט
און מיין ערן־וואָרט געגעבן,
אַז איך ליב זי ווי מיין לעבן.
אַך, ווי וואָלט עס איר פאַרדריסן,
ווען זי וואָלט מיין לעבן וויסן?!...

10

די ערד

עס האָט צו מיר אַ וואָל גערעדט:
„גענוג געוואַנדערט שוין, פאָעט!
דו מיינסט, די וועלט איז ווירקלעך גרויס!
אַך, נאָך א י י ן רייזע, און שוין אויס!

אַ קיילעכדיקע איז די ערד —
דאָס האָט מען לאַנג שוין, לאַנג דערקלערט
און וואו דו לאָזט זיך זוכן גליק —
דו קומסט צום זעלבן אָרט צוריק״...

11

צווי וועלטן

איך בין פון צוויי וועלטן אַ ריס,
איך טראָג פון צוויי וועלטן אַ גריס...
אַזוי ווי דער אָדלער אין רוים,
וואָס שוועבט איבער באַרג, איבער בוים,
וואָס שטייען ביי גרעניצן צוויי
אוןביידן ער שרייט זיין געשריי.

די שטערן

עס זיצן אַלע שטערן פעסט אין הימעל
און זיינען מיט דעם פּלאַץ אַזוי צופרידן,
און לויכטן אַזוי רוהיק און באַזעסן
און פלוידערן געמיטלעך איינער מיטן צווייטן.

זיי פלוידערן פון גאָט דאָרט אינעווייניק אין הימעל
פון זייער האַר, דער אַלמעכטיקער, גרויסער,
וואָס איז דאָך אַזוי לייטזעליק און גיטיק
און האָט אויף אייביק זיי געשיינקט דעם הימעל.

געשיינקט! זיי דאַרפן בלויז אים שירה זינגען:
דאָס איז דאָך אַזוי גרינג: בלויז דריי מאָל קדוש זאָגן,
דערביי זיך עטוואָס דרייען, בוקן מיט הכנעה
און נאָכדעם ווידער רוען שטיל אין ברייטן הימל.

וואָס האָט עס פאַר אַ ווערט פאַר גוטע, שטילע שטערן!
דאָס דרייען זיך — דאָס איז דאָך זייער גורל
און וויל זיך איינער ניט מיט אַלע גלייך זיך דרייען
דאַן פאַלט ער טיף אין תהום!

אַך, פונם פאַלנדן שטערן
לאַכן אין הימעל די שטערן,
זיי לאַכן קוים — קוים און ניט פיל
און ווערן גלייך שטיל.

זיי זיינען ניט ווייט דאָך פון בורא,
זיי לעבן דאָרט אַלע אין מורא...
נאָר פאַלט ווען אַ שטערן אַראָפּ
זיי שאָקלען דאַן צו מיטן קאָפּ.

און הויבן זיך באַלד אָן באַוועגן
און פאָרשן פון בורא די וועגן,
און ברומען דאַן קדוש נאָך מער
פאַר גאָט, זייער אייביקן הער!

האַרבסט

דער הימעל איז פינצטער, די ערד זי איז וויסט,
אַ רעגנדל קלייניקע טראָפּעלעך גיסט.
אין לופט, דאַכט זיך, הענגט דאָרט אַ שוואַרצע קאַטעדרע,
ס'לעזט עמיץ אַ לעקציע אויף „בראשית" דער סדרה.

ווי מאַכטלאָז' ווי פויל און ווי קאַלט איז זיין לעזן:
„אַזוי איז די וועלט פון אַמאָל נאָך געוועזן:
נאָר תהו ובהו, און ליידיק און וויסט!" — —
אַ רעגענדל קלייניקע טראָפּעלעך גיסט׳..

צום פרילינג

קום שוין, ליבער פרילינג, קום.
דען עס שמאַכט דאָ יעדע בלום.
און די אָרעמע, צאַרטע רויז,
שטייט אַן קנאָספּן, נאַקעט, בלויז.
אויך דער שטאַרקער אייכנבוים
שטייט פאַרמאַטערט, אָטעמט קוים.
און די פויגל וואַגלען לאַנג
אין דער פרעמד דאָרט, אָן געזאַנג...

פייגל! ווי כ'דערמאָן אַן זיי
טוט דאָס האַרץ מיר אַזוי וויי...
זיי פאַריאָגט, אומזיסט, אָן זינד,
האָט דער בייזער ווינטער-ווינט.
און דער וואַלד איז וויסט און לעער —
נאָר אין נאַרע ברומט דער בער...
פרילינג, פרילינג, גיכער קום
און די פייגל קער אונדז אום!

פרילינג, פרילינג, קום געשווינד,
נאָר אָן שטורם, נאָר אָן ווינט.
ס'האָט דער ווינטער יעדן זאַפט
אויסגעזויגן, יעדע קראַפט.
אוי, דער וואַלד ער האַלט זיך קוים,
האָט שוין קוים אַ גאַנצן בוים...
שטראַלן, שטראַלן ברענג אים פיל,
הייל אים, הייל אים, אָבער שטיל...

1904.

צו די פייגל

פריילעך זינגען אַלע פייגל
אין דעם גרינעם וואַלד און זאָגן:
„מענטש דו! קום צו אונדז פאַרברענגען,
וועסט פאַרגעסן דיינע קלאָגן!

רו זיך אויס דאָ אונטער שאָטן,
פון די צווייגנדיקע בוימער!
פריי איז אונדזער וואַלד פאַר יעדן —
קיין געוועלטיקער, קיין שומר!"

— אַח ווי נאַריש זענט איר, פייגל:
וואָלט איר קענען עפּעס לעזן,
וואָלטן דאַמאָלס אייערע לידער
אַזוי פריילעך ניט געוועזן!

איר וואָלט לעזן די „פּאַפּירן",
וואָס באַשטעטיקט האָט נאָטאַריעס:
אָבגעקויפט די בוימער אַלע
האָט דער וואַלד-סוחר זאַכאַריעס...

וואָלט איר וויסן פון דער מכירה,
אַנדערע לידער וואָלט איר קנאַקן!...
ווייסט איר פייגל, אַז אינגיכן
הויבט מען אָן דעם וואַלד צו האַקן!...

קוידענאָוו, 1893.

צום אַרבעטער

(בײַם בעל־הבית טיר)

וואָס האָסטו זיך דערשראָקן, מײַן אָרעמער ברודער,
און שטײסט בײַ דער טיר, ווי דו ווײנסט...
עס האָט דיך דערשראָקן דער גלאַנץ פון די זאַלן,
דו ווערסט זײ פאַרפלעקן — דו מײנסט.

אוי, אָרעמער ברודער, אוי, נאַרישער ברודער,
גײ ווײטער און זעץ זיך אַוועק...
דו ווערסט ניט פאַרפלעקן דאָס גאָלד פון די זאַלן —
דײַן זעלע איז רײן, אָן אַ פלעק.

אוי, אָרעמער ברודער, אוי נאַרישער ברודער,
וואָס האָט דיר די אויגן פאַרבלענדט ?
וואָס שטײסטו און גלאָצסט און באַטראַכסט אַלץ פאַרוואונדערט :
דו האָסט ניט דײַן אַרבעט דערקענט ?...

קאָוונע, 1896.

ערלעכע אַרבעט

„ערלעכע אַרבעט, ערלעכע מי״ —
לעגן זיך שפּעט און אויפשטײן פאַר פרי.
אַרבעטן פערצן און לעבן — קײן שעה ?!
וואו איז די ברכה, דען, פרעג איך אײך דאָ ?
„ערלעכע אַרבעט וואויל איז צו דיר !״ —
וואו איז די וואוילקײט ? ענטפערט פאַרט מיר !

ערלעכע אַרבעט, ערלעכע מי :
טשוועקעלעך קלאַפּ, די נאָדעלע צי :
מויער זײ הײַזער, שטײג אויפן דאַך,
אין דר׳ערד קריך נאָך קוילן, ניט קוק אויף קײן זאַך,
שטעל אין סכּנה דײַן לעבן, דײַן בלוט —
עס וועט דיר שוין וואויל זײַן, עס וועט דיר זײַן גוט !...

קאָוונע 1897.

דער גמרא-ניגון

וואָס־זשע קלאָגסטו ביי דער גמרא,
קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליבער,
און דיין וויינענדיקער ניגון
אין מיין האַרצן גייט אַריבער ;

און מיין אויג איז פייכט געוואָרן,
מיט אַ טרער איז עס פאַרלאָפן ;
קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליבער,
זאָג, וואָס האָט מיט דיר געטראָפן ?

צי דו בענקסט אַהיים נאָך דיינע
טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער,
וואָס אָן זיי ביזטו געבליבן,
ווי אַ שיפל אָן אַ רודער.

אָדער אויפן „טאָג" ביי לייבן
ביזט אַ לאַנגע צייט געזעסן,
ביז מען האָט געזאָגט : „נו בחור,
נעם די קוואָרט און וואַש זיך עסן" ?

אָדער אפשר גלאָט דו שעמסט זיך
עסן ברויט אויף פרעמדע טישן
און מיט בלוט, מיט הייסע טרערן
שלינגסט אַראָפּ דו יעדן ביסן ?

אָדער ס'פעלט דיר אויס אַ „מאָנטיק"
און עס האָט דיר שוין געטראָפן
ניט איינמאָל זיך לייגן הונגעריק
אויף דער באַנק, דער האַרטער — שלאָפן ?

און דו האָסט זיך איצט דערמאָנט אַלץ,
און דו קענסט עס ניט פאַרטראָגן,
און ביי רבא'ן, ביי רב פּפּא'ן
ווילסטו איצט דיין האַרץ אויסקלאָגן ?

הויב זשע העכער־אויף דעם ניגון,
שטאַרקער, העכער דרעי די טרעלן :
ביי די הייליקע ניגונים
דאַרף זיך עסן גאָר ניט וועלן . . .

קוידענאָוו, 1893.

אַ האָר פון באָרד

כ'האָב אין קלייזל אין אַ ספר
פון אַ באָרד אַ האָר געפונען,
און : „ווער איז זי, ווער ?" די שאלה
גייט מיר ניט אַרויס פון זינען !

ווער פאָרט האָט זי אויסגעריסן,
און אַוועקגעלעגט אַהער ?
צי אַ בטלן, ווען די סוגיא
איז אים צוגעגאַנגען שווער ?

אפשר איז זי פון אַ פרוש ? . . .
לאַנג נישט אין דער היים געווען . . .
האָט געצופּט די באָרד פאַר ווייטאָק,
וואָס ער קען זיין ווייב ניט זען ?

אפשר אַ ישיבה־בחור ?
האָט דעם טאָג נישט אָנגעביסן . . .
און אַז ס'האָט געצופּט דער הונגער,
האָט ער זי דאָן אויסגעריסן ? . . .

אָדער אפשר אַ בעל־דרשן
האָט אַ פשט צום עץ־הדעת
דאָ געזוכט און ניט געפונען
און געריסן זי פאַר כעס . . .

קוידענאָוו, 1892.

דער פרייער ים

שטעל דעם לעבן ניט קיין כללים,
ניט פאַרצאַם !
זאָל עס פריי און האַסטיק פליסן,
ווי דער ים !

דו וועסט זאָגן : „ס'איז געפערלעך" —
כ'ווייס אַליין ;
אָבער זע ! דאָס בילד ווי הערלעך,
און ווי שיין ! . . .

צו־פרי

צו־פרי ביזטו פריילינג געקומען —
עס ליגט אין מיין האַרץ נאָך דער שניי,
עס בליען די רויזן און בלומען,
מיין האַרץ אָבער טוט מיר נאָך וויי...

איך האָב נאָך פאַר דיר ניט קיין לידער:
דער ווינטער באַדעקט נאָך מיין וועלט;
עס פילן דיך ניט מיינע גלידער,
איך זינג אַלץ פון שטורעם און קעלט...

אַך, לאָזן די פייגל דיר זינגען:
עס גרינט פאַר זיי איצט יעדער בוים;
זאָג, פריילינג, וואו זאָל איך דיר זינגען:
פאַרוויסט האָט דער שונא מיין היים...

דאָס ערשטע ליד מיינס אין „יוד", 1899

דער מענטש

גייט אַריין אַן אָרימאַן
מיד און איינגעבויגן,
שטעלט זיך שטיל אַוועק ביים שוועל,
לאָזט אַראָפּ די אויגן.

יעדעס מענטשלעכעס געפיל
אין זיין אויג פאַרלאָשן,
און ער שטרעקט אויס שטום די האַנט,
בעטלט שטום אַ גראָשן.

ס'איז דער מענטש! די קרוין דער וועלט,
ס'העכסטע פון די בריות! —
ווי דערנידעריקט ער איז,
ווי פאַרשעמט, ווי מיאוס...

קליינע ווערים דאָרט אין דר'ערד
זיינען זעלבסט זיך שפייזער,
און דער מענטש, די קרוין, די קרוין,
בעטלט אין די הייזער!...

ביאַליסטאָק, 1901

אויף קאַראַאול

...און ווערט דער הימל פינצטער,
באַדעקט מיט וואָלקנס פול, —
אָ, דאַן באַדויער מיך, מיין פריינט:
איך שטיי אויף קאַראַאול!...

און גיט דער דונער הויך אַ קלאַפּ
עס ציטערט אַזש דיין הויז —
אָ, דאַן באַדויער מיך, מיין פריינט,
און לאָז אַ טרער אַרויס...

אָ, דאַן באַדויער מיך, מיין פריינט,
און זאָג מיט מיטלייד פול:
„ווי שרעקלעך איז אין דונער, בליץ,
צו שטיין אויף קאַראַאול!"...

און גיסט דער רעגן האַסטיק, פּליוצט,
דו לויפסט אַהיים זאָפאָרט —
אָ, דאַן באַדויער ווידער מיך:
איך ריר מיך ניט פון אָרט;

באַדויער מיך, מיין ליבער פריינט:
דו זיצסט שוין אויף דיין שטול, —
דער רעגן נעצט און וויקט מיך אויס:
איך שטיי אויף קאַראַאול!...

און יאָמערט דאָרט דער ווינט ביי אייך,
און רייסט מיט גוואַלד די טיר,
און פייפט, און קנאַקט, און יאָמערט ווילד,
אָ, דאַן באַדויער מיר:

דאַן פלאַצן דעמבעס אויף אין וואַלד
און צווייגן פאַלן פול,
איך איינער שטיי גאַר אומבאַוועגט:
איך שטיי אויף קאַראַאול!

קאַוונע, 1896.

דער צוג

איך זיץ אַליין, די נאַכט איז שפּעט —
עס קלעמט דאָס האַרץ און דריקט מיר שווער,
אַרום איז שטיל, נאָר פון דער ווייט
פייפט אויס דער צוג, איך זיץ און הער׳

טרו—טרו—טרו—טרו! — ער רופט, ער רופט
מיין אַלט־באַקאַנטער, ליבער צוג —
טרו—טרו—טרו—טרו! — וואָס זיצסטו דאָ,
וואָס ליידסטו דאָ? גענוג, גענוג!

טרו—טרו—טרו—טרו — דו ביזט נאָך יונג,
דו ביזט נאָך יונג, געזונט און פריי!
טרו—טרו—טרו—טרו! גענוג די רו!
טרו—טרו!... קום, וואַנדער אויף דאָס ניי!...

צו מיין האַרץ

וואָס קלעמסטו מיין האַרץ, אָ דו קינדערשעס האַרץ,
ס׳איז צייט שוין צו ווערן דיר קליגער;
דו לעבסט אין אַ צייט, ווען יעדער איז האַרט,
ס׳פאַרוואַנדלען זיך פייגל אין טיגער.

דו לעבסט אין אַ צייט דאָך פון אייזן און שטאָל, —
אָ, הערסט דו דאָס רוישן, דאָס קלאַפּן? —
דאָס אָטעמט די וועלט מיט איר ריזיקער ברוסט,
ווי אַ גזלן, וואָס וויל אַלץ פאַרכאַפּן!

דו לעבסט אין אַ צייט, ווען עס ווערן פאַרשטיקט
געפילן און לידער, און טרערן;
ווען ס׳הערשט נאָר דער האַרטער מעטאַל און ער דריקט,
נאָר דו ווילסט אַלץ האַרטער ניט ווערן...

וואַרשע, 1902

פיל נעכט...

פיל פינצטערע נעכט האָב איך לידער געשריבן
און ריימען, ווי גאָלד און ווי פּערל געקליבן.
זיי האָבן געלויכטן אין פינצטערער נאַכט
און האָבן מיין לעבן בישט ליכטיק געמאַכט!...

וואַרשע, 1902.

וואָס שטייט אונדז נאָך פאָר?

וואָס שטייט אונדז נאָך פאָר
אין עתיד אין ווייטן,
וואָס וועלן מיר זען
אין קומענדע צייטן.

צי וועט מען אַלץ הערן
די זיפצן און טרערן
פון אָרעמען, שוואַכן?

צי וועט אַלץ פּאַרטימלען
די ערד און די הימלען
פון רויבער דאָס לאַכן?

צי וועט נאָך אַלץ הערשן
די ביקס און די שווערד,
מיט מענטשן־בלוט פעטער
צו מאַכן די ערד?

צי וועט נאָך אַלץ קלינגען
פון קנעכטשאַפט די קייטן —
איין ברודער זאָל דינען,
פאַרקויפט זיין צום צווייטן?

וועט אַלץ נאָך זיך ציען
פאַר פרייהייט די שלאַכט? —
אָך, ווער וועט פאַרט זיגן —
דער טאָג, צי די נאַכט?...

יום־טוב...

יום־טוב. ביי אַ טיש אַ פרעמדן
זיץ איך און די ווירטין אַלץ
פרעגט מיך פריינדלעך: „ליבער אורח,
אפשר איז אייך וויניק זאַלץ?“

—ניין, איך דאַנק... איך האָב דערמאָנט זיך
אַן מיין היים און ס'איז אַ טרער
פון מיין אויג אַריין אין טעלער,
און מען דאַרף קיין זאַלץ ניט מער...

קאָוונע, 1898.

שלום

איך וועל מאַכן שלום
מיט דעם לעבן;
וועט עס עפּעס געבן
וועל איך נעמען — —
כ'וועל מיך קיינמאָל קלעמען — — —
סאיז אַ חלום, ס'איז אַ חלום!...

וועט מיין ליבסטע קומען
מיך באַגליקן,
וועל איך פעסט זי דריקן,
ווייך און וואַרעם
אין מיין אָרעם;
טאָמער ניט — זי האָט פאַרלאָזן —
וועל איך אויך קיין טרער ניט לאָזן,
און מיין האַרץ באַפעל איך: שטומען!

איך וועל מאַכן שלום
מיט דעם לעבן;
כ'וועל מיך קיינמאָל קריגן
מיט דעם מזל, מיט דעם האַרטן, —
כ'וויל אַביסל רואיק ליגן,
רואיק וואַרטן...

שאַ. מיין ליבער.
כ'שליס די אויגן — —
אַלץ פאַריבער, אַלץ פאַרפלויגן — — —
סאיז אַ חלום, ס'איז אַ חלום!...

איך פיל

איך פיל, ווי אַן אַדלער אין שטייג —
איך ווייס, אַז דער אייזן איז דיק,
און זוך שוין קיין וועג ניט צוריק!
קיין נס וועט זיך ווייזן
דורך גראַטעס און אייזן — —
איך פיל עס און זע עס און שוויג!

דאָס „שטוב מיידל"

פון פינף געריכטן איז דער מיטאָג,
ניט רעכנענדיק קאָמפּאָט צו לעצט —
און עסט איר אָפּ, דאַן בלייבט איר זיצן
ניט וויסנדיק וואָס טוט מען איצט?

דאָס מיידל נעמט פון טיש אַרונטער,
זי איז די שענסטע בלום אין הויז:
צוויי אויגן שוואַרצע, האָר ווי סאַמעט
און בענקשאַפט קוקט פון איר אַרויס...

זי בענקט אַהיים צו טאַטן, מאַמען,
די בענקשאַפט פילט זי שטאַרק און טיף
און ווען איר רוט זיך אויס נאָכמיטאָג,
דאַן זיצט זי ליב און שרייבט אַ בריוו.

איך קום אַמאָל צו אייך, באַזוכן,
איך שמייכל צו צום גוטן טאָן;
איך פרעג מיך נאָך אויף איי׳רע קינדער —
וואָס גייען מיר די קינדער אָן?

איר נעמט מיך אויף גאָר גוט
און פריינטלעך,
און פרעגט מיך אַלץ: וואָס וויל איך נאָך?
איך וויל דאָס זיסע ליבע מיידל —
באַפרייען זי פון הערשאַפט־יאָך.

אין אַ פינצטערער נאַכט

איך האָב אין אַ פינצטערע נאַכט
די טיר און די לאָדן פאַרמאַכט,
און האָב מיך באַרעכנט מיט שרעק:
אין וואָס גייט דאָס לעבן אַוועק?

און ווי דורך אַ שפּאַלט האָט געטאָגט,
האָט עלענד מיין האַרץ זיך געקלאָגט:
געקלאָגט און געדריקט, און געקלעמט —
איך האָב פאַר דער זון זיך געשעמט...

אין וואָלקנדיקן טאָג...

אַ וואָלקנדיקער טאָג —
איך זיץ אַליין אין צימער;
אַנטקעגן רוישט אַ בוים,
ווי דאָרטן און ווי אימער.

אין צימער־פענצטער צוויי —
זיי זיינען קוים נאָר אָפּן,
עס קלאַפּט מיט זיי דער ווינט,
ווי ס׳וואָלט זיך וואָס געטראָפן.

דורך קוימענס גייט אַ רויך —
פון הייזער קעגנאיבער,
פונקט ווי דער רויך אַמאָל
פון היימיש קליינע שטיבער...

אויף אַן אָרימאַנס טויט

קיינעם וועט זיין טויט ניט רירן,
קיינער וועט זיין טויט ניט שפּירן:
שטיל וועט מען אַוועק אים פירן
אויפן הייליק־שטילן פעלד.

שטיל וועט מען זיין ארון טראָגן
און קיין שבחים וועט מען זאָגן,
קיינער וועט נישט וויינען, קלאָגן
וואָס איין אָרעם־מענטשל פעלט:

קיין מצבה און קיין זכר,
אַז געוועזן איז אַ הויכער
און אַ דאַרער, און אַ בלייכער
אָרעם מענטשל אויף דער וועלט...

און ווי לאַנג האָט ער געליטן:
און ווי לאַנג האָט ער געשטריטן:
אָ, ער האָט זיך דאָך געראַנגלט,
ווי דער גרעסטער העלד!...

דער יונגער שטערן

ניט פון מענטשן וועל איך זינגען —
קיינער וויל שוין דאָס ניט הערן,
מענטשן זיינען אונדז באַקאַנט שוין,
זינגען וועל איך איך פון שטערן.

פון די שיינע, קליינע שטערן,
וואָס זיי זיינען אַזוי פיל,
וואָס זיי קוקן אַזוי טרוימיש, —
הערט די מעשה מיט געפיל.

פון די שיינע קליינע שטערן,
וואָס זיי זיינען אַזוי גרויס,
וואָס זיי ווינקען אונדז פון הימל —
הערט פון זיי די מעשה אויס.

צווישן די שטערן מיליאָנען
וואָס פינקלען פון וויטן, ווי גאָלד,
האָט זיך אַ שטערן אַ קליינעם
לעבן באַזונדער פאַרוואָלט.

ער איז געווען צולאָזן,
אַ קונדס אַ גרויסער — פאַרשייט!
האָט ניט געוואָלט זיך גלייך דרייען,
געזוכט גאָר אַן אַנדערע זייט!

די שטערן די אַלטע, די זקנים,
זיי זיינען ערפאַרן און גרוי,
זיי לערנען און ווייזן אַ וועג אים;
„דו דריי זיך אַזוי און אַזוי!"

„אָט דאָ איז דיין אָרט און ניט ווייטער
דאָ דריי זיך — אָט דאָ איז דיין ראָד,
און טאָמער, אָ נעמסטו זיך אַנדערש,
דאַן קענסטו נאָך אָנטאָן אַ שאָד".

עס הערט אויס דער שטערן דער קליינער
די אַלטע — וואָס זאָל ער דען טאָן?
אין האַרצן דאָך שפּאָט ער און קלערט זיך:
וואָס גייט מיר אָ שאָדן גאָר אָן?!

צעקלאַפּט מעג איך ווערן אויף שטיקלעך
און אַלץ, וואָס אַרום מיר דערביי,
און דרייען זיך וועל איך דאָך אַנדערש,
איך ווייס ניט קיין גרעניץ — כ'בין פריי!

און אין איינעם אַ פרימאָרגן,
ווען די זון האָט העל געלויכטן
און די גרויסע אַלטע שטערן
האָבן שירה איר געזונגען,

און פאַרגאַנגען אין התפעלות
פון די גרויסע זונען־פלאַמען,
האָט דער קליינער יונגער שטערן
ניט געפּרואווט דאָס מויל צו עפנען.

און באַטראַכטנדיק די שטערן
ווי זיי דרייען זיך אין לאַנגוויל,
האָט ער שמייכלנדיק געמורמעלט:
„זייט געזונט, איר אַלטע ליכטער.

זייט געזונט, איר אַלטע ליכטער
ס'איז מיר נמאס שוין געוואָרן
אייער אייביק־לאַנג־זיך דרייען
אָן אַ זין און אָן אַ תכלית.

איך וועל זוכן אַנדערע וועגן,
אַנדערע וועגן, אַנדערע הימלען — — —
זייט געזונט, איר אַלטע שטערן,
כ'וועל צו אייך שוין מער ניט קומען..."

און געשוואומען איז דער שטערן
אין דעם רוים דעם גרויסן לאַנג,
נייע וועגן צו געפינען
איז געווען זיין פאַרלאַנג.

און געדרייט זיך האָט דער שטערן
און געשוואומען הין און הער,
דאָך, קיין נייעס ניט געפונען —
אומעטום נאָר וויסט און לעער...

און געשוואומען איז דער שטערן
איבערן גרויסן הימל לאַנג,
צו אַ ברעג־צו ערגיץ קומען
איז געווען שוין זיין פאַרלאַנג.

און געפלויגן איז דער שטערן
און געדרייט זיך נעכט און טעג,
ניט געקומען איז דער שטערן
צו קיין ברעג...

און פאַרבענקט האָט זיך דער שטערן
נאָך דעם אַלטן, אַלטן גליק,
נאָר ער האָט שוין ווייט פאַרבלאָנדזשעט,
ניט געוואוסט דעם וועג צוריק!...

אַ פאָלקס צוג...

אַ, צי זיך, צי זיך אָרעם פאָלק,
אַ, צי זיך ווייט און לאַנג;
וועק אויף אין גאַס די טויבע לייט
מיט לידער און געזאַנג.
גיי דורך די גאַס, גיי דורך דעם מאַרק,
באַווייז ווי אָרעמקייט איז שטאַרק!

אַ, צי זיך, צי זיך, אָרעם־פאָלק
און זינג און קלינג און רוף!
פון פילע שוואַכע, מידע לייט
ווערט א י י ן געזונטער גוף!
אַ גוף וואָס קעמפט מיט נייער קראַפט
און נייע לעבנסוועגן שאַפט...

אַ, צי זיך, צי זיך אָרעם־פאָלק,
דיין צאָרן־ליד הויב אָן.
דאָס ליד, וואָס האָט געדרימלט שטיל
פון לאַנגע יאָרן אָן.
זינג אויס דיין וויי, זינג אויס דיין האַס
און זאָל דערמאָנען זיך די גאַס...

דאָס געבעט

עס הערט זיך דער דונער פון וויטן,
עס בלענדט אין די אויגן דער בליץ; —
אַ, גאָט האָב רחמנות, די אָרעמע
פון בייזן געוויטער באַשיץ.

וואָס אַרבעטן שווער אויף די פעלדער,
געפינען זיך ווייט פון דער היים
און האָבן קיין אָרט, וואו זיך שיצן,
קיין שייער, קיין דעכל, קיין בוים!

וואָס זיינען אַוועק אונטערוועגנס,
די פורן מיט משא פאַרלייגט
און ווייט איז פאַר זיי נאָך אַ קרעטשמע,
און ווערן פון רעגן צעווייקט.

וואָס שטייען אין מאַרק מיט די קוישן:
מיט עפּל, מיט גרינס און מיט ברויט —
און אַלע, וואָס זיינען איצט דרויסן,
וואָס טרייבט זיי דער הונגער און נויט.

און אַלע וואָס זיינען פאַרוואָגלט,
וואָס האָבן קיין ווינקל דאָ ניט, —
די אַלע פון בייזן געוויטער
באַשירעם זיי, גאָט, און באַהיט!

קאָוונע, 1898

סודות

מענטשן האָבן טיפע הערצער,
אין די הערצער ליגן פיל
שיינע, ערלעכע געדאַנקען
ריינעס, ליכטיקעס געפיל.

נאָר עס קען אַ האַרץ ניט רעדן
און עס מאַטערט זיך און קוועלט, —
און דאָס שענסטע, און דאָס בעסטע
בלייבן סודות פאַר דער וועלט.

איך וואַרט...

איך וואַרט אויפן ליכטיקן טאָג, וואָס וועט קומען
מיט גאָלדענע שטראַלן, מיט בליטן און בלומען:
מיט פרישערע לופטן, אין וועלכע ס'וועט קלינגען
די פריילעכע לידער פון פאָלק, וואָס וועט זינגען;
די פריילעכע לידער, וואָס וועט ניט באַגלייטן
קיין זיפצן, קיין קרעכצן, קיין קלינגען פון קייטן...

די נייע סחורה

כ'האָב געבראַכט אַ סחורה
אויפן וועלט־יריד:
מענטשלעכע געפילן,
אמת, פרייַנטשאַפט, פריד.

פאַר דער עכטער סחורה
בעט איך ניט קיין געלט,
כ'וויל נאָר גליק און נחת
ברענגען אויף דער וועלט.

„נעמט אומזיסט די סחורה!"
רוף איך הויך און שטאַרק.
נאָר פון ווילדן לאַכן
הילכט דער גאַנצער מאַרק.

„אָ, דו נייער סוחר —
ביזט אונדז שוין באַקענט!
נאָר דיין שיינע סחורה
טראָגט נישט קיין פּראָצענט.

אונדזער גאַנצער האַנדל
וועט פאַרגיין, ווי ווינט —
קענסט ניט דעם יריד נאָך,
ביזט נאָך נאָר אַ קינד".

— „ניין איך בין קיין קינד נישט —
האַנדל ווייס איך גוט: —
זיינע פונדאַמענטן:
פרעמדע שווייס און בלוט..."

די קירכן־גלאָקן

אַך, וואָס קלינגט איר קירכן־גלאָקן!
הערט שוין אויף! גענוג געשראָקן
האָבן אייערע ווילדע טענער
אונדזער אָרעמע וועלט!

אייערע טענער, דאַכט זיך רופן
צו פאַרברענען מענטשן גופן
אויף די הויכע עשאַפאָטן,
וואָס איר האָט געשטעלט:

אייערע טענער, רופן הענקער
צו מאַרטירן יעדן דענקער,
יענעם קאָפּ אַראָפּ צו האַקן,
וועלכער בייגט זיך ניט;

אָ, איר ווילט די וועלט פאַרוויגן
מיט אַ שוואַרצן, טויטן ניגון
און פאַרדעקן מיט אַ מאַנטל
פון אַ יעזואיט!

כ'האָב אַ נייעם גלאָק באַשאַפן,
צו ערוואַכן מידע שקלאַפן —
ניט אין קירכן — אין דער לופטן
הענג איך אים אַרויף;

ניט צו שרעקן, נאָר צו וועקן
גאָר די וועלט אין אַלע עקן,
קלינגט ער מוטיק, רופט ער פריילעך:
שטייט צו לעבן אויף!

מינסק, 1900.

מיין שיפעלע

ווי עס ברויזן, ווי עס קאָכן
אויפן ים די ווילדע וועלן; —
אַך, וואו זאָל איך מיט מיין שיפל,
מיט מיין שיפעלע זיך שטעלן?

ווי די שטורם־ווינטן היילן,
ווי זיי דראָען, ווי זיי בלאָזן! —
אַח, ווי זאָל איך מיט מיין שיפל,
מיט מיין שיפעלע זיך לאָזן?

ווי די גרויסע שיפן שווימען,
ווי זיי פייפן, ווי זיי ברומען!
אַח, ווי זאָל איך מיט מיין שיפל,
מיט מיין שיפעלע דאָ שווימען?

און איך שטיי ביים ברעג געבויגן,
פול מיט צער און פול־פאַרלאַנגען,
און איך זע די גרויסע שיפן,
און דעם ברייטן ים, דעם לאַנגען.

און איך זע די גרויסע שיפן,
ווי זיי יאָגן, ווי זיי טרייבן,
און ביים זאַמדיק ברעג און שטילן
מוז איך מיט מיין שיפל בלייבן...

שטורם

איך האָב ליב די שוואַרצע כמאַרע
מיט איר מראה,
מיט די שרעקן —
עס וועט דונערן און וועקן!

איך האָב ליב דעם בייזן הימל
מיט זיין ליאַרמען
אָן ערבאַרמען,
מיט זיין דראָען, מיט זיין טימעל!

מעגן בליצן ווי די שלאַנגען
דאָ פאַרצוקן, דאָ דערלאַנגען;
האָב און גוטס, דאָ הויז און שייער,
מיט אַ קראַכנד־צאָרנדיק־פייער;

זאָל דער שטורם מיט מיין שטיבל
אויך אַ שפיל טאָן — קיין פאַראיבל!
דורך די פלאַמען קוקט אַרויס
ס'נייע, פרייע, ליכטיק הויז!...

מינסק, 1905.

דער נאַכט-וועכטער

שפעט. די נאַכט איז קאַלט און פינצטער,
טרויעריק און נאַס;
אין די הייזער רוען אַלע —
שטיל און שטום אין גאַס.

איינזאַם שלעפט זיך נאָר דער וועכטער
אויף דער גאַס אַרום;
אין די שטילע הייזער קוקט ער
אומעטיק און שטום.

דאָרט אין ווייכן, וואַרעם־בעטל
שלאָפט זיך אַזוי גוט;
אוי, ווי וואָלטן זיינע ביינער
אויך זיך אויסגערוט!

און ער קלאָגט זיך פאַרן הימעל:
הער מיין טרויער צו:
איך אַליין האָב גאָר נישט, — היט איך
פרעמדנס גוטס און רו!...

אין גאָרטן

עס רוישט דער אָרקעסטער אין גאָרטן,
עס טאַנצן די טענער אין לופט
און ליליען און רויזן און בוימער,
זיי גיסן און שפּריצן מיט דופט.

און דאָרט אין דערמיט ביי דער הוידע,
אַ לאַכן אַ לוסטיקעס קלינגט;
דאָרט הוידן זיך גבירישע קינדער,
דערביי שטייט די באָנע און זינגט:

„הוידעט זיך, הוידעט זיך, קינדערלעך,
פריילעכער ציט פאַר די שטריק!
ווייסט: נאָך אין אייערע ווינדעלעך
שיינט אייך שוין ליכטיק דאָס גליק!

„זעט איר ביים פּאַרקן דאָרט סוד׳ן זיך
אינגעלעך, קוקן אַהער,
ס׳גלוסט זיך זיי אויך דאָ צו הוידן זיך
נאָך וואָס! עס פעלט זיי ניט מער?!

„זיינען קיין געסט דאָ, קיין בויטיקע,
אָנקוקן זיי נאָר איז מיאוס,
בגדים׳לעך אַלטע און קויטיקע —
קויטיק די באָרפיסע פיס.

ווילדע! אַך זעט ווי זיי קלעטערן,
ווילן אַריינגיין מיט גוואַלד —
נאַרען! אומזיסט איז זיך מאַטערן:
מען וועט זיי אַרויסוואַרפן באַלד.

„איר אָבער דאַרפט זיך נישט גנבענען,
אָפן דער טויער פאַר אייך,
ס׳וועט אייך דער וועכטער נאָך חנפענען
ווייל ער ווייסט, איר זענט רייך.

„דאָס איז אַ סגולה אַ טייערע
עס עפנט אַ טיר אומעטום...
אַלעס איז אייערע, אייערע —
קוקט זיך צום פּאַרקן נישט אום!

הוידעט זיך, הוידעט זיך, קינדערלעך,
פריילעכער ציט פאַר די שטריק;
ווייסט: נאָך אין אייערע ווינדעלעך
שיינט אייך שוין ליכטיק דאָס גליק...“

קאָוונע, געשריבן אין 1897, שפּילנדיק אַלס מוזי־קאַנט אין מיליטערישע אָרקעסטער אין שטאָט־גאָרטן...

ווילט זיך נאָך...

ווילט זיך נאָך אַ שטיף טאָן
גרינג און פריי און ברייט,
אַז דאָס האַרץ דאָס מידע
ווערן זאָל דערפרייט.

ווילט זיך נאָך אַ פאַל טאָן
צו דעם לעבנס ברוסט
און זיין גליק אויסזויגן
מיט דער לעצטער לוסט...

ווילט זיך נאָך אַ הויב טאָן
ווייט און הויך די הענט
און אַריבער שפּרינגען
צוימען, מויערן, ווענט...

ווילט זיך נאָך דערגרייכן
פון אַ באַרג זיין שפּיץ
און דערנאָך — פאַרשווינדן,
ווי עס שווינדט אַ בליץ...

בוימער

ווינטער זיינען הויל די בוימער,
ווי פאַרשטיינערט שטייען זיי,
און דער קאַלטער פראָסט ער פרעסט זיי
און דער הימל וואַרפט מיט שניי.

און מיט קאַלטקייט פון אַ דענקער
טראַכטן זיי אין האַרץ דערביי:
וואָס דער ווינטער איז אַלץ בייזער,
וועט אַלץ ליבער זיין דער מאַי.

ס׳וועט קומען אַמאָל . . .

ס׳וועט קומען אַמאָל
אַ צייט אויף דער וועלט,
ווען אַלץ וואָס איז דאָ
ווערט אַנדערש געשטעלט.

געביטן וועט זיין
פון לעבן דער גאַנג,
דאָס גליק און זיין שיין,
און מענשנס פאַרלאַנג . . .

דער העלד וועט זיין קליין,
דער פירער — פאַראירט;
פון זיך וועט אַליין
דער מענ שטייזן געפירט . . .

די אוצרות אָן צאָל
— ניט האָבן קיין ווערט;
ס׳וועט קומען אַמאָל
אַ טאָג אויף דער ערד.

און וואו נאָר מען צילט, —
קיין בייזקייט און גוואַלד;
— און אויב נאָר איר ווילט
די צייט קען זיין באַלד . . .

די ערשטע טעג

די ערשטע טעג האָב איך געמיינט
אַז דער הימעל פאַלט אַראָפּ,
און ער טרעפט מיר גלייך אין קאָפּ, —
אָ, ווי האָב איך דאַן געוויינט!

דו ביזט אַלץ ניטאָ... פאַרטראַכט
גיי איך אום, פאַרקלעמט, פאַרבענקט,
דאָך דער הימעל רוהיק הענגט
און עס דאַכט מיר, אַז ער לאַכט...

ניו יאָרק, 1909

אין אַ הייסן טאָג

איך האָב ליב אַרומשפּאַצירן
ווען עס ברענט די זון און בראָט;
און מיט זיי די היץ צו שפּירן,
מיט די אָרעמסטע פון שטאָט.

אויף די הייסע טראָטואַרן,
אויף דעם זודיקן אַספאַלט —
אַלע שטימען, אַלע צער׳ן —
הערן, זען דער שטאָט׳ס געשטאַלט.

און מיט מילדן בליק באַגריסן
אָט דעם גאַנצן מענשן־שטראָם
און מיט יעדן זיך פאַרמישן
און אַריין אין זעלבן תהום.

און אין גאָסן אָרעם־ענגע,
מורמלען, בעטן — גאָט באַשיץ!
ווען די קינדער אין דער מענגע
שפּילן זיך דאָרט אין דער היץ.

ניו יאָרק, 1925

ביים גרענעץ

צוויי סאָלדאַטן וואַכן, היטן,
כ׳זאָל די גרענעץ ניט אַריבער...
אויפן וויסטן פעלד ווערט טריבער;
צוויי סאָלדאַטן וואַכן, היטן.

צוויי סאָלדאַטן מיט די זעבעל...
פאַר מיר, הער איך, לידער קלינגען...
אָ, ווי וואָלט איך איבערשפּרינגען! —
ביי דער גרענעץ פאַלט אַ נעפל...

צוויי סאָלדאַטן שטיל מאַרשירן...
פאַר מיר, זע איך, צינדט זיך פייער
אין אַן אַנדער וועלט אַ פרייער — —
צוויי סאָלדאַטן שטיל מאַרשירן...

1908

צווייטער בוך

ציִיטלידער

איך זינג...

איך זינג מיינע לידער אין טונקעלער נאַכט, —
עס האָט מיך אַ קראַפט אַ געהיימע ערוואַכט...

מען שלאָפט!... און צוקאָפּנס ליגט אַלטוואַרג אַ פּאַק,
דער זייגער קלאַפּט רואיק טיק־טאַק און טיק־טאַק.

איך צייל יעדע שעה פון דעם זייגער, וואָס שלאָגט
און קוק אומגעדולדיק אין פענצטער, צי ס'טאָגט.

איך זע די לבנה, דאָס געלע געזיכט,
ווי טרויעריק לייכט זי, ווי קאַרג איז איר ליכט!...

מיר דאַכט זיך זי ראָט מיר: גיי לעג זיך און שלאָף,
דער קאָפּ אין דעם קישען און חלום אָן סוף!...

דאָך ווייס איך, אַז הינטערן פינצטערן וואַלד
באַוועגט זיך די זון שוין, זי קומט אַהער באַלד!

מיין געליבטע

האָט מיר מיין ליבסטע אַ בריוול געשריבן,
שרייבט זי מיר דאָרטן: זי קען מיך ניט ליבן.
ערשטנס: מיר זיינען צוויי אַנדערע וועלטן;
וואָס איך וויל בענטשן, דאָס וויל זי גאָר שעלטן;
און צווייטנס — עס טוט איר די זאַך אַזוי באַנג:
זי האָט שוין אַ חתן, זי ליבט אים פון לאַנג...

זי האָט שוין אַ חתן... נו זאָל זיין מיט מזל!
איך ווייס דאָך פון לאַנג שוין, איך בין אַ שלים־מזל;
מיט מיר נאָר דאַרף טרעפן די גליקן, די אַלע:
געפין איך אַ מיידל איז זי שוין אַ כלה...
מיך אַרט נאָר: איר חתן ווער איז ער, ווער ווייס —
צי איז ער איר טריי כאַטש, צי ליבט ער זי הייס?

וואַרשע, 1903

ווי קום איך?

ווי קום איך צו זינגען? פון וואַנען, מיין קינד!
ביי אונדז האָט אין קוימען געברומט נאָר דער ווינט;
די קינדער — זיי פלעגן נאָר זינגען: האָם! — האָם!
די מאַמע, זי ענטפערט זיי אָפט מיט אַ גראָם...

ווי קום איך צו שיינקייט? פון וואַנען, מיין קינד!
דער וועג צו די פעלדער — דורך גויים און הינט...
פון ביימער און בלומען די גאַס אַזוי וויסט,
ביין אָרימאַנס שוועל — נאָר אַ בערגעלע מיסט...

מינסק, 1906

אָבשייד

און אַז דו ווערסט, מיין טייער־לעבן, אַוועקפאָרן
וועל איך גיין צום באַן דיך באַגלייטן;
און אַז דו זאָלסט מיר באַלד ניט פאַרגעסן —
וועל איך שענקען דיר אַ קרענצעלע קוויטן.

און אַז עס וועלן אָנהויבן די קוויטן צו וועלקן,
ווי דו ווערסט ערגעץ קומען צו פאָרן,
זאָלסטו דאָרט וויסן, אַזוי בין איך אויך,
אָן דיר פאַרבלייכט דאָ געוואָרן...

דער ווינט

אַ קלאַפּ האָט געגעבן דער ווינט אין מיין שטיבל
און האָט עס אינגאַנצן צעטראָגן;
און באַלד האָט דערהערט זיך אַ קנאַל פון אַ דונער
און האָט פיל נפשות דערשלאָגן.

צי קען איך דען צאָרנען אויף ווינטן און דונער?
צי ווייסן זיי דען וואָס זיי טוען?
עס ברענט נאָר מיין צאָרן: ווי האָט עס געטראָפן
ווען ליכטיק געשיינט האָט די זון?

דעם ווינט און דעם דונער — אָ, זיי בין איך מוחל
זיי זיינען ווי קרעפטן, דאָך בלינד;
ווי האָט דאַן געלויכטן די זון אָבער, פרעג איך,
און רואיק געזען אַזאַ זינד?...

1903, פסח, מינסק, נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם.

די אָרעמע כלה

עס שלאָפן אין קליינינקען שטיבעלע אַלע,
עס וואַכט נאָר די עלטערע טאָכטער — די כלה.
די חתונה דאַרף ביי איר זיין גאָר אין גיכן
און האָט נאָך נישט פּאַרטיק געמאַכט אירע ציכן.
עס לויפט דוכן לייוונט די נאָדל געשווינד,
געדאַנקען זיי יאָגן אין קאָפּ, ווי אַ ווינט!
ס'איז שפּעט אין דער נאַכט,
זי נייט און זי טראַכט:

ווי שווער איז דאָס בעטגעוואַנט מיר אָנגעקומען!
עס האָט מיר מיין רו און מיין שלאָף צוגענומען;
די פּעדערן גאַנצענע נעכט פלעג איך פליקן —
ווער ווייסט נאָך דעם מזל, ווער ווייסט נאָך די גליקן?
געשאָפט יעדעס קישן מיט שווייס און מיט בלוט, —
וועל איך אויף זיי קאָנען כאָטש ליגן באַרוט?
ס'איז שפּעט אין דער נאַכט,
זי נייט און זי טראַכט:

אָך, ווער איז מיין זיווג? צי קען איך אים גלויבן?
צי וועט ער דעם שלאָף ביי דער נאַכט מיר ניט רויבן?
וועל איך ניט די קישן מיט טרערן באַנעצן
און אפשר אַמאָל גאָר אויף ברויט זיי פאַרזעצן? —
פאַרזעצן, ווי ס'טרעפט אָפט ביי אונדזערע לייט,
ווי ס'טרעפט מיט מיין מאַמען אין ביטערער צייט?!
ס'איז שפּעט אין דער נאַכט,
זי נייט און זי טראַכט:

וואַרשע, 1899.

פּערלען

שענסטע פּערלען פון מיין האַרצן
רייסט דער שטורם אויס ביי מיר,
און ער קריגט אַרויס זיי אַלע —
און עס פינקלט דאָס פּאַפּיר.

„ליבסטע, פרעג איך, ווילסטו זיי?
כ'שענק דיר!"

נאָר זי זאָגט פאַרשעמט אַרויס:
„ווייסטו ליבער, אַז די פּערל
זיינען היינט פון מאָדע אויס..."

נאָך אַ יאָר

נאָך אַ יאָר, און נאָך אַ יאָר
און דאָס לעבן רוקט זיך אָפּ,
אויפן שטערן נאָך אַ קנייטש,
נאָך אַ גרויער האָר אין קאָפּ.

נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר...
כ'האָב געהיט און ניט דערהיט:
אָנגעטומלט האָבן זיי
און אַוועק מיט שטילע טריט...

אַ אידישע פרוי

אויף אַ שמאָלן הויפל,
וואו עס שוועבט די נויט,
שטייט די שוואַרצע מיטה,
און דערציילט פון טויט.

ווער עס גייט פאַריבער
שטעלט זיך פּלוצים אָפּ,
און די הענט פאַרברעכט ער,
שאָקלט מיטן קאָפּ.

און פון שטיבל רייסט זיך
יאָמער און געשריי,
ס'נעמט דורך די נשמה
אַן אומהיימליך וויי!

און די ווייבער — שכנות —
קומען זיך צונויף,
און די קוואַלן טרערן
עפענען זיך אויף.

איינע וויינט און טענה'ט:
„זאָלסט אַ מליצה זיין
כ'האָב געוואוסט דיין לעבן —
פול מיט נויט און פּיין.

פלעגסט מיר אויסדערציילן
דיינע צרות פּעק,
ווי עס איז דיין לעבן
אומעטיק אַוועק;

ווי דו ביזט געוועזן
יונג אַמאָל און שיין,
נאָר דו ביזט געוואַקסן
עלענד און אַליין,

ווייל דיין ליבע מוטער
איז געשטאָרבן יונג,
און דיין בייזע מומע
מיט איר גלאַטער צונג

פלעגט דיך זידלען, שעלטן,
שלאָגן אָפט מאָל אויך;
פלעגסט עס שטיל פאַרטראָגן;
וויינען, נאָר ניט הויך...

און ווי נאָכדעם האָסטו
חתונה געהאַט
און פאַרוועלקט געוואָרן
ווי פון בוים אַ בלאַט;

פריער פון דער שוויגער
און פון מי דערנאָך,
און פון אָרעם לעבן,
און פון שווערן יאָך;

און פון „האָדעוואָניע":
מאָזלען, דיפטעריט...
און פון „יונגע" קברים —
(שטאַרקער גאָט, באַהיט!...)

פון דער שכנה'ס טענות,
פון איר גלאַטן מויל
יאָמערן די ווייבער,
וויינען אויפן קול...

אָ, די קלוגע שכנה
האָט זיי אויסגעזאָגט
דאָס, וואָס טיף אין האַרצן
יעדע פון זיי טראָגט...

און די טרערן פאַלן,
גיסן זיך אַראָפּ
אויף פאַרדעקטן קערפּער,
אויף פאַרדעקטן קאָפּ...

1898.

ווען איך זע

ווען איך זע די בוימער בליען,
און די פייגל שוועבן, פליען;
ווען פון הימל, ווי אַ כלה,
שמייכלט ליב די זון פאַר אַלע, —
פרעג איך טרויעריק, פול מיט קומער:
וואָס באַדייט עס — איז דען זומער?

ווען פאַרדאַרט איז בוים און צווייגל,
פייגל זע איך נאָר אין שטייגל:
ווען די זון וויל לאַנג ניט קומען
און די בייזע ווינטן ברומען —
פרעג איך ניט: וואָס זאָל'ס באַדייטן?
כ'וויס די צייטן, כ'קען די צייטן!...
1900

די יוגנט

איך וועל גיין מיין יוגנט זוכן,
ס'איז אַ שאָד די בעסטע יאָרן;
איך געדענק נאָך אַלע ערטער,
וואו איך האָב זי אָנגעוואָרן.

כ'קום פאַרביי אַ קליינעם שטיבל,
כ'האָב געלערנט דאָרט אין חדר;
מיט אַ טייטל זיצט דער רבי —
ס'נעמט מיין האַרץ מיר דורך אַ שוידער;

מיט אַ טייטל זיצט דער רבי,
די תלמידים ווי אין קלעמען, — — —
קינדער־יאָרן, שווערע יאָרן,
ניין, איך וויל איך איצט ניט נעמען!...

גיי איך ווייטער זוכן, זוכן
מיינע יאָרן וואָס פאַרפלויגן:
שטייט אַ שטיבעלע אַ קליינע,
איינגעהויקערט, איינגעבויגן,

און עס עפנט זיך אַ טירל
און עס בייזערט זיך און סקריפּעט,
טאַטע־מאַמע זיצט אין ווינקל
און אַ קינד אין וויגל כליפּעט.

ס'שרייט אַ שוועסטער אויף אַ ברודער,
און פון קוימען שפּאַרט אַ רויך, —
יאָרן ליבע, יאָרן טריבע,
ניין, איך לאָז אייך איבער אויך!...

ווען איך האָף

וואָס איך האָף און וואָס איך וויל,
וועל איך אייך ניט זאָגן, —
איך וועל וואַרטן, וואַרטן שטיל
ביז ס'וועט נעמען טאָגן.

און דער ערשטער זונען־שטראַל
וועט אייך שוין דערציילן,
וואָס איך האָב אין האַרצנס קוואַל
טיף פון אייך פאַרהיילן.

און דאָס ערשטע פויגל־ליד
וועט אייך שוין פאַרקונדן,
וואָס איך האָב געוויינט ביז מיד
אין פאַרבענקטע שטונדן...

די צייט

זיי זיינען זיך צעגאַנגען
אין וועגן אַלערליי:
דער האַס איז שוין צעגאַנגען,
צעגיין וועט אויך דער ווײ.

די צייט וועט גיין פּאַמעלעך
פאַרביי אַ יעדנס וועג
און וועט מיט שטויב פאַרשיטן
דעם גלאַנץ פון יענע טעג.

דער האַנדלער

אויסגעטאָן פון זיך די שאַנד, —
מיט אַ זעקל אין דער האַנט,
גייט ער אום פון הויף צו הויף,
הייבט די אויגן אַלץ אַרויף:
און ווי טרויעריק ער זינגט —
איבערן גאַנצן הויף עס קלינגט:
האַנדל — האַנדל!

זאָגט, — ווער זענט איר, ליבער איד,
וואָס דערציילט מיר אייער ליד?
„כ׳וואוין דאָרט אויף דער סמאָטשע גאַס,
אין אַ קעלער — פייכט און נאַס,
מיט אַ גרויס געזינד!
זומער קומט דאָרט נישט אַריין
פון דער ליבער זון קיין שיין,
ווינטער — בלאָזט דער ווינט.

כ׳גיי מיין גאַנצן לעבן אום,
מ׳הערט פון מיר נאָר, וואו איך קום:
האַנדל, האַנדל...

אוי, איך האָב נאָך ווערטער פיל,
דאָך איך טראָג זיי אין דער שטיל —
קיינער דאַרף זיי נישט!
ווען איך קום אַהיים ביי נאַכט
אַ פאַרמאַטערטער, פאַרשמאַכט,
רעד איך זיי אומזיסט...

עט, וואָס האָב איך זיך פאַררעדט...
האָט איר נישט אַן אַלטע בעט,
אַלטע הויזן, אַלטע שיך?

וואָס איר ווילט נאָר האַנדל איך —
האַנדל, האַנדל!

וואַרשע, 1899, נאַוואַליפּקע 25.

איך הער...

כ׳הער עס זאָגן
לייט און קלאָגן:
„אַך״ די אָפּגעלעבטע טעג,
זיי פאַרשווינדן
מיט די ווינטן,
און ניטאָ צו זיי קיין וועג!...

מיינע אַלטע
טעג די קאַלטע
לעבן אַלע, כ׳זע זיי דאָך,
און זיי ווינקען,
און זיי הינקען,
און זיי שלעפּן זיך מיר נאָך...

אין גרויסער שטאָט

איך קען מיר אין ערגעץ
קיין רו נישט געפינען;
עס קלאַפּן די רעדער,
עס רוישן מאַשינען.

פון טויזנט פאַבריקן
דער רויך און די פאַרע
פאַרשטעלן דעם הימל,
פאַרציען מיט כמאַרע.

איך הער נאָר אַ טומל
פון האַנדלען, פון דינגען, —
וואו זאָל איך מיר זעצן
מיין ליד פאַר אייך זינגען?

מיין ליד פון דער ליבע,
פון רו און נחמה,
וואָס ליגט טיף באַהאַלטן,
אין האַרץ, אין נשמה!?...

וואַרשע, 1899

איך ווייס אַ הויז
(די צאַרישע רוסלאַנד)

כ׳ווייס אַ הויז — דאָרט פייפט דער דלות
און אין קוימען ווײנט דער ווינט.
און עס שמאַכט און מאַנגעלט דאָרטן
ס׳גרויסע אָרעמע געזינד.

שוואַרצע, פינצטערע געשטאַלטן —
אויף די באַקן בלויז אַ הויט;
און עס הערט זיך פון די קינדער
ביז אין הימעל קולות: ברויט!

און אַ שכור איז דער טאַטע
פון די קינדער ער אַנטלויפט,
ליידיק גייט ער אין די גאַסן
און ער פרעסט נאָר און ער זויפט!

און עס זיצט די שוואַכע מאַמע,
אַ דערשלאָגענע, אָן מוט,
און זי שרעקט די קינדער: שטילער!
ס׳געהט דער טאַטע מיט דער רוט!

1901

די לבנה...

אויפן הימל די לבנה
שווימט פאַרטרויערט און פאַרקלערט:
מיט איר הייליק — געלן פּנים,
קוקט זי פרום אראָפּ אויף דר׳ערד.

זי געדענקט — אין אַלטע צייטן
האָט מען זיך צו איר געבוקט,
פאַר אַ געטין זי גערעכנט,
אויף איר הילף אַרויסגעקוקט.

נאָר די וועלט איז קלוג געוואָרן,
און איר כבוד ליידט דערפון:
אַלע ווייסן, אַז זי גנב׳ט
ליכט און שטראַלן ביי דער זון...

פון לעבן...

כ׳וויל נעמען פון לעבן
דאָס אַלץ, וואָס עס האָט:
זיין רוהם און זיין כבוד,
זיין שאַנד און זיין שפּאָט;
די ליידן פון טייוול,
דעם נחת — פון גאָט!...

ניט פרעג מיך קיין מיינונג,
דו נאַר, אויף דער וועלט!
וואו לעבן באַוועגט זיך
שוין דאָרט מיר געפעלט!...

אַך, לעבן, דו לעבן,
ווי איך האָב דיך ליב!
און אַלץ וואָס דו האָסט נאָר
איך נעם ביי דיר, גיב!...

וואַרשע, 1900

אין דער אָרעמער גאַס

און וואו נאָר דו טוסט זיך אַ קער,
אין דער אָרעמער גאַס אַז דו גייסט,
דערזעסטו אַ טרער נאָך אַ טרער
און זוכסט פאַר דעם עלענד אַ טרייסט.

און קוקסט דו זיך טיפער אַרום,
דאַן זעסטו פאַר שווערקייט מען פאַלט,
דאַן נעמט דיך אַ מיטלייד אַרום,
און אויפהויבן ווילסטו זיי באַלד.

עס ברעכט דיר דיין האַרץ, דיין געמיט
זיי טוען דיר אַלע אַזוי ווי —
נאָר אויפהייבן קענסטו זיי ניט,
דו פאַלסט נאָר צוזאַמען מיט זיי...

מאי־קאַ משמע־לן ? . . .

(מאָנאָלאָג פון אַ ישיבה־בחור)

1

מאי קא משמע־לן דער רעגן ?
וואָס־זשע לאָזט ער מיר צו הערן ? —
זיינע טראָפּנס אויף די שויבן
קויקלען זיך, ווי טריבע טרערן.
און די שטיוול איז צעריסן,
און עס ווערט אין גאַס אַ בלאָטע ;
באַלד וועט אויך דער ווינטער קומען —
כ'האָב קיין וואַרעמע קאַפּאָטע . . .

2

מאי קא משמע לן דאָס ליכטל ?
וואָס־זשע לאָזט עס מיר צו הערן ?
ס'קאַפּעט און עס טריפט איר חלב
און ס'וועט באַלד פון איר ניט ווערן.
אַזוי צאַנק איך דאָ אין קלייזל,
ווי אַ ליכטל, שוואַך און טונקל,
ביז איך וועל אַזוי מיר אויסגיין
אין דער שטיל, אין מזרח־ווינקל . . .

3

מאי קא משמע לן דער זייגער ?
וואָס־זשע לאָזט ער מיר צו הערן,
מיט זיין געלבן ציפער־בלעטל,
מיט זיין קלינגען, מיט זיין שווערן ?
ס'איז אַן אָנגעשטעלטע כלי,
האָט קיין לעבן, קיין געפילן,
קומט די שעה, דאַן מוז ער שלאָגן,
אָן זיין רצון, אָן זיין ווילן . . .

4

מאי קא משמע לן מיין לעבן ?
וואָס־זשע לאָזט עס מיר צו הערן ?
פוילן, וועלקן אין דער יוגנט,
פאַר דער צייט פאַרעלטערט ווערן,
עסן „טעג" און שלינגען טרערן,
שלאָפן אויפן פויסט דעם האַרטן,
טויטן דאָ די „עולם־הזה"
און אויף עולם הבא וואַרטן . . .

וואַרשע, 1903.

קיין ענטפער . . .

און הונדערט מאָל דענקען,
און טויזנט מאָל קלערן —
דו וועסט פון דיין שכל
קיין ענטפער דערהערן !

און הונדערטער כוסות,
און טויזנטער טרינקען —
דו וועסט אַלץ דיין יאוש
נישט קענען דערטרינקען . . .

און רויכער אָן אויפהער —
די זאָרג וועט דיר בלייבן,
עס וועט זי דער רויך ניט
פאַריאָגן, פאַרטרייבן.

און טויזנטער פרויען,
אַ סולטאַנס אַ האַרעם —
דיין האַרץ בלייבט אָן ליבע
און ליידיק דער אָרעם . . .

דו זוכסט אַלץ אַ מיטל
דעם שמערץ מאַכן לינדער — — —
אוי, אָרעמע מענטשן,
אוי, נאַרישע קינדער ! . . .

וואַרשע, 1900

דער שומר

(שומר מה מליל — ישעיה)

— שומר, שומר, אויף דער וואַכט —
זאָג, וואָס הערט זיך מיט דער נאַכט ?

זאָגט דער שומר און ער ברומט :
„ס'דאַכט דער טאָג — ער קומט, ער קומט.."

ברומט דער שומר אויף דער וואַכט :—
„דאַכט זיך טאָג און דאַכט זיך נאַכט ;

פרעגט ניט בעסער, וואָס און ווען
וויס אַליין ניט — כ'קען ניט זען" . . .

פון דער דירה...

פון דער דירה טרייבט מען, —
דרויסן איז אַ רעגן;
געוואַלד וואו טוט מען הין זיך?
הייבסטו אָן צו פרעגן.

וועמען פרעגסטו? ווייס ווער?
דו קענסט גאָר נישט וויסן,
נאָר דעם קאַלטן רעגן
הערסטו דרויסן גיסן.

און עס וועט ניט העלפן
קיין געבעט, קיין טרערן, —
ס'וועט דער קאַלטער רעגן
גיסן ניט אויפהערן.

יאָ, דער רעגן ווייס ניט
פון דיין שווערער לאַגע,
ס'איז זיין צייט געקומען
רינט ער — אַט דער פליאַגע"...

ס'איז אפילו גאָט דאָ
ניט אין גאַנצן שולדיק...
נו, פאַרפאַלן, האַלט זיך
און פאַרטראָג געדולדיק.

אָבער פון דער דירה
זאָל אַ מענטש דיך טרייבן,
אוי, דאָ קענסטו, ברידער,
רואיק שוין ניט בלייבן.

אַך, דאָ ברענט דיין צאָרן
און דו קריצסט די ציינער;
זענט איר, בעלי־בתים,
מענטשן אָדער שטיינער?!...

אָרעמעס לעבן...

אָרעמעס לעבן! נאָר שטענדיק זיך מאַטערן,
שטענדיק צו לעבן אין נויט;
כוחות די יונגע, די פרישע צו פטרן,
זוכנדיק — טרוקענעם ברויט!

וואַגלען און וואַנדערן!
וואו טאָגן ניט נעכטיקן,
נעכטיקן ניט, וואו געטאָגט!
הערן דאָס שפעטן פון בייז־נידערטרעכטיקן
שווייגן — קיין וואָרט ניט געזאָגט!

בוקן זיך, בייגן זיך נידעריק, נידעריק,
ברעכן דעם קערפער אויף האַלב;
רעדן תחנונים און וויינענדיק, ציטעריק,
בעטן ביים גאָלדענעם קאַלב!...

שטיקן פאַרלאַנגען און שטרעבונגען
קראַפטיקע,
שטיקן און דריקן אין האַרץ;
בלומען פון יוגנט, די פרישע, די זאַפטיקע,
ווערן צעטראַטן אויף שוואַרץ!...

וואַרשע, 1901

מיינע טעג

ביטער איז געווען דער נעכטן
און דער היינט איז אויך פול זאָרגן —
און דער היינט און נעכטן — ביידע
שאַפן, וועבן מיר דעם מאָרגן.

אָ, אַזעלכע צוויי — פול זאָרגן,
קענען רעכטס דען עפעס מאַכן? —
ס'וועט אַרויסקומען אַ מאָרגן
נאָר צום שפילן, נאָר צום לאַכן...

די אָרעמע געווינערין

ס׳האָט אַ קינד געבוירן ערשט
די יונגע, אָרעמע מאַמע, —
האָט ניט וועמען זאָל וויגן עס,
האָט קיין דינסט, קיין אַמע.

שרייט דאָס קליינע עופה׳לע,
לעכערט אַזש דעם מוח,
וויגט עס קוים די אָרעמע
מיט דעם לעצטן כוח.

ס׳קינד דאַרף האָבן וויקעלעך, —
ס׳איז ניט איר פאַרמעגען,
רייסט זי העמדער אייגענע,
פאַר איר ליב־קינדס וועגן.

מ׳דאַרף דאָס קינד היינט אויסבאָדן, —
קען זי זיך ניט קערן,
באָדט זי עס אין אייגענע,
מוטערלעכע טרערן.

וואַרשע, 1904.

עס דונערט, עס בליצט

עס דונערט, עס בליצט,
נאָר דאָרט אין דער הייך,
און, דאָ אויף דער ערד,
איז אַלץ אַזוי בלייך.

דאָרט קומט פאַר אַ קאַמף,
אַ קאַמף פאַר אַ זיג:
ביי מיר אויף דער וואַנט
קוים זשוזשיעט אַ פליג...

עס ציט מיך צום קאַמף,
אַ קראַפט בין איך אויך;
נאָר ניט אויף דער ערד,
און ניט אין דער הויך.

אוי, וואו איז מיין אָרט,
דו גאָט מיינער, זאָג!
אין אומעט פאַרגייט
אַ טאָג נאָך אַ טאָג...

וויען, 1904

אַ געזינד זאַלבע אַכט

אַ געזינד זאַלבע אַכט,
און בעטן נאָר צוויי, —
און קומט אָן די נאַכט,
וואו שלאָפן דאָן זיי?

דריי מיטן טאַטן,
און דריי מיט דער מאַמען —
הענטלעך און פיסלעך,
געפלאָכטן צוזאַמען.

און קומט אָן די נאַכט,
מ׳דאַרף מאַכן די בעטן,
דאָן הויבט אָן די מוטער
דעם טויט אויף זיך בעטן.

זי מיינט מיט אַן אמת, —
עס איז נישט קיין וואונדער:
אויך ענג איז אין קבר,
דאָך ליגט מען באַזונדער...

וואַרשע, 1899

לויטערע טרערן...

איך האָב זיי געגעבן
דאָס שענסטע פון לעבן;
לויטערע טרערן ווי גאָלד,
זיי האָבן מיט שטיינער געצאָלט!

נו, וועל איך מיך איצט דאָך ניט קלעמען,
די שטיינער, זיי וועל איך מיר נעמען,
איך ווייס אויך מיט שטיינער צו האַנדלען:
איך וועל זיי אין פערלען פאַרוואַנדלען.

קאָוונע, 1897.

דאָס נייע ליד

און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שלום.
דאָך קומען וועט,
צי פרי, צי שפּעט
די צייט — עס איז קיין חלום!

איך הער דאָס ליד,
פון ליבע, פריד,
די מעכטיקע געזאַנגען.
און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אויפגעגאַנגען.

עס עקט די נאַכט,
די וועלט ערוואַכט
פול האָפנונג, לוסט און שטרעבן.
איך הער — אין לופט
אַ שטימע רופט:
צו גליק און פרייד און לעבן!...

וואַרשע, 1899.

דער אָדלער

כ'האָב געזען דעם אָדלער
אין אַ שטייג פון אייזן,
וואו ער קען זיין פליען
קיינמאָל ניט באַווייזן;

וואו די פליגל זיינע,
ווען ער וויל אויפהייבן,
ווערן זיי צעשלאָגן
אָן די גראַטעס אויבן...

און איך האָב געזען
אויף זיין בליק דעם שאַרפן...
וואָס ער פלעגט פון דאָרטן,
פון דער שטייג מיר וואַרפן...

און איך האָב געלערנט,
וואָס הייסט פ ר י י ה י י ט זוכן,
דריקער צו פאַראַכטן
און געפאַנגשאַפט פלוכן...

ווין, 1904.

דיין בילד

דו האָסט מיר דיין בילד ניט געגעבן
— פאַר לייטן האָט דיר ניט געפּאַסט;
דאָך האָב איך, מיין נחת, מיין לעבן,
דיין בילד אין מיין האַרץ איינגעפאַסט.

ניט שרעק זיך, כ'וועל קיינעם ניט זאָגן,
און קיינער וועט וויסן דערפון:
דיין בילד נאָר אין האַרץ וועל איך טראָגן
פאַר שטערן, לבנה און זון...

מינסק, 1898

בלאָנזשע!

טויזנט וועגן, טויזנט שטעגן,
נאָר דו זאָלסט ביי קיינעם פרעגן;
גיי אַהין און גיי צוריק —
נאָר אין בלאָנדזשען ליגט דאָס גליק!

בלאָנדזשען זאָלסטו טעג און יאָרן,
דאָ אַ בלום און דאָרט אַ דאָרן...
גיי אַליין און קיינעם פרעג — —
זע ווי ס'ווינקט דער נייער וועג!...

צו אַ געפאַלענער פרוי

פייכטע, מאַטע, מידע אויגן,
בלייכע באַקן — אויסגעצויגן,
דאַרע איינגעפאַלענע ברוסטן
מיט אַ הייזעריקן הוסטן — —
אויף וואָס טויגסטו איצט דער וועלט?

שוין פאַרוועלקט די שיינע גלידער,
און די ליבע גוטע־ברידער
ועלן שוין צו דיר ניט קומען, —
יונגע בלומען, פרישע בלומען
קריגט מען קויפן היינט פאַר געלט!

עס גיבן אין לעבן...

עס גיבן אין לעבן
אָפט פינצטערע טעג:
דו שלעפּסט זיך און בלאָנדזשעסט
און ווייסט ניט קיין וועג.

באַגעגענסט באַקאַנטע,
זיי הייבן די היט, —
דיין צער אויסצורעדן
דאָך קענסטו זיי ניט;

עס ציען זיך גאַסן
און הייזער אָן שיער, —
און ווייסט ניט וואו זאָלסטו
אויפמאַכן אַ טיר.

אָט שטעלסטו זיך נידער,
דו קלינגסט, דאַכט זיך, אָן,
נאָר באַלד אָבער פרעגסט דו:
וואָס וועסט דו דאָ טאָן?...

און פילסט זיך ווי איבריק,
און בלאָנדזשעסט אַרום,
אַ וויטאָק אַ טיפער
אין האַרצן נאָגט שטום.

זע, דער הימל...

זע, דער הימל אויסגעשטערנט,
און דערציילט פון פרייד און גליק;
כ'האָב זיין שפּראַך זיך אויסגעלערנט,
צייט איך האָב דערקענט דיין בליק.

צייט דיין בליק איז מיר פאַרלאָשן,
און פאַרשוואונדן, ווי אַ רויך,
רעד איך נאָר אויף שטערן־לשון,
און איך רוף דיך פון דער הויך! —

1898, מינסק

סודות

דאָס לעבן פול מיט סודות,
דאָס איינע ווייסטו קלאָר;
אַזוי די עלטער־זיידעס,
אַזוי פון היינט דער דור.

ס'איז אַלץ ניט צו דערקלערן
און ווען אַפילו יאָ —
צו וואָס נאָך צו פאַרמערן
די צווייפלען וואָס נאָך דאָ...

און ווער קען דען באַשליסן
וואָס אמת און וואָס ניט;
ס'איז סיי־ווי שווער צו וויסן
אויף וועלט דעם מענשנ'ס טריט.

דער וועג איז אַ געדרייטער,
אָפט פריידיק און אָפט באַנג, —
געווענדט איז איינס אין צווייטן.
און ס'לאָקט דער ווייטסטער גאַנג...

פון ווייטן...

פון ווייטן דיין פריינט...
דערמאָנסט זיך אָן אים;
אָפט דאַכט דיר, דיר שיינט,
דו הערסט דאָ זיין שטים.

און ווער ס'איז גערעכט —
צי דו, אָדער ער,
אין איינזאַמע נעכט,
זיין וואָרט — דיין באַגער.

אין בענקשאַפט, ווי דו,
אַזוי אפשר ער;
דו הער זיך בלויז צו —
אַ רופן דערהער.

ווער האָט אַ באַגריף
אין צווייטנ'ס גענאַד?
מען רופט פון דער טיף
און ס'בלייבט ווי אַ סוד...

דריטער בוך

די ליבע היים

מיין צוריקקער אַהיים

(פּאָעמע)

1

אומגעוואַנדערט און געוואָגלט
האָב איך אין דער פרעמד פיל יאָרן,
איבערדריסיק און פאַרמיאוסט
איז דאָס לעבן מיר געוואָרן.
אָ, די גרויסע שטעט, די גאַסן
מיט די ריזיק־הויכע מויערן
האָבן מיך פון ווייט געשראָקן —
נאָך מיין היים פלעג איך דאָרט טרויערן,
נאָך דעם קליינעם, ליבן שטעטל,
נאָך די געסלעך, — עלענד, אָרעם;
נאָך די שטיבעלעך די קליינע —
נאָך די לעבעדיקע קברים.
נאָך די קברים! דאָך געצויגן
צום בית־עולם, צו דעם אַלטן;
אָ, ווי פיל געשטאַלטן ליבע
ליגן דאָרטן טיף באַהאַלטן.
טיף באַהאַלטן, דאָך וועל איך זיי
פון דער ערד צוריק אויסגראָבן,
מיט פאַרלוירענע זען זיך ווידער
וויפיל נחת וועל איך האָבן!
כ׳האָב די גרויסע וועלט פאַרלאָזן,
בין געפלויגן ווי אויף פליגל,
צו מיין שטעטל, וואו געשטאַנען
איז אַמאָל מיין קינדהייטס וויגל.

2

כ׳האָב דערקענט דיך ליבע שטעטל,
האָסט זיך פיל ניט אומגעביטן!
איך דערקען די געסלעך דיינע
און דעם גרויסן מאַרק אינמיטן,
אַח, ווי טרויעריק ווייזט עס אויס מיר;
אַלע הייזער אַלט געוואָרן,
און די שויבן פון די פענצטער
קוקן פינצטער, פול מיט צאָרן!...

* * *

חיים לייזערס הויז — וואו איז עס
מיט דעם גאַניק מיט דעם לאַנגן,
וואו עס פלעגט זיך שטענדיק הערן
לוסטיק לאַכן און געזאַנגען?
רייך געווען איז חיים לייזער
און אַ בעל הבית אַן עכטער,
אַ פרנסה שטוב אַ גרויסע
און צוויי שיינע, יונגע טעכטער.
איך געדענק די עלטערע, ביילע,
מיט די שוואַרצע, גרויסע אויגן,
וואָס זיי פלעגן שטענדיק לאַכן
און מיין האַרץ צו זיי געצויגן.
כ׳פלעג אָפט קומען אויפן גאַניק
אין די זומער־נעכט צו זיצן
מיט די טעכטער, מיט די שיינע,
און פלעג שפּאַסן, זאָגן וויצן.
זייער לאַכן פלעגט דאַן קלינגען,
ווי געזאַנג פון נאַכטיגאַלן —

אַך, וואו זענט איר, ליבע טעכטער,
אַח, וואו זענט איר איצט פאַרפאַלן?
שלעכטע צייטן! חיים לייזער
איז פאַראָרעמט לאַנג געוואָרן,
נאָך אַמעריקע די טעכטער
זיינען דאַן אַוועקגעפאָרן.
דאָס האָט מיר דערציילט די מוטער
מיט פאַרוויינטע, פייכטע אויגן:
„מיינע לוסטיקע צוויי פייגל
זיינען איבער ים פאַרפלויגן!"
„מיינע לוסטיקע צוויי פייגל!"
האָט זי מיט די הענט פאַרבראָכן —
„זעט, אַ תל פון הויז געוואָרן,
און דער גאַניק איז צעבראָכן"...

3

ניט פאַרגעסן אויך דעם שולהויף,
וואו עס שטייט די תלמוד תורה,
כ׳האָב באַטראַכט זי נאָר פון וויטן,
ווייל פון נאָענט איז אַ מורא...
כ׳האָב דערקענט די אָרעמע קינדער —
באָרפוס, נאַקעט און דערשלאָגן;
און גערירט פון זייער עלענד
האָט דאָס האַרץ געוואָלט וואָס זאָגן:
אַ, איר תלמוד־תורה קינדער!
כ׳קוק אויף אייך מיט פייכטע אויגן —
ספרים טראָגט איר ניט אין ראַנצעס —
וואָס־זשע גייט איר איינגעבויגן?
וועלכע שווערע משא קרימט אויס
יונגערהייט נאָך אייער רוקן?
איז די תורה אַזוי שווער אייך
אָדער איז דאָס ברויט צו טרוקן?"
נאָר זיי האָבן ניט געענטפערט,
האָבן קענטיק שוואַך פאַרשטאַנען;
און געקוקט דערשטוינט, פאַרוואונדערט:
אַט די ווייכקייט קומט פון וואַנען?...

זיי, די אָרעמע און פּאַריתום׳ט,
זיינען נאָר געוואוינט צו ווילדע
זידלעריי און קלעפּ און קניפּן,
אָבער ניט צו ווערטער מילדע...

4

כ׳האָב געוואָלט זען דעם בית המדרש,
בין אין אים אַריינגעגאַנגען —
אַך, ווי האַרצלעך און ווי פריינטלעך
האָט מיר יעדער דאָרט עמפּפאַנגען!
אַ באַקאַנטער, צי אַ פרעמדער
האָט זיין האַנט מיר אויסגעצויגן
און עס האָט „שלום עליכם"
העל געלויכטן אין די אויגן.
כ׳האָב דערקענט די אָרעמע שכנים,
צווישן זיי אויך חיים בערן,
מיין אַמאָליקן מלמד —
כ׳האָב דערקענט אים אָן זיין שטערן
מיט די פילע, פילע קנייטשן,
טיפער זיינען זיי געוואָרן...
„וואָס־זשע מאַכט איר ליבער רבי,
ווי האָט איר געלעבט די יאָרן?
און בייטאָג אין שול וואָס טוט איר?
ס׳איז מיר עפּעס ניט געפעלן,
אָדער זענט איר רייך געוואָרן
און האָט אויפגעהערט צו קנעלען?"
ליבער זון! האָט ער געענטפערט —
כ׳בין ניט רייכער, ס׳האָט מיין צעטל
ניט געוואונען, דאָך בין איך שוין
אויס מלמד אין מיין שטעטל.
ליבער זון! אויף אונזערע אידן
קומט אַ צרה נאָך אַ צרה;
מער נישטאָ שוין יענע יאָרן —
ווער עס לערנט לאַנג גמרא...
מ׳לערנט אויס נאָר איצט אַ אינגל
דאַוונען, חומש, וועלכע ברכה;
איידער נאָך ער ווערט בעל־מצוה
גייט ער לערנען אַ מלאכה!"
— וואָס־זשע טוט איר ליבער רבי,

וואו־זשע נעמט איר זיך צום לעבן?
„כ'האָב פאַרקויפט, מיין זון, דאָס שטיבל
און מיין טאָכטער אויסגעגעבן.
דו געדענקסט מיין קליינע שטיבל,
מ'האָט געדאַרפט עס איבערבויען,
דאָך איך קען עס ניט פאַרגעסן,
ס'רייסט דאָס האַרץ, מיר, מעגסט מיר
טרויען...
נאָר צוריק די אייגענע מעשה...
שטותים! כ'האָב געמוזט פאַרקויפן;
דו געדענקסט דאָך נאָך מיין בתולה...
און די יאָרן, אוי זיי לויפן...
לאָזן זיצן איז קיין תכלית,
ז'איז געווען אַ היבשע בתולה,
נאָר אין אָרעמקייט וואָס העלפט עס?
שיין אָן געלט איז ניט קיין פעולה.
פאָר אַ בעל־מלאכה... מילא...
נאָר פאַרדעקן מיט אַ שלייער...
— וואָס־זשע טוט איר איצטער רבי?
„כ'זופּ בייטאָג אַביסל זוהר".
— נייך, כ'מיין פון וואַנען לעבט איר?...
„פרעג, מיין זון, ניט — לאָז צופרידן —
מיט דעם בורא'ס הילף — עס לעבט זיך,
ווי עס לעבן אַלע אידן..."

5

אין בית מדרש אין אַ ווינקל
האָט אַ אינגל זיך פאַרקליבן
און מיט גרויס געפיל, התמדה
האָט ער עפּעס דאָרט געשריבן.
כ'האָב באַטראַכט אים — הויט אוןביינער
און די בעקלעך איינגעצויגן,
קוים אַ צייכן פון אַ פּנים,
נאָר עס פינקלען זיינע אויגן.
איך בין צו אים צוגעגאַנגען
און געפרעגט: וואָס שרייבסטו ליבער?
ער האָט זיך פאַרשעמט, דערשראָקן
און געציטערט, ווי אין פיבער...
גאָר נישט — האָט ער קוים געענטפערט,
כ'האָב מיר ליב צו מאָלן תמיד...
כ'מאָל פון גרויסע לייט די בילדער —
אויך מיין אַרבעט איז דער עמוד...
אין דער היים איז ענג און פינצטער
און די קליינע קינדער שרייען,
שרייב איך דאָ מיר אין בית מדרש —
כ'מאָל איצט — „הבל'ן הרג'ט קין"...
ס'האָט געזען אַמאָל דער דאָקטער
מיינע אַרבעט, די פּאַפּירן —
כ'וואָלט אַ „לייט" געווען, זאָגט ער
ווען געקענט וואָלט איך שטודירן.
סהאָט מיין טאַטע שטאַרק צעלאַכט זיך
אויף דעם דאָקטערס רייד אין גאַנצן;
מיין זון שיקן אין די קלאַסן, —
אפשר זאָל איך גיין איצט טאַנצן..."

6

טרויעריק בין איך פון בית מדרש
און באַטריבט אַרויסגעגאַנגען,
אָנגעפילט מיט צער פון ברידער,
פול מיט זייערע פאַרלאַנגען...
כ'האָב געלאָזן גיין זיך ווייטער
גיין און גיין... איך זאָל פאַרגעסן
אַלע שווערע, גרויסע פראַגן,
וועלכע דריקן מיך און פרעסן.
גייענדיק פאַרטיפט אין אומעט,
בין איך צו דעם טייך געקומען
און אַ טיפער, אַלטער קומער
האָט מיין וועזן דורכגענומען.
זיי געגריסט מיר, מיין ליב טייכל,
אַ, ווי פלעג איך נאָך דיר בענקען!
שטייענדיק ביי גרויסע טייכן
פלעג איך דאָרט אויך דיך געדענקען.
רוהיק, שטיל פליסט דאָ דיין וואַסער,
ביי דיר רוישן ניט קיין כוואַליעס,
דיינע שיפן — שטיקלעך שמאַטעס

שווימען — צייכנס פון דעם דלות.
זומער צייט אין דיינע וואַסער
וואָלט אַ תענוג ווער געפינען,
טריקענסטו דאַן אויס אינגאַנצן,
דיינע וואַסער ווערט אַנטרינען...
ווינטער צייט ווערסטו פאַרפרוירן
און מיט שניי פאַרדעקט, פאַרשאָטן...
דאָך האָב איך דיך ליב, מיין טייכל,
כ'וואָלט פון דיר ניט אָפּגעטראָטן.
אמת, כ'האָב געזען שוין טייכן,
וואו די כוואַליעס שוימען, ברומען,
וואו דאָס וואַסער — שטאַרק און מעכטיק,
דאָך בין איך צו דיר געקומען.
יאָ, צו דיר האָט מיך געצויגן,
דאָרט בין איך געווען אַ פרעמדער, —
— איך געדענק, ווי ביי דיין וואַסער
פלעגט מיין מאַמע וואַשן העמדער...
און דערמאָן איך אין מיין מוטער
ווערן די אויגן פול מיט טרערן...
נעם זיי צו צו דיר, ליב טייכל,
וועסטו טרוקן קיינמאָל ווערן...

7

קומענדיק אַהיים, צום זיידן,
דאָרט איז מיין קוואַרטיר געוועזן —
האָט די באָבע מיר אַ גאַנצע
לעקציע אָנגעהויבן לעזן:
„וואו ביזטו דאָס אויסגעוועזן?
און אונדז האָסטו גאָר פאַרגעסן;
האָסט זיך נאָר דערמאָנט צו קומען
ווען פאַרוואָלט האָט דיר זיך עסן...
מילא איך בין דיר עס מוחל —
האָט זי ליבלעך צוגעגעבן —
ביזט אַ יונגערמאַן, עס ווילט זיך
אומשפּאַצירן, ס'ווילט זיך לעבן.
איך בין אויך אַמאָל געוועזן
יונג און ליב געהאַט צו שפּילן;
אָך, וואָס איך פלעג אויסשפּאַצירן
און קיין מידקייט קיינמאָל פילן.
איצטער — אַנדערש! נאָר מחשבות
כ'האָב פאַררעדט זיך און פאַרגעסן,
ביזט אַ הונגעריקער נעביך,
נעם אויף גיך און וואַש זיך עסן".
גוט האָט מיר געשמעקט דער באָבעס
אירע איינפאַכיקע שפּייזן:
שמאַלץ מיט רעטעך, אין דער פרעמד דאָך
האָב איך ניט געקענט ס'דערווייזן.
לאַכט איך, ברידער, פון דעם מאכל,
וואָס איר ווילט דאָס זאָגט און רעדט אייך,
איך בין דאָך ביי מיינס, עס שמעקט מיר
אונדזער מאכל — שמאַלץ מיט רעטעך...
און אויף פלייש — האָט מיר די באָבע
ווייך געזאָגט — ניט האָב פאַראיבל —
וועסט אין שטאָט אַ לויט ניט קריגן,
זאָלסט באַצאָלן כאָטש אַ רובל.
די קצבים ווייִנען קלאָגן,
ווילן מאַכן אַן אסיפה:
צען שטיק צוגעגרייט אויף שבת
און דער רב געמאַכט האָט טריפה...
די קצבים — גראָבע יונגען,
פרעג, וואָס קענען זיי פאַרהיטן?
זאָל מען דען דעם שולחן־ערוך
מער ניט לערנען, גאָט זאָל היטן!...

8

שבת פרי בין איך געגאַנגען
אין בית מדרש מיטן זיידן,
אין דעם זעלביקן בית מדרש,
וואו איך האָב אַמאָל אין פריידן
אין מיין קינדהייט נאָך געדאַווענט
מיטן טאַטן פון איין סידור...
און דערמאָן איך יענע צייטן
הויבט דאָס האַרץ אָן פרייען ווידער...
און עס הייבט אָן שטאַרק צו קלאַפּן
און צו ווייִנען און צו בעטן...
און איך פיל מיך, ווי מלאכים

וואלטן מיך מיט פליגלען גלעטן...
אין דעם זעלביקן בית מדרש —
אַז, דערקען איך זי, די בימה,
וואו דער חזן זינגט, צוגיסט זיך
אויף זיין טרויעריק־זיסער שטימע.
אַך, ווי רירענד זינגט דער חזן!
ס׳העלפט אים אונטער נאָר איין בחור —
וואָס־זשע ווייַנט ער? אויף דעם אפשר
וואָס עס קלעקט אים ניט דער „וואָכער״...
און וואָס רייסן זיך די טענער
מיט אַזאַ געבעט און ברומען?
אפשר, וואָס די שכירות זיינע
איז פון גבאי שווער באַקומען?
אַ וואָס שפּרייט ער זיינע הענט אויס
און ער בעט זיך ביי דעם עולם?
אפשר וויינט ער וואָס זיין האָפנונג
איז בלויז אלול דער בית עולם?...
נאָר געענדיקט האָט דער חזן,
אויסגעזונגען — זיך אַ חיות,
אָנגעהויבן האָט דער גבאי —
צו פאַרקויפן די עליות
ווי אַמאָל... ניט אומגעביטן
האָט מען נאָך דעם ווּעט דעם ווילדן!
און ס׳פאַרקויפט זיך משה׳ס תורה
אויפן רובל, אויפן גילדן.
שישי איז נאָך אַלץ אַ יקרות
און דער מקח ברענט פלאַם־פייער...
און רביעי און חמישי
איז נאָך עד היום ניט טייער...
יאָ צו ששי נאָך עד היום
האָט ר׳ בער אַ גרויסע תאוה;
אָט־אַ שטייגט ער אויפן בימה
און ער בלאָזט פון זיך מיט גאוה!
און ער גייט אַראָפּ פון בימה,
גלעטנדיק זיין גביריש בייכל,
ווי געזאָגט וואָלט ער: רבותי,
ששי איז אַ גרויסער מאכל!
עפּעס פיל איך מיך נאָך ששי —
בין אַ בעל הבית אַ יוסטער,
בין ר׳ בער... איר קענט ר׳ בערן!
ניט קיין שניידער, ניט קיין שוסטער...
און די שניידער און די שוסטער
קוקן אויף ר׳ בער פאַרדריסלעך,
אַך, ווי וואָלטן זיי, די אָרעמע,
טועם־זיין אויך ווען צו ביסלעך
פון דער תורה׳ס שענסטן חלק,
און ניט מאָגערס גאָר דאָס לעבן,
אַ בכבודיק עליה
דאָס אויך קיינמאָל זיי ניט געבן...

9

זונטיק פרי בין איך געגאַנגען
אויפן מאַרק היז־הער און ווידער,
צו באַקוקן און באַטראַכטן
פון וואָס לעבן מיינע ברידער.
אַ, דעם גרויסן מאַרק מיט בלאָטע
האָט מען אונדז אָוועקגעגעבן:
נעמט מען צו דעם מאַרק מיט בלאָטע,
נעמט מען צו אויך אונדזער לעבן...
צווישן פילע נייע קרעמער
האָב איך קוים דערקענט נאָר איינע, —
זאָל דאָס ווייבל זיין דען רחל,
זאָל עס רחל זיין די שיינע?
רחל, רחל — בנאמנות!
איך דערקען זי נאָך פון ווייטן —
כאָטש זי האָט זיך אומגעביטן,
גאָר ניט די פון יענע צייטן,
ווען כ׳בין אינדערהיים געוועזן
און געקענט זי נאָך אַלס פריילין...
איך געדענק נאָך אירע אויגן
מיט די בליקן, ווי די פיילן.
רחל רחל, ליבע רחל!
בין איך צו איר צוגעלאָפן —
ביזט אַ קרעמערין געוואָרן?
זאָג, ווי האָט זיך עס געטראָפן?!
אַ, דערצייל מיר, ליבע רחל,

וואָס האָט דיך געבראַכט צו דאַנען?
ביזט געווען אַ שטאָלצע פריילין
און פלעגסט לעזן אָפּט ראָמאַנען.
און דיין פרייע ברוסט — פול לעבן,
פלעגט זיך, לעזנדיק, אויפהייבן,
און מיט דיינע שוואַרצע אויגן
פלעגסטו קוקן ווייט, פול גלויבן.
איך געדענק דאָך דיינע טרוימען,
פלעגסט זיי עפּטער מיר פאַרטרויען,
און אַ וועלט פול גליק און ליבע
פלעגסטו דאַמאָלס זיך אויסבויען.
און די וועגן צו דיין צוקונפט
האָסטו אויסגעשפּרייט מיט בלומען!
וואו־זשע זיינען דיינע גליקן,
ווי ביזטו דערצו געקומען?
אין אַ קרעמל — ענג און פינצטער —
זיצטו איצט פאַרדעקט מיט טרויער,
און די שיינע אויגן דיינע
קוקן אויס אַ קונה, אַ פּויער...
און די זיסע שטימע דיינע,
וועלכע פלעגט ראָמאַנסן זינגען,
ווערט איצט הייזעריק און טרוקן
מיט דעם קונה זיך צו דינגען...
טרויעריק האָט זי מיר געענטפערט:
„מאַלע וואָס עס איז געוועזן —
בין אַמאָל געווען פאַרנאַרישט,
און געהאָפט, געגלויבט, געלעזן.
און מיין יונגע בלוט פלעגט קאָכן
פלעגט זיך אָנצינדן און זידן
און פלעג גלויבן דאָן און האָפן
אויף אַזוינס, וואָס ניט פאַר אידן...
און די יאָרן פליען, פליען,
און איך ווער אַלץ עלטער, עלטער...
די חלומות שווינדן, שווינדן
און דאָס בלוט ווערט קעלטער, קעלטער...
די געביידן אַלע מיינע,
פיל איך, הויבן אָן צו פּלאַצן
און איך הער אין גאָס די ווייבער
מיינע יאָרן, ווי זיי שאַצן...
כ׳האָב געהערט עס, און מיין יוגנט
האָב איך שטיל באַוויינט מיט טרערן,
און געמוזט האָב איך אַ כלה
פאַר דעם ערשטן חתן ווערן...
יאָ געמוזט: מיין גוטע מוטער
האָט געוואָלט פון מיר זען נחת:
„ווער, מיין ליב קינד, ווער אַ כלה,
אונדזערע שונאים צו־להכעיס“.
און זי האָט דערלעבט דעם נחת,
וואָס זי האָט געוואַרט פיל יאָרן:
ער — אין שטעטל גיט אָפּ „שטונדן“
איך — אַ קרעמערין געוואָרן!...

* * *

ווייניק נחת, ליבעס שטעטל,
האָב איך איצט אין דיר געפונען,
פון אַמאָל דיין חן, דיין ביסל
איז שוין אויך פון לאַנג צערונען.
כ׳האָב געבענקט נאָך דיר פון ווייטן,
כ׳פלעג אויף דיר דאָרט שטענדיק האָפן —
אָרימער נאָך ווי געלאָזן,
האָב איך איצטער דיך געטראָפן!

(קוידאַנאָוו—קאָוונאָ, 99—1898)

אין קלויז

כ׳קום אַריין אין קלויז אין אַלטן —
אַך, ווי טרויעריק, טריב און דונקל!
לער פון לערנער, נאָר דער שמש
דרימעלט אויף אַ באַנק אין ווינקל...

וואו־זשע זיינען די בחורים
ביי די גמרות מיט דעם ניגון,
וואָס ער פלעגט מיר די נשמה
דאָ דערהויבן, דאָ פאַרוויגן?

וואו־זשע איז דער הויכער „תנו“
פון דעם קלעצקער, פון דעם בעלזער,
מיט די זיסע שטאַרקע טרעלן,
אויסגעדרייט פון יונגע העלדזער?

וואו־זשע זענט איר אַלע קולות?
אַך, ווי באַנג אין קלויז דאָס שטומען?
און דער אַלטער שמש רירט זיך
און איך הער אים טרויריק ברומען:

שיין פון דיר, דו גוטער אורח,
דו געדענקסט נאָך אַלטע יאָרן...
יענע קלעצקער, יענע בעלזער
זיינען טאַטעס שוין געוואָרן.

וואַגלען, פלאָגן זיך אין גלות,
אין דעם וויסטן, אין דעם לאַנגן,
און די קלעצקערס, בעלזערס קינדער
אויף אַ נייעם וועג געגאַנגען...

די היים

דרויסן גיסט דער רעגן,
און עס וויינט דער ווינט:
אין דער היים צו זיצן,
אוי, ווי גוט אַצינד!

ס׳מורמעלט שטיל די מאַמע:
אַז ס׳קומט דער ווינטער אָן!“
טרויעריק איז איר שטימע,
דאָך ווי ליב דער טאָן:

נעפּלדיק די שויבן,
דונקל איז אין שטיב, —
דאָך צו זיצן דאָרטן
אוי, ווי ס׳וואָלט זיין ליב!

אומעטיק דער טאַטע,
אומעטיק פאַרטראַכט,
דאָך זיין שטומע ליבע
אַלע אונדז באַוואַכט.

אין גרויסער וועלט

(פּאַראָדיע)

שוואַרצע פראַקן און ווייסע קליידער,
יעדע פרוי — אַ ליבלעך וועזן,
רעסטאָראַנען און טעאַטערס —
וואָלטן טאַלערס נאָר געוועזן!

טאַלערס אין די פּוסטע טאַשן,
וואָלט איך אַלץ געקענט געניסן,
אַ, צו זען עס בלויז מיט ד׳אויגן,
ווערט דאָס האַרץ צעפּלאַצט, צעריסן!

כ׳וועל צוריק אַהיים אַנטלויפן,
וואו די קליינע שטיבלעך שטייען,
וואו די ווייבלעך טראָגן הייבלעך,
און די קינדער באָרוועס גייען.

כ׳וועל צוריק אַהיים אַנטלויפן,
וואו עס פּאַשען זיך די ציגן:
וואו דעם שענסטן, גרעסטן רעטעך
קען מען פאַר אַ גראָשן קריגן:

כ׳וועל צוריק אַהיים אַנטלויפן,
וואו עס קלאַפּן ניט קיין רעדער:
וואו פון הייזל ביז צום קלייזל,
גייט צופוס פּאַמעלעך יעדער.

זיי געזונט, דו שטאָט, דו רייכע,
לאָזט צו מיר זיך ניט דערקאָנען;
כ׳וועל צוריק אַהיים אַנטלויפן
און מיט טרערן דיך דערמאָנען.

וואַרשע, 1900.

באַלעבאַטישער מוסר

די שענסטע געפילן אין האַרצן באַהאַלט,
דיין פלאַמיקע ברוסט קיל זי אָפּ, מאַך זי קאַלט,
און אַלע פאַרלאַנגען באַהערש און פאַרשטיק,
און רייס אָפּ מיט געוואַלד פון די הימלען דיין בליק.

צורו לאָז די מענטשן אָן גייסט, אָן פאַרשטאַנד,
און קריג זיך מיט קיינעם, גיב יעדן דיין האַנט;
און זוך ניט אין לעבן קיין ציל און קיין ברעג,
נאָר שלעפּ זיך אָן קשיות דעם זומפּיקן וועג, —

דאַן וועט מען דיך לויבן: ביזט קלוג און ביזט פיין
און — — — אַ דאַך וועסטו האָבן און עלנט ניט זיין...

צום אַלטן יאָר
(תרס״ג)

פאַרגאַנגענער יאָר, נעם דאָס פּעקל,
די בלוטיקע קליידער נעם צו;
שוין גרייט אין די פורה מיטן גלעקל
און פאָר שוין, און לאָז אונדז צו רו.

ווילסט זאָגן וואָס, ווילסט זיך געזעגענען,
מען דאַרף ניט... מיר קענען דיך גוט...
און וועסטו דאָס ניי־יאָר באַגעגענען —
נעם ליינקס! ניט פאַרשפּריץ אים מיט בלוט!...

וואַרשע, תרס״ד.

דער שטויב פון דער וועלט...

דער שטויב פון דער וועלט איז געפאַלן אויף מיר,
און קראַנק בין איך, קראַנק;
די ליבע — זי וועלקט טיף אין האַרצן ביי מיר,
אין קאָפּ — דער געדאַנק...

און ווער קען מיך היילן? נישטאָ אַזאַ מענטש,
נישטאָ אַזאַ לאַנד!
און וואָלסטו דעם הימל דערגרייכן געוואָלט —
ווי קורץ איז דיין האַנט...

בערלין, 1907.

אין דער היים

אין דער היים דאָרט אין דער אַלטער
איז שוין הערבסט לאַנג, טריבער וועטער.
פון די בוימער פאַלן בלעטער
און עס בלאָזט אַ ווינט אַ קאַלטער.

אין דער היים דאָרט וואַנדלען אום׳עט
טונקעלע, פינצטערע געשטאַלטן — — —
אין בית־מדרש אין דעם אַלטן
שוועבט אַרום אַ גרויער אומעט.

אין דער היים דאָרט אַלעס שרעקט זיי...
בלעטער פאַלן, ס׳וועלקען גראָזן,
הייזלעך שטייען וויסט פאַרלאָזן
און אַ קראָהע קומט און וועקט זיי...

אין דער היים דאָרט לעבט זיך שווער זיי,
טראָגט זיך אין דער לופטן ווייען,
איינגעהאַלטענע געשרייען —
אין דער ווייטער היים — איך הער זיי!...

ניו־יאָרק, 1915.

איצט פאַרשטיי איך

איצט פאַרשטיי איך, וואָס די פייגל
זינגען אַזוי לוסטיק, פריילעך;
אין דעם גרויסן וואַלד דעם גרינעם
הערשט ניט איבער זיי קיין מלך.

יעדעס גרעזל, יעדעס בלימעל
איז פאַר אַלע פריי און אָפן,
און די וואוינונגען בחנם —
אַלע האָבן וואו צו שלאָפן...

איצט פאַרשטיי איך, וואָס די פייגל
זינגען, קלינגען — ליב און ליבער;
אָך, זיי זינגען, וואָס זיי ווילן,
קיינער, קיינער שלאָגט ניט איבער...

צו...

קינד! איך רוף דיך אין מיין צער;
ווען איך לעב אין פאַרגעניגן
האָב איך ניט קיין לוסט צו זיגן,
ניט איך בענק און ניט איך גאָר.

ליבעס קינד! אין עלענט קום,
ווען אין האַרצן דריקט דער יאָמער
און אין מוח פרעגט דער „טאָמער״ —
נעם איך פעסט דיך, פעסט אַרום!...

וואַרשע, 1902.

וואָס מאַכט איר?

וואָס מאַכט איר, איר אָרעמע ברידער
אין צענדליק געפלינדערטע שטעטלעך?
האָט איר שוין אַריינגעשטעלט פענצטער?
האָט איר שוין פאַרריכט אייערע בעטלעך?

האָט איר שוין נדבות באַקומען,
וואָס רעגנט פון אַלע וועלט־עקען?
צי וועט עס, אַ, אָרעמע ברידער,
די פענצטער כאָטש אַנגלאָזן קלעקן?

האָט איר שוין באַוויינט אייערע טאַטעס
און מאַמעס, און שוועסטער, און ברידער?
צי ציטערט איר אַלץ נאָך, ווי בלעטלעך
ביים קלענסטן, ביים מינדסטען גערידער?

צי זענט איר נאָך אַלץ ניט פאַרזיכערט
מיט דעם, וואָס איר רופט כלומרשט לעבן;
צי דאַכט זיך אייך אַלץ נאָך, אַז ווייניק
האָט איר זיי קרבנות געגעבן?...

צי גלויבט איר אין בעסערע צייטן,
אין זיג, און אין טרייסט און נחמה?
פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל כאָטש די האָפנונג
אין אייער פול־יאוש נשמה?...

וואַרשע, 1906.

פון טאָל

גאָט, נעם מיך פון טאָל פון בעטריבטן אַרויס,
ווען ניט גייט מיין לעבן, מיין חיות מיר אויס.
דאָ לעשט זיך מיין זעעלע, אַזוי ווי אַ ליכט,
וואָס צאַנקט אין אַ שענק מיט שכורים געדיכט:
דאָ שלעפּ איך מיך אום, דערשראָקן און בלאַס,
אַזוי ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע קינד אין אַ גאַס...

בערלין, 1907.

ביי דעם גאָרטן

ביי דעם גאָרטן שטייט דער אָרעמער
אָפּגעשליסן, אָפּגעריסן:
קוקט, ווי ס'אַרבעט טריי דער וועכטער
בוימער, בלומען צו באַגיסן.

לאַנג, שוין לאַנג האָט ניט גערעגנט,
אין חלשות בלומען פאַלן,
און עס מינטערט זיי דער וועכטער
מיט די וואַסער פון די קוואַלן.

און מקנא איז דער אָרעמער
זיי, די בוימער און די בלומען:
הונגעריק איז ער און פאַרלאָזן,
און ער האָט ניט וואו צו קומען.

און פאַר איינזאַמקייט, פאַר עלנט
מוז ער אַזוי יונג פאַרדאַרן,
קיינער וועט אים ניט דערפרישן,
ווער קען זיין וועלקן אַרן?...

וויען, 1904.

די עפּל-פאַרקויפערין

דראָבנע טראָפּן גיסט דער רעגן
לאַנגע שעה'ן נאָכאַנאַנד;
מיט דעם קוישל עפּל, באָרבעס
זיצט די אָרעמע ביי אַ וואַנט.

זי באַטראַכט מיט אַנגסט און שרעקן
איר פאַרמעגן און איר גרוילט,
און מיט ציטערדיקע ליפּן
קלאָגט זי שטיל: עס פוילט, עס פוילט!

יעדער קונה, טראַכט די אָרעמע,
טאַפּט די פרי, דריקט און דריקט
און דערצו נאָך האָט די רעגנס
אַזוי פרי גאָט אָנגעשיקט.

אַלע פרעסן, אַלע דריקן,
גאָט און מענטשן — ווי דאָס גרוילט!
און צוזאַמען מיט איר סחורה
זיצט די אָרעמע און פוילט...

דער קראַנקער בוים

ווי נאָר ס'הויבט דער בוים אָן דאַרן,
דאַרט ער שוין און דאַרט;
ס'וועט ניט היילן אים דער פרילינג,
וואָס ער וואַרט און וואַרט.

גרינען וועלן ניט די בלעטער
אויף די צווייגן מער;
און קיין פייגל וועט ניט קומען
זינגען דאָ אַהער.

און דער טוי באַגינען וועט ניט
פאַלן אויף זיין קאָפּ,
און דער וואַנדערער וועט אים ווייכן,
רוט ביי אים ניט אָפּ.

ס'וועט דער פרילינג נאָר אים רייצן,
ס'וועט אים טאָן נאָר באַנג;
אַלע בוימער אויסגעצירטע,
ער נאָר — הויל און קראַנק.

פערטער בוך

אין אומרו

עפּעס הער איך

עפּעס הער איך שטימען ברומען
אין דאָס ווייטע — נאָענטע לאַנד:
רופט מען מיך אַהין צו קומען? —
ס'איז באַקאַנט און אונבאַקאַנט...

עפּעס הער איך ווינטן בלאָזן —
גלעטן זיי, צי טרייבן זיי?
זאָל איך צו מיין לאַנד זיך לאָזן?
עפּעס גלויבט זיך און סטוט ווײ...

עפּעס הער איך פייגל זינגען.
אַז דער ווינטער האָט געעקט;
זאָל מיין ליד אין כאָר אויך קלינגען?
עפּעס ציט און עפּעס שרעקט!...

קראָקע, 1905.

זייט גרייט

עס הערט זיך אַ רופן: „זייט גרייט!"
עס קומט אויף דער וועלט עפּעס אָן:
עס פלאַטערט אויף אונדזערע קעפּ
פון זעלטענע פאַרבן אַ פאָן.

עס קריכט ווער פון טונקעלע טרעפּ,
עס יאָגט פון דעם אָפּגרונט אַ ווינט,
און טירן פון היילן און ווענט —
זיי עפענען זיך ברייט און געשווינט:

עס הערן זיך דומפּיקע טריט,
און אימיצער רייסט זיך פון קייט:
עס צייכנט אַ האַנט אויף דער וואַנט,
עס הערט זיך אַ רופן: „זייט גרייט!"...

איז אַוועק צום קריג דער מלך...

(פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ)

איז אַוועק צום קריג דער מלך —
בלאָזן אַלע שופרות פריילעך;
שופרות בלאָזן, רוישן, ברומען,
אַז ער זאָל בשלום קומען.

איז געגאַנגען סטאַך זיך שלאָגן
האָט דער טייך גענומען קלאָגן,
און די זאַנגען שטיל צו ציטערן,
אויף זיין מזל, אויף זיין ביטערן...

אויפן שלאַכט־פעלד אונטן, אויבן
פליען קוילן, מענטשן ליגן, —
מלכים שלאָגן זיך, ווי לייבן,
כלאָפּעס פאַלן ווי די פליגן...

פאָנען רוישן, שאָסן קראַכן
און די מחנות ציען ווייטער;
ס'האָט אַ קויל געטראָפן סטאַכ'ן,
ס'קומט אַהיים דער מלך הייטער.

ווי געקומען איז דער מלך
עפענען זיך די טויערן פריילעך;
די טראָמפּעטן רוישן, שאַלן
און די זון, זי שיט מיט שטראַלן.

ווי מען האָט גענומען גראָבן
פאַר דעם סטאַך אַ גרוב, דאַן האָבן
שטיל געוויינט אין פעלד די גראָזן
און אַ ווינט האָט צוגעבלאָזן...

אַ מידער טאָג

אַ מידער, מאַטער טאָג
אין פענצטער קוקט אַריין;
איך קוק אים אָן און טראַכט:
ווי אַלט דער טאָג מוז זיין!

איך מאַך די אויגן צו,
און טראָג זיך און איך יאָג
אין יענעם וויטן לאַנד,
וואו יונג איז יעדער טאָג.

און כאָטש איך וויס, דאָרט זיין
בין קיינמאָל ניט אין שטאַנד,
דאָך וואַרעמט מיך שוין דאָ
דער טאָג פון יענעם לאַנד.

איך זע די הימלען בלוי,
און פיל דעם ליבן שיין;
כ'דריק פעסט די אויגן צו,
אום לענגער דאָרט צו זיין...

אין אַ מאַי־טאָג

(אַלעגאָריע)

אין אַ מאַי־טאָג, אין אַ קאַלטן,
ניט פאַרצווייפל אין געדאַנק;
עס באַדייט בלויז, אַז פאַרהאַלטן
האָט דער ווינט די זון אין גאַנג.

עס באַדייט נאָר אַז עס זיינען
וואָלקנס ערגעץ־וואו אין מאַכט,
און זיי לאָזן נאָך ניט שיינען
אונזער זון אין גאָר איר פּראַכט.

הויב דאָך אויף דיין בליק, זיך שיצן,
איבער דעכער אין דער הויך —
דו דערזעסט די בוימער־שפּיצן
אין דער קעלט — זיי גרינען אויך...

פילסט זיך...

פילסט זיך אָפּט אין רייפן,
אָרמער, בלאַסער זינגער —
ווילסט די וועלט באַגרייפן —
ס'איז דער ציל קיין גרינגער.

פאַר די פרייד פון זינגען,
פאַר דעם גאָב פון פילן,
מוזסטו זיך באַצווינגען,
די פאַרלאַנגען שטילן...

ס'איז אַ פּרייז אַ שווערער,
ס'העלפט ניט זיך צו דינגען; —
ווילסט ניט ליידן מערער —
הערסטו אויף צו זינגען.

קענסטו ניט פאַרמיידן,
און דו זינגסט דאָך ווידער —
דאַרפסטו קענען ליידן
פאַר דעם לוין פון לידער...

לעבן ווילט זיך

לעבן ווילט זיך... אַך, דאָס לעבן
האָט אין זיך אַזוי פיל חן,
נאָר איך קען גאָר נישט דערגרייכן
דאָס, וואָס ליב איז, דאָס וואָס שיין.

לעבן ווילט זיך... נאָר איך קען ניט —
כוחות דאַרף מען האָבן מער...
שטאַרבן... און פאַרלאָזן אַלעס —
אַך, דאָס איז מיר אויך צו שווער!

און מיין לעבן איז געגליכן,
צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק נאָפט;
ווערן ווערט ער נישט פאַרלאָשן,
ברענען האָט ער נישט קיין קראַפט!...

וואַרשע, 1900.

אין קישען

אין קישען באַהאַלט איך מיין פּנים,
איך נורע זיך איין טיף און וויין;
דער איינציקער פריינט אין מיין לעבן
איז מיר נאָר דאָס קישען אַליין.

געפּליקט האָט די פעדערן זיינע
מיין שוועסטער ביז שפּעט אין דער נאַכט,
געפּליקט מיט אַ האַרץ אַ צעפּליקטן
אין אומעט און עלענט פאַרשמאַכט.

וואו איז איצט די שוועסטער פאַרוואָרפן,
וואו איז זי? ווער ווייסט וואָס זי מאַכט!
דערפאַר איז מיר טייער דאָס קישען,
כ'באַפייכט עס מיט טרערן ביינאַכט!...*

קאָוונע, 1897.

די בערג...

איך קוק אויף די בערג אויף די הויכע,
וואָס שטייען, ווי העלדן אַליין;
אַ וויימוט נעמט דורך מיין נשמה:
ווי איך בין אַנטקעגן זיי קליין!

אַ וויימוט נעמט דורך מיין נשמה —
עס לויפט דאָך אַ וואָך נאָך אַ וואָך:
ווי קליין גאָר, וועט זיין יענעם בערגל,
וואָס וועט מיך פאַרדעקן דערנאָך!...

קוידענאָוו, 1892.

נאַכט און קאַלט...

נאַכט און קאַלט, דאָס קליינע שטיבל
קוקט ווי אַ גרויסער קבר אויס,
און דאָס אָרעמע געזינדל
קען פון דאָרטן ניט אַרויס.

און די שויבן פון די פענצטער
קוקן אַזוי שטאַר און ווילד,
ווי די אויגן פון פאַרשטאָרבענע — —
דרויסן שפּילט דער ווינט און שפּילט.

ס'שפּילט דער ווינט אַ סומנעם ניגון
הינטער שטיבל אויף דער גאַס,
און די אָרעמע אין דעם שטיבל
האָרכן צו אָן צער, אָן כעס...

די צייט

די צייט זי איז אַן אַלטע פרוי,
אָן שכל, אָן פאַרשטאַנד,
זי זיצט זיך רואיק אויפן שטול
און שטריקט אַ זאָק אין האַנט.

די מענטשן, אירע קינדערלעך,
זיי שלאָגן זיך ביז בלוט, —
זי הערט עס ניט, איר אַרט עס ניט:
זי זיצט און שטריקט באַרוט.

די מענטשן, אירע קינדערלעך,
די שווערע נויט זיי דריקט, —
זי שפּירט עס ניט, זי פילט עס ניט:
זי זיצט און שטריקט און שטריקט!

אַ, דומע פרוי, ביז וואַן, ביז ווען?
עס האָט דאָך אַלץ אַ חק!
זי גיט אַ געניץ שלעפריק: האַאַאַ? —
און שטריקט זיך אַלץ איר זאָק...

וואַרשע, 1900.

בירגער

מיר לאַכן פון בירגער, געוויינלעך,
און קוקן אויף זיי מיט פאַראַכטן,
ווי גראָ און געמיין און ווי קליינלעך
דאָס לעבן ביי זיי — מיר באַטראַכטן.

דאָך בלאַנדזשענד ביינאַכט ווי
געשפּענסטער,
אין טונקעלע איינזאַמע גאַסן,
מיר קוקן אַריין אין די פענצטער
צו יענע פון וועמען מיר שפּאַסן.

אין צימער לויכט פריילעך דאָס פייער,
אַ טאַטע זיצט יונג ביי דער פּיאַנע...
און דו, אַ, דו קלוגער, דו פרייער,
ביזט, אפשר, די בירגער מקנא.

אויף די פעלדער

רו און שטילקייט אויף די פעלדער,
אונטן גרין און אויבן קלאָר.
זעלטן, זעלטן זינגט אַ פויגל,
אָפּגעריסן זיך פון כאָר.

וויל ניט מישן זיינע טרעלן
מיט אַן אַנדערנס געזאַנג,
זינגט ער זיך אַליין ביחידות
מיט אַ זילבער העלן קלאַנג...

ביי די זייטן שטייען בוימער
אויסגעפלאָכטן ווי אַ קייט;
נאָר איין בוים — ער שטייט באַזונדער,
האָט פון זיי זיך אָפּגעשיידט.

קוקט מיט שטאָלץ אויף זיינע ברידער:
ווי געבונדן, ווי געענגט!
אָבער אַז עס קומט דער אָוונט,
ווערט ער טרויעריק און פאַרבענקט.

נ. י. קאָרטלאַנד פּאַרק, 1916.

עס דאַכט מיר...

ס'דאַכט מיר ס'עפנט זיך די טיר
און מיין ליבסטע גייט אַריין,
און איך וואַרף מיך גלייך צו איר:
ביזט געקומען, קינד דו מיין!

און די קליינע שטיט פאַרשעמט
ווי אַ גרויסער, שווערער חטא
און זי מורמלט שטיל, געקלעמט:
זאָג מיר, אפשר איז שוין שפּעט..

ניין, מיין גוטע, שפּעט איז ניט
ב'האָב ווי פריער דיך נאָך האָלד,
דען די ליבע אייביק בליט
און איז אייביק ריין, ווי גאָלד...

אויפן פעלד...

אויפן פעלד
וועהט אַ קעלט,
יאָגט אַ ווינט אַ בייזער,
און ער בייגט,
און ער לעגט
צו דער ערד די גרעזער.

שטיל מיט ווײ
פאַלן זיי
צו דער ערד אַנידער;
ווי געערדט:
ס'איז שוין שפּעט,
ס'העלפט ניט זיין דערווידער.

אויס, פאַרביי
איז דער מאַי
און דער ליבער זומער;
סומנע, קאַלט
און עס פאַלט
אויפן האַרץ אַן אומער...

דער הימעל...

דער הימעל איז לופט — עס איז מעגלעך!
די ערד אָבער, פריינט, איז אונערטרעגליך.
זי האָט מיך אָפּטמאָל מיד געמאַכט — —
די בעסטע כוחות אויסגעבראַכט
אויף נויט, אויף פּיין...
אַ פריינט, מיין בעטן הער:
דעם הימעל ניט צעשטער —
לאָז דעם הימעל זיין!

שטיינער און טרערן...

איך האָב זיי געגעבן
דאָס שענסטע פון לעבן;
אַ, לויטערע טרערן ווי גאָלד,
מען האָט מיר מיט שטיינער באַצאָלט!

נו, וועל איך מיך יעצט דאָך ניט קלעמען,
די שטיינער זיי וועל איך מיר נעמען,
איך ווייס אויך מיט שטיינער צו האַנדלען:
איך וועל זיי אין פערלען פאַרוואַנדלען.

דו פרעגסט...

דו פרעגסט מיך, מיין פריינט, ווי אַלט איך בין שוין?
איך וואָלט עס דיר גערן דערציילן:
נאָר גלויב מיר, מיין פריינט, איך ווייס ניט אַליין —
עס האָט ניט געלוינט זיך צו ציילן...

דער קאַרגער ציילט געלט, דער גליקלעכער — טעג,
מען ציילט וואָס ס'איז ליב, וואָס ס'איז טייער;
מיין לעבן, אָ, פריינט, איז אַ וויסט־לאַנגער וועג,
און פונקט פאַר אַ יאָרן, ווי היי־יאָר...

אויב לעבן הייסט ליידן, דאַן לעב איך שוין לאַנג,
דאַן האָב איך געננוג זיי, די יאָרן;
אויב לעבן הייסט הערן פון גליק כאָטש אַ קלאַנג
דאַן בין איך נאָך גאָר ניט געבאָרן...

בערלין, 1907.

אַמאָליקע טעג

צושטעלט זיך אין רייען אַמאָליקע טעג,
פאַרשוואונדענע טעג פון מיין לעבן,
איך וועל אייך אַדורכגיין פון אָנהויב ביז ברעג
און יעדערן „שלום“ אָפּגעבן.

איך וועל מיר פאַר יעדערן געבן אַ בייג
און שטרעקן מיט ליבשאַפט די האַנט אייך;
עס וועט זיך באַווייזן אַ טרער אין מיין אויג —
אַן אַלטע — זי איז דאָך באַקאַנט אייך.

צושטעלט זיך אין רייען פאַרגאַנגענע טעג!
פאַרגעסט, וואָס איך האָב אייך געשאָלטן,
עס איז נאָר געווען פאַר צרות אַן ברעג,
עס האָט מיר מיט אייך נישט געגאָלטן.

איר זענט אַזוי חושך'דיק פינצטער געווען
און שווער, ווי די ריזיקע בערגער,
געהאָפּט האָב איך בעסערע טעג פאַר מיר זען,
אומזיסט אָבער — די זיינען ערגער!...

אין אַ לאַנד

(אין אַ מלחמה־צייט)

אין אַ לאַנד, אין גאָר אַ ווייטן,
אָפּגעשניטן פון דער וועלט,
אין אַ שטיבעלע אָן ענגער —
שמאַכטן זיי פאַר הונגער, קעלט...

אַלע קליידער — שוין צעריסן
און דאָס לעצטע העמד צעפליקט,
און די באַקן איינגעשרומפּן
פון דעם הונגער וואָס זיי דריקט.

שווייגן אַלע — און די אויגן
קוקן ערגעץ מיד און שטאַר;
אויף די פּנימער פאַרגליווערט
ליגט אַ פּחד און אַ צער.

שווייגן אַלע — ביז זיי פאַלן
און זיי שרייען בלויז פון שלאָף,
ווי זיי וואָלטן אין דעם חלום
פון דער וועלט געזען דעם סוף.

איינער בלויז קען דאָרט ניט שלאָפן
און ער שטייט און וואַרט שוין לאַנג...
אין זיין האַרץ האָט נאָך די האָפנונג
ניט געענדיקט איר געזאַנג...

און ער האַלט די אויגן אָפן,
קוקט אין פענצטערל אַרויס,
און ער זעט אַ ים אַ ברייטן
און אַ שיף — זי שווימט פאַראויס!

ס'קומט די שיף פון ווייטע לענדער
צו באַפרייען זיי פון נויט,
און די שיף איז אָנגעלאָדן
אי מיט קליידער, אי מיט ברויט...

די מאַטראָזן אײַלן, אײַלן...
און דער גוטער קאַפּיטאַן
טרייבט די שיף אַלץ ווייטער, ווייטער
ווי פיל קראַפט ס'איז נאָר פאַראַן!

„העי מאַטראָזן, גיכער!" הערט ער
ווי דער קאַפּיטאַן ער שרייט...
און די שיף זי יאָגט אַלץ שנעלער,
און די שיף איז שוין ניט ווייט.

ביז ער איז צו לעצט געפאַלן
און איז איינגעשלאָפן טיף,
און מיט צוגעמאַכטע אויגן
נאָך געזען, ווי ס'שווימט די שיף...

צום איינזאַמען

וואו דו קומסט — ביזטו קיין היגער,
וואו דו קומסט — ביזטו אַ גר;
ביזט פאַר אַלע בעסער, קליגער
און דאָס וועט דיר אויסגיין שווער.

דען די וועלט האָט פיל מדינות
און פיל מענטשן און פיל שפּראַך,
דאָך דיין זעל האָט אירע מינעס
און דאָס איז די שענסטע זאַך.

זאָל מען לאַכן, זאָל מען שפּעטן,
זיי ניט בייז, צוריק ניט שעלט!
לאָז דיין שפּור נאָר ניט פאַרטרעטן,
גיי און בלייב אַליין אַ וועלט...

דער מיטל...

קוק דעם אומגליק אין די אויגן
מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן,
זאָל ער זען דיין מוט און כוח,
זאָל ער זען דיין שטאָלץ.

זאָל אים טרעפן דיינע בליקן,
ווי די פיילן פון דעם בויגן
אויפן ברייטן, ווייטן שלאַכט־פעלד
אין דעם שונא'ס ברוסט!

און אַנטלויפן זאָל דאָס אומגליק
צו דער נאַרישער השגחה,
און זיך קלאָגן אַ פאַרשעמטער:
אָ, דער מענטש איז שטאַרק!

שטילערהייט . . .

שטילערהייט, שטילערהייט
דיינע ליידן פאַרטראָג ;
וואָס עס האָט דיר געגרייט
יעדע שעה, יעדער טאָג.

און ניט מייך, אַז עס גיבט
אַזאַ ווערן כאַטש וואו,
וואָס עס פילט און עס ליבט
און דיין קול הערט עס צו.

נייך, ניטאָ! אַלעס שטומט!
דאָך ניט, ערגער זיך פיל:
יעדעס אונגליק, וואָס קומט
נעם עס אויף אין דער שטיל...

און אויב צופיל טוט וויי
און פאַרטראָגן ביזט מיד —
נעם דעם גרעסטן פון זיי
און זינג אויס אין אַ ליד!...

צום לעבן

לעבן זאָג מיר, וואָס דו האָסט
און איך פרעג נישט, וואָס עס קאָסט ;
שטעלן שטעל דעם העכסטן פרייז,
אָבער עפּעס שיינס באַווייז.

כ'האָב געהאָט אַן אידעאַל —
ווי אין וואַלד אַ ריינער קוואַל,
אַנגערירט האָב איך אים קוים
איז צערינען ער ווי שוים...

כ'האָב געליבט אַ פרוי — איר בליק
האָט געשאַפט מיר פרייד און גליק;
כ'האָב דערקענט זי — ערשט ווי פרעמד
און דאָס האַרץ איז מיר געקלעמט...

כ'האָב געקעמפט פאַר מענטשן־גליק
פריי צו מאַכן זיי פון שטריק ;
כ'האָב געהאָפט, געגלויבט, און דאָך
מענטשן טראָגן זייער יאָך...

האָב איך באַלד פאַרלאָזט דעם מאַרק
און געשטיגן אויף אַ באַרג ;
כ'האָב באַזוכט דעם העכסטן שפּיץ
און געבעטן: גאָט באַשיץ!

וואָס־זשע האָסטו, לעבן, נאָך,
אויסער זיבן טעג אין וואָך,
אויסער אונדזער שווערן יאָך
און דעם לוין דערנאָך, דערנאָך?...

קראָקע, 1907.

איר ווייסט...

איר ווייסט, ווען געדענק איך אַן זיי?
אין פרילינג אין ליבן,
ווען ס'בלייבט ניט קיין שפּורן פון שניי,
און פייגל, וואָס זיינען פאַרטריבן
זיי קומען אַן ווידער
אין רייען, אין רייען.

פאַרפרוירענע הערצער
דערוואַרעמען, דערפרייען...
דערמאָן איך די שוועסטער, די ברידער,
דערמאָן איך אַן זיי...
און ס'קלינגען די לידער
פול צער און פול־וויי...

די ערשטע גראָע האָר...

די ערשטע גראָע האָר האָט מיך
דערשראָקן:

אַ, מיינע האָר!
ווען היינט איז איינע נאָר,
וועט מאָרגן, — ווינד און וויי, —
שוין גראָע ווערן צוויי,
און איבערמאָרגן — דריי,
און נאָכדעם איז פאַרביי,
מיט מיינע שוואַרצע לאָקן!...

צו די ליידנדע . . .

קום מיר וועלן גיין צו די ליידנדע,
האָב ניט קיין מורא פאַר זיי;
מענטשן דאָרט זיינען די בעסערע,
שיין גלאַנצט אין די אויגן דער וויי.

ס׳גלאַנצן דאָרט אויגן ווי שפּיגלען,
שפּיגלט זיך אָפּ יעדער לייד...
ווערסט דאָרט צום פּלאָנטער פון לעבן
גיכער געפינען באַשייד.

קום, מיר וועלן גיין צו די ליידנדע,
אומעטיק איז סיי ווי סיי;
זוכסט דאָך דיר וועגן אַלץ נייערע —
דער וועג צו די ברידער איז ניי!

עס איז געווען אַמאָל . . .

עס איז געווען אַמאָל...
ווי לאַנג — ניט פרעגט —
דער שטויב פון לעבן האָט
די צייט פאַרדעקט...

איך בין געלעגן
אונטער אַ בוים...
דאָס האַרץ פול ליבע,
דער קאָפּ — פול טרוים...

און אויף דעם בוים
האָב איך געהערט:
אַ פויגל זינגט
גאָר אומגעשטערט.

אַ פויגל זינגט,
אַ פויגל וואַכט...
מיין צוקונפט דאַן
האָב איך געמאַכט.

טשיריק, טשיריק:
אַ קוש, אַ דריק,
טשיריק, טשיריק:
אַ ווייטער גליק!

מיין ליד

און וואָס איך פאַרמעג,
און וואָס איך באַזיץ:
פון ליכטיקע טעג
דעם שיין און דעם בליץ;

פון פינצטערע נעכט
דעם זיפץ און די טרער,
דאָס בינד איך און פלעכט
אין לידער אַהער.

עס איז אַ געמיש
פון שאָטן און שטראַל:
פון אירן אַ קיש,
אַ וואָרט ווי פון גאַל.

אַביסל פאַרזיסט,
אַביסל פאַר׳סם׳ט;
עס איז ניט אומזיסט
דאָס לידל באַ׳טעם׳ט...

קלוגע און שלעכטע...

ס׳באַרויבן מיך מענטשן, ווי קלוגע, ווי שלעכטע, —
עס איז מיר דאָס לעבן פאַרשטערט!
גערויבט האָבן קלוגע מיין גליק דאָרט אין הימעל,
די שלעכטע — מיין גליק אויף דער ערד!..

וואַרשע, 1900.

פינפטער בוך

נייע ליבע...

פינף באַנען

פינף באַנען קומען אָן פון שטאָט
פון וואַן זי דאַרף צו קומען,
נו, גיי איך יעדעס מאָל צום צוג
און בין אַזוי פאַרנומען!

די צוגן קומען צו דער צייט,
ס׳האָט איינער ניט פאַרשפּעטיקט,
מיין ליבסטע איז דאָך אַלץ ניטאָ —
ווי איז מיין האַרץ צעווייטיקט!

און יעדער צוג קומט האַסטיק אָן
מיט רויך און דאַמף און ליאַרמען,
דאָס אַלעס לעגט זיך אויף מיין האַרץ,
אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרמען...

קראָקע, 1909

דער וואַנדערער

ליבעס קינד, איך האָב דיך ליב.
דאָך איך קען ביי דיר ניט בלייבן;
כ׳רו ביי דיר אַ רגע אָפּ,
פרישע קרעפטן אָנצוקלייבן.

ווי דער וואַנדערער אין מדבר
בלייבט אַמאָל ביים וואַסער שטיין,
טרינקט זיך אָן און ווערט דערמונטערט,
און ער לאָזט זיך ווייטער גיין.

יאָ, מיין קינד, איך בין אַ וואַנדערער
אין דעם לעבנס וויסטעניי;
כ׳האָב געקושט דיך, בין דערמונטערט
און — איך וואַנדער אויף דאָס ניי!

וואַרשע, 1906.

צו...

כ׳קען ניט, ליבסטע, זיין דיין שיצער,
כ׳קען פון אומגליק ניט פאַרהיטן;
נאַרען זיינען פעסט און זיכער —
כ׳וויס דער אומגליק קומט אינמיטן...

כ׳וועל מיך אויך ניט אונטערנעמען
זיין דיין פירער, דיין באַגלייטער,
דען דער וועג פון לעבן, וויס איך,
איז אַ קרומער, אַ פאַרדרייטער...

כ׳קען דיר אויך מיין וואָרט ניט געבן,
ליבע אייביקע דיר שווערן,
דען דאָס ריינע און דאָס שיינע
לאָזט די וועלט נישט לאַנג געווערן...

ניו־יאָרק, 1909.

צו אַ כלה־מיידל...

וואָס חלומסטו, אָ, ליבע כלה,
בשעת דו שלאָפסט ביינאַכט אין בעט?
צי חלומט דיר: דיין שיינער חתן
שטייט נעבן דיר און קושט און גלעט.

ער קושט די בעקלעך און די ליפּן
און פליסטערט שטיל: ווי האָב איך האָלד
מיין ליבע, שיינע, גאָלדענע כלה, —
און טוט דיר אָן אַ קייט פון גאָלד?...

אַ קייט... אַ קייט... אַ גאָט, באַשירם
דעם חלום פון אַ שלעכט בעשייד:
דאָס גאָלד זאָל קיינמאָל ניט פאַרשווינדן,
און בלייבן זאָל ניט בלויז די קייט...

קוידענאָוו, 1893.

צום טרוים

אַנגעגנומען זיך מיט צער
פאַר דעם לאַנגן טאָג, —
אָ דו ליבער, שײנער טרוים,
טראָג מײן זעעלע, טראָג!

אָ, וואָס זע איך ווען איך וואַך,
אָרמוט, זומפּ און קויט;
ווער באַזוכט מיך, ווען איך וואַך? —
נאָר די אַלטע נויט...

און איך בעט: דו, גוטע נאַכט,
פאַל שוין, פאַל שוין צו!
און מײן האַרץ, מײן מידן האַרץ
שענק אַביסל רו...

קום־זשע גלײך, דו ליבער טרוים,
טראָג מיך ווײט און טראָג,
טראָג מיך ווײט, איך זאָל ניט זען,
וואָס איך זע בײטאָג...

וואַרשע, 1900

דער צוג

(וואַריאַנט)

דער צוג פון אונדזערע יאָרן —
ווי שנעל ער יאָגט, ער פליט;
אַ וועלט מיט מענטשן פאָרן
און דו מיט זײ פאַרסט־מיט.

דער צוג אַלײן — קײן וועזן!
אַ קלײן־באַגרעניצטער צוג;
פון פריער, וואָס געוועזן
מיר גיבן צו גענוג;

און קײטלען־צו די יאָרן
פון שפּעטער — וואָס וועט זײן;
דער צוג ווערט לאַנג — מיר פאָרן
אין שענסטער צײט אַרײן...

אַ פאַרוועלקטע שײנהײט

אַ פאַרוועלקטע שײנהײט
איז פאַרבײגעגאַנגען,
אַ פאַרוועלקטע שײנהײט
האָט מײן האַרץ געפאַנגען.

און די שוואַרצע פּאָסן
בײ די בלויע אויגן,
האָבן מיך גערופן,
האָבן מיך געצויגן.

און דער טרויער שמײכל
אויף אַ גליק — פאַרשוואונדן,
האָבן אין מײן האַרצן
העלן ליכט געצונדן.

און די קלוגע בליקן,
פול מיט צער, פאַרגעבן,
האָבן מיר באַלויכטן
אונדזער זײן פון לעבן.

האָב איך דורכגעלאָזן
אַלע די וואָס בליען —
פאַר פאַרוועלקטע שײנהײט
האָט געוואָלט זיך קניען...

ניו־יאָרק, 1917.

דאָס שענסטע ליד...

דאָס שענסטע ליד־געזאַנג,
די שענסטע מעלאָדיען,
ניט זינג בײם בליען,
נאָר זינג בײם אונטערגאַנג.

דאָס בליען, פרײַנט, איז שײן,
עס זינגט און קלינגט אַלײן!
דער אונטערגאַנג איז ווײ און מיד —
פאַרזינג, פאַרקלינג עס מיט אַ ליד!

די אייביקע שיינהייט

עס איז אין דער וועלט דאָ אַ פרוי,
וואָס יעדערער זעט זי בלויז איין מאָל:
זי טראָגט זיך פאַרביי און פאַרשווינדט
און טרעפן זי וועסטו שוין קיינמאָל.

ווער איז זי...? פון וואַנען זי קומט? —
דו ווייסט ניט... אומזיסט וועסטו יאָגן —
דו וועסט נאָר אין האַרצן איר בילד
בשתיקה פון זיך אַליין טראָגן...

עס גייען די יאָרן פאַרביי
און פאַלן ווי בלעטעלעך געלבע,
באַגעגענסטו ווידער די פרוי,
אַ צווייטע — און אפשר די זעלבע...

עס האָט דיר איר שיינע געשטאַלט
דיין האַרץ אויף דאָס ניי אָנגעצונדן,
אָט איצט וואָלסטו אָפּשטעלן זי —
אומזיסט — איין בליק און פאַרשוואונדן.

און ווידער די יאָרן זיי ציען —
און בלאָנדזשעסט אויף אַלערליי וועגן,
און פּלוצים — די זעלבע — צי ניט —
די שיינהייט זי קומט דיר אַנטקעגן...

זי קומט און פאַרשווינדט, ווי אַ בליק,
דו זעסט שוין — דו וועסט זי ניט קריגן,
און ענדלעך, פאַרשטייסטו דעם זין
און מוזט דיין פאַרלאַנגען באַזיגן.

די אייביקע שיינהייט איז זי,
וואָס ווייזט זיך אין לויף פון די יאָרן:
פאַרשווינדן פאַרשווינדט זי פון דיר,
דאָך גייט זי ניט קיינמאָל פאַרלאָרן!...

צו אַ בילד

עס הענגט נאָך דיין בילד אויף דער וואַנט,
דו ביזט ווי געווען;
דיין שמייכל — ער איז מיר באַקאַנט,
ווי ערשט וואָלט געשען.

דו ביזט נאָך ווי דעמאָלט אָן ברעג
מיר ליב און געטריי;
און דאָך איז שוין אַלץ ווי אַוועק
און אַלץ איז פאַרביי.

אין אמת׳ן ביזטו שוין אַלט,
און טרויעריק — טריב;
און דאָך אויף מיין וואַנט דיין געשטאַלט
קוקט יונג נאָך און ליב...

וואו ביזטו? אין וואָס פאַר אַ לאַנד?
ניט זאָרג און ניט וויין!
אין צימער ביי מיר אויף דער וואַנט
וועסט שטענדיק זיין שיין.

און גייסטו פון עלענד וואו אויס
און האָסט קיינעם ניט —
איך — וואו נאָר איך וואַנדער אַרויס,
דאָרט נעם איך דיך מיט!

איך בין ניט...

איך בין ניט קיין אַלטינקער מלך,
דאָך וואָלט איך, ווי דוד המלך,
געוואָלט אויך אַ תהילימל שרייבן,
פאַר שפּעטערע דורות זאָל בלייבן...

און פילע באַטריבטע געמיטער
מיט הייליקע אַנגסטן און ציטער —
זיי זאָלן עס זינגען, די האַרציקע טענער,
און ווערן געלייטערט און שענער...

אַלע מאָל

אַלע מאָל, אַלע מאָל
אין מיין פענצטער דער ווינט —
ער דערמאָנט, ער דערציילט
און ער שרעקט, ווי אַ זינד.
זאָגט, ווער איז און וואָס וויל
ער, דער ווינט?

נאָך אין קינדהייט אַמאָל,
ביי מיין פאָטער אין הויז;
נאָך אין קינדהייט אַמאָל,
ביי מיין מאַמען אין שויס —
פלעגט מיין שרעק פאַר אים זיין
אַזוי גרויס.

ער באַזיצט אַזאַ קראַפט
און ער יאָגט אַזוי שיין,
קומט פון פעלדער אַרויס,
קומט אין שטאָט אָפּט צו גיין,
און איז שטענדיק פאַריאָגט
און אַליין.

און מיט מיר וואָס וועט זיין? —
האָב איך דאַן זיך פאַרקלערט.
איך האָב אפשר געפילט,
עס וועט זיין מיר באַשערט,
איך זאָל זיין ווי אַ ווינט
אויף דער ערד...

ק ר ע ל ע ן

כ'זע אַ מיידל — טראָגט זי קרעלן,
הויבט זי אָן מיר שטאַרק געפעלן...
קרעלן האָט אויך ז י געטראָגן
און עס הויבט דאָס האַרץ אָן קלאָגן.

ליבסטע! אַך ווי וואָלט איך וועלן,
זען דיך איצט אין יענע קרעלן.
און עס רינען טרערן מיינע
גרויסע, ווי די קרעלן דיינע!...

דער לאַמטערן

(באַלאַדע)

עס שטייט קעגנאיבער מיין פענצטער
אַ שטילער לאַמטערן;
ער לויכט אַלע נאַכט אין מיין פענצטער
אַזוי ווי אַ שטערן.

ער לאָזט מיך ניט איינשלאָפן רוהיק,
ער וויל מיך נאָר וועקן;
זיין איינזאַמעס ליכט, זיינע שטראַלן,
זיי וועקן און שרעקן.

אויף מאָרגן — זיין ליכט איז פאַרשוואונדן
אַ לערער אָן לשון.
איך ווייס ניט: ווער האָט אים געצונדן,
ווער האָט אים פאַרלאָשן.

דאָס פעלד

דו האָסט געזייט דאָס פעלד
אין פרילינג־צייט — פאַר־פרי;
אין גרויקייט פון דער וועלט,
אין אָרימקייט, אין מי.

די זון — זי ווייזט זיך קוים,
דער ווינט — ער גייט בלויז מיט;
נאָר וועגן־ניט־וועגן אין רוים
אַ שוואַלב מיט אַנזאָג פליט...

דו האָסט געגלויבט, געוואַרט,
ס'וועט אויפגיין יעדער זוים;
דו האָסט זיך ניט גענאַרט,
דו זעסט אויף וואָר דיין טרוים.

די זאַנגען שטייען הויך
און ס'איז די צייט פון שניט;
און קומט אַ שטורעם אויך —
קיין קרעפטן פעלן ניט...

פאַרגראָבענעם גליק

(באַלאַדע)

ווייט פון שטעטל, פאַרן וועלדל
ציט זיך ברייט פון בערג אַ קייט,
און אויף איינעם פון די בערגער,
ווי אַ ריז, אַ שטיין דאָרט שטייט.

און די איינוואוינער פון שטעטל
ווייסן מעשיות פון אים פעק,
און דערציילן זיי די מעשיות
ציטערט שטיל דאָס האַרץ פאַר שרעק.

און דערציילן זיי די מעשיות
טוט דאָס האַרץ דיר ווי און באַנג:
ס'האָבן קעניגן געקעמפט דאָ
און געקעמפט מיט מוט און לאַנג.

און עס האָט דאָס בלוט גערונען,
ס'איז געפאַלן ניט איין העלד:
ניט אומזיסט איז נאָך עד היום
אַזוי גרין אַרום דאָס פעלד...

און די רייכקייט פון די מלכים
ליגט פאַרגראָבן טיף אין דר'ערד,
צו באַקומען דאָך די אוצרות
איז קיין מענטשן ניט באַשערט.

ווייל אַ מכשף האָט פאַרשאָלטן:
— בייז איז ער געווען און אַלט —
ווער ס'וועט גראָבן דאָ די אוצרות
דעם פאַרשלינגט די ערד גאָר באַלד.

יאָ, עס ליגן גרויסע אוצרות,
אונטערן שטיין דאָ — זילבער, גאָלד,
דאָך נאָך מער פאַר גאָלד און זילבער
האָט דער מענטש זיין לעבן האָלד...

און אַז ס'קומען די אָרעמע מענטשן
פון דעם שטעטעלע אַהער,
בלייבן זיי ביים שטיין פאַרגליווערט
און עס דריקט דאָס האַרץ זיי שווער.

אין אַ זומער-נאַכט

גליענדע,
ציענדע
רופנדע נאַכט! —
וואו ליגט דיין צויבער,
און וואָס איז דיין מאַכט?

ס'פלאַטערט,
עס מאַטערט
דאָס האַרץ אין דער שטיל:
ס'רירט זיך, עס וועקט זיך
אַ יונגעס געפיל.

קלאַנגען,
פאַרלאַנגען
זיי פילן דיך אָן,
פילסט זיך אין גאַנצן
אַ קלינגענדער טאָן...

ס'קומען,
ווי בלומען,
דיר מיידלעך פאַרביי,
קוקן אין ד'אויגן
דיר לוסטיק און פריי...

קערסט זיך
און קלערסט זיך:
מיין כלה וואו איז?
וועל איך זי קושן
ווי שטאַרק און ווי זיס...

יאָרן —
פאַרלאָרן —
זיי קומען צוריק;
יונג ביזטו ווידער
און האָפסט נאָך אויף גליק!...

אַ נייער פרילינג

שוין ווידער אַ פרילינג מיט בלומען,
און שלייכט אַזוי ווייך, אַזוי צאַרט,
פונקט וואָלט ער דאָס ערשטע מאָל קומען,
פונקט האָט ער נאָך קיינמאָל גענאַרט...

נו, שלום־עליכם, דו שליח
פון זון און פון שטראַלן און ליכט!
אַ, זיי זיך, מיין ליבער, מטריח,
אַנטפּלעק מיר דיין וואָרן געזיכט...

ליבע און שניי...

איך האָב דיך גענומען צו ליבן
אין ווינטער אין קאַלטן אין טריבן;
געדענקסטו די ערשטע טעג, זיי?
געבליט האָט די ליבע אין שניי!

געהאָפט, אַז דער ווינטער וועט ציען
און בוימער און גראָז וועלן בליען...
און ווי איך האָב פרילינג דערוואַרט
אַזוי האָט די ליבע געדאַרט...

וועק נישט

וועק נישט די ליבע, נישט וועק!
שטיל טראָג אין האַרצן דיין צער:
אויפוואַכן וועט זי אַליין —
ליבע קען רירן אַ שטיין.

גייסטו איר וואוינונג פאַרביי,
קער אָפּ דיין בליק אָן אַ זייט.
קוק אין איר פענצטערל ניט
זי וועט דערפילן די טריט.

טרעפסטו זי פּלוצלונג אין גאַס,
אויסמיידן קענסט ניט איר בליק:
וואַרף בלויז איין שמייכל איר צו
וועט זי ניט האָבן קיין רו...

וועק נישט די ליבע, נישט וועק
ביז ס'וועט דער זומער פאַרגיין,
ביז עס וועט וועלקן די בלום,
ביז זי וועט רופן דיך: קום!...

אַ פּאָר

זיי האָבן לאַנג געליבט זיך,
געבענטשט פון גאָט און לייט,
ביז וואַנען ס'איז געקומען
פון שיידן זיך די צייט.

מען ליבט זיך און מען שיידט זיך,
מען שיידט זיך און מען ליבט...
צוקריגט פאַר לייטן אָפן
און אין געהיים פאַרקניפּט.

ער איז ניט מער אין כעס
און ווינטשט איר ניט קיין שלעכט,
זי איז נאָך אַלץ זיין שטערן
אין זיינע טריבע נעכט.

און ער איז אַלץ דער בעסטער
פון אַלע אירע פריינט,
און צווישן אַלע אויגן
זיין בליק אַליין איר שיינט.

און וועלן זיי זיך טרעפן —
זיי מעגן אַלט שוין זיין,
וועט ער נאָך אַלץ איר פרעגן:
„וואָס מאַכסטו, קינד, דו מיין?"

און זי וועט צו אים שמייכלען
ווי ער וואָלט זיין איר קינד:
פאַרשפּילע זיך דעם מאַנטל —
עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט"...

פאַרנאַכט אויפן פעלד

פידלען, פידלען שפּילן
ערגעץ, ערגעץ־וואו...
מעלאָדיען קילן,
גלעטן דיך מיט רו.

ווייטע גלאָקן קלינגען
מיט אַ שטילן פּיין,
און די טענער דרינגען
אין דיין האַרץ אַריין.

פידלען, גלאָקן, לידער
וועקן טיפן ווי;
רופן פריינט דיך ווידער?
זעגענען זיך זיי?

רויטלעך, אַ געבלומטער
איז דעם הימעלס זוים;
שטייסטו אַ פאַרשטומטער
און דו וואַכסט אין טרוים.

גלאָקן, גלאָקן קלינגען
הינטער גרינעם וועג;
און אין האַרצן זינגען,
זינגען יונגע טעג...

מיין געליבטע

מיין געליבטע איז אַ קלוגע
און זי זאָגט: עס איז אומגלויביק,
אַז דו זאָלסט, געליבטער מיינער,
ליבן שטענדיק, ליבן אייביק.

מיין געליבטע איז אַ קלוגע,
קליגער קען פון איר נישט געבן;
זי פאַרזאָרגט זיך היינט מיט קושן
אויף דעם גאַנצן קאַלטן לעבן...

וואַרשע, 1900.

מיין גאָרטן

(געווידמעט מיין פרוי סאָראַ׳ן)

האָב איך מיין ליבסטע באַגעגענט —
איז זי געווען אַזוי שיין;
האָט זי געלאַכט מיר אַנטקעגן —
איז דאָס געווען פול מיט חן.

האָב איך געוואָלט פאַר ענטציקן
געבן איר אַלץ וואָס איך האָב;
האָב איך געוואָלט זי באַגליקן
גאָר מיט מיין גוטס און מיין גאָב.

בין אין אַ געסל אַ זייטיק
מיט מיין געליבטער אַריין;
בלומען געקויפט דאָרטן, צייטיק —
פרישע און רויטע ווי וויין...

האָט מיין געליבטע די בלומען
אָנגעטאָן ליב אויף איר קלייד,
איז אין מיין האַרץ אָנגעקומען
ווייטע און קוויקענדיקע פרייד.

איז ווי אַ גאָרטן מיין כלה,
האָט זיך פאַר איינס מיר געדאַכט,
און עס געהערן איר אַלע
פון שיר השירים די פּראַכט.

ניו יאָרק, 1918.

דער ניגון

איך האָב זאָגן פיל געוואָלט
און האָב געשוויגן;
דאָס וואָרט וואָלט קאַרג און קאַלט געווען,
עס ברויך אַ ניגון...
דער ניגון האָט אין האַרץ גערוט,
און טיף פאַרשלאָסן;
כ׳האָב שפּעטער ערשט פאַר בלום און בוים
אים אויסגעגאָסן.

אין דער רווישנדער גאַס

אַ מענטש איז געגאַנגען אין רווישנדער גאַס
און טרערן זיי זיינען גערונען
און טרערן זיי זיינען געפלאָסן;
פאַר וואָס? אַך, צי האָט ער די פרייד נישט פאַרגונען.
צי האָט אים פאַרדראָסן
די פרייד פון די מענטשן? צי טראָגט ער דען האַס?...
אַך, וואָס איז דער מער
מיט דעם אָרעמענס טרער?...

אַך ניין, ניט דערפאַר זיינע טרערן — פאַרקערט!
עס איז עפּעס אַנדערש די סיבה!
אַך זאָלן די מענטשן דאָ פריילעך זיך הוליען —
ער טראָגט צו זיי אַלעמען ליבע
און האָט נישט צו וועמען זיך טוליען!
ער בלאָנדזשעט אַרום שטילערהייט,
זיין טרער אים באַגלייט!

בערלין, 1914.

אַ חלום...

(צום אָנדענק פון מיין מוטער קריינע ע״ה)

איך האָב געהאַט אַ גוטן חלום:
מיין מאַמע איז צו מיר געקומען
פון יענער וועלט, פון ליכט און שטערן,
פון שכינה־שטראַלן, ווייסע בלומען...

זי איז, אַ ליבע און אַ באַנגע,
געבויגן ביי מיין בעט, געשטאַנען;
און האָט מיר עפּעס שטיל געמורמעלט,
נאָר וואָס? דאָס האָב איך ניט פאַרשטאַנען.

צי האָט זי נאָר געוויגט מיין זעלע,
וואָס איז פון לעבן מיד, דערשראָקן?
און אפשר האָט זי גאָר געוואָלט מיך
צו זיך, אין יענער וועלט, פאַרלאָקן?...

איך ווייס ניט און געדענק שוין גאָר
נישט —
עס האָט פאַרמישט זיך אַלץ צוזאַמען...
אַ גאַנצן טאָג האָב איך געבלאָנדזשעט
און ס׳האָט געצויגן צו דער מאַמען...

קראָקע, 1908.

מיינע אָפּגעלעבטע יאָרן

מיינע אָפּגעלעבטע יאָרן
האָבן זיך, ווי שטילע שאָטן,
אויסגעלייגט און אויסגעצויגן
אויף מיין לאַנגן לעבנס־וועג...

וואָס־זשע ווילט איר! כ׳וויל ניט וויסן
פון מיין אַלטן, אַלטן עבר,
כ׳בין ניט יענער, כ׳בין אַן אַנדערער —
לאָזט מיר, לאָזט מיר גיין אַליין!

כ׳וועל אין וועג באַגעגנען בוימער,
כ׳וועל אין וועג באַגעגנען פייגל,
און אַ נייער קוואַל, אַ פרישער
שטילן וועט מיין לעבנס־דאָרשט!

און איך לאָז מיך פריילעך לויפן,
און עס ווילט זיך פייפן, זינגען —
קער איך אָפּ מיין קאָפּ אַ הינטער:
אַך, די שאָטן גייען־מיט!...

בערלין, 1907.

אין דער ווייט

עס ווילט זיך מיר לאָזן
די שטאָט און דעם מאַרק
און אָטעמען פרייער,
און אָטעמען שטאַרק!
און לאָזן די הייזער
מיט טויערן אַרום
און גיין, וואו ס'איז אָפן
און פריי אומעטום!

און גיין, וואו ס'איז אָפן
און ליכטיק און שיין,
און לאָזן די הייזער
פון ציגל און שטיין!
און לאָזן די מויערן,
וואָס זיינען מיר ענג,
און גיין אין דער ווייט
אין דער ברייט, אין דער לענג!

און לאָזן די שטאָט
מיט איר שפּראַך און איר גאַנג
און הערן אין וועלדער
דאָס פייגל־געזאַנג.
און הערן ווי ס'מורמעלט
מעלאָדיש דער קוואַל,
ווי ס'רופט אַזוי הימלער
אין לופט יעדער שאַל.

און לאָזן די חכמה
און וויסן אין שטאָט,
און זאָל זי פאַרבלייבן
מיט דעם, וואָס זי האָט!
דער אָדלער אין וואָלקן —
ער איז אַזוי קלוג,
איך וועל אים אין וועג דאָרט
באַגעגענען גענוג!

ער וועט מיר אויסלערנען,
ווי לעבן מען דאַרף,
דער אָדלער איז קלוג
און זיין תורה איז שאַרף!
זיין תורה איז — פליען,
וואָס העכער אָן שיעור;
שוין לאַנג ברענט זיין תורה
אין הארצן ביי מיר.

די מוטער צום קינד

שלאָף נאָך, שלאָף נאָך, מיין ליב קינד —
דרויסן איז אַ פראָסט, אַ ווינט!
גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען,
גאָט זאָל אונדז דערוואַרעמען.

אַ, דער ווינטער שרעקט מיך, שרעקט —
ליג, מיין קינד, נאָך איינגעדעקט —
שלאָף נאָך, אָרעם פייגעלע,
עפן ניט דיין אייגעלע.

וועסט דערזען אַ קאַלטע וועלט —
דורך אין ווייסן אָבגעמעלט.
האָלץ אין שטיב קיין שייטעלע
און קיין געלט אין בייטעלע.

ניט געקאָכט און ניט געהייצט,
קעלט און הונגער דריקט און רייצט;
שלאָף מיין קינד, פאַרפרוירענע,
אָרעמע, פאַרלוירענע!...

מיין האַרץ איז ווייך...

מיין האַרץ איז ווייך, ווי ביי אַ אינגל,
וואָס האָלט זיך אָן דער מאַמעס קליידל;
מיין מוטער איז שוין לאַנג געשטאָרבן —
זיי דו מיין מאַמע, ליבע מיידל.

איך וועל דיר, ווי אַ מאַמען, פאָלגן
אַלץ וואָס דו וועסט מיר הייסן, זאָגן;
און אַז דו וועסט, מיין ליבע, שטאַרבן,
וועל איך נאָך דיר אויך קדיש זאָגן...

אין קיך

(אין פאָלקס־טאָן)

אויסגעטריקנט ווערט איר האַרץ
אין דער קיךביים פייער,
און פאַר בייגקשאַפט מער נאָך דעם,
וואָס ער איז איר טייער...

פייער ברענט אַ גאַנצן טאָג
אויף דער שוואַרצער פליטע,
קאָך זי איין געריכט און צוויי,
קאָך ביי נאַכט אַ דריטע.

אוי, אַ זייגער עלף ביי נאַכט
פלעגט איר ליבער קומען,
זי האָט אים שטענדיק אַזוי טריי,
האַרצליך אויפגענומען.

האָט איר עלענד ניט געפילט,
און איר צער פאַרגעסן,
ווען זי איז אַ שעה מיט אים,
אָדער צוויי געזעסן.

וואָס האָט זי גערעדט מיט אים?
קען זי דען געדענקען?
ס׳פאַלט אַן אומעט אויף איר האַרץ,
און אַן אַנגסט און בענקען.

ס׳האָט די טייערע מאַדאַם
אים פון איר פאַרטריבן.
איינע אויף דער גאַנצער וועלט
איז זי איצט געבליבן.

אוי, ווי פרום איז די מאַדאַם!...
וויל דאָס בייז פאַריאָגן
און דערנאָך אַ גאַנצע וואָך
פלעגט זי מוסר זאָגן...

מוסר האָט זי פיל און פיל,
נאָר קיין וואָרט קיין ליבן;
ער האָט יאָ זיי פיל געהאַט,
האָט זי אים פאַרטריבן!...

אין די פינצטערע אַלעען

אין די פינצטערע אַלעען
איז אינטערעסאַנט;
דאָרטן ווערן יונגע קינדער
אין דער שטיל באַקאַנט.

אין די פינצטערע אַלעען
איז אַ פרייע וועלט,
די געדיכטע צווייגן האָבן
חרפה דאָ פאַרשטעלט.

פון דער צנועה, דער לבנה,
איז דאָס ליכט דאָ שוואַך,
און די יונגע צווייגן רוישן:
קוק נישט, נישט דיין זאַך...

אין די פינצטערע אַלעען
שפּילט דאָס יונגע בלוט,
און דאָס איינגל מיטן מיידל
קריגן נייעם מוט;

וואָס ס׳גלוסטן יונגע הערצער
ווערט דאָ פריי גערעדט,
און מען אָרעמט זיך, מען האַלדזט זיך
ביז עס ווערט גאָר שפּעט...

אין די פינצטערע אַלעען
גרינגער דער פאַרבאָט
און ס׳געניסן יונגע הערצער
גליק, געבענטשט פון גאָט...

וואַרשע, 1900.

די איינציקע

געליבטע — זיי האָב איך אַ סך
און אויסער זיי האָב איך אַ כלה,
דאָך קינד מיינס, פאַרלאָז מיך ניט דו,
אַ, דיך האָב איך ליבער פאַר אַלע...

דער הימל האָט שטערן אַ סך
און האָט אַ לבנה אין מיטן,
דאָך ווייזט זיך אַמאָל ניט די זון,
ווי טרויעריק ער קוקט, גאָט זאָל היטן...

דער עלענדער

און שטיל איז אין צימער
די נאַכט איז שוין שפּעט;
און אומעטיק קוקט ער
אין ווינקל צום בעט.

און אומעטיק קוקט ער,
דאָס האַרץ אַזוי ציט —
און רעגט זיך און פרעגט זיך:
זיך לעגן, צי ניט?

עס קוקט דורך די שויבן
די נאַכט שוואַרץ אַריין,
און וויקלט אין עלענד
אין טרויער אים איין...

די נאַכט קוקט אין פענצטער,
אַזוי ווי זי היט...
און ביינקנדיק קלערט ער:
זיך לעגן, צי ניט?...

וואַרשע, 1902.

פליכטן

איך האָב נאָך אין לעבן
פיל אַרבעט, פיל פליכטן,
דאָ דאַרף איך באַפּוצן,
דאָרט דאַרף איך פאַריכטן.

דאָ דאַרף איך צעברעכן
און דאָרט עפּעס בויען, —
איך קען ניט אַ צווייטן
די אַרבעט אַנטרויען.

און יאָרן זיי גייען
ווי רוישנדיק וואַסער,
די כוחות — זיי שווינדן,
דאָס פּנים ווערט בלאַסער.

און יאָרן זיי לויפן
ווי ס׳וואָלט זיי ווער טרייבן;
די אַרבעט, די פליכטן —
זיי בלייבן, זיי בלייבן...

דאָס טייעלע

(אין פאָלקס־טאָן)

אין אַמעריקע דער מאַן, —
ס׳איז איר אַזוי באַנג.
ניט געשריבן האָט ער איר
שוין אַ האַלב יאָר לאַנג.

פאַר אַוועקפאָר צוגעזאָגט
האָט ער אַל דאָס גליק:
נעמען וועט ער זי אַהין,
אָדער קומען צוריק...

און דאָס יונגע ווייבעלע
שלאָפט זי, צי זי וואַכט;
„האָט ער דאָרט אַן אַנדערע״?
נאָר פאַר איינס זי טראַכט!

ס׳נעמט קיין לוסט צום עסן אָן,
ס׳איז איר ווינד און ווי...
פּרוּאוון וועט זי אָנגיסן
גאָר אַ גלעזל טיי.

ליגט אין גלאָז אַ טייעלע,
ליגן ליגט עס טיף...
אַח, וואָלט עס אַרויפשווימען
וואָלט געווען אַ בריוו!

ס׳איז אַ גוטע טייעלע,
פילט דעם ווייבלס פּיין,
שווימט אַרויף באַלד, טרייסטנדיק:
ס׳וועט אַ בריוול זיין! —

און דאָס אָרעם־ווייבעלע
מיט אַ פריידן זי וואַרט —
נאָר עס האָט דאָס טייעלע,
פּונקט, ווי ער גענאַרט...

ביי אונדז אין לאַנד

(פון אַ בריוו)

ליבער פריינט, ביי אונדז אין לאַנד
איז דאָס לעבן טויט און מיאוס...
ס'איינציק פרייע פייגל־ליד
הערט מען זינגען נאָר אויף תליות.

ליבער פריינט, ביי אונדז אין לאַנד
אַרבעט זעלטן אַ פאַבריק;
איינע נאָר — זי שטרייקט קיינמאָל;
שמידט אונדז קייטן, פלעכט אונדז שטריק...

ליבער פריינט, ביי אונדז אין לאַנד
גייט דאָס לעבן — קוים עס קריכט;
נאָר דער טויט — ער רייט גאַלאָפּ
אויפן שוואַרצן פעלד־געריכט...

ליבער פריינט, ביי אונדז אין לאַנד
הייסט אַ חסד — ווייסטו וואָס?
שטאָט צו הענגען אויף אַ שטריק —
טויטען מיט אַ ביקסן־שאָס...

(מינסק, 1906)

פאַלט אַריין אַן אָרעמאַן...

פאַלט אַריין אַן אָרעמאַן
אין דער רייכער שטאָט,
דאַכט זיך אים, אַז יעדעס הויז
קוקט אויף אים מיט שפּאָט.

דאַכט זיך אים, אַז יעדער סלופּ,
יעדער שטיין אין ברוק
שרייט אים: דרך־ארץ, לומפּ,
וואַרפט אַ קרומען קוק.

דאַכט זיך אים, אַז וואָס ער זעט
קוקט אויף אים מיט האַס, —
וואָלט ער וויינען אויפן קול,
שעמט ער זיך אין גאַס...

פאַלט אַריין אַן אָרעמאַן
אין דער רייכער שטאָט,
פילט זיין צער קיין איינער ניט
סיידן אויבן, גאָט...

די נאַאיווע

ווי קלוג איז מיין ליבסטער,
פיל זאַכן ער ווייס.
דערצו איז זיין קוש
אַזוי ברענענדיק הייס;
איך וואָלט ניט דערלויבט אים,
נאָר ער האָט מיר דערקלערט:
אַ מלאך אין הימל
פון יעדן קוש ווערט...

מיר זיינען אין גאָרטן
געזעסן גאָר לאַנג,
פאַרדעקט צווישן צווייגן
ביי נאַכט — אויף אַ באַנק.
ס'איז שפּעט שוין געוואָרן,
אַרום אַזוי שטיל — — —
אוי, מוז היינט אין הימל
מלאכים זיין פיל!...

די לעצטע סטרונע

גלויבן, האָפענונג — פאַרטריבן —
פידל מיינע, יאָמער הויך!
נאָר איין סטרונע איז געבליבן
און די איינע פּלאַצט באַלד אויך!

איידער ס'פּלאַצט איז דאָך מיין ווילן,
זאָלסטו ערלעך דינען מיר
און מיין בענקשאַפט הויך פאַרשפּילן,
ווי אַמאָל, אויף סטרונעס פיר...

קראָקע, דעצעמבער, 1904.

האַרבסט-לידער

1

ס׳גיסט אַ גאַנצן טאָג דער הימל,
ווי אַ שוואַרצער ים איז אויבן ;
און עס קויקלען זיך די טראָפּן
אויף די אומעטיקע שויבן.

און מיר דאַכט זיך, יעדער טראָפּן
איז אַ ברענענדיקע טרער
אויף די וויסטע שלעכטע צייטן,
וואָס עס לעבט זיך אַזוי שווער.

יעדער שאָרך פון ווינט אין פענצטער,
דאַכט מיר, איז אַ טיפער קרעכץ
אויף דער מענטשהייטס אַלטן ווייטאָק,
אויף איר עלענדקייט און שלעכטס !...

2

ביים פענצטער שטייט אַ בוימעלע
געבויגן, טרוקן, דאַר ;
עס האָט דער האַרבסט אים קראַנק
געמאכט,
איך קען ניט זען זיין צער.

פאַרצווייפלט שאָקלען זיך ביי אים
די דאַרע צווייגלעך אום,
עס ווײנט : אַך זע ווי פינצטער איז,
ווי טרויעריק אַרום !

מיר דאַכט זיך, אַז עס רעדט צו מיר :
אוי, אומגליקלעכער מאַן,
צי איז אויף בליען נאָך פאַר אונדז,
אַ האָפענונג פאַראַן ?!

צי וועט די זון, די וואַרעמע,
נאָך קומען ווען אַהער ?
אוי, הער — דער ווינט קלאָגט יאָמערלעך,
די לופט — ווי קאַלט און שווער״ !

3

ס׳איז דער האַרבסט. געקומען,
ס׳וועלקען בוים און בלום ;
געלע בלעטער זע איך
וואַלגערן זיך אום.

ס׳קומט אַ ווינט אַ קאַלטער
פייפט אַ לידל צו
און די אָרעמע בלעטער
האָבן ניט קיין רו ;

הייבן זיך און טאַנצן
טויטערהייט, אָן מאַכט ;
און דער ווינט דער בייזער
פייפט און שפּילט און לאַכט...

עס ווײנט...

און עס ווײנט דאָס האַרץ אין מיר
אויף די בלעטעלעך די גרינע,
ווען פאַרגעלט, פאַרדאַרט, פאַרוועלקט
פאַלן, פאַלן זיי אין רינע.

און עס קלעמט דאָס האַרץ און קלעמט
ווען איך זע דעם בוים, דעם העלד,
ליגט, דערשלאָגן פון אַ בליץ
אויסגעצויגן אויפן פעלד.

און עס דריקט דאָס האַרץ פאַר ווי
ווען דעם ווייסן שניי אויף דר׳ערד —
טרעטן מענטשנס שווערע טריט,
טרעטן, וועגענער און פערד.

און עס גיסט מיין אויג אַ טרער,
ווען דאָס אָרעמע, שיינע קינד
וועלקט אין קעלער פאַר דער צייט,
וועלקט פאַר גאַרנישט, וועלקט אָן זינד.

די קומסט

דו קומסט, זיי מיר מוחל,
אין היינטיקער צייט —
מיך פרעגן דעם שכל
פון אַלץ וואָס באַדייט...

איך וויים ניט אפילו
דעם שכל דערפון,
ווי קען איצט, אַ שטילע,
נאָך לויכטן די זון.

אַזוי פיל געזעען —
זי קוקט דאָך אַראָפּ —
פיל בייז ס'איז געשעען,
און ס'טוט זיך נאָך אָפּ; —

און יעדן פרימאָרגן,
ווי פריער אויך היינט —
פאַרגעסט זי ערד'ס זאָרגן —
און שטראַלט נאָך און שיינט...

אין צער ...

אין אדם נתפס על צערו

כ'האָב פיינט די זון, כ'האָב פיינט די לבנה,
כ'האָב פיינט די אַלע שטערן;
כ'האָב ליב דעם שטורם און די וואָלקן,
כ'האָב ליב דעם הימעלס טרערן.

כ'האָב פיינט די רויזן און די ליליען,
כ'האָב פיינט די אַלע בליטען;
כ'האָב ליב דאָס עלענד־טרוקן־בוימעל,
וואָס שטייט אין פעלד אין מיטן.

כ'האָב אַלץ דאָ פיינט, וואָס לייכט און
פינקלט,
וואָס דינט נאָר צו באַשיינען, —
כ'האָב ליב נאָר דאָס וואָס אָרעם, עלענד
דאָס, וואָס מען דאַרף באַוויינען...

דאָס ליד פון חתן

באַמבעלט זיך דאָס קייטעלע
פריילעך אויף מיין ברוסט,
וועקט עס דאָרט און רירט עס דאָרט
האָפנונג, לעבן, לוסט...

צי עס איז אַ זילבערן,
צי עס איז פון גאָלד, —
ס'האָט געשענקט די כלה מיר
און איך האָב זי האָלד!...

און אין טאַש דאָס זייגערל
גייט עס פאַלש, צי טריי, —
וועלכע שעה מיין כלה זען,
וויים איך סיי ווי סיי.

וועלכע שעה די כלה זען,
באָדן זיך אין גליק, —
וויזט מיר אָן מיין אייגן האַרץ,
רופנדיק: טיק־טיק...

די בלינדע ליבע

איך קוש דיך מיט אויגן פאַרמאַכטע
און פיל ווי אַ טאָפּעלן גליק:
מיט אויגן פאַרמאַכטע דערזע איך
די ליבע, די ערשטע צוריק!

און עפן איך אויף מיינע אויגן,
דערזע איך אויך דיינע פאַרמאַכט...
דאָס זעלבע מיט דיר איז געשען:
אויך דו האָסט פון ערשטן געטראַכט...

זעקסטער בוך

דאָס לעבן ציט...

דאָס לעבן . . .

דאָס לעבן ציט, דאָס לעבן רופט
מיט שטימען אַלערליי.
אין יעדן רוף, אין יעדער שטים
קלינגט אָפּ אַ פרעמדנס וויי . . .

דער וועג צו גליק, דער וועג צו פרייד
איז ערגעץ דאָ, געוויס ;
דאָך מוזסטו פרעמדנס גליק אין גאַנג
צעטרעטן מיט די פיס.

עס איז אַ שאָד דעם צווייטנס גליק,
דאָס גליק פון אָרעמע לייט,
וועל איך מיר אויסקלייבן אַ וועג
פאַרוואָרפן, אָן אַ זייט . . .

איך וועל מיר גיין אַליין, אַליין,
פון וויטן — נאָענט זיין ;
וועל איך דערזען אַ גערטנדל
וועל איך אין איהם אַריין . . .

פאַלן און שטייגן

פון דיין פאַלן רעדט דער שונא,
און דער פריינד רעדט פון דיין שטייגן ;
ביידנס ווערטער זיינען אייגע,
הער זי אויס מיט טיפן שווייגן.

ס׳קען דער פריינד דיך ניט דערהויבן
און דער שונא — דיך ניט בויגן ;
הער דאָס לאַכן און דאָס לויבן
מיט איין אויסדרוק אין די אויגן.

מיין פריינט, צי דו ווייסט? . . .

(נאָכן קעשענעווער פאָגראָם)

מיין פריינט, צי דו ווייסט,
וואָס הייסט און באַדייט
אַ ביטערע צייט? . . .
צי פילסטו וואָס הייסט
אַ פאָלק אין אַ צער,
אַ פאָלק אין געפאַר? . . .

צי פילסטו, מיין פריינט
ווי טיף איז דער וויי,
ווען ס׳הערט זיך פון פיינט
אַ שינאה-געשריי ;

אָט זעסטו — ער קומט
מיט צאָרן און וואוט,
אָט הערסטו — ער ברומט,
און דאָרשט נאָך דיין בלוט, —

און האָסט ניט וואוהין
נאָך הילף דאָן צו גיין,
נאָר סיידן צו אים,
צום שונא אַליין! ? . . .

צי פילסטו מיין פריינט,
וואָס איז דאָס אַזוינס,
אַ פאָלקל אַ קליינס
און גרויס איז דער פיינט? . . .

אָן וואָפן, אָן מוט . . .
און האָט ניט קיין שוץ,
און הפקר זיין גוטס,
און הפקר זיין בלוט! . . .

1903.

צו די הימלען . . .

נידעריקער — נידעריקער, הימלען, צו אונדז!
אַראָפּ צו אונדז נידערט!
אַלץ האָט פאַרלוירן זיין שטאָלץ פון אַמאָל,
אַלץ איז פאַרברידערט.

רייך זיינט איר, הימלען מיט שטערן אַ סך,
מיט זון און לבנה.
די ערד איז אַ וויסטע און קוקט צומאָל אויס —
אַן אָרעמע אלמנה.

און קינדערלעך קליינע און גרויסע אַן צאָל,
פיל קראַנקע און הוסטן,
זיי רייסן דעם פאַרטוך פון מוטער דער ערד
און ציען די ברוסטן . . .

נידעריקער, נידעריקער, הימלען צו אונדז! —
מיר בעטן מיט טרערן,
מיר וועלען פאַר עלענט, ווי עפּל פון בוים,
רייסן די שטערן!

באַשיצונג

עס לויערן, קינד, אויף דיר דאָרשטיקע אויגן
אויף איטלעכן טריט,
און ווערסט וואָס אַ טאָג אַלץ אין נעצן פאַרצויגן, —
איך וואָלט דיך פאַרהיט!

אויף פליגלען פון אָדלער וואָלט איך דיך געטראָגן,
מיין הערלעכעס קינד,
ווייט פון דער ערד, פון די זאָרגן און פּלאָגן,
ווייט פון איר זינד.

איך וואָלט אויסגעמיטן אפילו די שטערן,
אויך זיי ניט געטרויט —
כ׳וואָלט וועלן, דו זאָלסט נאָר אַליין מיר געהערן,
צו שיצן דיר גרייט! . . .

ווי אַזוי ער זעט אויס...

איך האָב אין דער איינזאַמער נאַכט
פון ברודער פון ווייטן געטראַכט...
פון ברודער, פון וועלכן שוין לאַנג
עס ווערט ניט דערטראָגן קיין קלאַנג...

ווי גייט עס, ווי גייט עס אים דאָרט
אין יענעם פאַראומגליקטן אָרט,
וואו ער איז, אַ פרייער, פאַרשפּאַרט
און וואַרט אויף דערלייזונג און וואַרט?

ווי זעט איצט דער ברודער דאָרט אויס...
מיין בענקשאַפט און נייגיר ווערט גרויס...
כ׳מוז האָבן פון אים אַ גריס,
זיין איצטיקער אויסזען ווי איז?

פון די פּיס אויסגעטאָן מיינע שיך,
מיט שמאַטעס פאַרבונדן זיי גיך...
צעפּליקט אויף מיין ראָק און מיין העמד,
אַזוי גייט ער אום אין דער פרעמד.

מיט קרייד אויסגעשמירט מיין געזיכט —
אַזוי גייט ער אויס ווי אַ ליכט.
און ריכטיקער זען נאָך זיין בילד:
מיין פינגער געקייט האָב איך ווילד.

און טיפער צו זען זיין געשטאַלט —
די פענצטער — געעפנט זיי באַלד.
איך האָב גלייך געציטערט פאַר קעלט —
אַזוי פרירט ער דאָרט אין דער וועלט...

און אַז איך האָב אַלץ עס געטאָן —
מיין האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן,
עס האָט מיך געשטיקט אַ געוויין —
אַזוי וויינט ער דאָרטן אַליין.

צו אַ ברודער

דער הימעל פאַרצאָרנט,
די ווינטן — זיי בלאָזן;
וואו ביזטו, מיין ברודער,
פאַרגעסן, פאַרלאָזן?

וואו ביזטו פאַרוואָרפן,
אין וואָס פאַר אַ שטעטל?
צי האָסטו אַ דירה,
צי האָסטו אַ בעטל?

איך זע אויפן הימל
די וואָלקן זיי שוועבן;
און זע איך זיי שוועבן —
דערמאָן איך דיין לעבן.

עס דרינגען די קלאַנגען
פון ווינט אין מיין אויער;
עס גיסט זיך מיר, ברודער,
אין האַרצן דיין טרויער...

אין צוג

(רייזע־אימפּרעסיע)

איך זיץ ביים פענסטער אין וואַגאָן,
איך קוק די וועלדער, פעלדער אָן.
ס׳איז האַרבסט, אין זומער גאָלד־פאַרגאַנג,
מיין האַרץ אין זומערדיק־פאַרלאַנג...

ווי דער אָרום — אַזוי איך אויך:
מיין זון איז אויך אַרויף שוין הויך...
נאָר ס׳פאַלן נאָך די שטראַלן מילד
און גרין און ברוין מיט מיר זיך שפּילט...

און גאָר די צייט פאַרגעס איך באַלד:
עס גרינט פון ווייטן אויך דער וואַלד;
און גראָזן גרין אַרום, אַרום —
זיי בויגן זיך נאָך יונג און פרום...

די ערשטע עמיגראַנטן

(די רייזע קיין אַמעריקע)

1

מיר זיינען מיט אַ פרעמדער שיף
געקומען דאָ אַהער;
אַ פרעמדער קאַפּיטאַן געפירט
האָט אונדז אויף ברייטן מער.
די שיף האָט זיך געוויגט אַהין
און זיך געוויגט אַהער;
און האָט זי וועמען איינגעוויגט —
האָט ער געחלומט שווער.

2

אַ נייע לאַנד, אַ פרעמדע לאַנד —
ווער זיינען דאָרטן זיי? — —
ווער ס'האָט אַ ווייב געלאָזט אַליין
און קליינע קינדער צוויי.
אַ גערטנדל, אַ שטיבעלע,
אַ טאַטן, ווייס ווי שניי...
און ס'האָט דאָס האַרץ ביי איטלעכן
געדריקט אַן אַנדער וויי...

3

ווי לאַנג וועט גיין די שיף, ווי לאַנג?
האָט יעדער שטיל געטראַכט.
געפרעגט ביי אײן מאַטראָז, האָט ער,
אַ פרעמדער, זיך צעלאַכט.
געביטן האָט אַ נאַכט דעם טאָג,
דעם טאָג — אַ לאַנגע נאַכט,
ביז וואַן דער גוטער קאַפּיטאַן
האָט אונדז צום ברעג געבראַכט...

4

באַגעגנט האָט אַ פרעמדער אונדז
און שטרענג געפרעגט: געזונט?
און האָט באַטראַכט אונדז יעדערן,
(מ'געדענקט נאָך ביז אַצונד!)
געקוקט אין די אויגן, און אין מויל,
באַטראַכט אונדז מיט אַ גרונד — —
וואָלט ער געקוקט אין האַרצן נאָך, —
וואָלט ער דערזען — אַ וואונד...

5

מיר האָבן זיך די הענט דערלאַנגט
און זיך צוזעגענט שטום...
וועט מען זיך ווען באַגעגענען
אין יאָרן לאַנג אַרום?...
פון וויטן האָט די שטאָט געדראָט,
געשראָקן מיט איר ברום...
און צווישן צענדליק שפּראַכיקע
געגאַנגען זיינען מיר שטום...

וואו מיר וועלן..

וואו מיר וועלן זיך פאַרזאַמלען —
אונטער רוים, צי אונטער דעכער,
אונדזער וואָרט וועט הויך צוקלינגען,
און די פרייהייטס-ליד נאָך העכער.

און אפילו ווער אין צימער
איינער בלייבט אַליין, אַ מידער,
וועט זיך אין זיין האַרץ, אין שימער,
הויך צעזינגען יוגנטס-לידער...

ס'איז געגונג די פאָן דערמאָנען
ווען מאַשינען אַלע שווייגן,
אַז די אַלע פרייהייטס-פאָנען
זאָלן פאַר דיין בליק הויך שטייגן...

אַז עס זאָל דעם יום-טובֿ נאָמען —
ערשטער מאַי, זיך העלער צינדן,
און די מחנות זען זיי שטראָמען,
און דער צווייפל זאָל פאַרשווינדן...

און פון זון — אַ שטראַל אַ ליבער,
וואָס עס פאַלט אויף אונדזער פענצטער —
אונדזער יום-טובֿ ברענגט אַריבער —
אונדזער יום-טובֿ, אונדזער שענסטער...

אַ שיף . . .

טראָגט זיך אויפן ים אַ שיף,
אויפן מיטן ים;
פריי דאָס וואַסער, פריי דער ווינט,
אָן קיין שטער און צאַם!

ווינט און וואַסער דרייען זיך,
ווייסן ניט פון רו;
ווינט און וואַסער פרייען זיך,
שמועסן אויף דו . . .

אויפן דעק פון שיף שטייט קוים
ס׳מענטשעלע, דער האַר,
שפּאַרט זיך אָן פאַרענצען אָן,
ציטערט פאַר געפאַר . . .

זעט פון ים דעם ווילדן שפּיל —
די געפאַר איז גרויס —
קוקט און הערט, ווי ים און ווינט
לאַכן הויך אים אויס! . . .

ערשטער מאַי

עס קען ניט ווערן אויס
דער יום־טוב פון באַפרייאונג;
וואָס ווייטער — מער נאָך גרויס,
וואָס עלטער — מער באַנייאונג.

אין זונשיין, צי אין ווינט,
דער טאָג איז שיין און ליכטיק;
און האָפענונג זיך צינדט
און ווייזט דעם וועג אונדז ריכטיק.

און בלאָנדזשען מיר אַמאָל
אין מיטנוואָך אין גרויען —
אין ערשטן מאַי דעם קול
מיר הערן מיט געטרויען.

מיר ווייסן אונדזער ציל
און ווייסן ווי אים גרייכן;
אין אַרבעט און אין שפּיל
איז פרייהייט אונדזער צייכן.

אַ ים - ליד

היי, דו גוטער קאַפּיטאַן,
זאָג, ווען גייט שוין אָפּ פון דאַן
אונדזער שיף אין וועג?
מיט דעם האַרצן, טיף פאַרבענקט,
מיט די אויגן, אָנגעשטרענקט —
וואַרט איך לאַנגע טעג.

אונדזער שיף — נאָך אימער גוט
און זי האָט זיך אויסגערוט,
און זי וויל ניט זיין
מער צום טריבן ברעג געשמידט
און ווי אונדז — דער שיף אויך ציט
אין דער וועלט אַריין.

דו אויך, קאַפּיטאַן, אַליין
קענסט שוין לענגער דאָ ניט שטיין —
ניט געוואוינט דערצו!

דיינע אויגן שוין אַ צייט
קוקן שטענדיק ערגעץ ווייט,
דיר איז לעסטיק רו!

די מאַטראָזן — אַלע זיי
זיינען פול מיט צער און ווי,
אָן דעם יוגנט־פלאַם;
שלעפּן זיך אַרום אין שטאָט
אָן אַ גלויבן, אָן אַ גאָט —
בענקען נאָכן ים!

מער פון אַלעמען איז באַנג
מיר, דעם פּאַסאַזשיר פון לאַנג,
איינעם פון דיין שטאַם:
וואו איך ווענד זיך איז מיר שווער
און מיר דאַכט זיך, אַז איך הער
ווי עס רופט דער ים!

דער אָרקעסטער

איך האָב ליב די אינסטרומענטן
פון דעם שפּילענדן אָרקעסטער:
יעדער איז מיר אַ באַקאַנטער,
סיי דער קלענסטער, סיי דער גרעסטער.

כ׳קען זיי אַלע מיט די נעמען
און די שטימען און די טענער,
און די שטעל, וואָס זיי פאַרנעמען —
ווער ס׳איז גרויס און ווער ס׳איז קלענער:

אַלע זייערע געדאַנקען,
אַלע זייערע געפילן:
ווען זיי צערטלען זיך און צאַנקן,
ווען זיי שווייגן, ווען זיי שפּילן.

ווען זיי ווילן איבעריאָגן,
איינס דעם צווייטן איבערשטייגן,
און ווי קיינער קאָן פאַרטראָגן,
ווען דער „פירער" הייסט אים שווייגן...

כ׳קען די פידעלע די צאַרטע —
קיינער קען איר ווייטאָק שאַצן:
נאָר זי רעדט צו הערצער האַרטע,
ביז די סטרונעס אירע פּלאַצן.

כ׳קען דעם „טשעלאָ", דער בעל־תפילה,
וואָס ער זינגט זיין אייגענעם ניגון:
ווען עס שפּילן זיי, די פילע,
ווערט ער דעמאָלט שטאָלץ אַנטשוויגן...

כקען דעם קאָנטראַבאַס, דעם שווערן,
מיט די פּאָר געציילטע נאָטן:
ווען ע ר לאָזט אַליין זיך הערן,
לעגט זיך אויפן האַרץ אַ שאָטן.

דער טראָמפּייט איז מיר קיין ווייטער,
לאָזט זיך הערן גאָר אַן צילן:
ווי אַ אינגל אַ פאַרשייטער
רופט ער: קומט מלחמה שפּילן!

און די פלייט! ווי נאַכטיגאַלן
רופן דיך פון שטאָט און ישוב:
הויבט זי פייפן אָן און שאַלן —
ציט אין פעלד דיר, ווי מיט כישוף.

היינט דער פויק! דאָס איז אַ גבור,
פון אַ פעל גאָר אַ געזונטער:
לאָזט אַרויס אַ קול, דער ליבער —
דאַכט זיך, אַז די וועלט גייט אונטער...

כ׳קען און ווייס פון וואַן זיי שטאַמען,
ווייס פון מאַנכן אויך זיין פעלער:
אָבער שפּילן זיי צוזאַמען —
ווערט די וועלט דאַן שענער, העלער...

צו אַ שולמית

(אַן אַמעריקאַנער ניגון)

אַ, שולמית מיינע! שאַדע,
וואָס דו ביסט קיין הירטין נישט;
נישט אויף גרינע בלומען־בייטן
האָב איך דיך צוערשט געקושט!

אַ, שולמית מיינע! שאַדע,
וואָס קיין קעניג בין איך אויך
און אין שלעסער נישט געבראַכט דיך,
נאָר אין דירה — פיר־שטאָק הויך...

און געקלונגען האָבן לאַנג מיר —
ס׳איז געווען אַ ווינטער־נאַכט —
ביז דער הויז־היטער, פאַרשלאָפן,
האָט די טיר אונדז אויפגעמאַכט...

אַ, שולמית מיינע! שאַדע,
וואָס אויף מאָרגן אין דער פרי
האָסטו זיך געאיילט — געלאָפן
צו דער אַרבעט, צו דער מי...

פייער

ביי דער זייט פון טראָטואַר
אין אַ טאָג אַ טריבן,
בין איך, גייענדיק אין גאַס,
פּלוצים שטיין געבליבן.

ס'האָט אַ פייער מיר פאַרשטעלט,
דאַן מיין וועג אָן צילן:
ס'האָט אַ פייער הויך געברענט,
וואו די אינגלעך שפּילן.

אָך, די „שטיפער"! לאָזן ניט
דורכגיין גאָר קיין מענטשן:
דאָך אין האַרץ געמוזט האָב איך
שטילערהייט זיי בענטשן.

פונקען פליען אין דער הויך
העלער און געשווינדער
און די אָרעמע, גראָע גאַס
ווערט באַלויכט פון קינדער.

פאַלט דער פייער פּלוצים אָפּ,
ווילן זיי ניט ראַסטן,
און אַ אינגעלע ברענגט צו
נאָך אַן אַלטן קאַסטן...

— און צעבראָכן ווערט עס גלייך
האַלצלעך דין און טרוקן:
ווערט דאָס פייער ווידער גרויס
ס'איז אַ פרייד צו קוקן.

אַרום פייער שפּרינגען אום
אַלע קליינע יונגען,
און דער פייער שפּילט אויך מיט,
לאַכט מיט רויטע צונגען.

ווילט זיך ניט אַוועקגיין גאָר,
קיינער זאָל דערקענען:
— דו וואָלסט אויך פון מאַנכע יאָר
לאָזן וואָס פאַרברענען...

אין אַ שטילער גאַס

כ'וואוין מיר אין אַ שטילער גאַס,
יעדעס הויז באַשיידן;
שטיל. נאָר אָפּטמאָל שטייען צוויי
ווייבער און זיי ריידן.

שטיל. נאָר אָפּט אַ פּאָרל שטייט,
רעדט זיך דורך געמיטלעך;
אין דער שטילער גאַס ביי מיר
גייט צו אַלעס זיטלעך...

שטיל. נאָר אָפּטמאָל פאָרט זיך דורך
אַן געררויש אַ וואָגן
און אַ פייף פון ווייטן שיף
לאָזט זיך דאָ דערטראָגן.

איך האָב ליב די שטילע גאַס
נאָכן רוישיק לעבן:
— כ'הער דאָ יעדער שיפס סיגנאַל
גריסן פון מיין לעבן...

קיפּ־סטריט, 1915

וואַרטן

האָפן, וואַרטן, האַרן
— אין דער שווערער שעה
און פון אַלע צער'ן
פרייד וועט ווערן דאָ.

און דורך אַלע צוימען,
— און דורך יעדנס צוואַנג
בליקן ביז די רוימען
מיט אַ פריי געזאַנג.

און אין צער דעם טיפן
זען די נייע טעג
און די ווייטסטע שיפן
קומען אָן צום ברעג.

און די ווייטסטע ברידער
דורך די וואָלקנס רויך,
קומען אָן מיט לידער
און די פאָנען הויך...

אין אַ שטילער געגנט

אין אַ שטילער געגנט
וואוינען מענטשן טריבע,
ווייסן ניט פון פריידן,
ווייסן ניט פון ליבע.

וואוינען זיי דאָ יאָרן,
ווילן זיי ניט ציען,
דען די זעלבע יאָרן
אומעטום פאַרפליען.

וואַקסט דאָרט ניט קיין בוימל,
בליט דאָרט ניט קיין בלומעל,
און די קליינע קינדער
מאַכן ניט קיין טומל.

אַלע ווי פאַרגליווערט,
אַלע ווי פאַרפרוירן,
אויף די קלאָרע פענצטער
טאָג און נאַכט די שטאָרן.

טרעפט אַמאָל, פאַרבלאָנדזשעט
נאָר ניט מיט זיין ווילן,
איינער מיט אַ קאַסטן,
הויבט ער אָן צו שפּילן.

שפּילט ער אָפּ איין ניגון,
הויבט זיך אָן וואָס רירן,
שפּילט ער אָפּ אַ צווייטן —
אָפּן פענצטער, טירן.

עפענען זיך הערצער
און די אויגן גלאַנצן,
אויף אַ שויס אַ מוטערס
הויבט אַ קינד אָן טאַנצן...

הויבן אָן פון קאַסטן
טרייסט זיך גיסן, פליסן,
ווי ער וואָלט פון אַלע
טיפע סודות וויסן...

ווי ער וואָלט געגריסט זיי
פון דער וועלט דער ווייטער,
פון דער וועלט דער גוטער,
און פון דער פאַרשייטער.

הויבט די שטילע געגנט
עפּעס אָן באַנעמען,
הויבט זיך אָן פאַרטראַכטן,
הויבט זיך אָן צו שעמען...

ביז עס ווערט דער קאַסטן
ענדליך דאָך אַנטשוויגן,
אָבער אין דער געגנט
בלאָנדזשעט לאַנג דער ניגון...

די דאַמע

די דאַמע ביי וועמען ער וואוינט —
אַ קריסטין — ער זעט זי גאָר זעלטן:
„גוט מאָרגן", „גוט נ'אבענד", ניט מער —
צוויי פרעמדע און ווייטע צוויי וועלטן.

פון נאָרדן פון ווייטן איז ער,
און זי איז אַ היגע, פון זידן:
זי שטאַמט פון די פּני פון דעם לאַנד,
און ער קומט פון אָרעמע אידן.

דאָך ווערט ער אַמאָל ניט געזונט,
דאַן קומט זי מיט שמייכלענדע אויגן:
זי זיצט ביי זיין בעט און זיי דאַכט:
א י י ן לאַנד האָט זיי ביידן ערצויגן...

אַ תּפילה

שטיינער ליגן מיר אין האַרצן,
כּמאַרעס גייען מיר אין קאָפּ, —
גאָט דו גוטער, פול ערבאַרמען,
שיק דיין גנאָד אויף מיר אַראָפּ!

קראַנק, דערשראָקן איז מיין זעעלע,
זי איז דאָך פון דיר אַ טייל —
און זי בענקט אַלץ און זי זוכט דיך, —
מיין נשמה, הייל זי, הייל!

צווישן מויערן...

צווישן מויערן
אין דער נייער וועלט —
טראָגט פאַר ד׳אויגן זיך
אונדזער אַלט געצעלט.

פליען אויטאָס אום
ציטערט־אויף די ערד —
בענקען מיר אויך דאָ
נאָך דעם וויסן פערד.

ברענען פייערן,
בלענדן דאָס געזיכט,
דאָך עס גלעט אונדז נאָך
פון דער היים די ליכט.

רוישן מיטינגען,
רעדנער קומען אָן,
דאָך אין אויער קלינגט
אַלץ דעם מגיד׳ס טאָן.

„טיפּאַרערי״ זינגט
יעדעס קינד און „באַי״
אין די אויערן קלינגט
דעם בעל־תּפילה׳ס „אוי!״

אַלעס, וואָס מיר זעען
זעען מיר אין צוויי;
אין דער נייער פרייד
ברומט די אַלטע וויי...

צו אַ שול־מיידל

(מיין טאָכטער, מיין שיינדעלע
געווידמעט)

וואָס פליט דיין שיינעם קאָפּ דיר דורך,
דו מיידל, יונג און פיין,
ווען ליגסט אין בעטל, ביי אַ בוך,
נאָך איידער דו שלאָפסט איין?

צי טראַכסטו פון געוועזענעם
פון דורכגעלעבטן טאָג,
צי פון דעם בוך געלעזנעם,
פון העלדינס פריידן? זאָג.

צי אפשר גאָר אַן אויפגאַבע
נאָך איצט זיך פּלאָנטערט שווער?
אַ פראַזע אַ לאַטיינישע —
וואָס איז מיט איר דער מער?

און אפשר גאָר אַ אינגעלע,
וואָס גייט אין זעלבן קלאַס,
האָט מיט זיין קלוגן צינגעלע
דיר וואָס געזאָגט אין שפּאַס?

און זיינע אויגן צינדעריש
זיי שוועבן דיר פאַרביי,
און דו — אי קלוג, אי קינדעריש
טראַכסט־איבער אַלץ אויף ס׳ניי?

און אַלע פראַגן רעגן זיך
ווי בלעטער אויף אַ בוים;
נאָר שאַ, צו וואָס דאָס פרעגן זיך?
זי שמייכלט שוין אין טרוים...

ניו יאָרק, 1932.

אַזוי ווייט...

אזוי ווייט דאָס לאַנד,
אזוי לאַנג געווען —
און דו ביזט אין שטאַנד
דײַנע ליבסטע זען.

דורך דײַן פענצטער העל
קוק פאַרבענקט אַרויס —
און דו שטייסט ביים שוועל
פון דײַן ווייטן הויז.

דורך דעם היגן שויב
ווען דײַן בליק יאָגט שטום —
זעסטו נאָך די טויב
פאַכט ביים דאַך אַרום.

צילסטו ווייט דײַן בליק,
אַנגעשטרענקט, פאַרטיפט —
זעסטו פול מיט גליק
ווי אַ שיף זיך שיפט...

אויף דער פינפטער עווניו

אויף דער פינפטער עווניו
האָב איך מיט איר געשפּאַצירט,
איז זי דאָך געוואָרן מיד
האָב איך זי אַהיים געפירט.

אויפן פינפטן פלאָר געוואוינט
האָט מײַן טײַערע — ווי הויך!
דאָך ווער האָט געקוקט דערויף:
כ'וואָלט געשטיגען צען פלאָר אויך!

איצטער וואוינט מײַן טײַערע
ערשטן פלאָר און צווייטע טיר,
און ערשט איצט בין איך אַליין,
קען נישט גרייכן מער צו איר...

1909

אין מײַן גאַס

אין מײַן געסל ווערט עס שטילער
וואו איך וואוין אַצינד:
און אַ טרויעריקער, קילער
ווייעט אום דער ווינט.

און אַ בוימעלע געבויגן
שטייט אין זיך פאַרטיפט
און אַ רעגנדל געצויגן
קליינע טראָפּן טריפט.

ס'איז די היים, די אָרימע, ליבע?
ניין, אַ נייע לאַנד,
דאָך די קאַלטע טעג, די טריבע
זײַנען דיר באַקאַנט.

יאָרן לאַנגע — ווייטע שטרעקן
האָבן דיך צעשיידט,
דאָך דער זעלבער צער און שרעקן
נאָגן שטילערהייט.

און אַ הינטל ליגט ביים טויער,
אָטעמט קוים פאַר קעלט;
אומעטום דער זעלבער טרויער,
אומעטום איין וועלט.

קיפּ־סטריט, וויליאַמסבורג, 1915.

אין מיטן נאַכט
(אַ מלחמה־מאָטיוו)

אין מיטן נאַכט, אין מיטן נאַכט
אַ שטימע רופט פון ערגעץ וואו:
אין מיטן נאַכט ערוואַכט, ערוואַכט!
דאָס גיט די מוטערס ניט קיין רו!

זיי שטייען אויף, זיי וואַכן אויף
און קוקן אום זיך הין און הער:
זיי הערן אַלץ דעם ווייטן רוף
און קיינע קען ניט רוען מער.

זיי שלאָפן ניט, זיי שלאָפן ניט,
די מוטערס אַלע פון דער וועלט:
זיי גייען מיט, זיי ציִען מיט
אַהין, אַהין צום רויטן פעלד...

1917.

דער שפּיגל אין טאַנץ־זאַל

אין דעם גרויסן, פרייען טאַנץ־זאַל,
וואו די טענצער קריגן פליגל,
הענגט דאָרט אויפן סאַמע מזרח
אַ געשליפטער, קלאָרער שפּיגל.

און די אַלע יונגע פּאָרלעך,
העל באַשטראַלטע פון די ליכטער,
שפּיגלען אָפּ זיך אין דעם שפּיגל
מיט די פרייד פון טאַנץ־געזיכטער.

ניט קיין איין מינוט אפילו
בלייבט דער שפּיגל גאָר אַ לערער.
ער פאַרדאָפּלט יעדעס פּאָרל
און זיי ווערן מער און מערער...

נאָכן טאַנץ אין קורצער פּאוזע
שטעלט אַ מיידל זיך אַנטקעגן,
ווי זי וואָלט איר פריינט, דעם שפּיגל
אויפן אויער עפּעס פרעגן:

„ווי געפעלט דיר, זאָג, מיין לאָקעל?
זאָל עס בלייבן אויפן שטערן,
אָדער אויפן קאָפּ פאַרשאָרן?" —
ענטפערט איר דער שפּיגל גערן:

„אויפן שטערן איז עס שענער,
אויפן קאָפּ איז עס סאָלידער"...
און דאָס מיידל שטייט און חנ'ט זיך
און ער שפּיגלט אירע גלידער...

קומט אַ יונגערמאַן אויך זעלטן,
איז דער שפּיגל ניט דאַגעגן...
כאָטש אים דאַכט זיך, אַז באַשאַפן
איז ער בלויז פאַר מיידלעך וועגן.

און ער צייגט אים, אַז זיין שניפּסל
איז צו הויך אַרויפגעקומען...
ווייטער ביזטו גאָר אין אָרדנונג —
גיי, און זאָל דיין מיידל קומען.

דאָך, דער יונגערמאַן ער שטייט נאָך —
ס'איז זיין שוואַרצער ראָק דער עכטער
ביי די לאַצן ווייס געוואָרן —
מאַכט דער שפּיגל אַ געלעכטער:

צופיל פּודער האָט דיין מיידל,
דריק זי שוואַכער צו דיין האַרצן —
פאַרזיכטיק מיט ווייסע מיידלעך,
ווען דו טראָגסט אַ ראָק אַ שוואַרצן.

און אַזוי די נאַכט די גאַנצע
מוז ער יעדערע עמפּפאַנגען,
ביז עס הויבט אָן דרויסן טאָגן
און די יוגנט ווערט צוגאַנגען...

בלייבט דער שפּיגל לעער און לעערער,
חרוב איז די וועלט אין גאַנצן...
דען די וועלט באַשטייט ביים שפּיגל,
בלויז פון פּאָרלעך, וועלכע טאַנצן...

די בלוטיקע שטאָט

(פון תנ"ך)

אָ, בלוטיקע שטאָט,
פול זינד און פול רויב!
ביזט פול מיט געשריי,
מיט רויך און מיט שטויב!

מען יאָגט און מען פאָרט —
עס רעש'ט און שאַלט,
עס טראָגן זיך פערד,
די בייטש — ווי זי קנאַלט!

און פרויען פאַרפּוצט —
זיי דרייען זיך אום...
געפעלשט איז דער חן
מיט פאַרב און פּערפום...

אַ צויבער אין זיי!
די ערד אונטן — ברענט...
דאָס פאָלק איז פאַרקויפט
דורך זייערע הענט...

אויפֿן ים

און ווידער דער ים און די וועלן־בערג ווידער,
און ווידער די פֿויגל באַגלייטן פֿון הינטן
און שרייען און ליאַרמען מיט ווילדן געדרודער,
און ווידער די שטורעמס, די קרעכצנדע ווינטן...

און ווידער אין שיף, אין דעם איינזאַמען, גרויסן,
אין מיטן דעם הימל, אין מיטן דעם וואַסער.
און ווידער, אַ, וואַנדערסטו מיד און פֿאַרשטויסן,
דו אָרעמער מענטש, דו טרויעריקער, בלאַסער!

וואוהין און צו וועם און צו וואַסערע צילן?
דאָס גליק ליגט באַהאַלטן אין אָפּגרונט אין טיפֿן,
דער ים וועט דיין דאָרשט נאָכן גליק דיר ניט שטילן,
דיך וועלן ניט ברייגגען צו אים קיינע שיפֿן...

די באַרויִקונג

באַרויִקט איז דער ים. שטיל קייקלט ער די וועלן
און לויטער קוקט ער מילד צום הימעל צו דעם העלן.
עס דאַכט זיך, ער, דער ריז איז צום באַשלוס געקומען:
ניט העלפֿן וועט זיין וואַרפֿן זיך, זיין ליאַרעמען און ברומען.

און אַלע זיינע שטאַרקע, ריזיקע פֿאַרלאַנגען
וועט ער שוין קיינמאָל ניט אין שטאַנד זיין צו דערלאַנגען.
אויך אים האָט גאָט באַשטימט געוויסע וועגן
און קיינמאָל וועט ער ניט אַרויס פֿון זיינע ברעגן...

ווי שיפֿן...

אַזוי ווי שיפֿן, וואָס זיי גייען אָפּ פֿון ברעג
און וועלן מער ניט ווייזן זיך צוריק,
אַזוי באַגלייט איך מיט מיין בענקענדיקן בליק
די שיינהייטן, וואָס גייען מיר פֿאַרביי אין וועג.

לעבט וואויל, איר שיפֿן, שווימט אייך שטאָלץ און פֿריי,
און וועמען איר באַגעגנט, בעט איך, האַרצלעך גריסט;
לעבט וואויל, איר שיינהייטן, וואָס גייען מיר פֿאַרביי, —
די שיפֿן גייען אָפּ, דער ברעג בלייבט לעער און וויסט...

מאָנטעסעלאָ, 1916.

דער טויט פון אַ נביא...

(לעוו טאָלסטאָיען, צום אָנדענק)

עס האָט זיך דער זקן פון שלאָף אויפגעוואַכט
אינמיטן דער שטילער, דער פינצטערער נאַכט,
געבעטן געהיים פערד און וואָגן צו שפּאַנען
און גיכער און שנעלער אַנטלויפן פון דאַנען.

— „וואוהין?“ האָט דעם זקן זיין תלמיד געפרעגט, —
„אַהין, וואו די שלעכטס און די רשעות זיך עקט!
אַהין, וואו מען קאָן נאָך דאָס רעשט ביסל יאָרן
פאַרברענגען אין תפילה, אין טראַכטן אין קלאָרן“...

און ס׳האָט זיך דער זקן אין וואָגן געזעצט,
געוואָרפן מיט טרויער די בליקן צום לעצט
אויף אַלץ, וואָס געווען איז אַזוי אים דערווידער:
דער נאַרישער טומל, דער דומער גערודער...

און שטילער, און שטילער איר, בוימעלעך, שווייגט,
און שטעגעלעך, וועגעלעך שפּורן ניט צייגט,
עס זאָלן די שפּורן די ווינטן פאַרטראָגן,
און זאָל מען ניט זוכן, און זאָל מען ניט יאָגן!...

אָ, זקן דו אַלטער, אָ גוטער פּראָפעט,
עס איז דיין אַנטלויפן פון מענטשן צו שפּעט!
מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין קרום־לאָמע וועגן
און זוכן כאָטש איינעם דעם וועג אויסצופרעגן.

דעם וועג ווער קען וויסן? דער וועג האָט קיין סוף —
ער האָט אים געפונען אין אייביקן שלאָף.
און מיר בלאָנדזשען ווייטער אַזוי ווי די פרעמדע —
עס קלינגט אַזוי טרויעריק די פרישע לעגענדע!...

וואַרשע, 1910.

ווי גוט

(אידיליע)

ווי גוט עס איז צו גיין אין גאַס
מיט קליינע, לייכטע זאָרגן:
און ווער עס קומט אַנטקעגן דיר —
דו זאָגסט אים גלייך: גוט־מאָרגן.

די הייזער זיינען ניט צו הויך,
די קעפּ — ניט צו פאַרריסן;
און יעדער ענטפערט פריינדלעך דיר
אויף אַלע דיינע גריסן.

דו וואוינסט אין גאַס אַ לאַנגע צייט,
האָסט זיך געקריגט מיט קיינעם;
און יעדערער — אַ גוי, אַ איד —
זיי זיינען דיינע שכנים.

די זון אַליין, זי קומט צוגיין,
איז דאַכט זיך אויך אַ שכנה;
זי לויכט אַראָפּ און קוקט אַראָפּ
מיט בליקן ליבע, ריינע.

ניטאָ קיין האַס אין אונדזער גאַס,
די קינדער פריינטלעך שפּילן.
אַ הונט אַמאָל ווערט בייז אַמאָל
און הויבט אָן פּלוצים בילן...

קיפּ סטריט, וויליאַמסבורג, ברוקלין, 1916

אַמאָל

אַמאָל אַז ס׳איז באַכט
אַרום און אַרום:
די טומלענדע וועלט
ווערט רואיק און שטום —

האָב איך אַזוי ליב
באַטראַכטן די וועלט;
און אַלץ איז דאַן גוט
און אַלץ מיר געפעלט!

איך גיי מיר אַרום:
גאַס אויס און גאַס איין
אין איטליכן הויז —
איך קוק מיר אַריין.

און ס׳דאַכט זיך מיר דאַן —
אַ פאָטער איך ווער
פון אַלע אָט די,
וואָס לעבן דאָ שווער.

און ס׳ווילט זיך צו מיר
אַהיים דאַן ניט גיין:
ניט לאָזן זיי דאָ,
די קינדער, אַליין...

ניו יאָרק, 1916.

ביי דער ראַדיאָ

ס׳איז אומעטיק דאָ,
אין וואוינונג אַליין;
אין שפּעט־אָוונטס שעה
עס ציט ערגעץ גיין.

די ראַדיאָ אַ דריי
אָוואו נאָר דו ווייסט,
און ס׳פּליוצט שוין אַ ווי,
וואָס ס׳איז מער, ווי טרייסט.

מען דאַרף דען אַ סך
דאָס גליק האָבן גאַנץ? —
אַ תּפילה פון באַך,
אַ ניגון פון בראַהמס.

און וואַגנערס געשריי,
און מאָצאַרטס געזאַנג —
און שוועבסט אין דער הייך
אויף פליגלען פון קלאַנג.

ניו יאָרק, 1935.

איך האָב ליב . . .

איך האָב ליב אַ שיף
נאָך פון קינדערווייז אויף;
אירע קוימענס הויך
קוקן שטאָלץ אַרויף.
הודזשען נאָכאַנאַנד,
שיסן מיט אַ רויך.
גייט די שיף אַליין
אַזוי פריי און שיין
איבער ימים טיף — —
איך האָב ליב אַ שיף!

איך האָב ליב אַ ווינט,
שטורעם אויפן ים;
כוואַליעס יאָגן זיך,
בילדן אויס אַ צאַם.
כוואַליעס הויבן זיך
און צעשלאָגן זיך.
וואַרפט די שיף זיך אום
אויף די זייטן קרום
הער און הין געשווינד — — —
איך האָב ליב אַ ווינט!

איך האָב נעפּל ליב
אויפן ים געדיכט;
ס'ווערט אין מיטן טאָג
אויס מיט שיין און ליכט.

פליען זיי אַרום
די מאַטראָסן שנעל,
זוכן זיי אַ ליכט,
ווערן זאָל עס העל.
איז אומזיסט די מי,
ווייסן זיי ניט ווי —
פינצטער... קאַלט און טריב... — —
איך האָב נעפּל ליב!

איך האָב ליב דעם ברעג
וואו די שיף קומט אָן;
אין דעם נייעם לאַנד
וועל איך וואונדער טאָן.
איך בין דאָך נאָך פריי,
דאָ נאָך אומבאַקאַנט.
וועל איך זיין אַליין,
וועל איך לעבן שיין
ביז די ווייטסטע טעג — —
איך האָב ליב דעם ברעג!...

ניו-יאָרקער בילדער

די מאַמע פירט דאָס וועגעלע
מיט לייכטע, קליינע טריט;
אָך, אינעווייניק, אין וועגעלע
איר קינד זי שיצט און היט.

דאָס וועגעלע איז לייכט און גרינג,
דאָס קינד איז גרינגער נאָך;
דאָך גרינגער איז די מוטער־לאַסט
און זיס און ליב דער יאָך.

אַ יונגע מיידל קוקט עס אָן
בשעת זי גייט פאַרביי;
זי איז נאָך יונג, זי איז נאָך שיין,
פון מוטער־לאַסטן פריי.

זי קוקט אַריין אין וועגעלע:
אין ווייכן קישן ליגט
דאָס קינד אַן איינגעטוליעטע
און שמייכלט פאַרגעניגט...

דערנאָך קוקט זי דער מוטער אָן,
דאָס מיידל גיט אַ טראַכט:
„איך וועל דעם ענטפער היימאַנען
נאָך געבן היינט פאַר נאַכט.

וואָס גייט מיר זיין פרנסה אָן?
ניט רייכקייט איז דאָס גליק...״
און וואַרפט צום קינד אין וועגעלע
אַ שמייכלדיקן בליק...

מאָדערנער ראָמאַנס

אין קאַפע־הויז ביי אַ טישל
האָבן זיך צוויי שיך צערעדט!
איינער מיט אַ שפּיץ אַ ברייטן
און דער צווייטער שמאָל און נעט.

זאָגט דער ברייטער שפּיץ: העי, קלאַרע,
ווען־זשע וועסטו קומען פאָרט?
איך האָב שוין באַשטעלט אַ צימער
אין אַ שיינעם שטילן אָרט".

טרעט צוריק דאָס קליינע שיכל
אויפן ברייטן שפּיץ גאַנץ מילד:
„פאַרזיכטיק — ער קען נאָך מערקן
און קען ווערן בייז און ווילד".

ענטפערט אָפּ דער שוך דער ברייטער,
טרעט דעם קליינעם שוך ביז ווי:
„האָב ניט מורא פאַר דיין אַלטן —
זעסט ניט ווי ער טרינקט דעם טיי".

וויינט דאָס שמאָלע נעטע שיכל,
רירט דעם ברייטן שפּיץ קוים אָן:
„איך בין כלומרשט, דאָך פאַרהייראַט,
וואָס־זשע, ליבער, קען איך טאָן?"

און דער ברייטער שוך ער שמייכלט
און ער דריקט דאָס שיכל שטאַרק:
„וועסט דעם אַלטן' דיינעם זאָגן,
דאַרפסט גיין איינקויפן אין מאַרק".

וויליגט איין דאָס קליינע שיכל:
אַלץ איז שוין דאָ אָפּגעמאַכט,
און פון שיינע ליבעס־גליקן
ליגט עס אונטערן טיש און טראַכט...

און פאַרזינקענדיק אין טרוימען
האָט דאָס שיכל זיך פאַראירט
און דעם שוך פון אייגענעם מאַן גאָר
האָט עס ליבלעך אָנגערירט.

און זי האָט זיך שטאַרק אַנטשולדיקט
מיט אַ העפליך־זיסן נויג:
„אַך, פאַרצייַ מיר, כ'האָב אודאי,
אָנגערירט דיין הינער־אויג!..."

1912.

ס'איז דאָ אַ חן...

(ניו־יאָרקער אידיליע)

א.

ס'איז דאָ אַ חן, אַ שיינקייט
אין יונגער מוטערס טאָן;
ווען זעסט זי, אַ פאַרבענקטע —
אין שטוב איר אַרבעט טאָן.

זי וואָלט געקענט אויך געבן
אָן אַרבעט דאָ, צי דאָרט;
איז גייט עס איר אין לעבן
צו ווייזן, אַז זי שפּאָרט.

פון קאָפּ־טיכל די ברעגן
ביי די אויערן פאַרשטעקט, —
זי שמייכלט ליב אַנטקעגן
ווער ס'קומט אַריין, וואָס פרעגט.

„זייט מוחל, כ'בין פאַרנומען —
איר זעט דאָך, אַלץ אַליין;
מיין מאַן — ער דאַרף באַלד קומען
און כ'מוז אין שפּייז־קראָם גיין..."

דער מאַן, איר אויסגעוויילטער,
ער פלייסט פאַר איר זיך מער;
ווי שווער אין שאַפּ — דערציילט ער,
און זי — אין שטוב, ווי שווער...

און ווען מען זיצט ביים טיש שוין
און ס'איינציק קינד דערביי —
שוין ביידע, ווי דערפרישטע
מען שמייכלט עכט און פריי...

אַ נעגערל

אַ נעגערל, אַ קליינס, ווי סאַזשע שוואַרץ,
האָב איך געזען זיך שפּילן ביי אַ הויז,
עס האָט געטרויערט און געשראָקן זיך מיין האַרץ:
מיין גאָט! ווי שוואַרץ דיין באַשעפעניש זעט אויס!

און פּלוצלונג האָט דאָס קינד דאָס שוואַרצע זיך צולאַכט,
זיך קויקלנדיק און שפּילנדיק אויף דר׳ערד:
מיין גאָט! וואָס איז מיט מיר אַזוינס? האָב איך געטראַכט,
וואו האָב איך ערגעץ אַזאַ לאַכן שוין געהערט?!

איך האָב דערמאָנט זיך, אַז מיין ברודערל אַמאָל,
מיין ווייסער ברודערל, ווען ס׳איז געווען קליין,
האָט אויך געלאַכט אַזוי, עס איז דאָס זעלבע קול —
און גלייך איז מיר דאָס קינד געוואָרן ליב און שיין...

ניו יאָרק, 1911.

איך האָב אין לעבן...

איך האָב אין לעבן גליק געוואָלט,
געזוכט פון לעבן בלויז דאָס גאָלד...
געזוכט אין היילן און געגראָבן
געוואָלט דאָס גליק און גאָלד צו האָבן..

אָ, קיינער האָט ניט קיין באַגריף,
ווי ווייט געגראָבן און ווי טיף...
ס׳איז גרויס געוועזן מיין פאַרלאַנגען,
איך האָב דאָס גאָלד געוואָלט דערלאַנגען.

אומזיסט דאָס לעבן אָפּגעבלייכט:
איך האָב דאָס גאָלד דאָך ניט דערגרייכט
איך גראָב און גראָב און אַרבעט פלייסיק
צען יאָר און צוואַנציק, אָט איז דרייסיק...

און איינמאָל... שפּעט אין נאַכט געווען,
האָב איך אין שפּיגל זיך דערזען,
און אוי, ווי האָב איך זיך דערשראָקן:
אָ, זילבער, זילבער — מיינע לאָקן!...

פאַרגעבונג

כ׳טראָג אַ האַרץ פול ליבע,
כ׳בין מיט ליבע רייך:
גוטע מענשן, שלעכטע —
אַלע זיינען גלייך.

זינג מיר ניט פון גוטסקייט,
רעד מיר ניט פון זינד;
יעדער מענש בלויז שפּילט זיך,
שפּילט זיך ווי אַ קינד.

קוק מיט פאָטער־אויגן
אויפן קורצן שפּיל...
גיב זיך אָפּט אַ בייזער,
אָבער ניט צופיל!

דען די קינדער שפּילן,
ביז ס׳פאַרגייט די זון,
און זיי גייען שלאָפן —
ס׳איז קיין בייז דערפון!

צוויי בילדער

עס הענגעןביים דיכטער אין צימער צוויי בילדער
פון מיידלעך, פון צוויי:
איינע — אַ פריילעכע, שטענדיק זי לאַכט נאַר,
די צווייטע — פול וויי.

קומט ער אין אָונט אין צימער אַ מידער,
קוקט ער און טראַכט:
וועמען באַגער איך: דאָס מיידל דאָס באַנגע,
צי יענע, וואָס לאַכט?

קוקט ער אויף איין וואַנט און קוקט אויף דער צווייטער;
וועלכע פון זיי?
איינע, זי רופט מיט איר לאַכן, די אַנדערע —
זי לאָקט מיט איר וויי.

אַזוי יעדער אָוונט באַטראַכט ער זייביידע
און יעדערע ציט...
אויף איין וואַנט די איינע, אַנטקעגן די צווייטע,
זיין הארץ — אין דער מיט!...

אַ שפּילצייג

מיט אַשטיקל האַנטוך...
האָט דאָס קינד געשפּילט,
זיך אַ שפּילצייג מאַכן
האָט דאָס קינד געצילט.

האָט געדרייט די האַנטוך
פלייסיק הין־און־הער:
ביז עס איז געוואָרן —
ווייסט איר וואָס? — אַ בער!

האָט דאָס קינד דערפרייט זיך
און זיך הויך צולאַכט;
מיט די אייגענע הענטלעך
זיך אַ בער געמאַכט.

אָבער אַז פון שאַפן
איז די פרייד אַוועק,
האָט דאָס קינד דאָס קליינע
טיף דערפילט אַ שרעק:

בערן זיינען שרעקלעך,
עסן קינדער דאָך...
האָט דאָס קינד צעוויינט זיך
אויף זיין גרויסן בראָך.

האָט דאָס קינד געשוואָרן:
קיינמאָל וועט עס מער
פון אַ לייוונט־האַנטוך
מאַכן זיך אַ בער.

איינזאַמע אָוונטן

איינזאַמע אָוונטן! איינער אַליין.
קענסטו די סודות, די טיפסטע דערגיין:
קענסטו די צייט, וואָס געווען און וועט זיין
ברייננען צו דיר, אין דיין צימער אַריין.
גאָרנישט פאַרבאָרגן איז דעמאָלט פאַר דיר,
און צו דער אייביקייט אָפן די טיר...

איינזאַמע אָוונטן! איינער אַליין,
ווערט דיר דאָס האַרץ אַזוי לויטער און ריין.
טראַכסטו ווי קורץ איז דער טאָג גאָר געווען,
לאַכסטו פון אַלץ, וואָס דיין אויג האָט געזען.
הויבסט אָן באַטראַכטן דאָס לעבן פון זיי,
טוט דיר דאָס לויטערע האַרץ אַזוי ווי...

איינזאַמע אָוונטן! קוקסט נאָר אין זיך
שעפּסטו דאָס שענסטע אַרויס פון דיין איך,
צייגסטו עס קיינעם ניט... מאַכט מען קיין שפּאַס,
לאַכט עס ניט אויס די פאַראָרעמטע גאַס.
קוקסטו פון פענצטער אַרויס צו דער נאַכט —
האָט דיר דער הימל אַ יום־טוב געמאַכט...

איינזאַמע אָוונטן! זייט מיר געלויבט,
גליקלעכע שעה, ווען דער שלאָף איז געראויבט.
גליקלעכע שטונדן פון וואַכן אַליין —
הויבסטו דאָס לעבן אָן טיפער פאַרשטיין.
פאַלן די מאַסקעס און שלייערס אַוועק,
זעסטו אַלץ אָפן און פילסט ניט קיין שרעק...

קיפּ־סטריט, וויליאַמסבורג, 1916

ביי דער גרעניץ...

ביי דער גרעניץ פון אַ צייט,
ווי בײם גרעניץ פון אַ לאַנד;
האָפענונגען ווינקן ווייט,
נייע גליקן — אומבאַקאַנט.

פון אַ באַרג — אַ יונגער העלד
אויף אַ פערד אַ ווייסן רייט;
יאָגט אַראָפּ און גריסט די וועלט
מיט אַ נויג צו יעדער זייט...

וועגן שטעגן — ברייט און שמאָל,
ציען זיך דאָ הויך, דאָ גלייך:
צווישן בערג און פעלד און טאָל
רוישט און זינגט אַ קלאָרער טייך...

ווייט — אַ טורעם, הויך און בלאַנק,
גאָלדיגט זיך אין נייער שיין;
און מיט לידער און מיט דאַנק
קומט ער באַלד אין לאַנד אַריין...

היימישע טעכטער

איך גיי אין די רוישיקע גאַסן —
שוין זעקס איז דער זייגער פאַרנאַכט —
אין רייען אין לאַנגע זיך ציען
די אידישע טעכטער פאַרשמאַכט.

אַ, אידישע טעכטער פון שעפער!
אין בליק אייערס זע איך געהיים,
דעם חן פונם אידישן שטעטל,
דעם גלאַנץ פון דער ווייט־ווייטער היים...

איר גייט איבער שטיינערנע גאַסן —
די ערד און דער הימעל פאַרשטעלט;
דאָך דופטן נאָך אייערע קליידער
די דופטן פון שטעטלשן פעלד...

און קוק איך אייך אָן אַלע טיפער,
דערזע איך נאָך מערער און נאָך:
די קרוינען פון טויזנטער יאָרן —
זיי גלאַנצן אַרויס פון דעם יאָך...

דען אַלע זייט איר דאָך בנות־מלכות,
דער יחוס רוט שטיל אייך אין בליק...
ווי זייט איר פאַרשקלאַפט איצט געוואָרן!
ווער ברייגנט אייך צום קעניג צוריק?...

1909

ניו יאָרק אין דער פרי

(פון די ניו יאָרקער מאָטיוון)

...גייט אַ מיידל אין מאַנטל און הוט,
אויף איר פנים דער חלום נאָך רוט,
אויף די ליפּן אַ שמייכל זיך וויגט —
און זי האָט זיי ביידן באַזיגט.

און עס יאָגט זיך אַ צווייטע באַלד אָן,
האָט זי איר אַ שמייכל געטאָן,
אויף צו רעדן איז צייט שוין דאָ קנאַפּ,
ווייל זיי גייען דאָך ביידע אין שאַפּ.

דאָך צערעדט זיך פון קליידער, פון היט,
און פאַרשווינדן מיט אײדעלע טריט,
מיט די אַנדרע זיך אויסגעמישט באַלד —
גיי דערקען זיי צווישן מענשן אַ וואַלד!

אויך די קינדער — זיי פּלאָנטערן מיט
מיט די ליבע, די קלייניקע טריט;
און די מוטערס די יונגע ביים זייט —
זיי פירן אין שול דאָ ניט ווייט...

די „אָפּיסעס"...

די „אָפּיסעס" די גרויע
אין מויערס גרויס און הויך;
די ווערטערלעך די שלויע,
און דער ציגאַרן־רויך.

די „ביכער", די פּאַפּירן,
די ציפער ביי דער זייט;
דאָס טרוקענע דיקטירן
וואָס קלינגט אי פרעמד, אי ווייט.

די בריוו צו פירמעס טריבע
מיט שיינקייט ניט פאַרפּוצט,
און וואו אַ וואָרט פון ליבע
ווערט זעלטן־ווען גענוצט...

די „אָפּיס־מיידל" — איינע
אין אָט דעם גרוי אַרום;
די ליבע און די שיינע —
אַן זון, אָן לופט — אַ בלום...

ווי אַ בלום

ווי אַ בלום אָן טוי פאַרדאַר איך
אָן אַ קוש און אָן אַ גלעט;
שטענדיק וואַרט איך, שטענדיק האַר איך
און עס וועט שוין זיין באַלד שפּעט.

וואו זשע איז ער, מיין באַשערטער?
קום שוין גיכער, קום שוין, קום!
נאָר איין קוש, צוויי ליבע ווערטער
און עס בליט צוריק די בלום...

סטרייק

אין די הייזער הערשט שוין נויט,
קליינע קינדער בעטן: ברויט!
און די גרויסע אין די ווינקלען
זיצן און די טרערן פינקלען
און אַ קינד ליגט קראַנק אין וויג —
דאָך מיר דולדן ביזן זיג!

אין די הייזער קוים מען לעבט,
און די אַלטע שפּין זי וועבט
אויף דאָס נייַ שוין די געוועבן
און פול פּחד קוקט דאָס לעבן
און דער טיש איז ניט געדעקט —
דאָך דער קאַמף איז ניט געעקט!

אונזער נויט האָט שוין דערשפּירט
פון דער וואוינונג אונזער ווירט
און וואָס איז דער שלעכטער אויסן?
צאָלן אָדער ליגן דרויסן
אויפן רעגן אויפן ווינט —
דער וואָס קעמפט דאָך — דער געווינט!...

ג. י. 1912.

טרייסט...

זעסט דער ווינטער פילט זיך מיד,
דאָך ער וויל זיך נאָך באַרימען.
אָונט ברומט ער נאָך זיין ליד,
מאָרגנס — רופן פייגל-שטימען...

ער וואָלט וועלן מיט זיין קעלט
ווידער אין זיין נעץ אונז פאַנגען,
דאָך פון זון אַ שטראַל זיך העלט —
און זיין ביסל אייז — צעגאַנגען

ווי אַ הערשער — בייז און אַלט
וויל פון טראָן אַלץ ניט אַרונטער;
מעסט אין אָונט אָן זיין קרוין —
אין דער פרי — ער גיט זיך אונטער...

פרייד און דאַנק...

פרייד און דאַנק דעם נייעם מענטשן,
ער האָט פרייד און דאַנק פאַרדינט;
אויסגעליטן אַלע גרענ'צן —
וועגן גוטס, באַקעמפט די זינד.

אויסגעשטריטן אַלע שטרייטן
פאַר זיין רעכט און פאַר זיין ווערט;
אויסגעוועזן אַלע וויַיטן
איבער וואָלקנס, אונטער ערד.

אויסגעפונען אַלע טיפן,
מיט אַ שמייכל זיי פאַרטרויט;
לערן טונקעלע — ניט באַגריפן,
און די נייע יונג געבויט.

זיך באַפרייט פון האַס און ליגן
וואָס דעם מענטשן האָט געדריקט,
און אַ רוף צו ברודערס פרידן
אין דער וועלט אַרויסגעשיקט.

און אַרויס וועט ער דער זיגער;
אויב נאָך וואו אָן איבערבלייב
פון אַ הערשער, אַ באַטריגער —
וועט ער זיין צום צייט-פאַרטרייב...

פון אָרעמע

פון אָרעמע די רייד די שטילע —
זיי פאַלן מילד, זיי פאַלן מיד,
ווי מורמל פון אַ וויַיטער תפילה,
ווי אָפּקלאַנג פון אַ וואָגלערס ליד.

דער קאָפּ אַזוי אַראָפּגעבויגן,
די אויגן — קוקן דיך ניט אָן,
ווי ס'וואָלט פון הייכן זיך געצויגן
אָן אַלץ פאַרגעבנדיקער טאָן...

צו אַ אינגל

1

איך באַוואונדער, אינגל,
ווי דו ווערסט דערצויגן...
ס׳איז אַ צייט אַ נייע —
יענע איז פאַרפלויגן...
ס׳איז אַ צייט אַ נייע,
כ׳פיל מיך אַזש דערשראָקן,
הייזער — ביז די וואָלקנס,
און די הויכע שטאָקן...
איך געדענק די היימען —
דירה׳ס — קליינע שטיבער;
בלויז די שול איז גרעסער,
און דער שול־הויף — ליבער...
צווישן קליינע הייזער
ברייטע פרייע הויפן,
רוישיק, נאָך א רעגן,
פלעגן שטראָמען לויפן...
און אין גאַס ביים בערגל
פלעגט אַ טייכעל ווערן,
פלעגן דאָרט אין אָוונט,
שפּיגלען זיך די שטערן...

2

איך באַוואונדער, אינגל,
כ׳זע דיך אָפּט אין באַנען;
פאָרסט פאַר ווייטע מיילן,
און ווער ווייסט ביז וואַנען...
איך — וואָס זאָל דיר זאָגן —
איך אין דיינע יאָרן,
בין, אלס אינגל, זעלטן
מיט דער באַן געפאָרן.
ווען מיט פערד און וואָגן,
אין א שיינעם וועטער,
ליב געווען צו פאָרן —
מעג מען קומען שפּעטער...
א פאָר וויאָרסט דער וועג בלויז,
דאָך — ווי ווייט! — פלעגט דאַכטן;
אַז מען פאָרט געלאָסן,
קען מען וועלט באַטראַכטן...
דאָ אַ פעלד מיט זאַנגען,
דאָ אַ פליין אין גראָזן,
אָט אַן אַלטער פּאַלאַץ
פינקלט שטיל, פאַרלאָזן...

3

איך באַוואונדער, אינגל,
ווייסט פון אַלע נייסן;
לייענסט שוין די צייטונג —
ווי זיך לענדער רייסן...
איך, אין דיינע יאָרן,
אין די צייטן שטילע,
פון מלחמה׳ס צאָרן
ניט געהערט אפילו.
ס׳איז קיין פיינט באַפאַלן
קיינמאָל אונדז׳רע גאַסן;
יעדער טוט זיין אַרבעט
רואיק און געלאַסן...
גייט אַמאָל א חיל דורך —
שפּילט עס, רוישען פאָנען;
בלויז דער אַלטער זיידע —
רעדט פון נאַפּאָלעאָנ׳ען...

פינסטערע געזיכטער

פינסטערע געזיכטער —
ווייזט אַ שמייכל ווען;
האָט איר דען אַ זון־שטראַל
קיינמאָל ניט געזען?

פינסטערע געזיכטער —
ווייזט אַ מינע פריי;
איז אייך פרילינגס־אָטעם
קיינמאָל ניט פאַרביי?

פינסטערע געזיכטער —
גיט מיר אַ באַשייד;
האָט אַ קינדס אַ שמייכל
קיינמאָל אייך דערפרייט?

זיבעטער בוך

לידער אַלערליי

אויף דער וועלט...

אויף דער גאַנצער וועלט טראָגט זיין גייסט זיך אום,
רוהיק, רוהיק, פריינט, גאָט איז אומעטום...
גלויבסטו ניט דעריין? ס׳איז אַ לעערער וואָרט?
אויב אַזוי, איז שרעק דאָ אַזוי ווי דאָרט...

כ׳זוך אַ וואָרט פאַר דיר און געפין אים ניט...
דו פאַרשווינדסט פון מיר... כ׳הער די לעצטע טריט.
כ׳הער די לעצטע טריט און אַרום איז שטום,
כ׳הער אַן עכאָ בלויז: גאָט איז אומעטום!

ניויאָרק, 1918

דער אייביקער קוואַל...

איך האָב אַ קוואַל געגראָבן
אין סאַמע מיט פון וועלט:
און אייביק וועט ער שלאָגן
אין היצן און אין קעלט.

קיין שניי וועט אים פאַרשיטן,
היץ טריקנט אים ניט אויס —
פון וועלט פון סאַמע מיטן
זיין וואַסער שלאָגט אַרויס.

עס מעגן הייזער פלאַצן
פון הונדערט שטאָק די הויך,
און שלעסער און פּאַלאַצן
זיי מעגן פאַלן אויך.

בערג קענען זיך צעשיטן
און פאַלן טיף אין טאָל —
מיין קוואַל אין וועלט אינמיטן
וועט שלאָגן אַלע מאָל.

קלאָרע שנייען

קלאָרע שנייען פון דער הויך,
איך געדענק אייך פון אַמאָל;
שטיל געפאַלן, מילד און ווייך —
אויף די געסלעך — קליין און שמאָל...

און די גרויע האַרטע ערד
ווערט באַדעקט און וויס דורך אויס...
און פון פענסטער, שטיל פאַרקלערט
קוקט אַ קינד אין וויט אַרויס...

ווייזט דער ערשטער שליטן זיך,
איז ער ווי אַ ליבער גאַסט;
פאָרט דער פורמאַן שוין אין גיך,
ווי אין ווינטער פאָרן פאַסט.

שפּריצן ווייסע שטיקער שניי
פון די קלויען ביי דעם פערד,
און דער פורמאַן מיט אַ פרייד
יאָגט זיך איבער ווייסער ערד...

אין סוכה

(אין פאָלקס־טאָן)

אַ סוכה אַ קליינע
פון ברעטער געמיינע
האָב איך קוים מיט צרות געמאַכט!

געדעקט דעם דאַך
מיט אַ ביסעלע סכך
און איך זיץ אין איר סוכות ביי נאַכט.

פון ווינט דעם קאַלטן,
וואָס בלאָזט דורך די שפּאַלטן
מיין ליכטעלע לעשן זיך וויל;

דאָ מאַך איך מיר קידוש,
און זעט נאָר אַ חידוש:
דאָס ליכטל ברענט רואיק און שטיל!

און קען אויף אויסנווייניק שוין לאַנג —
ווי ווערט מיר יום־טובדיק און באַנג!
און דאָס געשריפט צום האַרץ איך דריק
און בײנק און וויין פאַר ווײ און גליק!

ניט אַלץ . . .

נישט אַלץ האָב איך אייך אויסגעזאָגט
אין ליד, אויף דעם פּאַפּיר —
אוי, וואונדן פיל פאַרבאָרגענע,
זיי ליגן נאָך אין מיר.

זיי זיינען סודות שרעקלעכע,
כ׳האָב אייך זיי נישט געטרויט;
זיי זיינען פינצטער, ווי די נאַכט,
און גרויזאַם, ווי דער טויט.

אַ, שטאַרבן וועלן זיי מיט מיר —
איך וועל זיי נעמען מיט;
און זאָל אפילו פרעגן גאָט,
אים זאָגן וועל איך ניט . . .

1900.

סענטימענטן . . .

איך בין קיינמאָל סענטימענטאַל,
איך בין אַ זון פון וואָך,
אַנטציק מיך ניט פון זון־פאַרגאַנג,
און זעלכע זאַכן נאָך.
און דער לבנה׳ס געלבן שיין
פאַרטרוי איך ניט מיין האַרצנס־פּיין.

איך האָב קיין האַר צו קניען פאַר אים,
דער טעמפּל איז מיר לעער,
און גיט דאָס האַרץ אַמאָל אַ קלעם, —
דאָס אויג איז אָן אַ טרער.
איך בין אַ זון פון וואָך און שטרענג:
קיין דומע שטיק, ווען ס׳ווערט מיר ענג!

איך בין אַן אָרעמער מענטש פון וואָך,
און דאָך, מיין פיל געליבטע, דאָך:
כ׳געפין אַ שטיקעלע פּאַפּיר
געשריבן לאַנג פון דיר צו מיר

אַך, וואָס וועסטו זאָגן...

1

אַך, וואָס וועסטו זאָגן דער וועלט
ווען זי וועט דיך פרעגן:
וואוהין איז דיין מיידל אַוועק,
אין וואָסערע וועגן?

— איך זאָג אייך דעם אמת באַלד אויס
איך וועל מיך ניט שעמען:
אַוועק איז מיין מיידל אַוועק,
וועל זאָגן צו וועמען...

2

און אַז ס׳וועט דיך פרעגן די וועלט
וואָס קלערסטו צו מאַכן
אַ, שטאָלצער, צי בלייבט ביי דיר רעכט
זי זאָל פון דיר לאַכן?

— נו, וועל איך מיר ענטפערן שטיל:
דער קלאַפּ איז אַ שווערער
דאַך וועל איך קיין בייז איר נישט טאָן:
איך ליב זי איצט מערער...

נאָך דיר...

נאָך דיר וואָלט איך קיינמאָל געוויינט
מיין קעניגין כלה...
דו ביזט דאָך אַ מיידל געווען,
אַ מיידל ווי אַלע...

איך האָב נאָר דיין ליבע געליבט,
זי איז געווען טייער,
נו, האָט זי דיר איצט אויסגעברענט,
אַוועק מיטן פייער.

און אויב איך דערמאָן דיך נאָך אָפט
ניט דיך אָבער מיין איך,
דו ביזט מיר אַ פרעמדע אַצינד —
די ליבע באַוויין איך...

הערצער-שפּיל

פון מיין ליבע וויסטו, קינד,
כ׳פיל דיין שמייכל;
עס געפעלט פון הערצער־שפּיל
דיר דער שכל —

שענקסט דאָ יאָ, דאָ שענקסטו ניט
דיין בליק דיין ריינעם;
גאַנגען האָסטו אַלערליי,
איך — נאָר איינעם.

און אויך דעם פאַרליר איך באַלד,
כ׳בלייב אין מיטן,
כ׳זע דעם צווייטן שפּילן שוין,
אויך דעם דריטן...

דאָס נאָר מיינסטו, קינד, איך ווייס
דיינע צילן;
היט זיך דאָך, אַמאָל וועסט דו
אויך פאַרשפּילן!

צו...

(אַ פאָלקס־מאָטיוו)

אַ היים צו מיר וואָלסטו געגאַנגען,
מיין ליבסטע, מיין אויג אין מיין קאָפּ —
דיין מאַמע, זי האַלט דיך געפאַנגען
זי היט דיך, זי לאָזט דיך ניט אָפּ.

ווער האָט דערצו רעכט איר געגעבן,
איך בין דאָס פאַרשטיין ניט אומשטאַנד:
איך ליב דיך פיל מערער, מיין לעבן,
ווי טויזנטער מאַמעס ביינאַנד!

זייט ניט בייז...

זייט ניט בייז פאַר שטילע לידער
אין דער גרויסער צייט:
אָפּן זיינען אַלע פענצטער
און ער שטייט ביים זייט.

זייט ניט בייז פאַר בלאַסע לידער
אין דער רויטער צייט...
צוגעשלאָסן אַלע טויערן
און די הילף איז ווייט...

ווער?...

(געווידמעט א—ר)

ווער האָט דיר, דו אָרעמעס קינד,
דיינע יאָרן פאַרשניטן?
געפירט דיך דורך שטורם און ווינט,
דורך ים און דורך נאַכט
און האָט דיך צום ברעג ניט געבראַכט —
געלאָזט דיך אין מיטן...

און קום איך דיך רעטן אַצינד,
דאָ ווילסטו ניט הערן;
אָ, ווער איז דער גליקלעכער, קינד,
וואָס אים זאָל געהערן
דיין פרייד פון אַמאָל
און איצט — דיינע טרערן?...

וועלט - טרויער

איך בין געגאַנגען אין דעם שטילן פעלד, —
עס האָט דער צער מיך ווייט געטריבן,
ביז וואַנען איך בין שטיין געבליבן,
איך האָב דערהערט דעם טרויער פון דער וועלט.

ס׳איז שטיל געווען, דאָך האָב איך געהערט
ווי עמיצער איז שטיל אַרומגעגאַנגען
און פול געוואָרן איז די לופט מיט קלאַנגען,
און שטיל געטרויערט האָט די גאַנצע ערד.

און אָט איז נאַכט געוואָרן, די לבנה הויך —
איך ווייס ניט ווי אַזוי, פון וואַנען,
איז אויפן הימל ציטערדיק געשטאַנען
און האָט געטרויערט, דאַכט זיך, אויך.

און וואָס די גאַנצע וועלט האָט דורכגעלעבט,
אין אַלע אירע צייטן דורכגעליטן, —
האָט שטיל פאַרביי מיר דורכגעריטן,
און דורכגעקלונגען, דורכגעשוועבט . . .

אָ, לייטער

אָ, לייטער זיך, האַרץ מיינס, אָ לייטער זיך אויס!
קיין אויסגאַנג ניטאָ אויף דער ערד.
דער צער פון דער וועלט איז אונענדליך און גרויס —
דיין אייגענער צער האָט קיין ווערט!

וואָס זוכסטו? צי קענסטו געפינען דען רו,
ווען ס׳בלאַנדזשעט די מענטשהייט אַן זין?
און ווסטו געפינען דאָס גליק ערגעץ וואו —
דאָס אונגליק וועט גרייכן אַהין.

און ווען עס זאָל ווערן די מענטשהייט באַפרייט
פון גאָר אַל דאָס בייז און דעם פיין,
נאָר איינער וועט זיין ערגעץ וואו, וואָס ער ליידט —
ווסט דו קענען גליקלעך דען זיין?

אַ מאָדנע וועלט

נו, איז עס אַ מאָדנע, משוגענע וועלט:
איך גיי אין די גאַסן פון אומעט געקוועלט;
און מענטשן זיי גייען פאַמעלעך און גיך —
וויפיל פון זיי זיינען אויך איינזאַם ווי איך —
ווי גוט וואָלט געווען צו איינעם פון זיי
גלייך צוגיין, זיך טיילן די פרייד און דעם וויי;
שטיל צוגיין און דריקן אַ מענטשלעכע האַנט — —
נו, איז עס אַ מאָדנע משוגענע וועלט:
עס האָט אונדז נאָך קיינער דאָ ניט פאָרגעשטעלט;
נו, בלאָנדזשעט איך, מענטשן — איר זענט ניט באַקאַנט.

קראָקע, 1909

אַ געדאַנק

ס׳האָט מיך אַ געדאַנק וואונדערלעך באַהערשט:
וואָס וואָלט דאָס געווען, ווען עס טרעפט אַ נס —
עס פאַרשווינדט די צייט — כ׳בין געבוירן ערשט,
וואָס געווען איז פריער — מער ניטאָ, כ׳פאַרגעס!

גיי איך מיר אַרויס ס׳ערשטע מאָל אין גאַס,
זע איך גייט אַ מענטש, פונקט אַזוי ווי איך, —
ווייס איך ניט פון פרעמד, ווייס איך ניט פון האַס, —
און אַנטקעגן אים לאָז איך מיך אויף גיך.

זאָג איך: ברודער דו, לאָמיר גיין ביינאַנד;
ווער איך הונגעריק — זאָג איך דאָס אים גלייך.
ווייס איך ניט פון שטאָלץ, ווייס איך ניט פון שאַנד,
פרעמד איז מיר דאָס וואָרט „אָרעם״ אָדער „רייך״.

קוק איך אין דער הויך, זע איך גאָלדיק-בלוי,
פרעג איך: וואָס דאָס איז, אַזוי העל און ריין?
ענטפערט מיר דער מענטש: ס׳לויכט די זון אַזוי.
רוף איך אויס מיט פרייד: העי, ווי גרויס און שיין!

ווייס איך ניט וואָס גוטס, ווייס איך ניט וואָס פרום,
אַלע זיינען שיין, יעדער מיר געפעלט;
וואו איך ווענד מיין בליק — שיין איז אומעטום —
גריס איך יעדערן און די גאַנצע וועלט...

אַ געזאַנג צו קעמפּערינס

װעלכע פּאַנען פּלאַטערן
װי אַ ים אַ ברױזנדער ?
װעלכע טריט עס הערן זיך
פֿון די צענדליק טױזנטער ?

עפּעס הער איך זינגנדיק
לידער קײן געװײנלעכע,
און װי קומט באַגײסטערונג
אין די טעג די קלײנלעכע ?

העי, דער מאַרש, דער אײדעלער
איז אַזױ באַדײטנדיק,
פּונקט בת־מלכּות, װען פּאַראױס
פֿאָרט די מלכּה רײטנדיק !

װעלכע אױגן שטראַלן עס
אַזױ פֿרײדיק־בליקנדיק,
װעלכע שטימען שאַלן עס
אַזױ העל־ענטציקנדיק ?

קענט איר אונזערע שװעסטער ניט ?
די אין שפּעער טרױערן ?
איצט אין קאַמף מאַרשירן זײ
צו די פֿרײהײט־טױערן.

.1914

אַ ניגון

איך װײס פֿון אַ ניגון,
ער קלינגט אַזױ שײן ;
די טענער זײ פֿליסן,
װי שטראָם־װאַסער רײן.

די טענער זײ פֿליסן,
און װאַשן אַראָפּ,
די לײדן פֿון האַרצן,
די זאָרגן פֿון קאָפּ.

און גרינג װערט דאָס לעבן
עס פֿילט ניט קײן לאַסט, —
דער ניגון הײסט ליבע,
גאָט האָט אים פֿאַרפֿאַסט.

אים זינגען מלאָכים
אין הימעלס געצעלט,
אים זינגען פּאָעטן,
בײ אונדז אויף דער װעלט.

אָ, מענטשן ! װאָס זײט איר
פֿאַרזאָרגט און פֿאַרקלערט, —
צי האָט איר דעם ניגון
נאָך קײנמאָל געהערט ?...

צו אַ סאָציאַליסטין

דײנע אױגן לײכטן, פֿינקלען,
װען דו רעדסט פֿון נײע צײטן ;
אַלע מענטשן גלײך און גליקלעך,
װען די אָרדנונג װעט זיך בײטן.

און איך גלױב אין דײן נביאות,
דאָך אין אױג מײנס שטײען טרערן ;
בײ דער בעסטער אָרדנונג, ליבסטע,
װעסטו אַלץ נישט מיר געהערן.

שניי

װײסער שניי פֿון הימל
פֿאַלט און װערט צעגאַנגען,
פּונקט װי רײנע טרױמען,
האָפֿנונגען, פֿאַרלאַנגען...

און עס װינקען טרױעריק
פֿון דער הױך די שטערן :
אױף דער ערד — װאָס ס׳פֿאַלט נאָר —
מוז צעגאַנגען װערן...

דאָס נייע ליבע ליד

— „וואָס וועלן מיר טאָן אין די שפּעטערע טעג,
וואָס וועלן מיר טרינקען און עסן?“
— אָ, ליבסטע, ניט פּלאָג מיט דיין פראַגע מיך איצט,
איך בעט דיך, דו זאָלסט זי פאַרגעסן.

עס האָט מיר געזונגען מיין באָבע אַ ליד,
דאָרט ווײנט אַ געליבטע און בעט:
„קום, לאָמיר, מיין ליבסטער, אַנטלויפן פון דאַן,
כ'וועל אַרבעטן, וואַשן כאָטש גרעט!

קום, לאָמיר, מיין ליבסטער, אַנטלויפן פון דאַן,
גרינג וועל איך פאַרטראָגן מיין פּיין:
כ'וועל אַרבעטן שווער, און וועל שלאָפן אויף שטרוי —
צוזאַמען מיט דיר נאָר צו זיין“! —

עס שמייכלט מיין ליבסטע: דאָס לידל איז אַלט,
די באָבע זי איז שוין לאַנג טויט,
און איך בין נאָך יונג, און איך לעב, און איך זינג
אַ ליד פון דער ליבע אָן נויט!...

וואַרשע, 1900

די צווייטע געליבטע

די צווייטע געליבטע איז פּונקט ווי דאָס ליכט
פון דער זון אין אַ לאַנד אין אַ נייעם; די שטראַלן
האַליובן און צערטלען און ציען זיך, פאַלן
און קושן דיין בלאַסן און דורשטיק געזיכט.

דאָך גייסטו דערצאָרנט אַרום אין געהיים...
די היימישע זון דאָרט איז וואַרעמער, פרישער,
דער שטראַל איז דאָרט פריינטלעכער, האַרציקער, זיסער,
און בענקסט אַלץ צו יענער, דער ערשטער — אַ היים!

דו ביזט געווען...

דו ביזט געווען אַ זיסער קלאַנג
אין מיינע טעג:
אַ קלאַנג פאַרוויִט,
דאָס גליק פאַרגייט —
דו ביזט אַוועק,
ניטאָ דיך לאַנג...
נ. י. 1909.

אָ, זיסער קלאַנג, וואו קלינגסטו ציִנד,
אין וועמעס ליד?
איך הער מיך צו:
עס קלינגט ווייט־וואו...
עס ציט, עס ציט — — —
וואו ביזטו, קינד?...

גרויסקייט...

איך וויל נישט זיין גרויס — מיך ציט נישט דערצו —
וואָס האָט פאַר דער צייט די גרויסקייט אַ ווערט?
איך וויל נאָר אַביסל האַרמאָניע און רו,
און ווייניקער טרערן צו זען אויף דער ערד.

איך וויל נישט קיין קאַמף, איך וויל נישט קיין שטרייט,
צו ברענגען מיט געוואַלד דעם עקשן, דאָס גליק;
איך וויל נאָר, אַז קלוג זאָלן ווערן די לייט. —
זאָל יעדער אַליין זיך באַפרייען פון שטריק...

1904

פרילינג אין לאַנד...

עס האָט שוין דער האַר־גאָט די פרייהייט געשענקט
און ניט נאָר פאַרשפּראָכן, נאָר טאַקע ערפילט;
די ווינטן די בייזע — זיי זיינען געשטילט,
קיין כמאַרע קיין שוואַרצע דעם הימעל פאַרהענגט.

דער שניי — ער צעלאָזט שוין; מען זעט, ער גייט אויס,
עס וויזט זיך שוין ערטערווייז שטיקעלעך ערד;
עס האָט זיך אַ ליד פון אַ פויגל דערהערט, —
די זון קוקט שוין אָפן פון הימעל אַרויס.

די וואַסערלעך פליסן און פלוידערן פריי,
דער ווינטער פאַרשפאַרן זיי וועט שוין ניט מער;
און וואו נאָר דו טוסט דיינע אויגן אַ קער,
דערזעסטו, ווי ברייט און ווי העל און ווי ניי!

1904.

זיי...

(אַ ליבע־לידל)

זיי זיינען ניט ווערט, וואָס איך האָב זיי געליבט —
איך האָב זיי געליבט אַזוי שיין;
זיי האָבן גענאַרט מיך און האָבן באַטריבט
און נאָכדעם געלאָזט מיך אַליין.

נו, בין איך איצט קליגער — איך יאָג ניט נאָך זיי,
איך קען, ווען איך וויל נאָר, זיין האַרט;
וואָס שרייסטו, מיין האַרץ, וואָס טוט ווידער דיר וויי?
דו ווילסט דען צוריק זיין גענאַרט?...

זוניקע...

זוניקע, ליכטיקע, פריידיקע, דו!
כ׳רוף דיך, איך רוף דיך פיל מאָל!
ביזט צו הויך און דו הערסט זיך ניט צו —
ווערט גאָר פאַרלוירן מיין קול...
האָסטו געראובט מיר מיין גליק און מיין רו
זוניקע, ליכטיקע, פריידיקע דו!

זוניקע, ליכטיקע, פריידיקע, מיין!
נידער אַראָפּ פון דיין הויך...
גיס כאָטש איין שטראַל מיר אין האַרצן אַריין
וועט מיר דאָס לעבן ניט זיין אַזוי בלייך...
פרעג מיך ניט וואו און פרעג מיך ניט ווען:
זוניקע, ליכטיקע — קום און פאַרברען!...

ווינטן

אין יעדער צייט פון יאָר
די ווינטן אַלערלייאיקע;
אין ווינטער קומען אָן
די אָנזאָגער, די שנייאיקע.

מיט שטרענגקייט קומען זיי
און שטראָף־רייד צילן זיי;
מיט ווינטן ברומען זיי,
מיט קעלטן שפילן זיי...

אין יעדער צייט פון יאָר
די ווינטן אַלערלייאיקע:
אין פרילינג קומען אָן
די אָנזאָגער דערפרייאיקע:

מיט פרישקייט ווייען זיי,
מיט גוטסקייט פליסן זיי;
און יונג דערפרייען זיי
און אַלט באַגריסן זיי.

מיט בשורה גייען זיי
דורך רוימען לופטיקע;
אין גאַנג פאַרזייען זיי
די ערד די דופטיקע.

איך הער אין גאַס...

איך הער אין גאַס אַ רוישן,
דאָס איז דער רויש פון לעבן:
דאָס לעבן איז אין דרויסן,
מיין צימער איז דערנעבן...

עס שפילן הויך די קינדער
און פורן פאָרן, פאָרן...
עס דרייען זיך געשווינדער
פאַר מיר די יונגע יאָרן.

איך הער אין גאַס אַ טומל
דורך האַלבע אָפענע פענצטער;
איך זע אַרויס דעם הימל —
עס איז דער טאָג דער שענסטער!

עס איז דער סוף פון זומער...
די קינדער שפילן דרויסן;
איך ליג אין האַלבן שלומער
און בין שוין גאָר נישט אויסן.

איך זע די זון גייט אונטער
אין דרויסן ווערט שוין קילער:
די קינדער שפילן מונטער,
די פורן פאָרן שטילער...

ווינטן אַלערליי

עס זיינען אויך ווינטן פאַראַן אַלערליי —
די איינע — פון נאָענטן לאַנד קומען זיי.
זיי זיינען ווי אייגענע — דאַכט זיך, באַקאַנט
און ברענגען דיר בשורות פון ערגיץ אַ לאַנד.

און ס'דאַכט זיך, אַז פריינט וועלן קומען צו דיר...
די ווינטן, די גוטע... זיי קלאַפּן אין טיר
זיי וועקן אין האַרצן פון יוגנט די טעג
און זאָגן דיר אָן, אַז דאָס גליק איז אין וועג...

און עפּנסטו פענצטער און טיר פאַר זיי אויף,
זיי לעשן דאָס ליכט ניט, זיי בלאָזן עס אויף.
זיי בלאָזן אויף פלאַמען אין פינצטערער נאַכט
און האָבן דיך יונג און געזונט דיך געמאַכט...

טונקעלע נביאות

און וועט שוין די רעכענונג ווערן געמאַכט
צי פאַלש אָדער ריכטיק,
און וועט זיין דאַן טאָג צי וועט דאַן זיין נאַכט,
צי פינצטער, צי ליכטיק —
מיר וועלן ניט קענען פאַרגעסן,
דאָס האַרץ וועט אונדז דריקן און פרעסן.

מיר וועלן אַרומגיין געבויגן די קעפּ,
ווי מענטשן באַרויבטע
און וועלן אפילו אויף גאָלדענע טרעפּ
זיך פילן פאַרשטויבטע.
מיר וועלן דאָס אַלטע געדענקען
און קוקן צוריק אַלץ און בענקען.

מיר וועלן דאַן ווילן אַליין אונדזער גליק,
דאָך זיין די באַהערשטע
און וועלן אַלץ ווענדן געהיים אונדזער בליק
צו יענע, די ערשטע.
מיר וועלן זיין פריי, דאָך געבונדן
צו דעם, וואָס געווען און פאַרשוואונדן...

דער צופרידענער

איך האָב ניט, ווי שלמה, געהאַט טויזנט פרויען,
(דאָס וועט איר, איך גלויב, אָן אַ שבועה מיר טרויען).
און מעג ווי פּאַרדריסן און מעג זיין ווי שאַדע —
קיין גערטנער, פּאַלאַצן פאַרמאָג ניט אוודאי.

איך האָב ניט קיין קנעכט און קיין שאָף און קיין רינדער,
איך האָב ניט געהאַט עס און האָב ס'ניט אַצינדער.
און טאָמער איז איך אַט דאָס אַלעס נאָך ווייניק —
נו, ווייסט נאָך: כ'בין קיינמאָל געוועזן קיין קעניג.

נאָר וואָס־זשע? וואָס שמידט מיך, וואָס האַלט מיך ביים לעבן?
איך האָב אַ שולמית איין קוש נאָר געגעבן —
און פרעמד קלינגט מיר איצט שוין דער הבל הבלים.
און ס'ווילט זיך מיר לעבן מיט אַלעם בשלום...

מיין וועלט

איך וואַרף זיך אום אַהין, אַהער,
אָך, זייט ניט שטרענג:
איך ווייס, איך ווייס די וועלט איז גרויס,
נאָר מיר איז ענג!

וואָס האָב איך, וואָס די וועלט איז גרויס
פאַרשטייט אַליין, —
אין יענעם אָרט אַוואו איך לעב
איז ענג און קליין.

עס פעלט מיר לופט, עס פעלט מיר רוים,
דער וועג פאַרשטעלט:
איך וואַרף מיר אום, איך זוך מיין אָרט
אין א י י ע ר וועלט...

די זון

די זון איז פאַרגאַנגען,
אין פּורפּור געהילט;
די אַלע פאַרלאַנגען
זיי ווערן געשטילט.

דער טאָג — ביים ניט ווערן,
די נאַכט — נאָך ניטאָ;
וואָס זאָלסטו באַגערן
אין איצטיקער שעה...

די קינדער אפילו,
וואָס שפּילן ביים ראָג,
זיי ווערן אויך שטילער
ביים אָפּגאַנג פון טאָג...

אין אַ שלאָפלאָזע נאַכט

אָך, עס איז ניט אויסצוהאַלטן! —
ווי עס שלייכן זיך געשטאַלטן
אין דער נאַכט אָן שלאָף, אָן רו!
אַלטע טעג, שוין לאַנג פאַרגאַנגען,
פול דער צימער אָנגעגאַנגען,
און זיי קומען נאָך אַלץ צו.

פול דער צימער אָנגעלאָפן,
מאַנכע דראָען, מאַנכע שטראָפן,
אַלע אָבער פריינט, אויף דו...
איין געשטאַלט נאָר איז מיר טייער,
אין די אויגן ברענט אַ פייער, —
יוגנט־ליבסטע, — דאָס ביזטו!...

האַרבסט-לידער

1

אויף די פעלדער וויינען ווינטן —
גיי נישט, קינד, אין פעלד;
אויף די פעלדער שליכט דער אומעט
און באַקלאָגט די וועלט.

אויף די פעלדער גייט אום איינער
מיט אַ גראָען זאַק
און אַ צווייטער — הויט און ביינער —
מיט אַ טעמפּער האַק.

אויף די פעלדער שטייען בוימלעך
ציטערן פאַר שרעק
און אַ פויגעלע אומהיימלעך
קלאָגט און פליט אַוועק.

אויף די פעלדער הערט זיך טרויערן
און דו ווייסט ניט ווער...
גיי נישט קינד, דו וועסט באַדויערן
און זיך פילן שווער...

2

ווי די ווייסע רויזן וועלקן,
פאַר מיין פענצטער, פאַר מיין טיר;
ווייסע רויזן — שוואַרץ געוואָרן —
מיידל, קום ניט איצט צו מיר!

ווי די ווייסע רויזן וועלקן
בויגן זייערע קעפּלעך איין:
מיידל זאָלסט אין טיר ניט קלאַפּן,
כ׳לאָז דיך איצטער ניט אַריין.

ווי די שטומע רויזן וויינען,
און ווי הילפלאָז זיינען זיי!
מיידל, מיידל, קום ניט איצטער —
לאָז מיך איבער מיט מיין וויי...

עס בלייכן...

עס בלייכן און וועלקן
ביים פענצטער די בלומען:
איך האָב זי גערופן,
זי איז ניט געקומען...

עס רוישן אין פענצטער
די טראָפּנס פון רעגן:
איך וועל זי ניט בעטן,
איך וועל זי ניט פרעגן...

עס רוישן אין האַרצן
באַהאַלטענע טרערן:
איך וועל גאָר ניט ריידן
דאָך זי וועט דערהערן...

ערינערונג

ניין, זיי וועלן מער ניט קומען
יענע שטילע טעג,
יענע הויפעלעך און בלומען
און דער שמאָלער שטעג.

און די פורן מיט די זאַנגען
פון דעם פעלד פאַרנאַכט,
און די באַנגלעכע געזאַנגען,
שטיל אַזוי פאַרטראַכט.

יענער ברונעם מיט די קייטן,
זי דאָרט מיט דעם קרוג,
וואָס איר בליק פלעגט מיך באַגלייטן
שעמעוודיק און קלוג...

יענע שטימע פון דער מאַמען:
גיי אין שטוב אַריין!...
אַלע שיינהייטן צוזאַמען — — — —
ניין, ס׳וועט מער ניט זיין!...

עס קלינגען די גלעקלעך...

עס קלינגען די גלעקלעך,
עס טראָגן זיך שליטלעך;
זיי רופן, זיי ציען — —
וואוהין? און מיט וועמען?

איך בין אין די וועגן
פון לעבן פון לאַנגען
אַן איינזאַמער וואַנדערער,
אַ פוסגייער שטענדיק.

וואוהין זאָל איך הייסן
דעם קוטשער מיך פירן?
ביי וועלכן הויז זאָל איך
אים זאָגן: דאָ שטעל זיך?

מיט וועמען זיך שליטלען
איך איינזאַמער וואַנדערער?
מיין איינציקע ליבסטע —
זי פליט מיט אַ צווייטן...

פאַרשפּעטיקט...

פאַרשפּעטיקט האָט דער ווייסער שניי
אין אונדזער לאַנד צו קומען;
עס וויל אויף אונדזער שויב דער פראָסט
ניט אויסמאָלן קיין בלומען.

אין הויז איז אומעטיק און טריב —
די פענצטער — קאַלט און טרוקן;
דו קענסט דורך זיי אַרויסזען אַלץ,
עס ווילט זיך דאָך ניט קוקן.

אין גאַס איז אומעטיק נאָך מער
אין גראָע טעג אין קילע;
דער הימעל לאַנגווייליקט זיך הויך,
די מענטשן גייען שטילע.

איך בענק נאָך פראָסט און בענק נאָך שניי,
נאָך ווייסן שניי און ווייכן:
צו הערן פון די טריט אַ קלאַנג,
צו זען פון זיי אַ צייכן...

ווען די בלעטער פאַלן...

ווען די בלעטער פאַלן
פון די צווייגן אַפּ,
שאָקעלט פילאָזאָפיש
דאַן דער בוים זיין קאָפּ...

ס'איז אַ בוים אַן אַלטער
און איז אַזוי קלוג,
און געזען אין לעבן
האָט ער שוין גענוג.

ס'איז אַ בוים אַן אַלטער
און ער שטייט שוין קרום,
גלויבט אין עולם הבא,
ווי דער שטייגער — פרום.

ס'איז אַ בוים אַן אַלטער
און ער וויים, אַז ער
וועט אַמאָל אויך פאַלן —
פילט ער טריב און שווער.

דאָך אַז בלעטער פאַלן
אַרט עס אים ניט פיל:
אַלע יאָר דער זעלבער
טרויעריקער שפּיל.

ס'ליגט אַ זין פאַרבאָרגן
אין דעריין מסתם,
ניט די בלעטער — טראַכט ער —
ס'איז דערהויפּט דער שטאַם!

און ער גיט אַ שאָקל
מיט זיין אַלטן קאָפּ
און די יונגע בלעטער
שיטן זיך אַראָפּ...

מאַן און ווייב

דאָס שלעכטע פאַרגייט,
דאָס גוטע — געדענקט זיך;
אַ ווײַלע צעשיידט —
דאַן ווײַנט זיך און בענקט זיך.

ביים זען זיך צוריק
ערשט קען מען באַגרייפן
די זיידענע שטריק,
די גאָלדענע רייפן . . .

קום שוין . . .

קום שוין, קום שוין, אומבאַקאַנטער,
קלאַפּ מיר אָן אין טיר;
ווי אויף פרייהייט אַ פאַרבאַנטער
וואַרט איך אַלץ אויף דיר...

יאָרן לאַנג אין וויסטן חדר
הער איך דיינע טריט;
כ׳קוק אין פענסטערל כסדר,
דאָך דו קומסט אַלץ ניט...

איז דיין בשורה לויטער פריידן,
שנעלער ברענג זיי, טראָג!
טאָמער קאָמפן, לויטער ליידן —
קום, נאָר עפּעס זאָג!

אין וועג

1

ביי אַ קוואַל בין איך געגאַנגען,
אין געדאַנקען טיף פאַרזונקען;
כ׳בין אַ דאָרשטיקער געווען,
כ׳האָב זיין וואַסער ניט געטרונקען.

ווען איך בין צוריק געגאַנגען,
איז דער נעפּל באַלד צערונען;
כ׳האָב צום קוואַל געוואָלט זיך וואַרפן,
האָב איך אים שוין ניט געפונען...

2

פאַר אַ פעלד בין איך געגאַנגען,
ס׳האָט אַ ווינטל מילד געבלאָזן,
דופטן האָבן זיך געטראָגן
פון די בלומען און די גראָזן.

ווען איך בין צוריק געקומען,
מיד פון וועג און אויסגעליטן,
איז דאָס פעלד געווען שוין נאַקעט,
גראָז און בלומען אָפּגעשניטן.

3

כ׳בין פאַרביי אַ רייכן פּאַלאַץ,
אָפּגעטונקט אין ליכט אין העלן,
צום אַריינגיין האָבן מיידלעך
ליב געשמייכלט ביי די שוועלן.

ווען איך בין צוריק געגאַנגען,
האָבן שטערן זיך געצונדן,
כ׳האָב געוואָלט אַריין אין פּאַלאַץ —
איז ער צויבערדיק פאַרשוואונדן.

דער שטראָם

עס ציט דער מענשן־שטראָם
אַזוי ווי פון אַ תהום —
צו וועגן ריכטיקע,
צו צילן ליכטיקע.

פון ענגשאַפטן אַרויס
עס שפרייט זיין בליק זיך אויס
מיט זון געצונדענער,
מיט וועלט פאַרבונדענער.

און וואָס ער האָט געבויט,
דערווײַלע נאָך אין נויט.
דאָך זעט ער שימערן
זיין פרייד אין צימערן...

און ווען נאָך וואו אין צוואַנג,
אין בענקשאַפט, אין פאַרלאַנג —
נאָך מער זיין שטורעמען —
די צוקונפט פורעמען...

טייערע בילדער

טייערע בילדער
פון יוגנט פאַרגאַנגענער,
כ'בין ביי אייך שטענדיק,
ווי אַ געפאַנגענער.

איז זי געוועזן
ניט קיין געלונגענע —
שוועבן דאָך אַלץ נאָך
טרוימען צעשפּרונגענע...

ציען זיך בילדער,
ווי אויף אַ שנירעלע:
ס'לייכטן זיך אויגעלעך:
אסתר'קע... מירעלע...

בלייבסט ווי דערשראָקן,
בלייבסט אַ פאַרוואונדערטער:
ס'איז אַזוי ווייט איצט
פאַר מיילן פאַר הונדערטער...

נאָכן שטורם

נאָכן שטורם ווערט עס שיין
און דער הימעל לויטער, ריין:
נאָכן בליץ און דונער־קנאַל
גלעט און וואַרמט יעדער שטראַל,
וואָס עס וואַרפט די זון דאַן צו
פון איר הויכקייט, פון איר רו...

און אַן אַנדער באַלעבאָס,
וואָס געוועזן איז פול פאַרדראָס
אויפן דונער, אויפן בליץ
און געציטערט: גאָט באַשיץ! —
עפנט טיר און פענצטער אָפּ
און ער רוקט אַרויס דעם קאָפּ...

און ער מורמעלט: „גאָט געלויבט
אָפּגעווישט און אָפּגעשטויבט
איז די ערד געוואָרן צינד
נאָכן מבול, נאָכן ווינט,
איצטער וועט שוין רוהיק זיין" —
און ביים פענצטער שלאָפט ער איין...

ניט גערעדטע ווערטער

קיינמאָל ניט גערעדטע ווערטער
ווילט זיך מיר געפינען,
זיי באַנעמען זאָל דאָס האַרץ נאָר,
אָבער ניט דער זינען.

נאָר פון קיינעם ניט געהערטע
און נאָך ניט באַגריפן,
וואָלט איך זיך אין זייער צויבער
בלויז אַליין פאַרטיפן.

וואָלט איך זיי ניט ווידערהאָלן,
ריידן זיי פאַרמיטן;
בלויז פאַר דעם, וואָס האָט אויך שטענדיק
שיינקייטס־דאָרשט געליטן.

זון אין פעלד און וואַלד

זון און פעלד און וואַלד,
און אַ פויגלס ליד —
אַ, דו טרויעריק האַרץ,
מייאש זיי זיך ניט!

שטראַל מיט זון צוגלייך,
שטיל ווי בוימער זיי,
און צעזינג זיך גלייך
מיט דעם פויגל פריי!

זע אַרום, ווי מילד,
זיי אויך דו ניט שלעכט —
שווייג אַביסל שטיל:
ס'וועט שוין ווערן רעכט...

דורך גאָלדענע בריקן

א.

דורך גאָלדענע, רוימיקע בריקן,
דורך זוניקן וועג,
קומען פון פרילינג די טעג,
ברענגען זיי טרוימען און גליקן —
יוגנט׳ס פאַרמעג!

וואו נאָר אַ נאָמען אַ ליבער,
וואו נאָר אַ פריינט,
ליכט ער און שיינט!
ברענגען זיי גרוסן דיר איבער —
זעסטו זיי היינט.

וואו נאָר אַ האָפנונג צערונען,
וואו אַ פאַרלאַנג
רוט ערגעץ באַנג —
קומען זיי ווידער דורך זונען
און מיט געזאַנג.

וואו נאָר אַ פרייד אַ באַהערשטע,
פאַרגעסן, פאַרשטומט, —
דערוואַכט זי און זשומט,
און מיט די טעג, מיט די ערשטע
אין פרילינג — זי קומט!

געבעט צו דער זון

קום, ווייז זיך פון אונטער דיין וואָך,
פון וואָלקנס פאַרדעקט ווי אַ דאַך,
פון אומעטיק־גרויאיקן רוים,
וואו פייגל באַוועגן זיך קוים...

די גרויקייט — זי הערשט שוין צו לאַנג,
די כמאַרעס — פאַר זיי פריי דער גאַנג...
שיק זון אונדז — דיין אַנזאָג — געשיפט,
מיט שטראַלן — דיין ליכטיקע שריפט...

אַ בילד

די גרינקייט פאַרן אויג,
פון יעדער צוויַיג דער בויג,
פון יעדן בלאַט דער שאַרך —
ווי שיין — נאָר זע און האָרך!

די ריינקייט פון אַרום,
פון גרינעם אומעטום,
פון נידער און פון רוים —
איז ווי אויף וואָר אַ טרוים.

און ווען דו קוקסט זיך צו
צום פאַרמער אין זיין רו,
ביים הויז אויף באַרג געשטעלט —
דערהויבן ווערט די וועלט.

און ווען פון אַרבעט פריי,
זיין טאַכטער שטייט דערביי
און שמייכלט יונג און מילד —
ווי פולקום איז דאָס בילד.

איך וואָלט וועלן...

איך וואָלט וועלן ערגעץ וואו
לאָזן גיין זיך זוכן רו —
פאַר מיין זעלע מאַט און מיד,
פאַר מיין שווער־פאַרוואונדעט ליד...

איך וואָלט וועלן ערגעץ ווייט
און פאַרגעסן אָרט און צייט,
און פאַרגעסן אַלע פריינט,
און דעם נעכטן און דעם היינט.

איך וואָלט וועלן ווייט אַוועק,
וואו עס זעט זיך שוין דער ברעג
פון דעם הימעל און דער ערד
און קיין גליק ניט מער באַגערט!

דער פויגל אין שטייגל

אַ פויגל זיצט אין שטייגל,
דאָס שטייגל ענגט ניט הויך...
ער האָט דאָרט מילך און גרויפּן,
אַ שטיקל צוקער אויך...

און וויל ער זינגען, קאָן ער
דאָרט אויך פון מאָל צו מאָל.
(אַ שאָד איז נאָר, אין שטייגל
קלינגט דומפּ אַזוי דאָס קול...)

קומט מאַנכער ווינטער־אָוונט,
פאַרדרימלט ער זיך באַלד,
אים חלומט אַלטע פרייהייט
אין קאַלטן לעערן וואַלד...

די בוימער וויס פאַרשאָטן,
דער פראָסט מיט נאָדלען שטעכט,
די פליגלען זיינע פרירן,
און יעדער פעדער ברעכט...

ער כאַפּט זיך אויף דערשראָקן
און קוקט אין שטייג זיך אום...
אַ חלום — גאָט צו דאַנקען,
און פּיקט אַ גרייפּל פרום...

די שטאַרבנדע זון

זעט, די זון פאַרגייט,
אַך, ווי זי איז רויט,
רויט אין בלוט געפאַרבט,
זעט, ווי שיין זי שטאַרבט.

און דער אַלטער וואַלד אַרום
בייגט זיך גאָטספאָרכטיק און שטום;
שעפּטשעט: באַלד איז שוין איר ענד;
וואָס האָט זי אַזוי געברענט?

אַ תפילה

און אַז ס'וועט קומען דער בייזער וועטער,
שפּעטער, שפּעטער —
דער ווינט וועט בלאָזן
אויף וועלקע גראָזן,
אויף וועלקע בלעטער,
און אַלע וועלן מיך פאַרלאָזן —
פאַרלאָז מיך ניט,
מיין אידיש ליד...

ניט זאָג...

ניט זאָג, ניט דערצייל
דיין צער און דיין וויי;
דיין פריינט — ניט פאַרשעם,
דיין פיינט — ניט דערפריי.

אַ פריינט, אויב דו האָסט,
איז הילפלאָז אַליין,
אַ פיינט, ווען ער וויס,
וועט וואַרפן אַ שטיין...

אין אַ שטילן טאָג

זעסט דעם גראָען הימל
אין אַ טאָג אַ שטילן,
ווי די כמאַרע רוקט זיך
פויל, אָן מוט, אָן ווילן...

קוים עס בלאָזט דאָס ווינטל,
קוים עס טריפט דער רעגן,
ווי זיי וואָלטן פוילן
שטאַרקער זיך באַוועגן...

אַך, ווי מיד און מאַטלאָז
ווערט דאָס גאַנצע לעבן — —
וואָלט אַ דונער איינמאָל
כאָטש אַ קלאַפּ געגעבן! — —

די באַגעגעניש

וי אַ ווייטער ברודער
פון אַ פרעמדן לאַנד
קום איך אייך באַגעגענען,
שטרעק איך אויס די האַנט.

כ׳לאָז אַראָפּ די אויגן
ווען איר מיך באַטראַכט:
קיין מתנות, ברידער,
האָב איך ניט געבראַכט.

כ׳האָב אַרומגעוואַנדערט
אַלע מיינע טעג
און פאַראַרעמט קום איך
פון מיין לאַנגן וועג.

נאָך אין שטויב די קליידער,
נאָך פון וואַנדערן — מיד,
בלויז אין האַרץ אין טיפן
ליגט פאַר אייך אַ ליד.

ניו־יאָרק, 1919

אין מינוטן וויסטע...

אין מינוטן וויסטע,
ווען אַרום איז שוואַרץ,
גאָט, מיט ליבע־קוואַלן
פיל מיר אָן מיין האַרץ...

אַלץ איז אַזוי עלנט,
ווייסט ניט וואָס צו טאָן;
גאָט, מיט ליבע־קוואַלן
פיל מיין האַרץ מיר אָן!

און די אָרעמס מיינע
ברייט און שטאַרק מאַך זיי,
אַז די וועלט אומאַרמען
זאָל איך מיט איר ווײ!

פאַרן בילד

ביזטו דאָך, מיין קינד, גוטהאַרציק:
האָסט דיין בילד מיר לאַנג געשענקט,
אין מיין פרעמד געדונגען צימער
הענגט דאָס פריינטלעך און פאַרבענקט.

כ׳קום אַהיים און נעם אַ ביכל, —
אָך, ס׳איז אַלץ אַזוי באַקאַנט!
אַלע חכמות דום און נישטיק,
און איך ווענד מיך צו דער וואַנט:

ביי דיין בילד, עס הענגט אין מזרח,
שטיי איך מיט אַ שווער געמיט,
מורמל שטיל און לאַנג אַ תפילה,
ווי דער בעסטער, פרומסטער איד...

פּאַריז, 1914

שטימען

צי איז דאָס ניט אַ וואונדער
מיט אונזערע ווייטע ברידער? —
אין יעדן לאַנד באַזונדער
זינגט יעדער זיינע לידער.

און אַלע לידער שווימען
אַריבער אַלע ימען
און אַלע ווייטע שטימען
זיי גיסן זיך צוזאַמען...

אַלע נאַכט...

אַלע נאַכט די זעלבע שטערן,
אַלע טאָג — די זעלבע זון;
גאָט, ווי טרויעריק איז דיין וועלטל!
גאָט, איך ווייס ניט וואָס צו טאָן.

ס׳איז מיר אומעטיק צו לעבן —
ס׳בלאָזט אויף מיר פון אַלץ אַ קעלט;
אַלץ די זעלבע, אַלץ די זעלבע —
גאָט, באַשאַף אַ נייע וועלט!

פרילינגס רויש

רוישיקייט אין גאַס,
פרילינגס טאָג — אַ ליבער;
ווער עס קומט פאַרביי
קוקסט זיך מיט אים איבער.

ס'איז אַ טאָג פון וואָך,
איינער פון פיל הונדערט;
און אים איז דאָך
שיינקייט, וואָס פאַרוואונדערט.

לעבנס־לוסט און פרייד
שטראָמט פון אַלע זייטן;
ווי ס'וואָלט זיך געגרייט
וואָך אין יום־טוב בייטן.

רויש און רעש און דראַנג,
שטראָם פון נייע קרעפטן;
און מיט יעדן קלאַנג
וואָלסטו זיך באַהעפטן...

צו אַ יונגן שמיד

זיין באַרוט, צופרידן,
איז פאַר דיר נאָך פרי;
מוזט דיין וועלט נאָך שמידן
מיט דיין אייג'נער מי.

צו אַן אָפּרו שטרעבן,
ניט פאַר דיר, אַ שמיד!
שיין איז דאָך דיין לעבן
ביי דעם פלאַם און ליד.

ס'גליט דיין קוזניע קעגן
בוים און שפּיגל־טייך,
און ביי שלאַך און וועגן —
שלענגעלנדיק, און גלייך.

זעסט דאָ מענטשן פרייע —
פאָרן היין און הער,
און דו שטייסט ביים פייער,
שמידסט אַלץ אַקערס מער.

און אַמאָל אַ מעסער,
שאַרפן אין אַ נויט,
עס זאָל שניידן בעסער
ס'טרוקן אָרים ברויט...

שלאָגסט אין שטאָל און אייזן,
ווי צום גרויסן ציל;
און דיין פרייד צו ווייזן
ביי דעם פונקען־שפּיל...

דאָס קליינע קינד

מאָלט זיך פאַר די אויגן
מיר אַ בילד אַצינד:
זיצט אין שטוב די מאַמע,
נעבן איר דאָס קינד.

אָוונט איז אין שטיבל,
קוים דאָס לעמפּל ברענט,
פונקט ווי זיי, די שאָטנס,
שוויגן אויף די ווענט...

וואָס דאָס קינד מער הונגערט
מערער ווערט עס קלוג...
שטעלט שוין ניט קיין פראַגן,
וויס שוין אַלץ גענוג...

ווען וועט ווערן בעסער?...
אַזוי לאַנג געוואַרט...
ניין, ער וועט ניט פרעגן —
מ'האָט אים אָפּגענאַרט...

פלוצלונג פילט ער, עפּעס
אויף די בעקלעך רינט:
צו דער שטילער מאַמען
קוקט אַרויף דאָס קינד.

ניין, ניט אַלץ איז ליגן,
ווי ער האָט געמיינט —
אַלץ איז לויטער אמת
ווען די מאַמע וויינט...

אויף יענער זייט ים
(מלחמה־בילד)

אויף יענער זייט ים —
ווי שרעקט עס און שרעקט;
דאָרט שטייען די טישן
פון לאַנג נישט געדעקט.

דאָרט סקריפּען די וויגן
און וואַרפן זיך אום —
דער מאַמעס אַ ניגון
איז לאַנג שוין דאָרט שטום.

אויף יענער זייט ים —
דער פּחד ער שאַלט!
אין הייזער די אויוונס
זיי זיינען לאַנג קאַלט.

און הייבט דאָרט אַ העלצל
ווער אויף ווען אין גאַס,
עס ברענט ניט, עס ברענט ניט —
פון בלוט איז עס נאַס!

אויף יענער זייט ים
לויכט לאַמפּ נישט אין ליכט,
עס פינקלען בלויז אויגן
פון הונגערס געזיכט...

אַ יונגער טאָג
(פאַנטאַזיע)

עס טוט אַ יאָג
פון ווייט, אין הי,
אַ יונגער טאָג
אין פלאַטער פלי.

ער פליגלט־אויף
אין בלויער לופט,
אין גרינג, אין לויף,
אין יוגנט׳ס דופט.

זיין בליק — עס שטראַלט
ווי הימל׳ס בלוי;
עס שטראַלט און פאַלט
אויף האַרץ, ווי טוי.

אַ יונגער גאַסט,
ווי קלאָרער פלאַם
און איינגעפאַסט
אין זונען־ראַם.

איר זעט די פאָן,
דאָס ליד איר הערט;
די פרייד קומט אָן,
עס זינגט די ערד...

צווייערליי צער

איך טראָג אין האַרץ אַ גרויסן צער —
ער איז ניט מיינער;
אַ, וועלט, נעם צו פון מיר דעם צער,
ער איז דאָך דיינער.

איך האָב ביי דיר גענומען אים,
ביי דיינע קינדער,
געוואָלט אים לייטערן אין האַרץ,
אים מאַכן לינדער...

נו, וואַקסט ער דאָרט ביי מיר און וואַקסט
און ווערט אַלץ שווערער;
אַ, וועלט, נעם צו דיין צער פון מיר,
איך קאָן ניט מערער!

מיין אייגן צער איז גרויס גענוג
און גרויס מיין ליידן —
עס האָט מיין אָרעם האַרץ ניט מער
קיין פלאַץ פאַר ביידן!...

שיינע הערבסט - טעג

שיינע הערבסט־טעג — איר זענט ליבער
פאַר דעם לאַנגן זומער:
אַנגענעם איז יעדער שטראַל אונדז,
מיט זיין שטילן קומער.

רוהיק קענען מיר ביים פענצטער
לאַנג מיט אַנדאַכט זיצן;
און דער הימעל וועט ניט שרעקן
מער מיט זיינע בליצן.

און דער בוים, וואָס שטייט אַנטקעגן,
מיט פאַרטראַכטער מינע,
פילט זיך גליקלעך וואָס ער האָט נאָך
צוויי־דריי בלעטער גרינע.

און דאָס פליגעלע דאָס לעצטע,
וואָס איז נאָך געבליבן,
טרייבן מיר ניט מער — מיר הויבן
אָן עס ערשט צו ליבן.

און דאָס רוישן פון די קינדער,
וואָס עס דרינגט פון וויטן,
זאָפּן איין מיר אין די הערצער
אויף די שפּעטסטע צייטן.

און געדאַנקען טיפע, קלוגע
ציען זיך און וועבן
און אין הארצן זינגט און קלינגט עס:
לעבן! לעבן!...

ז י ג

ניט גיב זיך קיינעם אונטער,
באַוויז, אַז דו ביסט דאָ;
זיי מוטיק און זיי מונטער
אין קעמפנדיקער שעה.

עס קומט דער זיג ניט אימער —
ניט טרויער און ניט וויין;
פאַרשליס זיך אין דיין צימער —
באַזיג דאָן זיך אַליין . . .

צו א ווייטער

העי, ווען וועסטו קומען, מיין פריינד,
מיט לאָקנס, ווי דין־העלער זיי,
דו מיידל פון אוראַלטן שטאָם,
מיט אויגן — די פאַרב פון דעם ים,
מיט בויגיקן קערפּער און שלאַנק
מיט ליפּן, ווי זאַפט, ווי געטראַנק?...

העי, ווען וועסטו קומען, דו קינד —
פון לאַנד — פון די בערגער און ווינט,
פון לאַנד — פון די פעלזן און שניי,
פון קוואַלן, וואָס שלאָגן דורך זיי;
פון טונקעלע וועלדער געדיכט —
מיט ווילדן און מילדן געזיכט?

העי, ווען וועסטו קומען אַהער
מיט דורשט און מיט לעבנס־באַגער,
מיט אָרעמס, וואָס שליסן מיך איין
און וואַרפן אין תהום מיך אַריין,
און הויבן דערנאָכדעם מיך אויף
און טראָגן מיך העכער אַרויף?

אַ טייל...

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמע)

אַ טייל פון מיין שטאָם
שווין איבער'ן ים:
זיי בויען, זיי זייען די ערד;
די אַנדערע דאָך
ביי פעלקער אַלץ נאָך...
צו זיי רייט משיח — ווי באַשערט:

דאָס פערד זיינס איז וויס —
דאָס איז דאָך קיין נייס,
דאָס וויסט דאָך אפילו אַ קינד.
וויס איז דער קאָליר
פון שלום — דער ציר,
ווען ס'שטורעמט די וועלט ווי אַצינד...

אַלץ, וואָס לעבט

אַלץ וואָס לעבט, וויל לעבן,
אַלץ וואָס לעבט זוכט שוץ
אין אַ וועלט פול בייזקייט
און מיט ווייניק גוטס.

פלאַטערן די שוואַכע
אין דער גרויסער וועלט,
ווי אין פעלד די גראָזן
פאַר אַ גרויסער קעלט...

פלאַטערן די שטאַרקע
אין אַ וועלט פון זינד;
ווי אין וואַלד די ביימער
פאַר אַ שטורעמווינט...

קום

קום מיט אונז אינאיינעם,
און דערהויב אויך זיך;
דען אין יעדן איינעם —
דו און ער און איך.

יעדן לעבן — רימען
און זיין גרויס מיט אים;
ווייל אין אַלע שטימען
קלינגט דאָך אויך דיין שטים.

און צו אַלע גליקן
גייסטו מיט זיי גלייך;
אויף די זעלבע בריקן,
איבער זעלבן טייך.

אויף אַלע וועגן

אויף אַלע גלייכע וועגן,
אויף אַלע קרומע וועגן,
אַ שמייכלענדיקער גייט ער
אייך אַלעמען אַנטקעגן.

אַ מענטשן — וואו באַגעגנט,
באַגריסן אים באַגערט ער,
באַגריסט זיך און געזעגנט —
דיזעלבע גוטע ווערטער.

וואוהין איר גייט, אים אַרט ניט,
ער פרעגט אייך ניט פון וואַנען.
אויף אייער וואָרט ער וואַרט ניט,
ער האָט אייך גלייך פאַרשטאַנען.

עס איז דער מענטש אים טייער
אין אַלע זיינע גאַנגען;
אַ פונק פון העכסטן פייער
אין אַלעמענס פאַרלאַנגען...

אין רייד

אין רייד פון פאָלק, וואָס ליידט,
אין רייד פון פאָלק, וואָס שאַפט,
איז שיינקייט און באַדייט,
און שטילע טיפע קראַפט.

און ווערטער, אַלט און גרוי,
וואָס ניט געהערט שוין לאַנג -
זיי פאַלן העל, ווי טוי,
מיט פרישקייט און מיט קלאַנג.

און איבער וואָס די רייד,
ווי שטיל זיי זאָלן זיין —
עס רוישט, ווי נייע פרייד,
עס שטאַרקט, ווי אַלטער וויין.

עס קלינגט ווי אַ געבעט,
געצווייפלט און געהאָפט,
און ווי עס וואָלט געגלעט
און ווי עס וואָלט געשטראָפט...

אַכטער בוך

זינג נשמה, זינג...

זינג

זינג, נשמה, זינג!
פריילעך אָדער באַנג —
לעבן איז אַ ליד,
לעבן איז געזאַנג.

זינג, נשמה, זינג,
זינג אין לעבנס־גאַנג,
בלומען אָדער שטויב —
לעבן איז געזאַנג.

זינג, נשמה, זינג!
קורץ דער וועג, צי לאַנג —
ס׳ענדיקט סיי ווי סיי
ווי אַ ווייט־געזאַנג...

זינג, נשמה, זינג!
לעבן הייסט — געזאַנג,
און דערנאָך וועט זיין
שיין דער ווידער־קלאַנג...

אין פעלד

איך גיי אום אין פעלד,
ווי ברייט און ווי פריי!
אַ פויגל פליט דורך
און טראָגט זיך פאַרביי.

און מילד לייכט די זון
און ווייס ניט פון קאַרג;
מיט שטראַלן באַגילדט
האָט זי טאָל און באַרג...

איך גיי אום אין פעלד,
דאָס האַרץ עפּעס שרעקט...
מיר דאַכט זיך, איך הער
אַ קול, ווי עס פרעגט:

וואָס טוסטו דאָ, מענטש,
און וואָס איז דיין ציל? —
דאָ איז אַזוי ריין,
דאָ איז אַזוי שטיל!...

וואו?

וואו איז אַלץ אַהינגעקומען,
וואָס געווען איז ליב און טייער?
וועלכעס וואַסער האָט פאַרפלייצט עס,
אָנגעצינדן — וועלכעס פייער?

טרערן האָבן פיל פאַרטרונקען,
טרערן אויף דעם, וואָס פאַרשוואונדן,
און דאָס רעשט, וואָס איז געבליבן,
האָט די ליבע שטיל געצונדן.

אַזוי...

אָט אַזוי וועל איך שוין בלייבן
און ווי אָנגעהויבן — ענדן:
לידער וועגן פרידן שרייבן,
וועט דער קריג זיך זעלבסט פאַרלענדן.

און אַזוי וועל איך שוין לעבן,
פון דעם פיינט קייןביישפּיל נעמען;
ביי זיין פאַל די האַנט אים געבן,
וועט ער זיך אַליין פאַרשעמען...

אַ לערער

כ'בין געווען אַמאָל אַ לערער;
כ'וואָלט עס איצט אויך זיין געוואָלט;
לערנען היינט איז נויטיק מערער
און דער עיקר — אָן געצאָלט!...

לערנען אַרעמע זין און טעכטער,
ווי צוריק מיט יאָרן לאַנג;
ווי פון אותיות ווערן ווערטער,
און פון ווערטער — אַ געדאַנק.

אַ געדאַנק, דאָס הייסט באַנעמען
וואָס איז וועלט און וואָס איז מענטש;
איינס דעם צווייטן ניט צו קלעמען,
און דיין חבר — ליב און בענטש.

וואַך אויף!

וואַך אויף, וואַך אויף מיין האַרץ
אין גראָע, טריבע טעג;
איך האָב דורך וואָלקן שוואַרץ,
דערזען אַ העלן וועג.

די זון איז ערגעץ וואו,
און מעגן טרייבן זי
די וואָלקן אָן אַ רו —
זי קומט דאָך שפּעט, צי פרי.

וואַך אויף מיין האַרץ, וואַך אויף,
ניט שלאָף אויף שטענדיק איין
איך האָב געקוקט אַרויף
און האָב געזען אַ שיין.

מיין בליק האָט הויך געשוועבט
אַריבער רויך געדיכט,
און האָב געזען — זי לעבט
און איז די זעלבע ליכט...

לעבנס-אַנגסט

עס באַפאַלן מיך אַנגסטן פון לעבן,
עס באַפאַלט מיך פון לעבן דער שרעק.
און וואו נאָר דו זאָלסט אַ בליק געבן,
איז צער און טרערן אָן ברעג...

עס זיינען דאָ מענטשן וואָס לאַכן
און ווייזן מיר שמחות אָן צאָל...
און הייסן מיר פריילעך זיך מאַכן —
איך פאָלג זיי און טו עס צומאָל.

דאָך גיי איך פאַרטאָג פון די פריידן,
דערזע איך די „פּרוי" ביי אַ ראָג;
און אַנדערע מענטשלעכע ליידן —
און ס'שרעקט מיך דער קומענדער טאָג...

וואויל..

וואויל איז צו דעם,
וואָס זיין ליד איז אַ תפילה,
פאַר מענטשן פאַרשעמטע,
פאַר הערצער צוקלעמטע,
און פאַר שטאָלצע אפילו,
וואָס זיינען אין קלעם...

ערשט איצט...

ערשט איצט אין גרויסער לייד
פון פאָלק און וועלט,
האָב איך דערפילט די פרייד
פון ליכט, וואָס העלט
ביים מזרח־ראַנד
אין יעדן לאַנד...

ערשט איצט, אין שווערער שעה,
האָב איך דערבליקט
די האָפענונג, וואָס ס'איז נאָך דאָ
צו זיין באַגליקט —
פון ווייטסטן רוף, פון וייטן גאַנג —
און הערן שוין דעם זיג־געזאַנג...

אין מיט

מיין וואוינונג וואו צו שטעלן
האָב איך ניט אָפּגעהיט;
איך וואָלט אַליין בלויז וועלן
זיין אין דער וועלט אין מיט...

די אַלע לענדער אָפּן,
די אַלע שטעט צו זען;
און וואָס עס האָט געטראָפּן
און וואָס עס וועט געשען!

און ניט נאָר אָרט — אפילו
די צייט — ניט היינט אַליין;
אין שאַפונגס שעה'ן שטילע
צו זען די דורות גיין.

די אַלע דורות ווייטע
פון פריער און דערנאָך,
פאַרשקלאַפּטע און באַפרייטע,
אין יום־טוב און אין וואָך.

דער „וואו" איז ניט מיין צייכן,
מיין מוז איז ניט דער „ווען";
איך קען די ווייט, די הויכן
און צוקונפטס־פרייד דערזען...

אין זומער

אין זומער ווייגט דאָס האַרץ,
און טרויער־פול איך פרעג:
אַך, ווער וועט ווייזן מיר
צום גרינעם פעלד דעם וועג?...

עס האָט די שטאָט פאַרשטעלט
דאָס פעלד און וואַלד אַרום...
אַך, ווער וועט ווייזן מיר,
וואו בליט ערגעץ אַ בלום?

גלויבן אין זיג

מיר גיבן זיך ניט אונטער;
גאָטס גייסט אויף אונדז אַלץ רוט;
די וועלט וועט זיין נאָך מונטער,
דער מענטש וועט ווערן גוט.

ווער לאָזט זיך דען פאַרפירן
פון דעם, וואָס ס'דריקט און פרעסט;
מיר זעען אָפן טירן,
דעם יום־טוב און די געסט...

וואָס איז דער רשע אויסן? —
דערשרעקן מיט זיין גרים;
דער הימעל הענגט נאָך דרויסן,
איז גאָט נאָך דאָ אין אים...

ביז וואַן דאָס וואָרט פון אמת
אין מענטשנס האַרץ נאָך גליט —
איך ווייס דער זיג איז וועמעס,
דער שלעכטער זיגט דאָך ניט.

ביז וואַן דאָס וואָרט — אַ וועקער
צו פרייהייט און צו פליכט;
וועט רשעות און דער שקר
פאַרגיין ביים מאָרגנס ליכט...

איך שעם מיך

איך שעם מיך אַרויסגיין אין גאַס —
און גיי איך, באַהאַלט איך מיין פּנים,
מען זאָל ניט דערקענען מיין האַס,
מיין האַס צו דער וועלט מיט די שונאים.

און פּרוּוו איך דערהויבן מיין בליק,
כ'וויל גאָט, ווי אַמאָל, עפּעס פרעגן —
מיין בליק קומט דערשראָקן צוריק,
אַ ליידיקייט שוועבט מיר אַנטקעגן...

1919.

צו דער וועלט

אָ, וועלט, איך טראַכט פון דיר,
ביז גאָר דיין ווייטסטן מענטשן:
מיט יעדן קער און ריר
וואָלט איך דיך לויבן, בענטשן.

איך זוך דיך צו פאַרשטיין,
דיך מאַכן פרייער, שענער,
און דו, און דו אַליין
צושטערסט מיר אַלע פלענער...

דו מענטש...

און ווער ס׳פאַרשטייט ניט מיך —
פאַרשטייט ניט זיך,
און פרעמד זיין אייגענער צער —
דער איז אַ נאַר.

דען, מענטש, פאַרשטיי און הער —
ווייל איך און דו און ער,
מיר זיינען אַלע איינס,
בלויז איינס, ניט מער!...

איך בין דער האַרבסט

איך בין דער האַרבסט
און קלוג, ווי ער,
געליבט, געלאַכט,
און וואָס נאָך מער?

איך בין דער האַרבסט
און יעדע בלום,
אַזוי ווי ער,
באַטראַכט איך שטום.

איך בין דער האַרבסט
און וויל, ווי ער,
אַביסל זון
און גאָרנישט מער.

מיינע פערל...

אָ, איר פערל מיינע,
וואו זיינט איר פאַרבליבן?
זאָגט, איר פערל מיינע,
ווער האָט אייך געקליבן?

אין די ווייטסטע ערטער,
צווישן פעלד און קוואַלן,
דאָרטן זייט איר אַלע
איינציקווייז צעפאַלן.

אין די טיפסטע תהומען,
צווישן גאָט און שטן,
ליגט איר, פערל מיינע,
איינציקווייז צעשאָטן.

איך וועל לאָזן גיין זיך
איבער לענדער, ים׳ען,
זוכן מיינע פערל
קלייבן אייך צוזאַמען.

דאַמאָלס וועל איך וויסן
וועמען זיי צו שענקען,
אַז עס זאָלן אַלע —
אייביק מיך געדענקען.

ניט מאָדערן

דאָס מאָל בין איך ניט מאָדערן:
איך האָב ליב לבנה, שטערן,
און די שטילקייט פון דער נאַכט
און פון גרינעם פעלד די פראַכט.

כ׳בין פון רויש שוין מיד און מידער,
און איך בענק נאָך אַלטע לידער:
נאָך דעם מורמלען פון אַ קוואַל,
נאָך דעם אַלטן נאַכטיגאַל...

אַלע מאָל

כ׳בין אַלע מאָל, און עד־היום,
געווען מיט אייך, איר ברידער מיינע;
און פון דעם טיפסטן לעבנס שטראָם
האָב איך דערהערט די שטילסטע טענה.

און ניט נאָר דעם, וואָס טראָגט די פאָן,
און ניט נאָר דעם, וואָס גייט מאַרשירן;
איך האָב דערהערט דעם רוף, דעם טאָן
דורך דומפּע, שווער פאַרמאַכטע טירן...

ניט נאָר געשריי האָט מיך געוועקט,
און ניט טראָמפּייט האָט מיך באַצוואונגען,
איך האָב צו אייך די הענט געשטרעקט
נאָר איידער איר האָט זיך צעקלונגען.

און עד היום בין איך מיט די,
וואָס פון די טיפענישן מאָנען,
מיט זיי מיין מוט ביי שווערער מי,
מיט זיי מיין גאַנג מיט פלאַטער־פאָנען...

מיין פאַרלאַנג

איך וואָלט וועלן טרייסט געפינען,
ס׳זאָל מיין וואָרט זיך ווייט צעקלינגען;
און מיט וואָרט מיין זיין פאַרדינען,
און מיט ליד, וואָס איך וועל זינגען.

כ׳זאָל די אַרבעטער אין שאַכטן,
צי אויף פעלד, צי ביי מאַשינען,
יעדן אָרעמען, פאַרשמאַכטן —
מיט זיין ליד זיין מי באַזינגען...

אַז דער שונא, בייז געשליפן,
זאָל מיין זינגען מיר ניט שטערן,
און מיין וואָרט, וואָס קומט פון טיפן,
זאָל די גאַנצע וועלט דערהערן...

דער נעכטן

ס׳איז קיינער דאָ ניט פון איין דור.
אויך דער אין די אינגערע יאָר —
עס שווימט אין די טעג, זיינע אום
אַ טאָג פון דעם פריערדיקן זשום.
אַ קלאַנג פון דעם שפּעטער, וואָס קומט —
אַ טאָן, צי אַ לידל נאָך ברומט.

אַזוי ווי אין האַרבסטיקן טאָג
טוט פרילינגס אַ ווינט זיך אַ יאָג;
אַזוי ווי אין זומער אין מיט
דערהערסטו פון ווינטער די טריט.
אַזוי ווי ס׳פּאַסירט מיטן יאָר
אַזוי אויך פּאַסירט מיט אַ דור.

נאָך אַ יאָר...

נאָך אַ יאָר שוין אונטערוועגן,
ביי די טיפע אָפּגרונטס־ברעגן,
צווישן צייט און צייט;
גלייכער יאָר אין אַלע לענדער,
אימער ווערט ער ווייטער, פרעמדער,
גייט אין אייביקייט...

איבער אים אַ יאָר אין העל־זען,
איבער אים דורך בערג און פעלזן
יונג און ליב און קלאָר,
קומט אין שוואונג פון אָקאָרשט־צייטן,
קומט צו פאָרן, קומט צו רייטן,
אַלעמענס ניי־יאָר...

יונגער יאָר, נאָך־ניט געביטן,
ניט קיין רגע ניט געליטן,
פול מיט פרייד און גליק;
פול מיט טרייסט און מיט אידייען,
אונדז באַלערן, אונדז דערפרייען,
מיט אַ נייעסטן בליק.

טרוימעריי

איך בענק נאָך אַביסעלע שיינקייט
איך וואַנדער און זוך זי אַרום;
פאַרלאָרן, פאַרבלאָנדזשעט די שיינקייט —
ווי גרוי און ווי טריב אומעטום!

נו, וועל איך אַ בורא מיר ווערן,
און שאַף מיר די שיינקייט אַליין.
פון ווערטער באַשאַף איך בת־מלכות,
מיט פנימער — צאַרט, מלא־חן.

בנות־מלכות, גאָר פילע בנות־מלכות,
און אויגן זיי זאָלן זיין בלוי,
און ליפּן זיי זאָלן זיין ראָזע,
און פרישע, ווי בלומען נאָך טוי...

איך לאָז זיי ניט זיין אין מיין צימער,
מיין צימער איז אָרעם און קליין!
איך בוי פאַר זיי אויס גלייך אַ פּאַלאַץ,
די ווענט פון געשליפענעם שטיין.

און שפּיגלען, געשליפענע שפּיגלען,
באַהענג איך די ווענט אַלע פיר,
און וואו איך וועל ווענדן די בליקן —
אַ בת־מלכה שמייכלט צו מיר.

און אויסבעטן וועל איך די דילן
מיט טעפּיכן, אַזש פון אָריענט,
און בעט די בת־מלכות זיך זעצן
און איך — אין דער מיט, אָנגעלענט.

איך בעט זיי די האָר גלייך צענעמען,
די האָר אַזוי גאָלדיק, געדיכט,
און וועל מיך אין לאָקענס פאַרוויקלען,
פאַרבאָרגן פון וועלט מיין געזיכט...

צו מענער פון גייסט

איר מענער פון גייסט
דעם וואונדער באַווייזט!

אַזוי ווי דער שווערד,
געצויגן פון שייד —
וויל וויסטן די ערד
און מענטשלעכן ווערט
ביז ווייטעסטן אָרט —

אַזוי אויך די רייד,
אַזוי אייער וואָרט
זאָל ווערן געהערט
און ברייגנען דעם פריד,
דעם זין, און דאָס ליד
צוריק אויף דער ערד.

איר מענער פון גייסט
דעם וואונדער באַווייזט!

ניט באַרימען זיך...

ניט באַרימען זיך, חלילה;
גיי מיט ליד און מיט א תפילה...
ליד מיט תפילה — גייען ניט שווער —
צו דערגרייכן דיין באַגער...

מענשן זוך — און ניט מלאכים,
יעדער פריי אין זיינע דרכים;
יעדער מיט זיין וואָרט און חן —
און אַזוי אויך דו אַליין.

ניט געמאָסטן ווער ס'איז בעסער;
יעדער חבר — קליין, צי גרעסער...
ווער ס'איז קלענער — מאַכט דען אויס?
טראַכט אַזוי — און דו ביזט גרויס...

אָפּגענאַרט

ביי אַן אַלטן באַלעבאָס,
אויף אַ קיילעכדיקן טיש,
שטייט אַ פלאַש פון רויטן גלאָז,
דאַכט זיך — רויטער ווין און פריש.

קומען געסט אין הויז אַריין,
וואָלט זיך יעדערער באַרוישט,
ציט עס זיי צום פלאַש מיט ווין —
נאָר ווי בלייבן זיי אַנטוישט!

לעער די פלאַש — אַ רויטער בלויז,
גאָר אומזיסט אויף ווין געוואַרט...
און פאַרלאָזנדיק דאָס הויז
טראַכט זיך יעדער: אָפּגענאַרט!...

אויפן באַרג

איך בין אויפן באַרג,
מיין האַרץ איז אין טאָל:
דאָרט האָב איך געהאַט
אַ ברודער אַמאָל...

איך בין אויפן באַרג
פון אַלעמען וויט —
מיין ברודער פון טאָל
גייט נאָך ביי מיין זייט.

איך בין אויפן באַרג,
דאָ איז אַזוי שיין —
מיר דאַכט, אַז איך הער
פון טאָל אַ געוויין.

אַזוי ווי אַ קרוין
די זון אויף מיין קאָפּ.
עס ווינקט מיר אַ האַנט:
צום טאָל קום אַראָפּ.

איך בין אויפן באַרג...
קיין שאָרך און קיין ריר...
כ'הער אימיצער שרייט:
דערמאָן זיך אָן מיר...

איינמאָל...

איינמאָל דאָ געקומען
איז די וועלט שוין דיין.
אַלץ וואָס לאַנג פאַרנומען,
אַלץ וואָס ס'וועט נאָך זיין.

קען דען ווער דיר זאָגן:
ס'איז געווען שוין לאַנג?
קענסט זיך איבערטראָגן
ביז צום ערשטן קלאַנג.

קען דען ווער זיך קלאָגן:
קורץ איז לעבנס־וועג;
דיין געדאַנק קען יאָגן
ביז די וויטסטע טעג...

דיין ליד

עס זאָל דיין ליד פאַר דאָרשטיקע
ווי ווין באַרוישנד זיין;
ווי שטראָמען יאָגן,
ווי קוואַלן שלאָגן,
און שטילן זאָרג און פיין.

עס זאָל דיין ליד פאַר אָרעמע
מיט מוט געפליגלט זיין;
און אַלע ברידער
פון אינדערנידער
דערהויב ביז העכסטן שיין.

עס זאָל דיין ליד פאַר וואַנדערער
ווי טרייסט אין האַרץ אַריין;
פאַר די, וואָס פרעגן
אויף נייע וועגן —
אַ ליכט און פאַקל זיין.

אימער פרילינג

עס איז אַלץ אַזוי געענדערט
אין דער לעצטער צייט:
וואָס געווען איז דיר נאָענט
איז געוואָרן ווייט.

וואָס געווען איז דיר טייער —
ביליק איז אַצינד';
וואָס איז שטאַרק און פעסט געשטאַנען
האָט פאַריאָגט אַ ווינט.

וואָס דו האָסט די היים גערופן
איז דיר איצטער פרעמד
און דאָס שענסטע אין דיין האַרצן
ליגט אַזוי פאַרשעמט.

בלויז דער פרילינג איז ווי שטענדיק —
גוט און שיין און מילד
און זיין יעדער שטראַל און אָטעם
שטילט דיין ווײי און שטילט.

קענטיק, אַז אין וויטן הימעל
איז נאָך ניט באַקאַנט
ווי מען האָט די ערד צעטיילט איצט
לאַנד געטוישט אויף לאַנד.

און מען וויס ניט אַז דער ים איז
נאָך פאַרשטעלט ביז היינט,
און געשיקט האָט מען דעם פרילינג
ווי אַ גאַסט, צו פריינט...

אַ געשריי

אָפטמאָל הערסטו אַ געשריי
גאָר אין מיטן נאַכט;
וועקסט זיך אויף און קוקסט זיך אום —
ס'האָט דיר בלויז געדאַכט.

לייגסט באַרואיקט זיך צוריק —
שלאָפן דאָך איז שווער;
ס'האָט געשריען אימיצער,
נאָר דו ווייסט ניט ווער...

אויף די בערג...

(אַ פסוק פון די נביאים)

אויף די בערג, אויף די בערג —
דאָרט הערט מען שוין טריט...
דער אָנזאָגער גייט
פון ליבע און פריד.

באַפרייט איז דאָס פאָלק
פון יאָך און פון צוואַנג,
און פייערט זיין פעסט
מיט פרייד און געזאַנג...

אין מיין קעניגרייך

אין מיין אייגן-קעניגרייך
האָט דאָס אויך געטראָפן:
אַלע פירשטן, פול מיט שרעק,
זיינען זיך צולאָפן.

אַלע דאַמען פונם הויף,
טריי פון לאַנגע יאָרן,
האָבן שנעל זיך איינגעפּאַקט
און אַוועקגעפאָרן.

אַלע קוטשערס, וואָס געטריי
פלעגן זיי מיך טראָגן,
זיינען ערגעץ-וואו אַוועק
מיטן פערד און וואָגן.

אַלע טרייע גערטנער-לייט
ביי די פרישע קוואַלן
האָבן בוים און בלום פאַרלאָזט
און ניטאָ — פאַרפאַלן!

אין מיין פּאַלאַץ — ס'רעדט זיך בלויז —
ס'איז אַ קליינע סאַלקע,
איז געבליבן איינע טריי —
זי, די ליבע מלכה...

אויף ימים . . .

מיר זיינען געגליכן צו יענע,
וואָס האָבן אויף ימים געררייזט,
און האָבן זיך אַלע פאַרלאָזן
אויף איינעם, וואָס האָט ניט געגרייזט.

און ווײַלע ער איז נאָר געזעסן
אין שיף אויפן שפּיץ אין דער הויך,
האָט קיינער אים קיינמאָל געזען,
אַ חוץ נאָר דעם דאַמף און זיין רויך.

דער טאָג איז געווען אַ שיינער,
די זון האָט דאָס וואַסער באַגילט:
די שיף איז זיך רוהיק געשוואומען,
די מענטשן זיי האָבן געשפּילט . . .

זיי זיינען געווען גאָר זיכער,
אַז איינער איז ערגעץ וואו דאָ,
וואָס פירט זיי און ברײנגען זיי וועט ער
אין ריכטיקער גליקלעכער שעה.

און ווען ס׳איז אַ נעבל געקומען
און האָט אַלע וועגן פאַרהילט,
האָט יעדער אַ שרעק אַ געהיימע
אין האַרצן אין טיפן דערפילט.

עס האָבן געהערט זיך סיגנאַלן,
עס האָט זיך געוויזן אַ פלאַם,
געקענט דאָך האָט קיינער דערזען אים,
וואָס האָט זיי געפירט איבער ים . . .

אלול שטימונג

די שאָטנס קומען און פאַרהילן
דעם טאָל און באַרג אין גלייכער רו:
פון ערגיץ הערסטו פידלען שפּילן,
און ווייסט ניט ווער און ווייסט ניט וואו.

און ווי באַרויקט פון באַגערן
האָט אויך די צייט זיך אָפּגעשטעלט,
און איצטער קענסטו ערשט דערהערן
די אַלע שטימען פון דער וועלט . . .

יענע פרייהייט

און ווען יענע פרייהייט וועט קומען
און לעבן וועט זיין מיר באַשערט,
לאָזט איבער פאַר מיר צוויי דריי בלומען
אויף אונזער בשותפות׳ער ערד.

לאָזט איבער אַ ביכעלע לידער
און טרויעריק זאָלן זיי זיין:
און אויב עס איז אייך ניט דערווידער —
לאָזט איבער אַ קריגעלע ווײַן.

און צווינגט מיך ניט גליקלעך צו לעבן
און לאָזט מיך צורו און אַליין;
און איך וועל מיין ברכה דאַן געבן
דער פרייהייט, וואָס איז אַזוי שיין . . .

אַלע אינזלען

אַלע אינזלען אויסגעפונען,
אַלע וועגן — ניט מער פריי:
קענסט ניט לעבן אויף דאָס ניי
אונטער אַלע זיבן זונען.

שווער... עס דריקט... ניט אויסצוהאַלטן,
אפשר דאָרטן . . . אפשר דאָ?
ניין, ס׳איז מער קיין אָרט ניטאָ
פון דער וועלט זיך וואו באַהאַלטן.

דאָס וואָרט

דאָס וואָרט האָט קיין מאַכט —
און וואָס דו וועסט זאָגן,
וועט קומען צוריק
פאַרשעמט און דערשלאָגן.

פאַרשעם ניט דיין וואָרט
וואָס קומט פון דיין האַרצן —
פאַרזינק אים, דערטרינק
אין אָפּגרונט אין שוואַרצן . . .

די פרילינגס-זון

די פרילינג־זון קוקט אין מיין פענצטער
אריין, און זי לאַכט;
וואָס ביזטו אַ, נאַרישער מענטש,
פאַרטרויערט, פאַרטראַכט?

איך האָב אויך געליטן ווי דו;
עס האָבן פאַרשטעלט
די וואָלקן די גראָע פון ווינטער
מיין ליכט פאַר דער וועלט.

דאָך זיינען זיי מער ניט ווי וואָלקן —
זיי שווינדן ווי רויך,
און איך בין געבליבן די זון,
און לויכט פון דער הויך!

אין טרויעריקע טעג

אין טרויער טעג
מוז מען נאָך שטומען;
דאָס וואָס מען מעג —
טויג פאַרן דומען.

שנייד מיין האַרץ שנעל,
נעם דאָרט אַרויס
אַלץ וואָס איז העל,
אַלץ וואָס איז גרויס.

טראָג עס דורך נאַכט,
דורך חושך געדיכט;
זאָג: כ׳האָב געבראַכט
טרייסטונג און ליכט...

אָפטמאָל...

אָפטמאָל, וויל איך האָפן, גלויבן,
אַז ניט אַלץ איז שוין צערונען;
שיינען וועט די זון נאָך אויבן
און אויך אונטן וועט דאָ גרינען.

אָפט מאָל דאַכט מיר, אַז מיין גוטע
וועט נאָך ווען אין טיר מיר קלאַפּן,
און אַ רגע אַ באַרוטע
וועל איך נאָך פון לעבן כאַפּן.

אָפטמאָל חלומ׳ט מיר אַ חלום,
אַז ניט אַלץ איז נאָך פאַרפלויגן;
קומען וועט אויף דרערד דער שלום
מיט די מילדע, גוטע אויגן.

אָפט מאָל טרוימט מיר, אַז געקומען,
איז משיח שטיל צו רייטן,
און די ערד איז דורך אין בלומען,
און עס זינגט אין אַלע זייטן...

וואו איז ער?

וואו איז ער, דער איינער, דער העלד?
שוין לאַנג ניט געזען,
שוין לאַנג ניט געווען
ביי אונדז אין דער אָרימער וועלט.

ער מוז דאָך פאַרט ערגעץ וואו זיין;
עס איז בלויז געהיים
זיין שטוב און זיין היים,
ער לאָזט צו זיך קיינעם אַריין.

און אפשר מיט אונדז איז ער גאָר,
און איז אומעטום
און קוקט זיך אַרום,
און טראַכט זיך: ניט ווערט איז דער דור!

דאַן וויזט זיך — דיין וואָרט פאַר זיי זאָג!
און וויז זיי דעם וועג
צום ליכטיקן ברעג,
וואו ס׳צינדט זיך דער קומענדער טאָג...

דאָס בוימעלע

אַט שטייט דאָרט אַ בוימל
גאָר עלענט אַליין;
דעם ווינטער דעם גאַנצן
אַזוי וועט ער שטיין.

עס וועט אים פאַרשיטן
אַן מיטליד דער שניי —
איך קוק אויף דעם בוימל,
און ס׳טוט אַזוי וויי.

און ציען זיך, ציען
דער ווינטער וועט לאַנג,
אָן וואַרעמע שטראַלן,
אָן פייגל־געזאַנג.

אַרום ווי אַ חורבן
אַלץ נאַקעט און בלויז.
דער ווינט נאָר וועט רוישן
און ליאַרמען בייז...

איך וואַרף צו דיר בוימל,
מיין פייכטלעכן בליק:
צי וועל איך דיך טרעפן
אין זומער צוריק?...

די שעה

ס׳וועט קומען אַ שעה
אַמאָל אויף דער וועלט
און אַלץ וואָס ס׳איז דאָ
וועט ניי זיין געשטעלט.

געענדערט וועט זיין
פון לעבן דער גאַנג,
די פרייד און דער פיין
און יעדנס פאַרלאַנג.

דער העלד וועט זיין קליין,
דער פירער — פאַרווירט;
דער מענטש וועט אַליין
פון זיך זיין געפירט.

די רייכקייט אָן צאָל —
קיין האָפט און קיין ווערט;
ס׳וועט קומען אַמאָל
די שעה אויף דער ערד.

און וואו נאָר מען צילט —
אויס בייזקייט, אויס גוואַלד;
און אויב נאָר איר ווילט —
די שעה קען זיין באַלד...

פאַרזינדיקט

עפּעס פיל איך מיך פאַרזינדיקט,
כ׳פיל מיך קריסטלעך היינט.
איך האָב ליב אַ־יעדן מענטשן,
מעג ער זיין מיין פיינט.

האָט מיר ווער אַ פּאַטש געגעבן
בייז מוטיק און דרייסט,
גיב איך אים די באַק די צווייטע —
פונקט ווי יעזוס הייסט.

כ׳פיל זיך נישטיק און דערשלאָגן
און איך קני אין שאַנד...
כ׳וויל מיט קיינעם זיך ניט שלאָגן,
מעג עס זיין פאַר לאַנד.

כ׳וויל ניט קיין נקמה נעמען
פון דעם גרעסטן נאַר...
פאַר אַזוינע מדות, קריסטן,
זאָגט, וואָס קומט דערפאַר?...

דער טעות

איך האָב באַטראַכט מיין לעבן,
אין וואָס עס איז אַוועק?
איך האָב געפילט קיין פריידן
און ניט געפילט קיין שרעק...

די נאַכט איז שטיל געוועזן,
די רעכנונג האָט געשטימט;
וואו האָב איך דען געבלאָנדזשעט
און ווען האָב איך געקרימט?...

נאָר ערגעץ־וואו אַ טעות
געפונען ענדלעך פאַרט...
ניט איבערלייגט געהאַנדלט,
צו־שנעל געזאָגט דאָס וואָרט.

דאָך האָט מיין האַרץ געזונגען
און ווי געיאָגט צום טאַנץ;
דער טעות האָט געגעבן
דאָס ביסל ליכט און גלאַנץ...

געבעט

באַלער מיך, גאָט, באַלער,
ווי מענטשן צו באַהאַנדלען,
צו וויסן, ווי אַזוי
דאָס בייז אין גוטס פאַרוואַנדלען.

און אויב דער מענטש אַליין
איז אויך אַ חיה־רעה, —
באַקערן זאָל איך אים
צו מילדקייט און הכנעה...

אין צירק האָב איך געזען
אַ מאַן מאַכט מילד אַ טיגער,
באַפרייט די שלאַנג פון גיפט —
טאָ מאַך מיך גאָט נאָך קליגער.

און בענטש מיך מיט געדולד
און מאַך מיך שטאַרק ווי אייזן,
איך זאָל מיט מענטשן אויך
דעם זעלבן וואונדער ווייזן...

איך האָב געוואָלט

איך האָב געוואָלט דערגיין
דורך מיר אַליין,
ווער איז ער פאָרט, דער מענטש —
געוואָלט פאַרשטיין.

איך האָב געקוקט, געקוקט
אין זיך גאָר לאַנג,
און אויסגעפאָרשט מיין לוסט
און מיין פאַרלאַנג.

צו וואָס וואָלט איך געווען
אויף מאַנכמאָל גרייט:
וואָלט איך פאַרהונגערט שטעט
און קינדער דען געטייט?

וואָלט איך אין שטאַנד געווען,
ווען איך וואָלט האָבן מאַכט,
צו קאָנען ברענגען הילף
און ניט געבראַכט?

איך האָב געוואָלט דערגיין,
געפאָרשט מיט ווי:
צי בין איך אויך אַ מענטש
אַזוי ווי זיי?

איך האָב זיך צוגעהערט,
מיין האַרץ געהיט:
צי בין איך אויך אַ מענטש? —
ניין — כ׳בין עס ניט!...

ניינטער בוך

די ערוואַרטונג

ווער...

ווער האָט אונדזער פעלד צעגראָבן —
מאַמע ליבע — זאָג ?
— שאַ, מיין קינד, מען וועט דערהערן
וועט אונדז זיין אַ קלאָג...

וואָס פאַרהענגסטו אַלע פענצטער,
ווען דער טאָג גייט אויס ?
— ליכט איז, קינד, אין לאַנד פאַרבאָטן,
ס׳טאָר קיין שטראַל אַרויס...

וואָס־זשע שטייסטו אין דער רייע
פון דער פרי ביז נאַכט ?
— כ׳האָב, מיין קינד אויף ברויט געוואַרט אַלץ
און זיך ניט דערוואַרט.

וואָס־זשע וועלן מיר איצט עסן ?
ס׳איז דאָך לאַנג שוין צייט.
אפשר וועט די הילף נאָך קומען
פון דער ווייט...

דער שעפער

פיל וועלטן געשאַפן,
פיל וועלטן צעשטערט —
ער איז ניט צופרידן
מיט הימל און ערד.

פיל שטעלן געפעלן,
וואָס גיבן זיך איין,
דאָך וויל ער, דאָס גאַנצע
זאָל פאָלקאָמען זיין.

דאָ איז צופיל טרערן,
און דאָ צופיל בייז,
אַ גליקלעכע שטעלע
איז לאַנגוויילִיק בלויז.

אַ שטעלע פול רחמים —
די שוואַכע געפעלט.
אַ ווענדונג אַ נייע —
דערשרעקט זיך אַ וועלט...

דער שטעג פון די ערשטע

דאָס איז דער שטעג פון ערשטע גייער,
דאָס איז דאָס ליד פון ערשטער ריי;
די קערנער פון די ערשטע זייער,
די פרוכט פון בוים — געפלאַנצט פון זיי.

פון שטעג — אַ ברייטער וועג געוואָרן
און ס׳גייען מחנות מיט געזאַנג;
די מי פון פרי, פון יענע יאָרן
געדענקט זיך איצט, געדענקט זיך לאַנג.

עס וועט דער וועג זיך ווייט נאָך ציען,
און ביי די זייטן, אויף דער וויל,
געצעלט — צום אָפּרו פון דעם מיען
און גיין צום ציל — דורך צייט און מייל...

עס וועט דער וועג זיך שפרייטן, ברייטן
און העכער ווייען וועט די פאָן,
און ביי די זייטן — בוימער, קווייטן,
וואָס בויגן זיך און ווייזן אָן...

הילף!

די אָרעמע גאַס אין דער היים —
קיין אונגליק האָט איר ניט געמיטן!
דער שונא האָט צווייגן און בוים
און וואָרצלען געריסן, געשניטן...

די הייזער זיי קוקן מיט גרויל,
די פענצטער זיי גלאָצן אַן שויבן,
דעם דאַך האָט צעריסן אַ קויל,
פאַרבלוטיקט, פאַריאָגט זיינע טויבן...

די קינדער, וואָס האָבן באַגליקט,
געוועקט אין איר גלויבן און האָפן —
דער הונגער האָט אַלע פאַרוויגט —
די קינדער די קליינע — זיי שלאָפן...

די פרייד פון דער גאַס איז פאַרשטערט,
קיין שפּילן פון קינדער — ניטאָ מער!
אין לופט, ווער עס הערט נאָך, דער הערט
פון עלענדע מוטערס אַ יאָמער...

שטורמישע צייטן

שטורמישע צייטן, ווי טייכן
וואָלטן צוהוליען זיך ווילד:
אין דער געשיכטע קיין גלייכן
האָט זיך אַזוינס ניט געשפּילט.

אַלץ וואָס געלעגען פאַרפאָראָרן
איז אָפּגעגאַנגען אין טאָל;
אייז־בערג פון טויזנטער יאָרן
שמעלצן פון זיך מיט אַמאָל.

זאַמדן פון איינזאַמע ברעגן
האָבן די שטראָמען פאַרדעקט:
חורבות פון איינזאַמע וועגן
האָבן פון שלאָף זיך געוועקט.

אידעלע שררות און זאַטע
קוקן אַרום זיך מיט שרעק,
וואַנדערער שטילע און מאַטע
בלאָנדזשען און זוכן אַ וועג...

פון איין זייט וועלט

אין איין זייט וועלט — גייט אויף אַ זון
און פון דער צווייטער — וואָלקן ציען;
פון איין זייט וועלט קומט אַן משיח
און אין דער צווייטער שקלאַפּן קניען.

און זי, די מענטשהייט, שטייט אינמיטן,
אַ שטיל־דערשראָקענע, דערפרייטע:
עס וויל איין זייט די וועלט פאַרשלינגען
און העל באַלייכטן וויל די צווייטע.

אַך, וואו וועט איצט די מענטשהייט ווענדן
די אויסגעשפּרייטע הענט, די בליקן?
אַהין, פון וואַנען ס׳קומט ערלייזונג,
צי דאָרט, וואו רויך און פולווער שטיקן..

וואוהין—דו מענטשהייט? טראַכט אַ ווײַלע,
צו וועלכער זייט דו זאָלסט זיך ווענדן..
צי גייסטו צו משיח׳ס פייער?
צי וועט דער רויך דיין בליק פאַרבלענדן!

איך קעמף

איך קעמף פאַר מיין זיין,
פאַר אָרט אין דער וועלט;
מיין וואָרט איז ווי וויין,
וואָס שפּיגלט און קוועלט.

איך גלי און איך פלי
אין ווייט און אין הויך;
און וויים אויך פון מי,
פון פרייד — אַמאָל אויך.

איך גיי אין די טריט
מיט בויער פון וועלט,
און זינג־מיט דאָס ליד,
און פאָדער וואָס ס׳פעלט.

ווען?

ווי מיר וואַרטן, ווי מיר האָרן
אויף די גרויסע ווערטער:
קינדער צאַרטע וועלקן, דאָרן
אין די וויסטע ערטער.

הייזער שטייען ניט געהייצטע,
פענצטער שטאַר אָן שויבן;
ווען שוין וועלן די גערייצטע
קומען שטיל ווי טויבן?

ווי די אומשולדיקע קינדער
ווערן בלייכער, בלייכער!
ווען־זשע וועלן אַלטע זינדער
ווערן צאַרטער, ווייכער?

שיפן שטייען ביי די ברעגן
פול מיט שפייז געלאָדן;
ווען וועט שוין דער ים זיי מעגן
ברענגען צו אַ באָדן?

און אַ זון אויף ערד און ימען
העל איז אויפגעגאַנגען;
ווען שוין וועלן מיר צוזאַמען
זיך די הענט דערלאַנגען?

ווי מיר ווערן אומגעדולדיק —
ס׳ווערט דאָס האַרץ צעריסן;
ווער ס׳איז אומשולדיק און שולדיק
ווילן מיר ניט וויסן.

ווער עס וועט דער ערשטער זאָגן:
פריד דער וועלט און לעבן! —
האָט זיך קיינמאָל ניט געשלאָגן
און ער איז פאַרגעבן...

דערזועלביקער

„אַמאָל וועט די וועלט ווערן שיין!"
איך הער זי, די טרייסט, נאָכאַנאַנד;
דאָך, ווער וועט זי שיין מאַכן, ווער? —
פאַרשטיין עס בין איך ניט אין שטאַנד.

דער מענטש! — אָך מיר קענען אים גוט
מיר ווייסן שוין קלאָר, ווער ער איז:
מיר האָבן געזען אים ניט לאַנג —
אַנטקעגן זיין פריינט מיט אַ שפּיז.

דער מענש, וואָס ער האָט זיך פאַרשטעקט
אַזוי ווי אַ חיה אין וואַלד,
געלויערט אויף איינעם, ווי ער,
געשאָפן אין זעלבן געשטאַלט.

„אַמאָל וועט די וועלט ווערן שיין!" —
דאָך גלויבן אין דעם איז מיר שווער;
און קוק איך צום טרייסטער זיך צו —
איך האָב אים דערקענט — דאָס איז ער.

איז נאָר ·וואָס געקומען פון וואַלד,
איז נאָר וואָס געקומען פון פעלד.
דאָס איז דאָך דער זעלביקער מענטש, —
און ער קומט באַשיינען די וועלט!...

רופט מיך

רופט מיך — איך בין גרייט צו דינען
אייך, מיט אַלץ וואָס איך פאַרמעג,
מיט די לעצטע אַלע טעג,
מיט מיין גליק, וואָס גלאַנצט דערינען.

רופט מיך ווי אַמאָל פאַרצייטן.
אויב איך בין ניט גרויס ווי זיי —
פיל איך שטאַרקער אייער ווויי
שווערער פאַלט די טרער פון וויטן.

זיינע וואונדער...

זיינע וואונדער זיינען גרויס,
אַז די וועלט — זי האַלט נאָר אויס.

אַז נאָך איינער האָט זיין קלייד
ניט צעריסן אין זיין לייד;

אַז נאָך איינער אויף דער גאַס
טראָגט ניט אויף זיין קאָפּ קיין אַש,

און אַז נבוה מיט איר גלאַנץ
שטייט נאָך פעסט אַזוי און גאַנץ;

אַז די זון — זי הענגט נאָך הויך
און ביי נאַכט — די שטערן אויך;

אַז קיין בת־קול, ווי אַמאָל,
רופט נאָך ניט פון באַרג און טאָל —

אַז ער זעט דאָס אַלץ און שווייגט,
האָט ער זעלבסט זיך איבערשטייגט...

צו זיי

...און אייער אמת
איז מיר דערווידער:
ער גריצלט מיר אין אויער,
ווי פאַלשע לידער.

איך קאָן אים ניט הערן,
און קאָן ניט פאַרטראָגן:
ווי דום איז דער אמת,
ווען איר קומט אים זאָגן.

אַ ליגן פון האַרצן —
אים וועל איך גלויבן:
ער וועט מיך באַלעבן
און וועט מיך דערהויבן...

דאָס שווייגן

אויפן מויל אַ שלאָס —
פרעג־זשע ניט פאַרוואָס.
אין קיין זייט ניט קוק —
שטומערהייט זיך בוק.

זאָל זיך זאַמלען פיל
אין דיין האַרצן שטיל
יעדער צער, פאַרדראָס,
ביז ס'ווערט פול דער כוס.

האָרך דעם וויטן קלאַנג,
האָרך זיין שטילן גאַנג.
אויף אַ וועג פול שטויב
גייט ער, וואַרט און גלויב!

ווייטע לאַנגע מייל —
אייביקייטס אַ ווייל.
קוק אויף אים אַרויס...
שטיל — און זאָג ניט אויס...

עס טרעפט

עס טרעפט, ווען ווערטער בלויזע
מען קען אין גאַס ניט לאָזן;
עס הערשט אַ קעלט אין דרויסן,
און צפון־ווינטן בלאָזן.

און ווערטער אָפט, ווי קינדער,
זיי ציט אין גאַס זיך שפּילן;
דאַן מוז מען מער, צי מינדער,
פאַרוויקלען זיי, פאַרהילן...

זיי רוישן ביי די ווינקלען,
זיי שטיפן ביי די מאַרקן,
ביז וואַן עס הויבט אָן פינקלען
די זון מיט ליכט אַ שטאַרקן.

דאַן מוז מען איבערקליידן
די ווערטער שוין אין גרינגען;
די וועלט ווערט פול מיט פריידן,
און פרייע ווערטער זינגען...

ניט רייד...

ניט רעד און גאָרנישט זאָג,
און שטיל מיין פריינט און שאַ,
עס איז שוין אַזאַ טאָג
עס איז אַ צייט אַזאַ.

פאַרשליס די ליפּן שטאַרק
ווען פרעגן האָסטו וואָס,
און קום אַרויס אין מאַרק,
ווי יעדער באַלעבאָס.

דו קענסט איצט טאָן געשעפט —
גיי אין געשעפט אַריין
און קויף וואָס דיר זיך טרעפט:
ס'וועט שפּעטער טייער זיין.

און ווּעסטו פילן שרעק
פון יושר אינדערשטיל,
דאַן גיי פאַרנאַכט אַוועק
אַהין, אין וואָדעוויל...

דאָרט ווּעסטו טענצער זען
פון פעלקער אַלערליי,
און ס'וועט דיין שרעק פאַרגיין,
וועסט מיטטאַנצן מיט זיי...

פרילינג אין קריגס-צייט

שוין געלאָזן אַלע טייכן
האָבן דאָרט אין לאַנד פון וויי.
וואָס־זשע טראָגן דאָרט די טייכן
מיט אַ האַסטיקן געשריי.

שוין געעפנט אַלע טייכן,
פרילינג איז שוין דאָרט געוויס,
וואָס־זשע ברענגען זיי די מענטשן
פון די נאָענסטע אַ גריס?

העי, באַפרייט שוין אַלע טייכן,
זיינען דאָרט אין בלוטיק לאַנד:
פון דעם שטורמדיקן וואַסער
הויבט זיך ווער און שווימט צום ראַנד.

אַלטע טאַטעס, אַלטע מאַמעס
גייט אַרויס צום טייך אַהין,
ס'האָבן אייך די פרילינגס־כוואַליעס
אָפּגעבראַכט צוריק די זין...

ניו יאָרק, 1916

דער רייטער
(פאַנטאַזיע)

זיי זיצן און וואַרטן... ווי שטיל!
די בשורה איז וויט, דאָך זי קומט:
אַ רייטער אַ ווייטער — ער קומט...
אַ רייטער אַ ווייטער — ער ברומט

ווער איז ער, דער רייטער, און וואו?
דער רייטער ער טראָגט זיך און יאָגט...
דאָס פערד זיך אָן פעלזן צושלאָגט...
דער רייטער ער וויל ניט קיין רו...

און שטילער און שטילער זאָל זיין!
דער רייטער — ער איז שוין אין וואַלד,
און קומען אַהער וועט ער באַלד...
שוין נענטער... הערט זיך נאָר איין!

די בוימער, ווי שומרים געדיכט,
זיי רוישן דעם רייטער אַ ליד,
דער רייטער ער ווערט גאָר ניט מיד...
אין הימעל באַווייזט זיך אַ ליכט...

ער קומט באַלד דער רייטער צו אייך...
דער וואַלד דער געדיכטער איז אויס,
ער רייט פון דעם וואַלד שוין אַרויס —
ער דאַרף נאָר אַריבער אַ טייך...

יעקב׳ס וואוינונג . . .

(א מלחמה בילד)

זיינען פיל צולאָפן, פיל האָט מען צעטריבן,
פון דער גאַנצער קהילה, זיינצען בלויז געבליבן
אָבער מיט די זיינצען אידישע פאַמיליען
איז דער רב געבליבן, זייער צער צו שטילן...

אַלע הייזער חרוב נאָך די גרויסע שלאַכטן,
וואו דעם קאָפּ צו לעגן, הויבט מען אָן צו טראַכטן.
גיט מען זיך אַן עצה, שטעלט מען אויף געצעלטן,
זיך ביינאַכט צו שיצן פון די בייזע קעלטן.

אָבער קליינע קינדער גייען אום אָן תורה,
דאָ באַפאַלט דער עדה טיפע אַנגסט און מורא.
גייען זיי און קלערן — ניט פון טרינקען, עסן —
אַז עס זאָלן קינדער גאָטס-וואָרט ניט פאַרגעסן.

הונגעריקע אידן הויבן אָן צו פרעגן:
וויפיל איז געבליבן יעדערענס פאַרמעגען?...
לעגט מען זיך צוזאַמען אַ מלמד דינגען —
אין אַ וויסטער חורבה קינדער־קולכלעך קלינגען...

האָט די אָרעמע עדה אי אַ רב און רבי׳ן —
זיינען זיי שוין זיכער, אַז זיי וועלן לעבן...
אָבער קומט אַן אורח וועז צו זיי אין שטעטל,
האָט ער ניט קיין אָפּרו, האָט ער ניט קיין בעטל.

אָך, דער צער פון אורח — ס׳איז דער עדה׳ס ווייטאָק,
אַן הכנסת אורחים איז אין שטעטל נויטיק;
הויבן אָן די הערצער רירן זיך און רירן —
און די אָרעמע זיינצען ווערן אַלע גבירן.

לעגט מען זיך צוזאַמען, ווערן היבשע סומען;
שטייט אַ הויז פאַר אורחים, יעדער איד מעג קומען!
דאַכט זיך, אַז אַ בת־קול לאָזט פון דאָרט זיך הערן:
יעקב׳ס ו ו א ו י נ ו נ ג קיינמאָל וועט ניט חרוב ווערן...

פון באַרג און טאָל

און דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן ערוואָרבן
אויפן באַרג פון אַמאָל,
וועט דאַן ווערן פאַרוויסט און פאַרדאָרבן
פון די נאַרן אין טאָל.

ווען דער באַרג וועט אַ וויסטער שוין בלייבן
וועט נאָך אַלץ זיי זיין קאַרג
און זיי וועלן די היטער צעטרייבן
און צוגראָבן דעם באַרג...

און עס וועט יעדער היטער, אַ מאַטער,
טיף באַהאַלטן זיין וויי,
און ער וועט אויף דער ערד אויף דער גלאַטער
מוזן זינגען מיט זיי...

1920.

אַ פראַגע

און ווער עס האַלט אָפּ די פרייד פון דער וועלט
איין מינוט, איין מינוט —
ווי קען ער אַליין — איך קען ניט פאַרשטיין —
דאַן לעבן באַרוט?

און ווער עס פאַרהאַלט דעם שאַל און דעם רוף
צו לעבן און גליק —
ווי קען ער אַליין אַ גליקלעכער זיין
מיט לויטערן בליק?

און ווער עס דערלאָזט אין קעלט און אין פראָסט
זאָל אויסגיין די וועלט —
ווי קען ער אַליין ביים פייער דאַן שטיין
אין וואַרמען געצעלט?...

אין אונדזערע טעג

אַ מאַן איז געקומען צו אונדז אין די טעג,
אַ מאַן, אַ געוויינלעכער מאַן:
דאָך נייגיער האָט ער ביי אונדז אַלע געוועקט:
עס איז נאָך אַזעלכער פאַראַן!

מען האָט אים באַטראַכט און מען האָט אים באַקוקט
באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס:
און וואו אין זיין פּנים געווען איז אַ קנייטש —
געזוכט האָט מע דאָרט וואָס עס איז.

און האָט ער גערעדט ווי אַ מענטש, מיט פאַרשטאַנד,
און האָט נאָך געשמייכלט צומאָל —
דער וואונדער געוועזן איז מערער נאָך גרויס:
ווי מענטשלעך עס קלינגט דאָך זיין קול!

און האָט מען געפרעגט אים, צו זיינען זיי דאָרט
די מענטשן אַזוי ווי אָט ער?
האָט ער זיך צעלאַכט און געענטפערט: נו, יאָ...
און נאָכדעם דאָך אָפּגעזיפצט שווער.

און האָט מען געפרעגט אים, צי עסט מען דאָרט גראָז?
האָט ער זיך צושמייכלט: ווי דען?
און ברויט, ווי מיר דאָ? דאָס געבאַקענע ברויט? —
געענטפערט האָט ער: ווען ניט ווען?

און האָט מען געפרעגט אים: צי זיי'ט מען די ערד?
זיין ענטפער: אַן אַנדערער זיי'ט!
און האָט מען געפרעגט אים: צי גייט דאָרט אַ באַן?..
געענטפערט האָט ער: אַמאָל גייט...

אַזוי גאָר? איז הייסט עס נאָך ניט דורכאויס ווילד
די וועלט דאָרט — דער וואונדער איז גרויס...
— יאָ יאָ! האָט געענטפערט פון דאָרטן דער מאַן —
מען מענטשעלט זיך ביסלעכווייז אויס...

1920

נויט-רוף

א.

אַלע שיפן, וואָס זיי שטייען
ביי דעם ברעג;
אַלע באַנען, וואָס זיי גייען
באַלד אין וועג;

אַלע סוויסטשען, קלינגערייען —
ווייט און לויט —
אַלע רופן, אַלע שרייען:
פאָלק אין נויט.

אַלע צייכנס און סיגנאַלן,
ראַזיק-רויט;
אַלע, ווי מיט שטימען שאַלען:
הילף! זייט גרייט!

אַלע פאָרער און באַגלייטער,
אין דער לופט,
הויך אַ פליער און אַ צווייטער —
רוישט און רופט.

און דער שטומער בליק אפילו
ביי דעם מענטש,
הויבט צום הימעל זיך אין תפילה,
בעט און בענטשט...

1944

אין פינצטערער צייט

אויפגעעפנט אַלע קברים
פון בית-עולם פון דעם אַלטן:
אויפגעשטאַנען זיינען יענע
בייזע, פינצטערע געשטאַלטן.

היט זיך, לעבעדיקע מענטשן,
פאַר די טויטע אין די גאַסן:
זאָל פאַרשווינדן יעדער שמייכל —
ניט מיט מתים זאָלט איר שפּאַסן.

די סקעלעטן זיינען שטאַרקער
פאַר די לעבעדיקע ריזן;
יעדער בליק פון אויגן-לעכער
לעכערט אייער האַרץ ווי שפּיזן...

זעט איר איינעם — איך דערקען אים
יענעם אכזר פון די רוימער:
שענסטע טעמפלען צינדט ער אונטער
און שניידט אָפּ די יונגסטע בוימער.

צווישן זיי דער אינקוויזיטאָר —
אך, ווי לייכט איז אים דערקענען!
שטילער, קינדער! הערט אויף לערנען!
ער וועט הייסן אייך פאַרברענען.

מורמלט ניט בסוד אפילו,
ווי אַמאַליקע מאַראַנען;
דען דער מסור הינטערן פאַרקען
איז פון גרוב אויך אויפגעשטאַנען...

1920

שאָדנס

אַלעס וועט ווערן פאַרריכט,
גלייך וועלן ווערן די טאָלן,
זיין וועט דער שאָדן באַצאָלט —
מיר אָבער, ווער וועט באַצאָלן?

כ'האָב אין דעם מענטשן געגלויבט,
פלעג אים אַלס ברודער זיך מאָלן, —
האָט מען מיין גלויבן גערויבט —
ווער וועט מיין שאָדן באַצאָלן?

שלעסער פאַר מענטשלעכן גליק
האָב איך געבויט און באַזעסן:
האָט מען זיי חרוב געמאַכט —
מיך אָבער האָט מען פאַרגעסן.

קוואַלן, וואָס האָבן געטריפט
אַלערליי ליבעס-גענאָדן,
האָט איר פאַרשאָלטן מיט גיפט —
ווער וועט באַצאָלן דעם שאָדן?!...

1921

מיט יאָרן צוריק

(וועגן די ערשטע עמיגראַנטן . . .)

געקומען פון יענער זייט ים
מיט מורא און עלענד אין בליק;
די ערשטע פון אַרבעטער שטאַם —
מיט צענדליקער יאָרן צוריק.

אין שאַפּ האָט געריכערט די פּרעס,
אין שאַפּ האָט די גאַז־רער געצאַנקט;
געאַרבעט דריי־פערטל מעת־לעת
דעם „באָס״ נאָך, דעם בייזן, געדאַנקט...

און אָוונט, אין שטילקייט, געהיים,
דורך בלאָקן באַלויכטענע קאַרג,
געגאַנגען שוין, מידע, אהיים
מיט האַנט־ניימאַשין אויפן קאַרק.

און ווי נאָר אין פענצטער אַ שיין
און ווי נאָר אין פענצטער קוים טאָגט,
שוין ווידער אין יאָך גיך אַריין,
שוין ווידער אין שאַפּ זיך געיאָגט.

אַזוי יעדער טאָג, יעדע נאַכט,
אַזוי האָט געראונען די טרער;
ביז וואַנען דער שקלאַף האָט דערוואַכט
און הויך אויסגערופן: ניט מער!

דער פירער פון אייגענער ריי
ער וועקט און ער שטייט אויף דער וואַך;
ער מאָלט זיי דעם עלענד דעם ווי
און רופט צו דער אַרבעטער זאַך.

די יאָרן זיי גייען אין גאַנג,
די רייען — זיי ציען זיך ווייט;
מיר גייען שוין איצט מיט געזאַנג
און יונג, ווי די ערשטע אין שטרייט.

געלויבט

געלויבט און געבענטשט זאָלן זיין
די יענע, וואָס שטעלן זיך איין
פאַר די, וואָס אַליין זיינען שוואַך
זיך רעטן פון נעצן פון שמאַך,
וואָס קענען אַליין ניט פאַרשטיין
און לאָזן צום פייער זיך גיין...

געלויבט און געבענטשט זאָלן זיין,
וואָס בויגן זיך קיינמאָל ניט איין
פאַר די וואָס רעגירן די וועלט
מיט אַלערליי שווינדל און געלט;
וואָס שטייען מיט ווירדע און מוט
פאַר די, וואָס זיי האַלטן די רוט...

געלויבט און געבענטשט זאָלן זיין
די יענע, וואָס קומען אַריין
אין תפיסה, וואו פינצטער און שוואַרץ
מיט פרייד און מיט ליכט אין דעם האַרץ...
וואָס צאָלן מיט יאָרן אָן צאָל
פאַר פרייד, וואָס וועט קומען אַמאָל...

געלויבט און געבענטשט זאָלן זיין
די יענע, וואָס קוקן אַריין
אין צוקונפטס פאַרבאָרגן־געזיכט
און ברענגען פון דאָרטן אונדז ליכט
און גיסן אַריין עס אין היינט
צו טרייסטן די אָרעמע פריינט...

דער חלום פון ריז

שלאָפן געלעגט זיך האָט וואו אין אַ לאַנד,
איינער אַ ריז, און ער שלאָפט נאָכאַנאַנד.
שלאָפט ער אַ יאָר און שלאָפט ער אָפּ צוויי,
חלומט ער שווערעס און אונז טוט עס וויי.

וואַכן מיר אַלע און טראַכטן אין שרעק:
ווער וועט דעם ריז אַמאָל געבן אַ וועק?
זאָל ער ניט חלומען שרעקן און פּיין,
זאָל פון זיין חלום דער העלד קיינער זיין.

די אַנטשוויגענע...

זיי זיינען געוואָרן אַנטשוויגן
אין לאַגער, אין פינצטערער נאַכט;
שוין לאַנג האָט דער ווינט זייער ניגון
צו אונדז ניט געבראַכט.

עס פאַלן און ציטערן וועלטן,
דער מענטש אַ דערשראָקענער וואַרט,
און זיי — אין די שטילע געצעלטן
זיי זיצן פאַרשפּאַרט.

זיי האָבן אונדז איבערגעלאָזן
אין פרעמדע, אין גרויזאַמע הענט,
און זיי אַליין זיצן פאַרלאָזן
אין גרויע פיר ווענט!

די ערד ליגט אַ וויסטע, אָן בלומען,
דער מענטש קוקט דערשראָקן און מיד;
מיר האָבן שוין לאַנג ניט פאַרנומען
פון פרייהייט דאָס ליד.

אין צוואַנג

צוואַנג אויף דעם געוויסן,
צוואַנג אויף פרייען לעבן;
וואָלסטו וועלן וויסן
ווער וועט הילף אונדז געבן?

וואָלסט דעם צער אויסרעדן —
זאָל אַ פריינט דערהערן —
ווילסטו ניט די ליידן
נאָך מיט וואָרט פאַרמערן...

שווייגן — קיינעם זאָגן?
לעשן האַרצנס פלאַמען? —
ועסטו קייטן טראָגן
מיט די קנעכט צוזאַמען.

ווענדסט זיך אין די וויטן —
הערסטו שופרות בלאָזן;
רופט מען דיר צו שטרייטן,
מוזסט אַהין זיך לאָזן...

אַ טרוים

ביי אַ רונדן טיש
זע איך מענטשן זיצן:
מעסער שאַרף און בלאַנק
אין די הענט דאָרט בליצן.

באַלד וועט מען די ערד
ברענגען און צעשניידן
מיט גערעכטיקייט —
קיינער זאָל ניט ליידן.

ברענגט מען גלייך די ערד,
איינער מאַכט הויך קידוש...
(ס'חלומט מיר אַזוי
ווייל איך פיל בלויז אידיש...)

שניידט מען זי אַריין
מיט אַ שאַרפן מעסער:
איינעם — אויבנאָן —
אַן המוציא גרעסער.

איך — איך זיץ ביים ברעג
מורמעל מיר אַ ניגון...
זיץ מיט שטאַט און וואַרט
אויך אַ שטיקל קריגן.

וואַרט איך און ערוואַך —
ערשט עס איז אַ חלום...
זאָל צו גוטן זיין,
צו געזונט און שלום!

אַ גרוס

און זאָלסטו דאָס לעבן באַטראַכטן
מיט רואיקע, שטילע געדאַנקען,
וועסט אַלע פאַרגניגן פאַרלאָזן
און גיין צו באַזוכן אַ קראַנקן.

ער ליגט דאָרט פאַרגעסן און איינזאַם,
פון וועלט און פון פריינד אָפּגעריסן;
דערצייל אים, אַז אַלע דאָ, אַלע —
מיר לאָזן אים האַרצלעך גריסן.

דו זאָלסט מיט אַ שמייכל אַ גוטן
בײַ׳ן בעט אים צוקאָפּנס זיך זעצן,
און וועט ער דיך פרעגן — דערצייל אים:
מיר זיינען פאַרפּלאָנטערט אין נעצן.

מיר קענען זיך קיינמאָל באַפרייען
פון שווערן און לערן געררודער;
און שטענדיק אונז פּלאָגט דער געוויסן:
ס׳ליגט ערגעץ אַ קראַנקער, אַ ברודער...

מאַראַנען

מיר זיינען אָפּט מאַראַנען;
ניט שרעק זיך דאָך, מיין ליבער;
ס׳איז שטענדיג דאָך פאַראַנען
אַ וועג — צו גיין אַריבער...

אַריבער, צי אַרונטער, —
מיר וועלן זיך שוין קליגן,
און מוטיג, פרום און מונטער
די בייזע ווען באַזיגן.

און אויב דאָס וואָרט פאַרווערט מען,
מען זאַמלט זיך אין קעלער;
פון קעלער, טיף — דערהערט מען
דעם רוף נאָך שטאַרקער, העלער.

מען האָט באַפרייט שוין לענדער
מיט וואָרט — געהיים־געשמידטן;
מען האָט די צייט געענדערט
מיט וואָרט אין טיף געליטן...

צום יובּיליי...

צום יובּיליי פון דער „סאָסייטע״
פון לאַנדסלייט בין איך אויך געוועזן;
מיין ליבע שטעטעלע די ווייטע
האָב איך פאַרזאַמלט דאָ געזען.

עס איז געוועזן ווי אַ וואונדער,
עס איז געוועזן ווי אַ טרוים;
געוואָרן גרויס פון דאַן די קינדער,
די עלטערע — דערקען איך קוים.

די שיינע מיידל באַשע־רבקה,
געוואוינט פון אונדז די צווייטע הויז;
די האָר פאַרקאַמטע אין אַ „גריוווקע״ —
פלעגט זי פאַרנאַכט פון הויז אַרויס.

איך הייב די הים איר אָן דערמאָנען —
זי שמייכלט ליב איצט ווי אַמאָל,
און רופט מיך אָן ביים ערשטן נאָמען
און היימיש קלינגט אויך דאָ איר קול...

באַלד הויבן אָן זיך טענער וויגן —
ס׳האָט די קאַפּעליע זיך צעשפּילט;
מען שפּילט אויך דאָ פון דאָרט דעם ניגון,
וואָס האָט דאָס האַרץ מיט פרייד דערפילט.

דער פידלער הירש, אויך דאָ דער בעסטער,
און זעליג שפּילט נאָך אויף דער פליים;
דאָס איז דער היימישער אָרקעסטער,
וואָס האָט אונז דאָ ווי דאָרט באַפרייט.

צענטער בוך

אידיש־וועלטלעכע מעלאָדיען

דער ענטפער

און אַז איך וועל קומען צוריק צו מיין היים,
אַהיים צו מיין ליבער...
עס וועלן מיך פרעגן און פאָרשן די פריינט
ווי ביזטו אַריבער?

„ווי זיינען געגאַנגען די טעג אין דער פרעמד
זייט דו ביזט פון דאַנען —
צי האָבן די פרעמדע געליבט דיך, געהאַסט?
דיין לשון פאַרשטאַנען?..."

דאַן וועל איך, אַ מידער, זיי ענטפערן שטיל,
נאָך זייער באַגריסן:
דערמאָנט ניט די טעג מיינע, דאָרטן ביי זיי,
איך וויל גאָר ניט וויסן...

צי גוטע, צי שלעכטע — איך האָב דאָרט געלעבט
און איבערגעטראָגן...
און וועלן זיי אָנהויבן פרעגן נאָך מער,
וועל איך מער ניט זאָגן.

און ס'וועלן פאַרטראַכטן זיך דאַן, מיינע פריינט
אין ווינקל אין שטילן...
און אַלץ, וואָס איך האָב אין דער פרעמד דורכגעלעבט
וועט יעדער דערפילן...

דער פרייער

קיינמאָל שרעקט אים ניט דער מאָרגן,
נאָר דער היינט איז זיינער,
זיינע פריידן, זיינע זאָרגן
זיינען העלער, פיינער.

פון אַ לעבן אַ געצוויטן
לויפט ער ווי פון פייער,
וועלן ווינטן כאַטש אים טויטן, —
שטאַרבט ער דאָך אַ פרייער!...

דער פילאָזאָף

געלעבט און געוועזן איז אַ פילאָזאָף —
ער האָט זיך געגריבלט, געגריבלט אָן סוף.
אַ חבר אַ פּשוטן האָט ער פאַרמעגט,
האָט יענער אים צענדליקער פראַגן געפרעגט.

„פאַר וואָס ווערט די וועלט דאָ געפירט אַזוי שלעכט:
אַ קעניג איז איינער, דער צווייטער אַ קנעכט?“
— דו שטעלסט מיר די פראַגע צו איינפאַך — צו פלאַך:
נעם טיפער, נעם טיפער די דאָזיקע זאַך...

„און איז ניט קיין חרפה און איז ניט קיין שאַנד:
צו וואָס וויל איין מלוכה אַלץ מער און מער לאַנד?“
— דו מיינסט דאָך מלחמות... פאַרשטיין ביזטו שוואַך —
נעם טיפער די פראַגע, נעם טיפער די זאַך...

„און וואָס איז פון לעבן דער תכלית און ציל:
מען האָוועט, מען יאָגט, מען באַגערט און מען וויל“...
— אך, דאָס איז שוין, ברודער, אַ שווערער באַגריף —
נעם טיפער די פראַגע... די זאַך, איז צו טיף.

„און וואָס איז די ליבע... וואָס ציט עס אַזוי
די פרוי צו דעם מאַן און דעם מאַן צו דער פרוי“...?
געענטפערט האָט דער פילאָזאָף אויך אויף דעם:
— נעם טיפער! ווייל דאָס איז אַ טיפע פּראָבלעם!

אַזוי זיינען יאָרן געשוואונדן אַלץ מער,
געפרעגט האָט זיך יענער, געענטפערט האָט דער...
ביז וואַנען איינמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט
האָט דער פילאָזאָף זיינע אויגן פאַרמאַכט...

געגראָבן אַ גרוב האָבן קברות־לייט צוויי —
דער חבר געשטאַנען איז האַרט נעבן זיי...
און ס'האָט זיך געדאַכט אים אַזוי ווי ער הערט
אַ שטים פון דעם ארון: גראָבט טיפער די ערד!...

די נייע וועלט

אַז מען בויט די נייע וועלט —
פלעג איך אינגלוויז נאָך הערן;
יאָרן האָבן זיך געפעלט —
ווען וועט זי שוין פאַרטיק ווערן?

נאָר מען בויט די נייע וועלט —
פון די פריע קינדער־יאָרן!
ביז מען האָט די טיר געשטעלט
זיינען גרוי די ווענט געוואָרן;

ביז מען נעמט זיך צו דעם דאַך,
בויגן זיך שוין איין די זיילן;
— און דער בנין האַלט ביים קראַך
הויבט מען ווידער אָן זיך־איילן...

רופט מען בויען אויף דאָס ניי:
צו דער אַרבעט, טריי, צוזאַמען;
פאַלט אַ פונק ביי דער געביי —
צינדט זיך אָן די וועלט אין פלאַמען...

ניו יאָרק, 1939

די עלטסטע

עס איז די וועלט שוין פאַרטיק
און אַלץ איז שוין באַקלערט;
די עלטסטע, שטיל און אַרטיק,
זיי מעסטן־אויס די ערד.

די פאָנען אויפגעהויבן,
די פאַרב לויט יעדנ׳ס שטאַנד;
געזעצן לויט דעם גלויבן,
וואָס הערשט אין יעדנ׳ס לאַנד...

פון וויט — זיך הערט אַ ברומען...
מען קוקט אַהער, אַהין;
— איין עלטסטער דאַרף נאָך קומען
מען וואַרט מיט שווערן זין...

זיי זיצן שטום, צוטראַגן,
די בליקן — פול־פאַרדראָס;
דער איינער דאַרף וואָס זאָגן
און קיינער ווייסט ניט וואָס...

דאָס ברומען הערט זיך שטאַרקער,
עס נעענט זיך די שעה;
די וועלט איז שוין לאַנג פאַרטיק
און ער איז נאָך ניטאָ.

וואָס איז דער עלטסטער אויסן,
וואָס זאַמט ער אַזוי לאַנג?...
— עס וואַרט אַ פאָלק אינדרויסן
ביים שוועל פון אייג׳נעם לאַנד...

נ. י. 1945

דורך פעלדער

דורך פעלדער, ווען זיי גרינען
דו גייסט אַמאָל פאַרטראַכט;
דו זוכסט, דו ווילסט געפינען
אַ פלאַץ, וואו ס׳גרינט מיט פראַכט.

מיר ווייסן, אַז עס געראָט ניט
ווען נאָענט קומט מען נאָר;
מיר ווייסן, דאָך עס שאַדט ניט —
דאָס וויטע בלויז איז וואָר.

פון וויטן שעמערירן
די גרעזעלעך פאַרקלערט;
זיי פירן און פאַרפירן
און ס׳ווינקט די וויטע ערד...

דו גייסט מיט טראָט אַ מידן,
ס׳איז ווייטער נאָך מסתם;
דו קומסט, און ביסט צופרידן
שוין רוען ביי אַ שטאָם...

דו רוסט זיך אָפּ, און ווייסט שוין,
אַז ס׳האָט זיך אָפּגעדאַכט;
דאָך איז פאַר דיר אַ טרייסט שוין
די דאַכטנדיקע פּראַכט...

דער פּאָעט

ער פאַרהאַסט דער וועלטס געטימל
און איר מאַרק-גערידער;
גאָט פאַרמאָגט דעם גרויסן הימל,
ער — די קליינע לידער.

ווילט זיך גאָט אַ מאָל די טענער
פון זיין פידל הערן,
ציערט ער אויס דעם הימל שענער
מיט די קליינע שטערן.

דאַמאָלס שפּילט און קלינגט זיין פידל,
יעדער טאָן צוגייט זיך,
און דער הימל הערט זיין לידל,
און דער הימל פרייט זיך...

1903

אַ דיכטערס חלום

ס'טרוימט ביינאַכט אין שלאָף אין זיסן,
אַז ער האַלט אין האַנט אַ פידל
און ער שפּילט אויף איר אַ לידל;
און די טענער גיסן, פליסן.

און דער דיכטער ווערט באַגייסטערט
פון זיין אייגענעם זיסן שפּילן,
פון ערהאַבענע געפילן —
און אַ סטרונע ווערט צעריסן!

ס'פּלאַצט אַ סטרונע פאַר התלהבות!
דאָך דער דיכטער שפּילט נאָך מעכטיק;
טענער פליסן ריין און פּרעכטיק —
נאָך אַ סטרונע איז צעריסן.

בלויז צוויי סטרונעס אים געבליבן,
ווער ער שפּילן אויף די צוויי נאָר:
איינע ליבע, איינע ווי נאָר,
ביז — איין סטרונע איז געבליבן!

בלויז איין סטרונע. דאָך עס שפּילט נאָך
און דער ניגון קלינגט און גילט נאָך;
ביז די לעצטע הויבט אָן פּלאַצן
און עס הילכט בלויז פּויק און טאַצן...

(קוידענאָוו־ניו יאָרק, 1892—1914)

פרייד און טרויער

צווישן דעם פרייד און דעם טרויער
שטייט אַ מויער...

די פרייד וואָלט אַמאָל
צום טרויער געגאַנגען —
צו הויך איז דער מויער,
זי קען ניט דערלאַנגען.

מ'דאַרף קלעטערן, שטייגן —
דאָס קען ניט די פרייד;
זי קען נאָך צערייסן
איר זיידענע קלייד.

דער טרויער וואָלט אויך
מיט דער פרייד זיך באַקענט,
דער מויער איז הויך
און קורץ — זיינע הענט...

און ווילן זיי מאַכן
די הערצער זיך גרינגער,
דאַן קלאַפּן זיי אָן
אין וואַנט מיט די פינגער.

די פרייד רעדט פון טרויער,
דער טרויער פון פרייד
און איינער פאַרשטייט ניט
דעם אַנדערנס רייד...

בערלין, 1914

דער אומשולדיקער וועכטער
(אַ פֿאָלקס־מעשהילע)

אַמאָל האָט פּאַסירט... אין אַ שטעטל,
מען האָט שוין פֿאַרגעסן איר נאָמען —
געשען אויפֿן מאַרק איז אַ גנבה:
מע האָט דאָרט באַ׳גנבֿ׳עט די קראָמען.

אויף מאָרגן איז יעדער געקומען
אין מאַרק צו זיין קראָם מיט אַ שליסל —
דערזעט ער: די קראָם איז שוין אָפֿן
און סחורה — ניטאָ דאָרט קיין ביסל.

מען האָט זיך גענומען צום וועכטער —
אַ איד מיט אַ באָרד שוין אַ גראָע...
„וואו ביזטו געוועזן?" — דער אַלטער
געשטאַנען איז שטיל, מיט הכנעה.

האָט אויסגעהערט אַלערליי טענות,
ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ וועכטער — געדולדיג,
און נאָכדעם געענטפֿערט: אוי, גלויבט מיר
איך בין דאָ, רבותי, ניט שולדיק!

איך האָב זיי געהיט, ווי מיין שטייגער,
ווי איך פֿלעג זיי אַלע נאַכט היטן:
איך זאָג אַ קאַפּיטעלע תהלים
און זינג זיך אַ ניגון אין מיטן...

דאָ זע איך עס פֿאָרן־צו וועגנס
און עטלעכע מענטשן דאָרט זיצן:
איך האָב גלייך פֿאַשטאַנען: גנבים...
צו וואָס זאָל איך טראַכט איך מיר, היצן!

ווי באַלד אַז איך בין דאָך דער וועכטער
איז וואָס איז צו האָבן דאָ מורא?...
ווי באַלד אַז איך היט, איז דען מעגלעך
זיי זאָלן אַוועקפֿירן סחורה?

איך האָב זיך פֿאַררוקט אין אַ ווינקל
אומישנע... וואָס וועלן זיי מאַכן?
ווי באַלד אַז איך בין דאָך דער וועכטער!
איז קוק און איך פֿלעג שיר פֿאַר לאַכן...

איך זע פֿון מיין ווינקל ווי איינער
און נאָכדעם אַ צווייטער, אַ דריטער —
זיי גייען צו שטיל צו די קראָמען —
איז לאַך איך: איך בין דאָך דער היטער!

די העזה ביי זיי ווערט נאָך גרעסער,
זיי נעמען די קראָמען אויפֿשליסן...
איז לאַך איך — ווי באַלד אַז איך היט זיי
און מאַך זיך אַזוי ווי ניט וויסן.

זיי הויבן אָן עפֿענען די קראָמען...
און איך, אייער ערלעכער וועכטער,
איך קוק און גיב אַכטונג פֿון ווינקל
און ווער שיר דערשטיקט פֿאַר געלעכטער.

„וואַרט, וואַרט, וואָס ווילט איר דאָ אָפּטאָן?
איר וועט שוין אַ צענטן פֿאַרזאָגן..."
איך זע ווי זיי פֿאַקן שוין סחורה
און הויבן אָן דרויסן צו טראָגן.

„אַזוי גאָר, גנבים׳לעך! — לאַך איך —
איר ווילט דוקא פֿרעמדע פֿאַרמעגנס!"
און קוק זיך דערווייל, ווי זיי טראָגן
און לעגען דאָס אויס אויף די וועגנס.

איז לאַך איך... וואָס קען עס מיר אָרן —
איך בין דאָך שוין אַלט! ניט קיין אינגל;
איך וועל אייך, גנבים, שוין ווייזן —
און לאַך מיר אַזוי אין מיין ווינקל.

דאָ זע איך, זיי גרייטן זיך פֿאָרן
און איטלעכער שפּרינגט אין זיין וואָגן.
דאָ האָב איך שוין אויפֿגעהערט לאַכן,
פֿאַרשטאַנען: מען דאַרף שוין זיי זאָגן.

און איידער איך האָב נאָר באַוויזן
דעם יחוס פֿון גנבֿ פֿאַרטייטשן,
זיי האָבן גענומען גלייך שמייסן
די פֿערד נאָכאַנאַנד מיט די בייטשן.

אַ תּפילה

גאָט העלף זיי, די מענטשן, מיט פליגל
וואָס שטאַמען פון העכערער פרייד;
אָ, שענק זיי די פרייהייט אָן ריגל,
באַהיט זיי פון נעצן פון נייד.

זיי זיינען פון פרייהייט די טרעגער,
די טרעגער פון אייביקן ציל;
באַשיץ זיי פון נעצן און יעגער,
וואָס לויערן אויף זיי אַזוי פיל!

און קענסטו פון שלעכטס זיי ניט שיצן —
די רשעות איז שטאַרק אַזוי, פרעך! —
דאַן שיק אויף זיי דונערן, בליצן
און זייערע פליגל צעברעך!

און זאָלסט זיי אין אָפּגרונט וואַרפן,
וואו טויט איז און חושך און קעלט,
זיי זאָלן אַרומגיין ניט דאַרפן
פאַרבענקטע נאָך דיר, אויף דער וועלט!...

עס האָט מיך דער פרילינג גערופן

עס האָט מיך דער פרילינג גערופן,
ער האָט אַזוי ליבלעך געוואונקען,
און סהאָט זיך מיין אָרעם לייב־לעבן
אין האָפנונגען שיער ניט דערטרונקען...

ער האָט מיר פאַרשפּראָכן פיל גליקן,
מיין האַרץ אָנגעפילט מיט געזאַנגען,
און בין איבער בערג, איבער בריקן
צו זוכן די גליקן געגאַנגען...

אַזוי האָב איך אַלץ אומגעבלאָנדזשעט
ביז וואַנען דער הערבסט איז געקומען,
און ס׳האָבן דעם סוף פון די גליקן
געצייגט מיר די וועלקענדע בלומען...

אין אַ מענשנס וועזן

אין אַ מענשענ׳ס וועזן
דויערט דאָס פאַרגאַנגענע;
אין דאָס לאַנג געוועזענע —
זיינע טעג געפאַנגען.

זאַכן, לאַנג געטראָפענע,
אָפּט גאָר נישט קיין וויכטיקע —
קעמפען מיט די האָפנונגען
אויף די טעג — מער ליכטיקע.

שוועבן־פּאָר געשעענע —
טרייסטנדיק און גריסנדיק;
אַזוי קלאָר געזעענע
און אַזוי אַלץ־וויסנדיק.

שווער אים אַלע וועלטעלעך
אין איין וועלט פאַראייניקן;
פּשוט׳ע און זעלטענע —
אין איין טאָג אַ קליינינקען...

באַטראָגן

איך פיל מיך באַטראָגן
און ווייס ניט פון וועמען;
כ׳וויל אימיצן קלאָגן —
און ווייס ניט די נעמען.

איך האָב מיט אַ פריינט זיך
אויף אייביק געזעגענט —
ווער האָט עס געגריסט מיך?
איך האָב אים באַגעגנט...

איך זוך נייע וועגן,
איך האָב זיי געפונען;
מיר דאַכט, אויך דאָ האָבן
שוין טרערן גערונען...

איך שפּיל איך ניט...

איך שפּיל איך ניט דעם „גרויסן מאַן"
ווי די באַקאַנטע שפּילער,
איך בין אַליין דאָס פּובליקום —
און אָפּטמאָל גאָר נאָך שטילער...

קיין „נביא" האָב איך ניט געשפּילט,
די צוקונפט ניט פאַרקינדיגט
און מוסר קיינמאָל איך געזאָגט —
איך האָב אַליין געזינדיקט. —

איך האָב קיין לאַנד פאַרשפּראָכן אייך,
וואו האָניק, מילך זאָל פליסן;
און וואו עס קען איך בעסער זיין,
ווי איר קען איך ניט וויסן.

און ווען די וועלט פאַרגאָסן איז
מיט בלוט און רויטע פלאַמען,
בין איך פאַרווירט, אַזוי ווי איר
און וואַרט מיט אייך צוזאַמען...

ניו יאָרק, 1917.

טעותן — לידער

די טעות'ן מיינע —
פון זיי אָפּט איך דאַכט;
איך האָב זיי אין לעבן
ניט ווייניק געמאַכט.

גאַנץ אָפּט אין די גאַנגען
די טריט ניט געהיט;
געשאַדט זיך אַליין דאָך,
קיין אַנדערן — ניט!

איצט זינגען זיי אַלע
אין גראַמען גאָר רייך;
פון טעות'ן מיינע —
די לידער פאַר אייך.

גיי-אויף!

גיי אויף, דו פאַרלאָשענער שטערן
פון אַלטע פאַרגאַנגענע טעג;
איך גיי און איך פאַל אין דער פינצטער —
באַלייכט מיר מיין זומפּיקן וועג.

עס יאָגן מיך פינצטערע שאָטן
און שרעקן מיין זעל אין מיין לייב;
גיי־אויף, דו פאַרלאָשענער שטערן,
די פינצטערע שאָטן פאַרטרייב!

מיין ליבע און האָפענונג און גלויבן
באַשטראַל מיר, באַלייכט מיר צוריק...
גיי־אויף, מיין פאַרלאָשענער שטערן,
ערוואַך, מיין פאַרלאָרענער גליק!

די לופט איז מיר ענג אין מיין צימער
און פינצטער פון לעמפּל דאָס ליכט,
און פינצטערע שאָטן באַפאַלן
און הילען אין שוואַרץ מיין געזיכט.

איך קוק אויף די ווענט פון מיין צימער —
עס בלאַנדזשעט מיין בליק אויף זיי אום;
וואָס זע איך? נאָר שאָטנס און שאָטנס
און שטיל איז אַזוי אַלץ און שטום.

עס מערן זיך שאָטנס און שפּרינגען
און שטיל איז — ס'הערט זיך קיין קלאַנג;
אין האַרצן נאָר הער איך אַ זינגען,
אַ טרויעריק־געצויגן געזאַנג.

דאָס זינגט דאָרט מיין יוגנט און קלאָגט זיך
פאַרטראָגן קען זי שוין ניט מער!
עס ציט מיך צו ליכט און צו פרייהייט
און דאָ — אַזוי טונקל און שווער!...

ווארשע, מאַי 1900

צום הייניטקן מאַראַן

העי, מאַראַן, מאַראַן,
אומגליקלעכער דו!
אין דיין האַרץ איז האַס,
אין דיין אויג איז רו.

אין דיין האַרץ איז האַס,
קענסט דאָך גאָרנישט טאָן,
ווען עס רופט דער גלאָק
צו דער פּראָצעסיאָן:

ווען עס קלינגט דער גלאָק
צלמס'טו זיך דאַן,
ציטערט דיר די האַנט, —
אָרעמער, מאַראַן.

הערסט דעם גלאָקן־קלאַנג —
עמיץ ווערט פאַרברענט...
ס'איז דיין ברודער דאָרט
האָסט זיין קול דערקענט...

וויינען ווילט זיך דיר
נאָר דו האַלסט זיך איין:
העפליך אין געשפּרעך
לאָזטו זיך אַריין.

גריסט דיר אַ מאָנאַך,
שמייכלסטו אים צו,
העי, מאַראַן, מאַראַן,
אומגליקלעכער דו!...

ווי וואָלסטו געוואָלט,
ביי דעם אַש און רויך,
זאָגן וואָס דו טראַכסט —
און פאַרברענט זיין אויך!

ניו־יאָרק, 1917

פּ ל ו צ י ם

פלוצלונג זיינען אַלט געוואָרן
אַלע לידער פון דער וועלט:
לידער פון דעם ווי און צאָרן,
לידער פון דער שווערער קעלט...

קייטן... שקלאַפן. — אַ לעגענדע!
בייזע ווינטן — פאַלשער טאָן!
לענגסטער ווינטער האָט זיין ענדע
און אַ זומער קומט שוין אָן!

נאַכט און חושך... ווערטער אַלטע!
ס'האָט אַ זון זיך אויסגעשפּרייט
און דער אייז פון לענדער קאַלטע
ווערט צושמאָלצן און צוגייט...

קרוין און הערשער! וואו און ווען וועלכער?
ווער האָט ווען אַ לאַנד באַרויבט?
אַז געוועזן איז וואו אַזעלכער —
וואָלט זיך איצטער ניט געגלויבט...

היילן... פעסטונגען... מאַרטירער...
אָך, דערמאָנען זיך איז שווער!
די מאַרטירער זיינען פירער
נאָך דעם פרייען פאָלקס באַגער!...

ניו־יאָרק, מערץ, 1917.

דאָס איבערלעבן

דאָס איבערלעבן אין געדאַנק,
וואָס איז שוין לאַנג צוריק געוועזן,
איז ווי דו וואָלסט אַ שיינעם בוך
גענומען ווידער איבערלעזן.

ביים ערשטן מאָל האָסטו געגלוסט
דעם סוף פון בוך וואָס גיכער וויסן;
ביים צווייטן מאָל — דו לעזט באַרוט
און קענסט די שיינקייט ערשט געניסן.

זון און רויש...

זון און רויש און פריי;
פרילינגס־טאָג, דו ליבער!
ווער עס קומט פאַרביי —
קוקסט מיט אים זיך איבער.

לעבנס־לוסט און שפּיל
שטראָמט פון אַלע זייטן,
און דער העכסטער ציל
קען עס ניט פאַרבייטן...

ס'איז אַ טאָג פון וואָך,
איינער פון פיל הונדערט —
פון זיין שיינקייט דאָך
בלייבסטו ווי פאַרוואונדערט.

לויפן דיר פאַרביי
קינדערלעך, ווי בלומען;
האָסטו אויף דאָס ניי
לעבנס־זין באַנומען.

איך גלויב...

איך גלויב אין דער קראַפט פון די נאָנטע,
וואָס זיינען צוזייט און צושפּרייט;
זיי וועלן מיט ליפּן פאַרשלאָסענע,
דערהאַרן, דערוואַרטן די פרייד.

זיי וועלן מיט אָרעמס אַנמעכטיקע
פאַרניכטן די בייז איבעראַל;
און וועלן ביי פענצטער פאַרהאַנגענע
באַגריסן די ערשטע דעם שטראַל.

זיי וועלן ביי טירן פאַרריגלטע
דערטרוימען דעם העכסטן פאַרלאַנג,
און וועלן ביי שוועלן פאַרבלוטיקטע
די ערשטע דערהערן זיין גאַנג.

איך און די וועלט

ווען די גאַנצע וועלט וואָלט ליידן
מיר אַליין זאָל גוט זיין בלויז:
וואָלט איך דאַן די וועלט די גאַנצע
איינגעלאַדן אין מיין הויז.

איך וואָלט טרייסטן זי און צערטלען,
און געזאָגט: ניט זאָרג זיך וועלט.
ביז זי וואָלט צו זיך געקומען
און זיך אויף די פיס געשטעלט.

ווען די וועלט געווען וואָלט גליקלעך,
איך אַליין בלויז פול מיט לייד,
וואָלט איך דאַן צו איר געקומען
און געפאָדערט: גיב מיר פרייד!

אָבער אַז מיר ביידע ליידן,
סיי די וועלט, סיי איך אַליין, —
האָט די וועלט ניט וואו צו קומען
און איך האָב ניט וואו צו גיין...

אַ פרעמדער יום - טוב

עס איז אַ פרעמדער יום־טוב —
ניט גיי אַהין, מיין פריינט:
דאָרט האָבן זיך פאַרזאַמלט
די אַלע דיינע פיינט.

דאָרט איז דיין וויין געבליבן,
זיי טרינקען אים איצט אויס;
דאָרט איז דיין גייסט געבליבן —
זיי לאַכן אים איצט אויס.

עס איז אַ פרעמדער יום־טוב —
ניט גיי אַהין, ניט גיי:
דאָרט איז דיין פריינט געבליבן —
איך וויים, דאָס טוט דיר ווי...

אייביקע זוכער

„איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, און געגאַנגען״
די באָבעס האָבן אונדז דערציילט גאָר לאַנג —
די מעשה׳לעך זיי זיינען לאַנג, שוין לאַנג פאַרגעסן,
דאָך זעען מיר נאָך יענעם אַלץ אין גאַנג...

„איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, און געגאַנגען״ —
(באַהאַלטן ליגט דערין אַ טיפער זין!)
ער האָט געזוכט, געזוכט דעם וועג און ניט געפונען
און איז געגאַנגען ווייטער, ווייטער, אַלץ אַהין!

און יעדער העלד פון יענע מעשה׳לעך די אַלטע
— געווען איז ער אַ בעטלער, צי אַ האַר —
איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, און געגאַנגען —
(ווי קלינגט דאָ טיף און שיין דעם זוכערס צער!)

„איז ער געגאַנגען און געגאַנגען און געגאַנגען!״ —
מיר גייען אַלע־מיט מיט יענעם אַלטן העלד!
ווער ס׳זוכט אַ פּאַלאַץ אונטער היילן
און ווער אַ קליינע שטיבעלע אין פעלד...

וועלט־באַשאַף

דו ווענדסט זיך צו דעם ווייטן גאָר־אַמאָל,
דו הערסט ווי פון אַ וואַלד אַ ווידער־קול...

דו ווענדסט זיך צו דער צייט פון דיינע אינגסטע יאָר,
און ביז דעם חדר, אופן שול־הויף ביי דעם רבי׳ן גאָר...

דערזעסט זיך צווישן אינגעלעך נאָך פריידיג, פריש,
זינגסט־מיט בראשית אויך מיט זיי, ביים לאַנגן טיש.

דער רבי איבער אונז — ער טייטשט אַלץ זיכער און באַרוט,
ווי גאָט האָט אַלץ געמאַכט און האָט געזאָגט: ס׳איז גוט...

ס׳איז אָנהויב פרילינג דאַן געווען, דער חומש קלאָר,
און דרויסן איז געווען אַלץ גוט און שיין און וואָר...

אידען

אידען ביי אָרעמע דורות,
זיי זיינען ווי קליידער ביי אָרעמע פאַמיליעס.
מען גייט אויף אַ ראָק פאַרן זון פאַרן יונגן.
דער יונג, כאָטש אין אַרמוט, דאָך האַלט ער אין וואַקסן.

דער ראָק ווערט אים ענג אין די אַרבל,
ער קען מיט די הענט זיך ניט רירן.
ביים ברוסט הויבט אָן פּרעסן
און קען זיך ניט בויגן און קערן.

דער ראָק איז נאָך זויבער, נאָך גאַנץ.
נאָר שמאָל איז ער געוואָרן און קורץ.
נו, גיט מען עס איבער דעם אינגערן ברודער:
עס פּאַסט זיך אַזוי פאַרן קינד...

ער טראָגט אים מיט שמחה, מיט פרייד,
און פילט זיך אין אים אַזוי פריי
ביז וואַן ער צערייסט אים, דער שטיפער...
דער פאָטער דער אַלטער ער קרעכצט:

ניטאָ שוין גאָר היינט אַ וואָרע אַזאַ!...
צעריסן, צעפליקט, אַזאַ טייערן בגד.
אידען ביי אָרעמע דורות
זיי זיינען ווי קליידער ביי אָרעמע פאַמיליעס...

אַליין...

האָב איך קיין פריינט ניט צו וועמען צו גיין,
בלייב איך אין צימער און זיץ מיר אַליין.
הינטער די פענצטער דאָרט הער איך עס ברומט,
אינווייניק — רוט אַלץ און שווייגט אַלץ און שטומט...

איינגעצאַלט האָב איך שוין מיין בעל־הבית,
ליג איך מיר רוהיק מיט מיין פּאַפּיראָס;
ליג איך מיר רוהיק און האַלט אים אין מויל;
און די געדאַנקען זיי בלאָנדזשען זיך פויל...

בלאָנדזשען און בלאָנדזשען — ווער ווייס זיי וואוהין,
דאָרט אין די שטעגען פון נאָרישן זין...
בלאָנדזשעט איך, ליבע, ווי איך נאָר געפעלט —
סודות פאַרבלייבט איר פאַר מענטשן און וועלט...

וואַרשע, 1903

די וועלט - טויערן

1

כ׳קען איין טויער פון דער וועלט,
עפנט ער זיך אויף פאַר געלט.
ביים אַריינגאַנג — ווערסטו בלאַס:
שטייט אַ מאַן דאָרט ווי אַ פאַס
רונד און נידעריק און דיק,
מיט אַ גראָען־בייזן בליק.
פרעגט ער: פיל איז דיין פאַרמעג?
און ער מאַכט דיר פריי אַ וועג...

2

נאָך אַ טויער אָפן איז
און ביים טויער שטייט אַ ריז,
הויך פון הימעל ביז דער ערד
אין דער האַנט ער האַלט אַ שווערד.
גיט ער מיטן שווערד אַ פאָך
און אין האַרצן דיר אַ שטאָך,
גיסט זיך בלוט פון דיר טראָפּ־טראָפּ —
גייסט אַריין מיט שטאָלצן קאָפּ.

3

נאָך אַ טויער איז באַוואַכט
פון דער פרי ביז אין דער נאַכט,
פון דער נאַכט ביז אין דער פרי
און די וועכטערין — אַ זי.
אין איר אויג אַ פייער ברענט,
רויזן האַלט זי אין די הענט.
איז דיר גוט און איז דיר שלעכט
בלייבסטו אייביק שוין אַ קנעכט...

וועמען...

וועמען ס׳איז דער מענטש נאָך טייער,
וועמען ס׳איז די וועלט נאָך ליב,
וועט קיין רויך פון צאָרנס פייער
ניט פאַרטונקלען זיין געמיט...

ער וועט בלויז זיך שטיל פאַרשעמען,
ווערן רויט און ווערן בלאַס,
און דערנאָך מיט פרייד פאַרנעמען
יעדע שטים פון מענטש אין גאַס...

די זינד

עפּעס דריקט אויף מיר אַ זינד,
כ׳ווייס ניט ווער איז זי באַגאַנגען:
איך אַליין, דאָס שוואַכע קינד,
אָדער דורות — לאַנג פאַרגאַנגען?

אָדער גאָר דער האַר אַליין,
וואָס האָט אַלע אונדז באַשאַפן,
האָט געטאָן די זינד באַגיין
אום דערנאָך אונדז צו פאַרשקלאַפן?

אָדער יענער בייזער דאָרט,
אין די חושך׳דיקע גרונדן,
איז געוועזן אויף מיין אָרט,
און איז לאַכנדיק פאַרשוואונדן?

עפּעס דריקט מיר אַזוי שווער
און איך פיל מיך, ווי געפאַנגען;
ס׳איז אַ זינד באַגאַנגען ווער,
כ׳ווייס ניט ווער איז זי באַגאַנגען...

די אַלטע קשיא

פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא:
וואָס איז פּאַרט דער זין פון לעבן?
קומט אין יעדן דור אַ חכם
אונז אַ קלוגן תירוץ געבן.

הערט מען אויס דעם קלוגן תירוץ
און מען זינגט דעם חכם לידער;
שטאַרבט דער חכם גאָר אין גיכן,
בלייבט די אַלטע קשיא ווידער.

אַזוי דרייט זיך עס און דרייט זיך,
ביז די קשיא ווערט פאַרגעסן
און דער עולם לעבט און פרייט זיך,
האָט גרויס אַפּעטיט צום עסן.

הויבן אָן די ביינער ווי טאָן
און אין קאָפּ הויבט אָן זיך וועבן,
פרעגט די וועלט צוריק די קשיא:
וואָס־זשע איז דער זין פון לעבן? . . .

צום מזל

בעט איך רעגן — שיינט די זון,
בעט איך זונשיין — פּלייצט אַ רעגן;
מזל, וואָס וועט זיין דערפון,
וואָס דו גייסט מיר אַלץ אַקעגן?

וואָס איך בעט און וואָס איך וויל,
ווילסטו קיינמאָל ניט ערפילן; —
מזל, אויב דאָס איז אַ שפּיל,
דאַן געפעלט מיר — לאָמיר שפּילן!...

געבעט צו דער זון

קום, וויז זיך פון אונטער דיין וואָך,
פון וואָלקנס פאַדעקט ווי אַ דאַך,
פון אומעטיק־גרויאיקן רוים,
וואו פייגל באַוועגן זיך קוים...

די גרויקייט — זי הערשט שוין צו לאַנג,
די כמאַרעס — נאָר זיי פריי דער גאַנג...
שיק זון אונז — דיין אָנזאָג, געשיפּט —
מיט שטראַלן — דיין ליכטיקע שריפט.

דאָס לעבן ציט

דאָס לעבן ציט זיין אַלטן ניגון —
עס דאַרשט דאָס האַרץ נאָך עפּעס גייס;
אָ, טראַכט מיר אויס אַ נייעם ליגן —
איך צאָל דערפאַר דעם העכסטן פּרייז.

ווי אויסגעטראָטע אַלע וועגן!
און אַלע שפּורן, ווי באַקאַנט:
ווי וואָלסטו וועלן בלאָנזשן, פרעגן:
וואו איז דער וועג צום נייעם לאַנד?

עס דאַרשט דאָס האַרץ נאָך נייע קוואַלן,
אַ ווייטע לוסט אין די אויגן ברענט!
ווי וואָלט צו זיי איך צוגעפאַלן
און אויסגעשעפּט זיי מיט די הענט!

די זיידעס אונזערע, זיי פלעגן
זיך שאַפן ליגנס אַלערליי —
דאָך ווער פלעגט צווייפלען זיך דערוועגן
און ווייט געלופן האָט עס זיי!

דער ווייטער קוואַל פון „אייביג־לעבן״ —
געגלויבט האָט יעדערער דעריין,
און אויב געגלויבט איז שוין געוועזן —
מען ברויך נאָר זוכן: וואו — וואוהין?...

און אייער „וואַרהייט״ איז אויף אייביק,
און ס׳ווייסן זי פון גרויס ביז קליין,
דאָך אַלע וועגן שמאָל און שטויביג
און שטאָט אַ קוואַל, געפינסט אַ שטיין!...

די היילונג

קוש מיר אויס די גראָע האָר,
מיין זיס האַרץ,
אפשר וועלן זיי צוריק
ווערן שוואַרץ!

קוש, מיין גאָלד, פון אויג מיר אויס
דעם יאוש־בליק;
וועל איך אפשר ווערן פרום,
גוט צוריק . . .

קוש פון מויל דעם סם מיר אויס
און פון צונג,
וועל איך אפשר ווערן צ׳ריק
דום און יונג . . .

ביי׳געשטאַנען . . .

איך האָב אין בייזע קעלטן
געטרייסט זיי, אַז ס׳וועט גרינען;
געזוכט אין ווייטסטע וועלטן
אַ בשורה־שטראַל געפינען . . .

און ביישטיין דעם נסיון,
וואָס ס׳וויל די צייט אונז שטעלן;
דעם מאָרגן צו געטרויען:
וואָס קומט אין שיין אין העלן . .

און ביישטיין אַלע זאָרגן
וואָס ס׳וויל די צייט אונז געבן,
פאַרטרויען זיך דעם מאָרגן —
אויף צוקונפט־פליגל שוועבן . . .

דער שמעטערלינג און די בלום

די בלום, אַ חודש אַלט,
אַ טאָג דער שמעטערלינג, —
נו, פליט ער צו צו איר
און פלאַפּלט אויס אַלצדינג . . .

„איך גיי באַלד פון דער וועלט;
געלעבט האָב איך צו לאַנג!
גענאָסן האָב איך פיל,
געלעבט אין פרייד, געזאַנג . . .

און ליבעריי געפירט
מיט יעדער בלום און בלאַט . . .
אַצונד איז נאַכט . . . שוין נאַכט,
איך פיל מיך עטוואָס מאַט . . .

אָ דו, די לעצטע זיי
און אויך דיין ליבע שענק . . .
און ווען איך שייד פון דיר,
געדענק מיך לאַנג, געדענק!"

פייגעלעך אין שטאָט . . .

וואו ערגעץ אַ בוים ביי אַ הויז
און אונטן אַ גרעזעלע גרין,
געפינען שוין פייגעלעך אויס
און זינגען מיט לויטערן זין.

עס וועט זיך געפינען שוין שפּייז,
זיי וועלן ניט וויסן פון נויט;
אָט קלייבן זיי קערנער מיט פלייס,
וואָס ליגן צעשאָטן ביים פלויט . . .

און דאָרט ביי אַ פענסטער אין הויז
בליקט ליבלעך אויף זיי אַ יונג קינד;
וואַרפט ברעקעלעך ברויט זיי אַרויס —
אַ מאָלצייט פאַר פייגעל־געזינד . . .

און דירה׳ס צום שלאָפן גענוג —
דער בוים האָט דאָך צווייגן אַ סך;
אַ פויגל וואָס וואַגט און איז קלוג —
ער בויט זיך זיין נעסט אונטער דאַך.

אין זאַרג

זאָרג אויף דיין פּנים,
צער אין געמיט;
ס'וועבט זיך, אַ פּנים,
ווידער אַ ליד...

וועט זי דערקוויקן
דיך און אויך זיי,
וועט זי באַגליקן
אויך מיט איר ווי...

וועט מען זי הערן,
זינגען זיין גרייט;
קען אויך פון טרערן
ווערן אַ פרייד...

דערוויילע

גייט מען זיך באַהאַלטן
איצט דורך גרויל און מורא'ס,
אין די צייטנס שפּאַלטן,
אין די צווישן־דורות.

אונזערע פאַרמעגנס:
ספרים מיט־אַנאַנדער,
דורך די שטורעמס, רעגנס —
אין דעם ווידער־וואַנדער.

מעג דער פיינט זיך הויבן —
ער וועט נידריק פאַלן;
מיר, מיט האָפנונג, גלויבן
זוכן נייע קוואַלן.

גלויבן ניט פאַרלאָרן!
גייען מיר און גייען
דורך די צווישן־יאָרן,
נייע וויסטן זייען.

ניו יאָרק...

(הימן)

ס'איז אַ שטאָט פון פריידן,
שטאָט מיט לענדער פילע;
אַלע שפּראַכן ריידן,
רוישיק און אין תפילה...

וואַנדערסט דורך קוואַרטאַלן,
ניט קוואַרטאַלן — לענדער;
ווערסט דאָך ניט פאַרפאַלן —
ערגעץ ניט קיין פרעמדער.

קינדער ביי די שוועלן,
מאַמעס, טאַטעס — פרייע;
הויבט דיר אָן געפעלן:
ווי אַ פאָלק אַ נייע...

ווייטער איז נאָך ליבער,
בלויז אַיין לאַנד דורכוואַנדער,
און ביסט שוין אַריבער
אין אַ לאַנד אַן אַנד־רער...

און וואָס ווייטער — שענער:
אויגן טיפע, קאַרע.
ווער עס שפּילט אויף פידל,
ווער אויף אַ גיטאַרע.

ווערן ליב דיר לענדער,
ווערט ניו יאָרק דיר טייער;
ערגעץ דאָ — קיין פרעמדער,
אומעטום — אַ פרייער.

אַ פרייד אַ געוועזענע

אַ פרייד אַ געוועזענע
שוועבט פלוצלונג פאַרביי;
אַ שריפט אַ געלעזענע
דערשיינט פאַר דיר ניי.

און דו, ווי אין וואַנדערן,
פרעגסט שטיל און פאַרווירט,
צי דיר, צי אַן אַנדערן
האָט דאָן דאָס פּאַסירט?...

דער פאַרלאַנג

מיר קענען ניט דערוואַרטן זיך
אויף אונזערס אַ פאַרלאַנג,
זיין וועג איז שווער און דויערדיק,
ער ענדערט זיך אין גאַנג.

און קומט ער אָן — דערקענען אים
איז שווער — ער איז פאַרבלייכט;
אַזוי דערגרייכט מען קיינמאָל ניט
אויך דאָס וואָס איז דערגרייכט...

אַלע וואַרטן

אַלע וואַרטן מיר אויף מאָרגן,
וואַרטן ביז עס טאָגט;
וואָס עס ליגט פון אונז פאַרבאָרגן —
ווינקט אונז, רופט און לאָקט.

היינט האָט זיך ניט איינגעגעבן
וואָס מען האָט געוואָלט;
מאָרגן קומט דאָס עכטע לעבן,
וועט שוין זיין באַצאָלט...

— היינט איז קיינער ניט געקומען
אומעטיק איז היינט;
מאָרגן וועלן אַלע קומען,
אַלע שיינע פריינד!

היינט האָט דיר געזאָגט דאָס מיידל:
כ׳האָב דיך שוין ניט ליב;
מאָרגן קומט זי צאַרט און איידל
און זי בעט: פאַרגיב!

היינט איז גרוי דער טאָג, און טריבע
וואָלקנס נאָכאַנאַנד;
מאָרגן קומט די זון די ליבע
און דערפרייט דאָס לאַנד.

היינט באַהערשט אַ שוואַרצער רוח
אונזער אָר׳מע ערד;
מאָרגן אָבער קומט משיח
אויפן ווייסן פערד.

אַ שטערן

— איך קוק אויף אַ שטערן
ער לייכט און ער שטראַלט,
און קיינמאָל געביטן
האָט ער זיין געשטאַלט.

ער בליקט, ווי מיט רחמים,
ער קוקט, ווי מיט טרייסט;
איך וויים ניט אפילו
דער שטערן ווי הייסט.

און אָפט ווען איך טראַכט מיר
— ?וואָס איז דען דער מענטש
דעם ליכטיקן שטערן
כ׳באַוואונדער און בענטש.

מיט טויזנטער יאָרן
צוריק — אין דער נאַכט,
האָט אדם דער ערשטער
דעם שטערן באַטראַכט.

דעם זעלביקן שטערן,
אין זעלביקער צייט,
ביים טיר פון גן־עדן,
מיט חוה׳ן ביים זייט...

דער זעלביקער שטערן,
— אין זעלביקער שעה
דאָס לעבן איז אייביק,
קיין אויס איז נישטאָ.

ניט ערשטע

מיר זײַנען ניט ערשטע זיך גרייטן,
און אויך ניט די לעצטע צו קומען;
מיר האָבן דעם רוף פון טראָמפּייטן
פון רייטער פון ווייטע פאַרנומען...

עס האָט שוין די פאָן ווער געוויזן,
וואָס זי איז געווען לאַנג פאַרבאָרגן;
מיר האָבן געהערט שוין פון ריזן
די טריט וואָס ,זיי פירן צום מאָרגן.

מיר האָבן דעם שטראַל שוין באַגריפן
וואָס ווײַזט זיך אויף הימלעשע ראַנדן;
געהערט די סיגנאַלן פון שיפן,
וואָס קומען מיט מחנות צו לאַנדן...

מיר וועלן די קריגער באַזיגען,
און וועלן דעם פרידען דערגרייכען;
מיר זעהען אין הויך זיך שוין וויגען
די ליכטיקע פאָן מיט איר צייכן...

ערד און הימעל

שכנים זײַנען ערד און הימל,
וואוינען לאַנג שוין קעגנאיבער,
זינט ער האָט זיי גלייך באַשאַפן
גאָט דער גוטער, גאָט דער ליבער.

נאָר אַ רייכער איז דער הימל
האָט לבנה, זון און שטערן,
און די ערד איז וויסט און אָרעם
ער פאַרמאָגט קוים עטוואָס טרערן . . .

און עס קוקט דער רייכער הימל
אויף דער ערד מיט שטאָלצע בליקן;
איז ער אויפגעלעגט דאַן לאָזט ער
דריי־פיר שטראַלן ליכט איר שיקן.

און די ערד זי דאַנקט און דאַנקט אים,
מיט די אַלע קינדער אירע,
און זיי זאָגן און זיי זינגען
צו דעם רייכן הימל שירה...

ערשטער מאַי

וואו מיר זאָלן זיך פאַרזאַמלען,
אונטער הימל, אונטער דעכער —
וועט דאָס וואָרט זיך הויך צעקלינגען,
און דאָס פרייע ליד — נאָך העכער.

און אַפילו אין זיין קאָמער
איינער בלייבט אליין, אַ מידער
וועלן זיך אין האַרץ צעזינגען
ווי אַמאָל — די יונגע לידער.

אויב אַפילו ווער פאַרצווייפעלט
פון די לעצטע טעג׳ס באַריכטן,
וועט ער אַלץ דערמוטיקט, גלויביק
ערשטן מאַי מיט אונז אַפּריכטן...

ס׳איז גענוג די פאָן דערמאָנען,
ווען מאַשינען אַלע שוויגן,
אַז די אַלע פרייע פאָנען
זאָלן פאַר זיין בליק אויפשטייגן.

און אליין דעם יום־טוב׳ס נאָמען —
ערשטער מאַי — איז גרייט צו צינדן
אַלע בליקן ווי די פלאַמען
און דער אומעט זאָל פאַרשווינדן.

און פון הויך אַ שטראַל אַ קליינער,
וואָס עס פאַלט אויף אונזער פענסטער —
זאָל דערמאָנען אונזער יום־טוב —
אונזער ליבסטער, אונזער שענסטער!

דער אַנטראַקט

און אויב מיר זאָלן איצטער אויך פאַרלירן,
ניט מיינט, איר זיגער, אַז ס'איז שוין געעקט!
די וועלט וועט זיך שוין מער אַזוי ניט פירן, —
דער מענטשלעכער געדאַנק איז סיי ווי סיי געוועקט...

און דער, וואָס העלפט די זיגער ניט פון זיינעטוועגן,
וועט מער און מער פאַרלירן זיין געדולד,
און וואָס ס'וועט גרעסער זיין דעם פיינט'ס פאַרמעגן,
וועט מער דער פיינט באַצאָלן פאַר זיין שולד...

די הערצער פון געראויבטע וועלן זיך ניט שטילן,
עס גייט דער מענטש פאָרויס און ניט צוריק...
אַ קליינע פויזע בלויז, מען וועט דאָך פאָרט דערשפּילן
דעם לעצטן אַקט פאַר פרייהייט און פאַר גליק!

דער טאָג

דער טאָג איז מיט שטראַלן באַשאָטן,
דער יום־טוב פון אַרבעט און מי;
די פאָן איז נאָך ערגעץ פאַרבאָטן,
די פאָן איז נאָך ערגעץ צו פרי...

דערווײַלע אין לאָץ אַ רויט בלימל,
אויף ברעמען — די ליכטיקע זון;
און פייגל, וואָס אונטערן הימל,
זיי וויסן און זינגען דערפון...

קיין אַרבעטער־מאַרש אין די גאַסן,
דער שונא מאַרשירן בלויז מעג,
דער פריינט גייט דערוויל נאָך געלאַסן,
דאָך זיכער צו זיגרייכע טעג...

ס'וועט ווערן געשפּילט און געזונגען
אין שטילער פאַרזאַמלונג, אין הויז;
דאָס ליד, וואָס עס האָט דורכגעדרונגען —
עס טראָגט זיך און זינגט זיך אַרויס.

עס וועט ניט פאַרשטילן, פאַרקלינגען,
עס וועט אויך ניט ווערן פאַרשטעלט
דאָס ליד, וואָס עס וועט אַרומרינגלען,
ווי רוישיקע קוואַלן די וועלט.

צו אַ קעמפער

אויב דו ביסט אַ קעמפער — זיי
ווי דער שטורעם — הפקר פריי!
אויב דער קעניג איז אַ נאַר —
זאָג! און ווער געקעפּט דערפאַר!...

אויב דו קעמפסט שוין יאָ פאַר זיי,
קעמף ניט פאַר אַ ביסל היי;
היי איז דאָ שוין סיי ווי סיי,
היי אויף לאַנג צו־גענוג;
קעמף — די וועלט זאָל ווערן פריי!
קעמף — די וועלט זאָל ווערן קלוג!

פאַלן און שטייגן

פון דיין פאַלן רעדט דער שונא,
און דער פריינט רעדט פון דיין שטייגן;
ביידענס ווערטער זיינען איינע,
הער זי אויס מיט טיפן שווייגן.

ס'קען דער פריינט דיך ניט דערהויבן
און דער שונא — דיך ניט בויגן;
הער דאָס לאַכן און דאָס לויבן
מיט איין אויסדרוק אין די אויגן.

דאָס אוממעגלעכע

דאָס אוממעגלעכע — מוז ווערן:
גאָלד פון גאַס־שטויב שאַפן,
און בריליאַנטן — פון די טרערן,
הערשער — פון די שקלאַפן.

פון די זיפצן — פרייד און לידער,
שפע פון דעם דלות;
און פון בייזע שונאים — ברידער,
און פון גאָרנישט — אַלעס...

אין די ווינטן, וואָס זיי ווייען —
טריט פון ווייטן שליח...
און פון אָרעמעלייט וואָס גייען —
איינער איז משיח...

די נייע רייד

די נייע רייד — זיי שאַלן
פון עלטסטן דעם גערעכטן;
און טוי אויף הערצער פאַלן,
וואו האָט געהערשט האָט נעכטן.

אין לאַנד פון גרויסע וואונדער
וועט וואונדער אונדז פאַסירן;
עס וועט זיין וואָרט אַצונדער
צו נייע וועגן פירן.

וואו פרייע ערד געפינט זיך
וועט אונדזער בליק דערפרייען;
און וואו אַ פעלד קוים גרינט זיך —
מיר וועלן זי פאַרזייען.

עס וועט די ערד, די ווייטע
אונדז ווערן ליב און נאָענט,
ביי אַרבעט פון באַפרייטע,
ביי שטילער רו פון אָוונט.

עס גייט אַ ליכט און שפרייט זיך
דאָרט וואו געווען איז פינצטער;
צום נייעם לעבן גרייט זיך
דער אָרימסטער און מינדסטער;

וואו אַלע שפּראַכן קלינגען
אין ברידערלעכע כאָרן,
וועט אונדזער כאָר אויך זינגען
דאָס ליד פון נייע יאָרן.

אַלט-נייע סדרה׳ם

אַך, אַזוי פיל שוין געליטן: —
צער און צאָרן, קריג און האַס;
און עס איז נאָך אַלץ אין מיטן —
ווען פאָרט ווערט שוין שטיל אין גאַס . . .

אַליי אינמיטן — ס׳פירט ניט ווייטער,
נאָר מען וואָרט, מען האָפט: אָט באַלד;
און דער תוהו — ניט געלייטערט,
און דער מדבר — אָן אַ וואַלד . . .

ווען שוין קומט אַלט־ניי בראשית,
נייער אָנהויב, וואָס מען וואָרט;
און אַ ריזיג וואָרט, ווי משה׳ס,
ווען ס׳איז פרעה איינגעשפּאַרט . . .

נייע סדרה׳ס, ווי במדבר,
ווען דער הימל שפּייזט מיט מן;
און די אַלע שיינע וואונדער,
וואָס ניטאָ איז גלייך פאַראַן!

ביז עס קומט וזאת הברכה —
ס׳איז אַ סדרה פול מיט זין;
הויכע לערע און הבטחה,
און אַ לאַנד אין פרילינג׳ס גרין . . .

די געזוכטע ליבע

איך וואָלט זיך פאַרליבן
אויך אַמאָל געוואָלט,
ווי אין בוך געשריבן,
ווי אין בוך געמאָלט:

אין אַ שמאָל אַלעע
און פון בוימער שוואַרץ,
זאָל איך זי באַגעג'נען —
קלאַפּן זאָל דאָס האַרץ.

אירע טריט געמאָסטן,
איר פיגור איז שלאַנק:
און ווי איינגעזיגעלט
האָט זי מיין געדאַנק.

כ'וויס גאָר ניט איר נאָמען,
און אויך ניט איר שטאַם,
און אין האַרצן ברענט שוין
מיר אַ ליבעס-פלאַם!

וואָכן, לאַנגע וואָכן
גיי איך פון דער פרי
אַלץ אין יענעם גאָרטן —
צו געפינען זי.

יאָרן, יונגע יאָרן,
גייען שנעל פאַרביי,
און איך זוך זי אימער,
אימער אויף דאָס ניי . . .

און עס וועלקט דער גאָרטן
און צוריק ער בליט,
און איך זוך זי ווידער,
און געפין זי ניט.

און די יאָרן לויפן —
איך פאַרגעס, פאַרגעס;
זוך זי יעדן פרילינג,
כ'וואַרט נאָך אויף אַ נס.

אַך, נאָר דאָס איז ליבע,
אייביג זוך זי, זוך,
ווי עס ווערט באַשריבן
אין אַן אַלטן בוך . . .

צו איר

עס ווערט מיין האַרץ פאַרגיפטעט
פון וועלט און לעבנס-גאַל;
אָ, קום צו מיר, מיין גוטע,
און זיי מיין זיסער קוואַל.

איך גיי אַרום פאַרביטערט
פון מענשנס שפּאָט און גיפט;
אָ, קום צו מיר, מיין ליבסטע,
דיין מויל בלויז האָניק טריפט.

איך רעד מיט מענשן ווערטער,
און זיי צוריק — אַ שטיין;
נו, וויל איך איצט נאָר רעדן
מיט דיר אַליין! אַליין.

איך בלאָנדזשע מיט מיין ליבע —
וואָס ברויך זי גאַס און מאַרק?
איז וועל איך זי דיר שענקען,
מיין ליבע גרויס און שטאַרק!

דאָס לעבן

עס איז אַלץ נאָך דאָס לעבן ניט קלאָר.
אַמאָל איז דער חלום גאָר וואָר...
אַמאָל איז די וואָר ווי אַ טרוים,
און אָפט איז די פרייהייט — אַ צוים...

ניין, ס'איז ניט אַלץ נאָך דערקלערט:
עס שוועבט נאָך אַ סוד איבער ערד,
און ווען ס'קומט באַשיידן דער סוד —
פאַרהילכט ער אים מערער נאָך גראָד...

ניו יאָרקער מיידלעך

מיידלעך אין די גאַסן,
בויגן זיך און וויגן;
יעדע ווי אַ פידל,
יעדער ריר — אַ ניגון.

אין דעם שיינעם אָוונט,
וואו דו זאָלסט זיך קערן,
קענסטו זען די פידלען,
די ניגונים הערן.

אַך, די ליבע פידלען,
אין דער שטאָט דער גרעסטער,
און אַוואו דו ווענדסט זיך —
ביזטו אין אָרקעסטער . . .

1914.

אָוונט

כ׳בין געגאַנגען, געגאַנגען — ביז וואַנען
בין הינטערן שטאָט שוין געשטאַנען;
און שטיל איז געוועזן אַרום —
אַ בוים האָט געשאָקלט זיך פרום.

די זון איז ארונטער, אַרונטער
אַהינטערן וואַלד, רויט, ווי צונטער,
און טונקעלער׳ טונקעלער ווערט — —
איך האָב מיך פאַרקלערט!

געטראַכט פון די ביסעלע יאָרן,
וואָס זיינען זיך רוישיג צעפאָרן...
געבליבן צו פאָרן ניט פיל —
עס טונקלט... פאַרנאַכט... עס ווערט קיל!

אַ פאָרל איז שטיל-שטיל אַריבער,
אַ מיידל אַ יונגס און איר ליבער...
דאָס מיידל אַזוי ווי באַקאַנט — —
איך האָב מיך דערמאָנט!

טרויער און פרייד

האָסטו אַ טרויער אין האַרץ —
האַלט אים בסוד פון דער וועלט;
וועסט זיך באַפרייען פון אים —
גרעסער וועט ווערן די קעלט...

האָסטו אַ פרייד ווען אַמאָל —
קלייב זיי צונויף און דערצייל;
אַלע זיי בענקען נאָך איר —
קלייב זיי צונויף און פאַרטייל...

די יונגע מוטער

שאַ מיין קינד, דו ליג און שוויג,
אויף דער אָדלער זיצט אין שטייג;
פון דער שטייג די טיר איז צו
און ער שרייט אַזוי ווי דו.

שטילער קינד מיינס — ס׳איז די וועלט
פול מיט שטייגן אויסגעשטעלט;
צי בחינם, צי באַצאָלט,
צי פון אייזן, צי פון גאָלד.

וואָרף זיך ניט, מיין קינד, ניט פלי,
ס׳וועט דיר זיין אומזיסט די מי;
ביזטו קליין, צי ביזטו גרויס —
קענסטו ניט פון שטייג אַרויס . . .

שאַ מיין קינד, קיין קלאַנג, קיין שאָרך!
דאָרט אין שטייג דעם אָדלער האָרך.
איז פון קלאַפּן לאַנג שוין מיד,
פליגלען העלפן אים אויך ניט.

וויין ניט, קינד מיינס, שטיל און שאַ,
ס׳איז מיין מזל אויך אַזאַ:
אויך געפאַנגען האָט מען מיך —
שווייג-זשע שטיל, אַזוי ווי איך . . .

אָנהויב פרילינג
(אימפּרעסיע)

דורך ליכטיקע, לופטיקע בריקן,
דער פרילינג אין זונינקן גאַנג,
גייען מיט זילבערנעם קלאַנג,
די טעג פול מיט טרוימען און גליקן —
פול מיט פאַרלאַנג.

וואו־נאָר אַ נאָמען אַ ליבער,
וואו נאָר פריינט,
לויכט עס און שיינט...
ברענגט ווער גרוסן דיר איבער —
זעסטו זיי היינט!...

וואו נאָר אַ פרייד אַ באַהערשטע,
באַצוואונגען, פאַרשטומט, —
דערוואַכט זי און ברומט...
און מיט די טעג מיט די ערשטע
פון פרילינג — זי קומט...

דערוואַכונג...

וואו־נאָר דאָ אַ ווינקל ליידיק —
ניט פאַרבויט און ניט פאַרשטעלט,
זעען זיך שוין גרעזלעך פריידיק,
קוקן־אָן צוריק די וועלט.

הויב איך העכער מיינע אויגן —
פייגל פליען, ווי געוועזן,
און ווי פריער שוין געפלויגן
האָב איך איצטער זיי דערזען...

קוק איך אין דעם רוים, דעם קלאָרן,
שוועבט אַ וואָלקנדל — העל־בלוי;
דאַכט זיך מיר, אַזאַ פאַראַיאָרן
האָב איך אים געזען אַזוי...

און איך שטיי ווי דורכגענומען
פון דעם וואונדער און איך טראַכט:
וואָס פאַרשוואונדן איז געקומען,
וואָס געוועזן — האָט דערוואַכט...

אַ רייזע אין די בערג

וואַלד אויף בערג, און וואַלד אין טאָלן,
און אַ פאָרם — וואו־ניט־וואו;
ווער קען זינגען, ווער קען מאָלן
אָט די שיינקייט, אָט די רו.

און די דראָטן און די שטאַנגען,
שפּור פון שטאָטישער קולטור;
ס'ווערט דיין בליק פון זיי געפאַנגען —
שטאַנג און דראָט איז דאָ נאַטור...

און דער אויטאָ דאָ אפילו,
אָט די לויפיקע מאַשין,
אויף די וועגן, אויף די שטילע,
רוישט זי פרידלעך, ווי אַ בין.

פערד און וואָגן זאָל אַצינדער
זיך באַווייזן, וואָלט געדאַכט,
אַז אַ היינטיקער דערפינדער
האָט דעם וואונדער אויסגעטראַכט...

אַ בוים ביים וואַסער

אַ בוים ביים וואַסער, אָנגעבויגן,
מאַכט ווייך דאָס האַרץ און פייכט די אויגן...

דו האָסט אַ בוים אַזאַ באַגעגנט
אין יעדן לאַנד, אין יעדער געגנט.

אַ בוים אַזאַ, די זעלבע צווייגן —
און ס'קען דיין האַרץ שוין דאַן ניט שווייגן...

ווי אַלטע פריינט וואָלסטו דערקאָנען
און ליבע טרוימעריי דערמאָנען.

און הערן אַלץ, וואָס איז פאַרשוואונדן,
און אַלץ דערזען, וואָס אין די גרונדן.

און בוים און וואַסער בלייבן עדות
פון שטילער פרייד און יוגנט־סודות.

אויף אַ פּאַרם

איך וואָך צי איך טרוים —
איך ווייס ניט אליין,
איך זע דאָך אַ בוים
פון צווייגן — אַ קרוין.

שוין לאַנג ניט געפילט,
אַז ס׳לעבן איז גליק,
שוין לאַנג ניט געצילט
אין הויך מיטן בליק

שוין לאַנג ניט געזען
אַ הויז גאָר פון האָלץ,
ווי וואונדער געשען,
כ׳בין ווידער שוין שטאָלץ...

כ׳בין שטאָלץ מיטן מענטש
וואָס גייט דאָ אַרום;
זיין אַרבעט איך בענטש
און ווער דערביי פרום...

אַ פויגל — גאַנץ פרי
ער זינגט ביים ברעג־דאַך,
ער וועקט, צי פאַרוויגט —
די זעלביקע זאַך.

שוין לאַנג ניט באַשערט
אַזאַ ליכט, אַזאַ גרין;
שוין לאַנג ניט געהערט
אַ זינגען מיט זין...

שוין לאַנג ניט געהערט
ווי וואַסערל רעדט,
שוין לאַנג ניט געפרעגט:
ווי פרי, צי ווי שפּעט...

די צייט איז אין זיך,
איך האָב זי באַהערשט,
ניט איילן צו גיך,
ניט גרייכן צו־ערשט...

ס׳איז יעדערער ערשט,
וואָס אָטעמט און לעבט,
די חכמה דאָ הערשט,
ווער עס שווימט, ווער עס שוועבט.

די זון אויך — אין פרייד —
מעג וואוינען ווי ווייט,
זי קומט און פאַרגייט
אין ריכטיקער צייט...

און קומט זי ניט ווען —
הייסט אויך — זי געדענקט,
קיין רעגן געווען
און די ערד איז פאַרבענקט.

פייגל
(אַן ערב האַרבסט־לידל)

לופטיק דרויסן,
ווינטן רוישן,
די ערד אַליין איז מיד;
איבער צוימען,
אין די רוימען
אַ מחנה פייגל פליט.

גאָר אָן שטיגן,
הויך געשטיגן —
און חבריש געטריי...
העכער, ווייטער
וואו ס׳איז הייטער
אַוואו ס׳איז זומער ניי.

הויבסט די בליקן
צו די גליקן
אַהין — צום פרייען הויך;
און דו פאַרשפּילסט זיך
און דיר שוין ווילט זיך
צו וואַנדערן ערגעץ אויך...

ווייט פון קומער,
צו אַ זומער,
וואָס הויבט זיך איצטער אָן;
נייע לידער,
בלומען ווידער —
אויף אַ נייעם קאָן...

שפּעטע זומער-טעג

שפּעטע, שיינע טעג סוף־אלול,
שיידונגס־טעג פון ליבן זומער,
ווען די זון אין שיין אין העלן
שטייגט אַלץ העכער, ווי אין שלומער...

און דו זוכסט ביי ענד פון גאַסן —
וואו דו זאָלסט זיך ניט געפינען —
אונטער הימל הויכן, בלאַסן
וואו נאָך פרישע לאָנען גרינען...

יאָ, ס'איז דאָ נאָך גרינע שטעלן
ווי אין ווערק פון אַלטע מייסטער;
און זיי קענען מער געפעלן
פון אַ יונגן, וואָס ערשט וויזט זיך...

און אַ פרייד איז דיר אַצינד נאָך,
ביי אַ טייכעלע אַ קלאָרן,
ביים סוף זומער, ווי אַ קינד נאָך
מורמלט עס, ווי ערשט געבאָרן...

שפּילט זיך אונטן מיט די שטיינדלעך,
ווי ס'וואָלט ערשט געווען געשאַפן,
און עס מיניעט זיך, מאַכט חנ'דלעך,
זיך און מיר אַ פרייד פאַרשאַפן...

און אַ נעסט אויף בוים, ביים וואַסער,
וואו פאַרנאַכט זיך פייגל קלייבן,
יעדער פייגל איז מבשר,
אַז זיי וועלן לאַנג דאָ בלייבן...

אויך דו מענטש — דו פילסט נאָך טיפער,
אַז דער זומער מוז דאָך שווינדן,
ווייסט דעם חודש, ווייסט דעם ציפער
און עס קומט די צייט פון ווינטן...

אָבער לאַנג דאָך ווילסט ניט טראַכטן,
ס'איז דערווייַלע ליב און וואַרים;
אפשר וועט זיך גאָט פאַרטראַכטן
אַלץ באַשאַפן מיט דערבאַרים:

לענגער האַלטן נאָך דעם זומער,
און דעם האַרבסט אין גרינס נאָך קליידן
און דער מענטש אין צער, אין אומער —
זאָל זיך נישט מיט זומער שיידן...

איידער נאָך ער האָט באַנומען
זומערס שיינקייט, זומערס צויבער,
און אין לופט דאָס שטילע ברומען,
ווי אַ תפילה — טיף און זויבער...

די זון אין האַרבסט

1.

די זון אין אירע הויכן,
זי וואַרעמט נאָך געטריי,
האָט ליב נאָך צו דערגרייכן
דאָס פעלד און דאָרף דערביי.
דאָך קוקט זי אויס שוין בלאַסער,
און רו איז איר שוין קאַרג,
און לאָזט זיך פרי צום וואַסער,
אַראָפּצו הינטער באַרג.

2.

די גראָזן נאָך באַקליידן
די לאָנקעס, ווי געווען;
דאָך דאַכט זיך, אַז זיי ריידן
פון דעם וואָס ס'וועט געשען.
און פּרוווט דער ווינט זיי גלעטן
דערפילן זיי אַ פּיין;
און וויגן זיך, און בעטן,
און בויגן שטיל זיך איין.

3.

דער בוים — אים נאָך באַצירן
די בלעטער גרין און פיל;
ער הערט נאָך ווי זיי פירן
געשפּרעכן קלוג און שטיל...
דאָך בלייבט ער אַן אַנטוישטער:
עס פעלט אַ בלאָט שוין וואו,
און אומעטיקער רוישט ער —
ווער נאָר עס הערט זיך צו...

אין אַ זוניקן ווינטער-טאָג

אַ טאָג אַ זוניקער — אין שבט,
איז אָנגעגנעהם באַזונדער;
דו גייסט ווי לאַנג און ווערסט ניט מאַט,
ווי וואָר געמישט מיט וואונדער . . .

גאָס איין, גאָס אויס, צי טרוים, צי וואָר?
עס גלוסט זיך ווייט צו וואַנדערן;
דיר דאַכט, דו האָסט פאַרבלאָנדזשעט גאָר
ווי אין אַ לאַנד אַן אַנדערן . . .

די הייזער הויך, ווי אומבאַקאַנט,
די מענטשען אומבאַקאַנטע;
דאָך ווערן פרעמדע — נאָענט היינט,
און נאָענטע — פאַרוואַנדטע . . .

אַ פּאָרל גייט פאַרביי דיר נאָענט,
זיי שמייכלען און זיי שיינען;
דו האָסט אַ ווייטע פרייד דערקאַנט,
ווי נאָענט מענשען זיינען!

אַ שטראַל אין ווינטער — און גענוג,
די וועלט זאָל זיין גערוימער;
און ס'זאָל איעדער ווערן קלוג,
און אויפן וואָר אַ טרוימער.

אין אַ נעפּלדיקן טאָג

אין אַ נעפּלדיקן טאָג,
אין אַ גרויען טאָג, אַ קאַלטן,
זע איך העלער, קלערער נאָך
ווייט-נאָענטע געשטאַלטן.

ווערט דער נעפּל מיר אַ ליכט —
אין דער ווייטסטער ווייט דורכדרינגען;
ווערט א שליח מיר דער ווינט —
זייער עלנט אָפּצוקלינגען . . .

פון די בערג

די הויכע בערג, די גרינע גראָזן —
איך בין מיט פרייד צו אייך געגאַנגען;
איר האָט מיין בליק און האַרץ געפאַנגען —
און האָב מיט בענקשאַפט אייך פאַרלאָזן...

די זון — בייטאָג — אין רוים אין קלאָרן,
ביינאַכט — די קליינע, גאָלד'נע שטערן;
ווי אַלע איר וואָלט מיר געהערן,
ווי זענט איר נאָענט מיר געוואָרן!

די קי און פערד אויף ווייטע וויזן
זיי האָבן רואיק זיך געפיטערט,
און גלעקלעך-קלאַנג האָט שטיל געציטערט
און ס'האָט מיין היים מיר ווער געוויזן.

דער פוס-גייער פון וועג פון ווייטן,
דאָס איז ווי ס'וואָלט ניט ערשט געוועזן:
נאָר ווי איך וואָלט אַ בוך געלעזן
וואָס האָט פּאַסירט שוין לאַנג פאַרצייטן.

אַן אָר'מער פאַרמער און א מידער
וואָס איז שטיל באַרג-אַרויף געפאָרן, —
זיין וועגל האָט דערמאָנט די יאָרן
וואָס היינט באַזינגט מען זיי אין לידער!...

צום רעגנדל

רויש, רעגנדל, רויש אין די שויבן,
פאַרוויג מיך מיט טרערן פון הימל;
כ'וויל רואיק אַביסעלע בלייבן
און אַלעס פאַרגעסן אין דרימל.

רויש, רעגנדל, כ'פיל מיך געגעזן,
סאיז ליב מיר דיין ניגון צו הערן;
דאָס ליד פון מיין מאַמען געוועזן
איז אויך גאָר אַן ווערטער, בלויז טרערן...

אידישע ראָמאַנסן

(אַ מתנה מיין פרוי, סאָראַין)

איך האָב דיך דערזען; ס׳האָט דיין בליק
מיין האַרץ אָנגעצונדן,
געמיינט, אַז אָט איז שוין דאָס גליק —
און ביסט גלייך פאַרשוואונדן!
איך גיי אין די גאַסן אַרום
און זוך דיך פאַרצווייפלט אין שטום . . .

איך האָב דיך געזען איין מאָמענט,
דאָך וואָלט איך אַפילו
אין טונקעלער נאַכט דיך דערקענט,
דו שיינע, דו שטילע!
אָך, הימל, דאָס האַרץ ווערט דערפרייט;
איך האָב זי באַגעגנט — זי גייט!

אָט איז עס שוין, דאָס גליק . . .
ווי וואָלסטו עס נעמען!
אַראָפּ לאָזט זי פאַלן איר בליק
מיט חנ׳עוודיקן שעמען . . .
— אָ, מיידעלע, ס׳גיט דיר צו חן,
דאָך לאָז מיך ניט איבער אַליין!

— „אָך וואָס וועלן זאָגן די לייט,
וואָס גייען איצט דורכן?״
— איך בין ניט צעלאָזן, פאַרשייט,
קיין בייז בין איך אויסן!
איך מיין נאָר דיין זיידענעם בליק,
איך מיין נאָר — דיין שמייכל פול גליק...

כ׳וואָלט וועלן, מיין טייערער טרוים,
דו זאָלסט צו מיר קומען,
איך וואָלט דיר ביי מיר אין דער היים
געשענקט אַלע בלומען.
און אויב צו מיר גייסטו ניט שנעל,
דאַן ווערט פון די בלומען אַ תל.

כ׳וואָלט וועלן דיך נעמען צו מיר
אין צימער אין קליינעם,
און זינגען אַ ליד בלויז פאַר דיר
פון האַרצן פון ריינעם.
אָך, בלומען און לידער — ווי שיין!
מיין טייערע קינד, לאָמיר גיין!

ניו־יאָרק, 1911

צו איינעם

קום אַנטפּלעק זיך פאַר אונז
מיט דיין וואָרט, פריש ווי טוי,
אין דער צייט, ווען אַרום
איז אַלץ וועלק און אַלץ גרוי.

קום אַנטפּלעק זיך פאַר אונז
מיט דיין העלן געמיט,
ווען מיר אַלע אַרום
דאָ פאַרשטייען זיך ניט.

און אַ טרייסטונג געפין,
און אַ צייכן אונז זאָג;
און גיב אינהאַלט און זין
אונזער טומלענדיקן טאָג.

קום באַווייז זיך צו אונז,
אין דער צייט, ווען עס שוועבט
איבער דיר די גענאָד
צו גאָר אַלץ, וואָס עס לעבט.

קום צו אונז אין דער שעה,
פול מיט ליבע און שוץ,
ווען דו ווייסט, אַז ניטאָ
איז קיין שלעכטס און קיין גוטס . . .

היים־וועלט . . .

אַך, זע ווי עס שטימט —
אַזוי ווי די היים:
אַ וואָלקנדל שווימט
אין קלאָר־בלויען רוים.

אַ ווערבעביים טייך
אַזוי ווי פאַרבענקט;
ווי אומעטום גלייך —
זי בענקט און געדענקט.

און ווייטער — אַ בוים,
אין מיטן פון פעלד;
און דאָס איז דאָך היים,
און דאָס איז דאָך וועלט.

אַוואו נאָר דו ביזט,
אין איטלעכן לאַנד,
איז נאָענט און ס'גריסט,
און היימיש באַקאַנט...

דורכן פענסטער

אַלץ וואָס איך באַגעגן
קוקט מיך היימלעך אָן,
ווען איך זיץ ביים פענסטער
רואיק אין וואַגאָן.

אַלץ איז אַזוי אָפן,
גאָרנישט ניט פאַרשטעלט;
דורך דעם קליינעם פענסטער
זע איך גאָר די וועלט.

וועלדער, פעלדער, טייכן,
הינער, פערד און קי;
און ביים זייט דעם מענטשן
פרידלעך ביי זיין מי.

ווער עס בויט זיין הייזל,
ווער זיין דאָך פאַרריכט —
אומעטום באַגאָסן
איז מיט שיין און ליכט...

ווער עס שעפּט פון ברונעם,
ווער פון קוואַל אַרויס —
אַלע ווי געבענטשטע
זעען זיי מיר אויס.

דריי מוטערס

(פון די ניו־יאָרקער מאָטיוון)

קינדערלעך שפּילן
און רוישן ביים הויז;
קוקן דריי מוטערס
דורך פענסטער אַרויס...

פון שטאַקן פאַרשידן —
ביז פערטן און מער;
איטאַליענער און אידן,
דערקענען איז שווער.

רוישן די קינדער
און ווערן ניט מיד,
רעדן איין לשון
און זינגען איין ליד...

אָבער די מאַמעס,
פון יענער זייט ים —
שפּראַכן פאַרשידן
און ניט פון איין שטאַם.

נאָר הערן די מאַמעס
די קינדער אין שפּיל,
קריגן זיי אַלע
איין־איינציק געפיל

ווערן פון שפּילן
פון קינדער פאַרוואַנדט,
איינע געפילן —
אין היים און אין לאַנד.

פאַר אַ פענסטער

ס׳טרעפט אַמאָל אין אַ פענצטער
קוקסט אַריין ניט־געצילט:
זיצט אַ מיידל ביים פּיאַנאָ
אַ פאַרבענקטע און שפּילט.

און דו ביסט שוין פאַריבער
און שוין ווייט פון איר הויז —
און די קלאַנגען, פאַרשטילטע,
ערגעץ־וואו גייען אויס.

דאָך פון בענקשאַפט די קלאַנגען,
זיי פאַרלירן זיך ניט:
אין דיין האַרץ אויפגעגאַנגען
יעדער קלאַנג אין א ליד...

דער שעפער

פיל וועלטן געשאַפן,
פיל וועלטן צעשטערט —
ער איז ניט צופרידן
מיט הימל און ערד.

פיל שטעלן געפעלן,
וואָס גיבן זיך איין,
דאָס ווערק וויל ער, ס׳גאַנצע
זאָל פולקאָמען זיין.

דאָ איז צופיל טרערן,
און דאָ צופיל בייז,
אַ גליקלעכע שטעלע
איז לאַנגווייליק בלויז.

אַ שטעלע פול רחמים —
די שוואַכע געפעלט.
אַ ווענדונג אַ נייע —
דערשרעקט זיך אַ וועלט . . .

אַרום הויז . . .

אַרום מיין שטילן הויז
איז פריי און ניט פאַרשטעלט;
איך קוק אַמאָל ארויס
פון פענסטער אויף גאָט׳ס וועלט.

דער הימל אַזוי נאָענט,
איך זע זיין יעדן ראַנד;
און דאָרט דער האָריזאָנט,
ווי פון דער וועלט אַ וואַנט.

עס שטייגט פון טאָלן טיף
אַ באַן, דאָ קרום, דאָ גלייך;
עס שווימט אַ שטאָלצע שיף
אויף שפּיגלדיקן טייך.

און איבער זיי דער רויך
אין רינגען אויפגעדרייט,
זיי שטייגן אין דער הויך,
ביז לעצטער רינג צעגייט.

און ערגיץ־וואו אַ בריק
הענגט הויך און שטאָלץ און שאַרף,
דערשיינט עס פאַר דיין בליק,
ווי אין דער לופט אַ האַרף . . .

באַגערן

וואָס זיינען דען באַגערן,
וואָס זיינען דען פאַרלאַנגען? —
אַ פרייד, וואָס דאַרף געהערן
צו דיר און איז געפאַנגען.

אַ שטים, וואָס האָט געברומט דיר
און האָסט זי ניט פאַרנומען;
אַ גליק, וואָס האָט געקומט דיר
און האָסט עס ניט באַקומען . . .

אַ זוכן און דערמאָנען,
אַן אויספאָרשן די סיבה;
אַ פאָדערן און מאָנען,
אַ פלאַטערן, ווי ליבע.

דער באַשייד

אַ מידער זיץ איך אָנגעלענט
אויף מיינע הענט
און טראַכט:
עס גייט דער טאָג צו ענד,
באַלד קומט די נאַכט.
ס׳איז קאַלט...
עס ווײ׳ט אַ ווינט.

מיט אויגן האַלב פאַרמאַכט
פאַרנעם איך טריט.
עס גייט אין שטוב אַרום,
מיט קלאַנג און ליד,
מיין אייגן לעבן אום,
אין דעם געשטאַלט
פון ליבן קינד...

מיין לעבן גייט
אין אַלע צימערן;
אַ גאָלדן שימערן
פול אומעטום.

עס פלאַפּלט שטילערהייט
אַזוינע ניט געבונד׳נע רייד,
נאָר איך געפין
אין זיי דעם העכסטן זין
די העכסטע פרייד
און אַ באַשייד
וואָס דרינגט אין אייביקייט אַריין —
— — — — — —

אָ, פּלאַפּל העכער, לעבן מיין!

פּאַטער און קינד

אַריין איז אין מיין וועזן
דיין אומרו און דיין רו;
ווי איך וואָלט גאָר געוועזן
ניט איך אַליין — אויך דו.

עס פאַרבט און צירט דיין שמייכל
די וואַכיקייט פון טעג,
עס מילדערט מיר דיין שכל
דעם לעבנס־שטעג און וועג...

איך בלעטער דיינע ביכער
און יונג ווערט אַלץ און גרינג;
און אַלץ ווערט שיין און זיכער
ווען איך דיין ליד אויך זינג.

און אַלץ איז גוט געוואָרן
און אַלץ אַרום געפעלט,
ווען מיט דיין בליק דעם קלאָרן
באַטראַכט איך מענש און וועלט...

שטילע רייד...

די שטילע רייד
אין שטילן צימער,
זיי הערסטו נאָך,
זיי קלינגען אימער,
זיי שפּרייטן פרייד
און שיין און שימער.

דאָך העכער קלינגט
וואָס איז פאַרשוויגן
אין שטילער שעה
פון זיך באַזיגן.
דאָס איז דיין ליד,
דאָס איז דיין ניגון.

מיין גליק

איך זוך מיין גליק ניט אויף די אַלטע וועגן.
איך האָב דאָרט וואָס פאַרלאָרן, דאָך איך לאָז עס איבער;
אויף נייע וועגן גיי איך, דאָרטן איך באַגעגן
אַ ברודער און אַ חבר — ווערן זיי מיר ליבער.

ס׳טוט אפשר וויי — אויף הפקר איבערלאָזן
אַ שטילע פרייד, וואָס לייכט נאָך איצט, ווי פייער,
נאָר ווען די ווינטן פייפן, ווען טראָמפייטן בלאָזן,
ווינקט דיר דער נייער וועג אי נעענטער, אי טייער . . .

אַ סאָנעט וועגן סאָנעטן . . .

כ׳האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין שום פאַרלאַנגען,
ווי אַנדערע פּאָעטן, אַ סאָנעט צו דיכטן.
איך שטאַם פון פאָלק, איך קום פון זיינע שיכטן,
איז מיר די יחוס־פאָרמע לאַנג ניט אָנגעגאַנגען.

מיין ליד, צי זי איז גרויס, צי קליין געוועזן,
האָט זיך פאָראויס אין שורות ניט געלאָזט באַשטימען;
און ס׳וואָלט — ווי איך האָב דאַן געמיינט — געוועזן אַ סימן,
אַז דיכטונג איז אַ שפּיל און ניט קיין ערנסט וועזן.

איך לייקן ניט די שיינקייט פון סאָנעטן פאָרמע,
און ווי געדרייט און קונסטפול זיינען אירע וועגן;
נאָר ווען איך זינג פון זיך, פון פאָלק און מענשן אָר׳מע,
דאַן גיסן זיך די ווערטער איבער אַלע ברעגן.

און מיט דעם איינציקן סאָנעט איך וויל בלויז ציי‌גן,
אַז ליב איז מיר דאָס ליד אין אַלע אירע צווייגן.

דאָס לעבן

דאָס לעבן גיסט זיך שוין ניט אויס אין פורעם,
ווי ס׳האָבן אַנדערע געחלומ׳ט אַזוי שיין.
און אונזער האַרבסט ער גייט אַוועק אין שטורעם
און אומרוהיק דאָס ליכט אויף פון דער זון אַליין.

עס וועט נאָך שטורעמען — דער פרילינג וועט דאָך קומען,
מיר האָבן שוין זיין אָנזאָג אין דער לופט דערהערט;
און פעלדער וועלן רוישן מיט זאַנגען און מיט בלומען,
און שטעט — מיט פרייע מענשן אויף באַפרייטער ערד.

קינדערשפּיל

און ווען די קינדער שפּילן זיך אין הויז,
דו קוקסט זיי נאָך און ס'דאַכט זיך דיר אָפּט אויס,
אַז אויך אַ שפּיל איז קעגן זיי דיין ערנסט,
און ווערסט פאַרטראַכט און קוקסט זיי נאָך און לערנסט.

זע, פון אַ בלוי פּאַפּירל מאַכט דאָס קינד אַ טעלעפאָן,
עס קלינגט און רופט אַ נומער און אַ נאָמען אָן;
ס'איזביידע אויסגעטראַכט נאָר, און אַ ליגן,
דאָך הער — דאָס קינד האָט ענטפער באַלד געקריגן.

עס זעגנט זיך און שמייכלט ליבלעך צו
(אַזוי ווי אַלע טוען, פּונקט ווי איך און דו . . .),
עס זעצט זיך באַלד אַנידער אויף זיין פערדל רייטן
און רופט דעם נאָמען פון דיין שטאָט און לאַנד אין וייטן . . .

ביי דער ראַדיאָ . . .

ביי דער ראַדיאָ, וואו איך זיץ און הער מאָצאַרט'ן,
ביי דער ראַדיאָ, וואו איך הער אויך באַך'ן, היידען,
הער איך אויך די נייס פון קריג דעם האַרטן,
הער איך אויך די גרוסן פון די שווערסטע ליידן.

דורך די זעלבע „כוואַליעס", גאַרניט אָפּגעזונדערט,
הער איך אי די הימלישע אַקאָרדן,
אי די רייד די שווערע וועגן שונא'ס מאָרדן,
און איך בלייב פאַרבליפט, דערשראָקן און פאַרוואונדערט . . .

וואָלט איך בעסער שוין אין גרינעם פעלד געזעסן,
און געהערט דעם פּאַסטוך שפּילן אויף זיין דודע,
און מיט קוואַל־וואַסער און ברויט אַ סעודה,
און די ליידן און אַקאָרדן — דאָרט פאַרגעסן . . .

שפּילכלעך פאַר קינדער

קינדערשע שפּילכלעך — זאַכן פאַרקלענערט,
בלויז פון דער קלײנקייט, באַ׳חנ׳ט און פאַרשענערט.
דאָס, וואָס מיר גלוסטן און האָבן עס ניט
שפּילן די קלײנינקע קינדער דערמיט.

אָפּטמאָל גאָר דאַכט זיך, עס שפּאַסן און לאַכן
קינדערשע שפּילכלעך פון אונזערע זאַכן —
זאַכן פון גרויסע, פון גאַס און פון הויז;
קינדערשע שפּילכלעך, זיי לאַכן אונז אויס.

אַלץ, וואָס מיר גלוסטן; אַלץ, וואָס מיר ווילן
גיבן מיר כלומר׳שט די קינדער צו שפּילן;
ווער ערגעץ פאָרן גלוסט אין געדאַנק
ברענגט ער אַ באַהנדל — זיין קינד אַ געשאַנק.

וועמען די זאָרגן פון לעבן זיי פּרעסן
און ער וואָלט וועלן אין זיי צו פאַרגעסן,
לאָזן זיך ווייט מיט׳ן ים, מיט׳ן ווינט —
ברענגט ער אַ שיפל, אַ קלײנס, פאַר זיין קינד.

וויל זיך דער פאָטער פאַרגעסן דעם צאָרן
און זיך דערמאָנען די קינדערשע יאָרן;
וועלדער ביים שטעטל, און הייזעלעך קלײן,
מאָלט ער זיי אויס פאַר זיין קינד אַזוי שיין . . .

וויל אויף אַ ווײלע אַ קינד אַליין ווערן —
רייסט זיך דער פאָטער פון יאָך פון דעם שווערן,
טראַכט ער דעם קינד אויס אַ מעשה ביים שלאָף;
ליכטיק דער אָנהויב און גליקלעך צום סוף . . .

ווילט זיך דעם פאָטער זיין שטים זאָל מען הערן
און גאָר די ביטערקייט פון הערשאַפט צעשטערן,
געבן אַ יאָג זיך ווען בייזקייט קומט אָן —
ברענגט ער דעם קינד אַ מתנה — אַ פאָן . . .

דער געגנט

דער געגנט אַ באַקאַנטער,
ער ווייסט אים שוין זינט יאָרן;
דאָס ערשטע מאָל — דערמאָנט ער —
אין שאָפּ אַהער געפאָרן . . .

און זינט ער איז געקומען
פון שטעטעלע דעם ליבן —
זיך אויף דעם וועג פאַרנומען,
און ביי דעם וועג געבליבן . . .

זיך ניט געקענט פאַרדרייען
אויף וועגן אַנדערע — וויטע;
וואו. ס'קען אַמאָל דערפרייען
אַ האָפנונג, אַ באַנייטע . . .

דער זעלבער „טריין" — ביי דעכער,
דער זעלבער „טריין" אויף אונטן;
קיין מאָל געשטיגן העכער,
קיין מאָל געטויכט די גרונטן . . .

ס'איז אַלץ אַזוי געמאָסטן,
ס'איז אַלץ גלייך צו דערקאָנען:
די אייזנס שוין זיי ראָסטן
אין חושכ'ע וואַגאָנען . . .

נאָר ער כמעט דער אייג'נער,
זיין אויסזען איז זיין לעבן . . .
אויב ער זאָל אויך זיך בויגן —
ווער וועט אים אַרבעט געבן? . . .

איז היט ער זיך באַזונדער,
זיין מידיגקייט ניט ווייזן;
ער מוז זיין יונג אויף וואונדער
און שטאַרקער נאָך פון אייזן . . .

באַקאַנטע גאַסן

ווי ליב באַקאַנטע גאַסן זיינען
ווען דו באַזוכסט זיי נאָך אַ צייט;
זיי הויבן אָן פאַר דיר צו שיינען
מיט גאָלד פון דער פאַרגאַנגענהייט . . .

עס ווערט דיר ליב, וואָס ס'איז געווען,
אַלץ קוקט דיר אָן פאַרטרויט און מילד;
דו שטעלסט זיך אָפּ און הויבסט אָן לעזן
אַן אַלטן נאָמען אויף אַ שילד . . .

אין האַרצן וואַכן־אויף פאַרלאַנגען,
עס ווינקט, עס רופט דיך דער אַמאָל:
אָט דאָ ביזטו אַרומגעגאַנגען,
דאָ קלינגט אַ ליבער ווידער־קול . . .

און דאָרט אין עווענין דער שטילער,
ווי דאַן נאָך, דער טעאַטער שטייט;
פאַרבענקסטו זיך נאָך יענע שפּילער,
וואָס האָבן דיך אַמאָל דערפרייט . . .

און אָט אַ גאַס — שוין אַלט ניו יאָרקיש,
די קינסטלער־קאַפע־הויז נאָך דאָ;
דו פלעגסט אַמאָל, ביי יונגע זאָרגן,
אַריין פאַרברענגען דאָ אַ שעה.

און אויב עס האָט זיך וואו געביטן —
אַ גרעסער ליכט, אַן אַנדער שיין,
איז טוט דיר ווי, ווי וואָלסט געליטן,
וואָס ווי אַמאָל וועט שוין ניט זיין . . .

דאָס לעבן

עס איז אַלץ נאָך דאָס לעבן ניט קלאָר.
אַמאָל איז דער חלום גאָר וואָר . . .
אַמאָל איז די וואָר ווי אַ טרוים,
און אָפט איז די פרייהייט — אַ צוים . . .

ניין, ס'איז ניט אַלץ נאָך דערקלערט:
עס שוועבט נאָך אַ סוד איבער ערד,
און ווער ס'קומט באַשיידן דעם סוד —
פאַרהילט ער אים מערער נאָך גראָד . . .

אַ הויז...

אין שטילער גאַס אַ הויז דערקענט —
איך קוק מיך אין איר איין;
עס לויכטן נאָך אויף אירע ווענט
פון יונגע טעג דער שיין...

געדאַנקען טראָגן זיך פאַרביי:
אַך, אפשר דאַן ווי היינט
איז שיינער טאָג געווען, און פריי
האָט ליב די זון געשיינט.

געשטאַלטן האָבן דורכגעשוועבט,
געשטאַלטן שיין און יונג;
זיי האָבן דאָ אַמאָל געלעבט
מיט נייער האָפענונג.

און אויבן ביי דעם דאַך, אין הויך —
מיט אותיות ווי אין גאָלד,
דעם בויער'ס נאָמען שוועבט און לויכט,
ווי אייביק זיין געוואָלט...

אַ פאַנטאַזיע

ווייפל ווענן, שטעגן פירן
צו דיין ציל אין לעבנס־גאַנג —
שווער איז דאָך ניט צו פאַראירן,
און פון זוכן ווערט אָפט באַנג.

אָט שוין, דאַכט זיך אויסגעקליבן
און דער וועג איז ברייט און שיין,
דאָך צופרידן ניט געבליבן —
דאַרפסט נאָך קענטיק, ווידער גיין...

און דער אמת ליב און טייער
מורמלט שטיל: „ניט נאָר זיך אָפּ:
קעגן ווינקט אַ קאַלטער פייער,
און ניט בייג צו אים דיין קאָפּ"...

זוכסטו אויס אַ שטעג וואו אַנדערש,
נאָר אויך דאָרט דיין האַרץ וואָס פעלט;
און דו גייסט אַלץ און דו וואַנדערסט
צו דער נייער שיינער וועלט.

אַנגעקומען שוין בשלום —
מענשן רעדן אַזוי ליב;
דו פאַרבלייבסט שוין — ערשט אַ חלום
ס'פאַלט אַ גייערס טרער דאָ טריב...

גייער, זוכער, וואַנד'רער בלאַסער,
ליידסטו הונגער דען, צי דאָרשט?
— ניט נאָר ברויט און ניט נאָר וואַסער —
כ'זוך דעם אייביק־וואָרן וואָרט.

אַלטע ברייוו

אַלטע, אַמאָליקע ברייוו! —
און ריר איך זיי צופעליק אָן —
עס קלינגט מיר אין האַרצן אָפּ, טיף
אַ לאַנג שוין פאַרקלונגענער טאָן!

כ'לייג אַלע, זיי אויס אויפן טיש
און צייל ווי אַ קאַרגער זיין געלט
און בלעטער זיי אַלע און מיש,
און זוך ווען אַ בריוועלע פעלט!

פאַרשיידענע בריוו זיינען דאָ:
אין איינעם געלאַדן איך ווער
צו קומען אין פינקטלעכער שעה —
ווייל וואַרטן איז איר אַזוי שווער.

אַ צווייטער — פול לוסטיקע רייד
און איטליכעס וואָרט, ווי געשפּאַסט:
איך ווייס ניט ביז היינט דעם בעשייד
צי האָט זי געליבט, צי געהאַסט...

אַ דריטער איז טרוקן און קאַלט:
דאָס זעגנט זיך איינע מיט מיר,
דאָך ווען נאָר איר בריוול איך האַלט
דערהער איך זי קלאַפּט אין מיין טיר...

פון מיין פענסטער

די שטערן פינקלען אין די הייכן,
דו זוכסט פון אַלטער צייט אַ צייכן —
די צייט פון גלויבן און פון טרוים:
דער ווייטסטער בליק דערגרייכט זיי קוים.

די בוימער שטרעקן הויך די צווייגן,
די גאַס — אַנטקעגן — שטיל אין שווייגן.
און בוים און הויז אין שיין געהילט,
און אַלע שטורעמס — איינגעשטילט.

און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
האָט יונגע פרייד אין דיר דערוואַכט;
און נייער טאָג, און פרייער גאַנג,
באַגלייט פון זון־גאָלד און געזאַנג . . .

אויף די פעלדער

רו און שטילקייט אויף די פעלדער,
אונטן גרין און אויבן קלאָר.
זעלטן, זעלטן זינגט אַ פויגל,
אָפּגעזונדערט זיך פון כאָר.

וויל ניט מישן זיינע טרעלן
מיט אַן אַנדערנס געזאַנג,
זינגט ער זיך אַליין ביחידות
מיט אַ זילבער העלן קלאַנג . . .

ביי די זייטן שטייען בוימער
אויסגעפלאָכטן ווי אַ קייט:
נאָר איין בוים — ער שטייט באַזונדער.
האָט פון זיי זיך אָפּגעשיידט.

קוקט מיט שטאָלץ אויף זיינע ברידער:
ווי געבונדן, ווי געענגט!
אָבער אַז עס קומט דער אָוונט,
ווערט אומעטיק, פאַרבענקט.

ווינטער אין פרילינג

אין פרילינג טרעפט אויך קעלט און שניי;
דו פרעגסט: פון וואַנען קומען זיי?
דאָס שיקט דער ווינטער זיי אַהער —
רעגירן, הערשן וויל ער מער!

דערזען אַז ס'איז זיין מאַכט שוין אויס —
דאַן ווערט זיין צאָרן שטאַרק און גרויס,
ער האָט נאָך וואו אי שניי, אי קעלט —
און שיקט זיי אַן אויף אונזער וועלט . . .

דאָך מישט זיך שוין די זון אַריין,
דאַן שפּילט דער ווינט שוין פול אין שיין;
און, זע, דער שניי צעשמעלצט, צעגייט,
און ס'לויפן וואַסערלעך, דערפרייט . . .

דו שטייסט־אויף — מאָרגן אינדערפרי,
די שיינע זון — זי איז שוין הי;
מען זעט שוין, אַז זי בלייבט שוין דאָ,
אין ליבער און אין גוטער שעה.

דער ווינטער ציט זיך שוין אַרויס,
זיין בייזע הערשאַפט איז שוין אויס,
עס לעבט שוין אויף די אָרימע גאַס,
פון ווינטער טרייבט שוין יעדער שפּאַס.

און וויזט זיך וואו שוין גרין די ערד,
באַטראַכט עס יעדערער פאַרקלערט;
אַ פרומער לויבט דעם בורא דאַן,
דעם וואונדער וואָס ס'איז דאָ פאַראַן . . .

אַ אינגעלע דערפרייט זיך מער,
אַ גרינער פלאַץ איז זיין באַגער;
און פסח קומט דאָך באַלד צו־גיין,
ס'וועט זיין אי גוט, ס'וועט זיין אי שיין!

דער שניי־שטורעם

מיין הויז איז דער שטורעם באַפאַלן
אינמיטן דער נאַכט;
עס האָט מיך דערשראָקן, אַנטמוטיקט
און הילפלאָז געמאַכט.

די פענסטער באַלאַגערט, פאַרמויערט
מיט שניי און מיט פראָסט;
דער שטורעם — דאָ הוליעט, דאָ טרויערט,
דאָ פייפט ער און בלאָזט.

וואו וואוין איך? ווער קאָן מיר דערווייזן,
אין שטאָט צי אין וואַלד?
איך גלעט דעם ראַדיאַטאָר — דער אייזן
איז פראָסטיק און קאַלט.

עס ציטערט מיין האַרץ און מיין זינען,
פון האָפענונג קיין שפּור;
איך זע, ווי עס זאָגט זיך אָפּ דינען
די גאַנצע קולטור.

כ'פאַרגעס, אַז איך בין אַ קולטור־מענטש
פון היינטיקער וועלט;
מיר דאַכט זיך, אַז איך בין אַן אורמענטש
פון שניי מיין געצעלט.

כ'פאַרגעס גאָר, אַז איך בין אַ קעניג —
פון שטאָלץ בלייבט קיין שפור:
אַן אורמענטש, וואָס איז אונטערטעניק
דער בייזער נאַטור.

אַן אורמענטש, וואָס מוז אין הייל ליגן
און הילפלאָז אַליין;
און קליגט זיך, ווי אַזוי אַרויסקריגן
אַ פונק פון אַ שטיין . . .

קאַלט

קאַלט איז אין דיין וואוינונג —
זאָל דיך דאָס ניט אַרן;
ס'קעמפן פאַר באַלוינונג
די וואָס אין געפאַרן
גראָבן אין די גריבער
קוילן — פריינט דו ליבער.

אונזערע מאַגנאַטן —
שווער איז זיי צו רירן;
זיי וועט עס ניט שאַטן,
זיי וועלן ניט פרירן;
די וואָס קעמפן איצט
האָבן זיי באַשיצט.

אומבאַשיצט און אָרעם
אין דעם קאַלטן וועטער,
אין די שטיבלעך־קברים
אויפגעשטעלט פון ברעטער —
שמאַכטן זיי אין פּיין
ביז דער זיג וועט זיין.

1925.

דער שפּילער

דער שפּילער שפּילט אין גרים
און רעדט מיט פרעמדער שטים,
וואָס עמיץ האָט פאַרפאַסט;
דאָך פליסן העל די רייד
און עכט דער צער, די פרייד
און עכט ער ליבט און האַסט.

און זעסטו נאָכדעם אים
אין לעבן, אָן דעם גרים,
ווען ער איז ניט פאַרשטעלט —
זיין אייגן לעבן שטיל,
ניטאָ קיין פרייד, קיין שפּיל —
אַ פרעמדער אין דער וועלט.

רופט די ווייטקייט

רופט די ווייטקייט ווידער
אין דער וועלט צו פאָרן;
וואַנדער־לוסט און לידער
און די יונגע יאָרן.

קיינעם ניט צו פרעגן,
לעגגער ניט צו האַרן,
לאָזן זיך אַנטקעגן
אַלערליי געפאַרן.

זיך אין נעפּל הילן,
ווי דער מאַסט און רודער;
מיט דעם שטורעם שפּילן,
גלייך ווי מיט אַ ברודער.

צו אַ ברעג געקומען —
גלייך פון שיף געשטיגן;
זיך אין שטאָט פאַרנומען
זינגענדיק א ניגון...

אין וואַגאָן

צוויי נאָנען פאַרמומט,
אין שוואַרץ אַנגעטאָן —
זיי זיינען פאַרשטומט
אַריין אין וואַגאָן.

פאַרשלייערטע צוויי
פון קאָפּ ביז אַראָפּ
האָט יעדע פון זיי
דערמאָנט אָן אַ ראָב...

אַ מיידל אַ צאַרטס,
אין ווינקל פאַררוקט,
מיט ציטער אין האַרץ
אויף זיי האָט געקוקט...

אין באַן

צווישן ביידע זייטן פעלזן
וואַסער רוישט און שוימט און שרייט;
דורך די פענסטער, ווי אין העלזען,
שפּרייט די וועלט זיך ברייט און ווייט.

פריי פון מורא און פון שרעקן,
וואָס דו ביסט דאָ אינדערמיט;
איבער ווילדע, ווייטע שטרעקן
זעסטו דעם, וואָס וואַכט און היט.

אוי די יאָרן!

אוי, די יאָרן! אוי, די יאָרן! —
דאָ געקומען, דאָ געפאָרן,
דאָ „ווי גייטס?", דאָרט „זייט געזונט!"
און די ערד איז גרויס און רונד!

דאָרט אַ בריוועלע געשריבן,
דאָ אין וועג זיך אויסגעקליבן,
דאָ דערפרייט און דאָרט געשיידט
און די צייט — זי גייט און גייט!

דאָ אַ פריינד אַרומגענומען,
דאָרט געקריגן האָסטו בלומען,
דאָ געגעכטיקט, דאָרט געטאָגט
און די צייט — זי יאָגט און יאָגט!

דאָרט געוואונען האָסטו ליבע,
דאָ געטראָפן האָט אַ סיבה,
דאָ גענומען, דאָרט געשענקט,
דאָ געפרייט זיך, דאָרט געבענקט!

און אַזוי אַלץ נאָכאַנאַנדער.
אַך, דער לוסטיק־ליבער וואַנדער
איבער לענדער, איבער שטעט —
קוק זיך אום דאָך, צי ניט שפּעט...

ביים ברעג

איך שטיי ביים ברעג
פון ים און פרעג:
וואו לאָזט מען זיך,
אין וועלכן וועג?

דער ים — ער רוישט,
דער ים — ער ברומט;
אַ שיף גייט אָפּ,
אַ צווייטע — קומט.

אַ שיף — אַהין,
אַ שיף — אַהער...
איך שטיי ביים ברעג
און טראַכט און קלער.

די לעצטע שיף —
זיך שפּעט געכאַפּט!
אַ וועל וואַקסט אויף
און ווערט צעקלאַפּט...

וואוהין?

וו׳הין ווילסטו, נשמה, וואוהין?
די בערג זיינען הויך,
די וואַלקנדלעך בלייך,
די ערד און די בוימער — ווי גרין!
וו׳הין ווילסטו, וואוהין?

אַ, האָרך, ווי די בין
זשומזשעט און פליט,
זי פלאַטערט און ציט
אַהער און אַהין —
וו׳הין ווילסטו, נשמה, וואוהין?

אַ, קוק דאָרט אין מערב אַהין —
די זון — זי פאַרגייט
קיילעכדיק, רויט
אַהין אַלץ, אַהין —
וו׳הין ווילסטו, נשמה, וואוהין?

פאַרנאַכט ביים ים

1. נאָענט

מיר דאַכט — דער הימל האָט געגאַרט
מיט זיין ביז איצטיק-ווייטער הויך;
ער האָט צום ים זיך צוגעשפּאַרט
און ים געוואָרן איז ער אויך.

און אויך די שיף ביים האָריזאָנט,
אָט רירט זי אָן דעם הימלס ראַנד;
און אַלץ ווערט ליב אַזוי און נאָענט,
און אַלץ דערלאַנגען קען דיין האַנט...

2. דער שפּיגל

עס שפּיגלט זיך די זון אין ים,
אין קלאָרן ים, אין טיפן;
זי זעט זיך ליכטיק אין איר פלאַם, —
דער שפּיגל איז געשליפן...

זי קוקט זיך אָן און זי פאַרגייט...
דער אָוונט שפּרייט די פליגלען;
און די לבנה, האַלבערהייט,
הייבט אָן אין אים זיך שפּיגלען...

אויפן וואַסער

אויפן וואַסער גייען שיפן,
גייען שיפן הין, צוריק;
איך האָב אַלץ נאָך ניט באַגריפן,
וואָס איז פרייד און וואָס איז גליק.

אין די וועלדער קאָן מען הערן
ביימער רוישן אין די נעכט;
איך קאָן אַלץ נאָך ניט באַקלערן,
וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט.

אין די טאָלן ווינטן יאָגן,
יאָגן אום און ווערן שטיל;
איך קאָן אַלץ נאָך קיינעם זאָגן,
וואָס איך זוך, וואוהין איך ציל...

דער גרויסער ים

דער גרויסער ים האָט אונז צעשיידט,
ווי שווער איז אויסצוהאַלטן;
דאָך בין איך קומען צו דיר גרייט,
און קאָן דעם ים אויך שפּאַלטן.
אָ, קינד מיינס, אומעטיק ניט זײַ —
דער וועג צו דיר איז אָפן, פריי!

דער גרויסער ים האָט אונז צעטיילט,
דאָך פיל איך זיך צוזאַמען;
דאָס וואַסער האָט ניט אָפּגעקילט
די הייסע ליבע־פלאַמען.
די ליבע ברענט מיין האַרץ און גליט,
און לעשן קאָן דער ים זי ניט!

אָ, ליבסטע מיינע! כ'דאַרף קיין שיף,
איך קאָן אויך וואונדער ווייזן,
און איבער ים, וואָס ברייט און טיף,
קאָן איך מיך לאָזן שפּרייזן!
צו לינדערן דיין ווי, דיין צער,
איז פרעמד און וויט פאַר מיר גאָר!

ניו־יאָרק, 1912

דאָך איך גלויב

...דאָך איך גלויב עס וועט זיך טרעפן,
ס'וועט די טיר זיך טון אַן עפן
ווען פאַרנאַכט,
שטיל און זאַכט,

אין מיין איינזאַם שטילן חדר,
שאַרכענד, אין די זיידן־קליידער
אָנגעטאָן —
קומט זי אָן!

ווי אַ צנועה, טיף געבויגן
לאָזט אַראָפּ זי אירע אויגן —
אויגן־בלוי,
בליקן־טוי.

— אָ, ווער ביסטו? — וועל איך פרעגן —
און דורך וועלכע לענדער, וועגן
קומסט אַהער,
ברענגט דיך ווער? . . .

ביים וואַסער

אויפן וואַסער שווימען שיפן,
און איך שטיי ביים ברעג;
די סיגנאַלן רופן, רופן
אין דעם ווייטן וועג . . .

אויף אַ מאַסטבוים וויהט אַ פאָנע
פון אַ פרעמדן לאַנד,
דאָרטן וואוינען גוטע מענשן,
פאַר מיר — אומבאַקאַנט . . .

דאָרטן איז דער הימל לויטער,
און די ערד איז גרין;
און ווי פאַלמען אַלע מיידלעך,
צעדערן — די זין.

דאָרטן וואָלט איך יונג געוואָרן,
אָבגעפרישט מיין בליק;
דאָרט געפונען וואָלט איך אפשר
מיין פאַרלאָרן גליק . . .

אויפ'ן וואַסער שווימען שיפן,
און איך שטיי ביים ברעג;
די סיגנאַלן רופן, רופן
אין דעם ווייטן וועג . . .

אין צען יאָר אַרום

(אַ שפּאַס)

ווען איך בין אַרויס פון קאַפיי
נאָך אייראָפּע צו פאָרן,
איז דעמאָלט געווען זייגער צוויי,
צוריק נאָך מיט יאָרן.

איך האָב אַ דעבאַטע פול פלאַם
געמוזט דאַן פאַרלאָזן
און איבער דעם רוישיקן ים
אַהיים זיך צו לאָזן.

העי, ווי האָט געברענט מיר מיין וואונד —
אַוועק גאָר אינמיטן!
כ׳געדענק עס אַזוי ווי אַצונד,
ווי איך האָב געליטן.

דער שמועס — גאָר אינטערעסאַנט,
און יעדן פאַרכאַפּט ער:
„צי איז חנן־בער אַ טאַלאַנט,
צי בלויז אַ באַגאַבטער?“

דער דאָזיקער ווערטער־געפעכט
האָט טיף מיך געפאַנגען,
דאָך ווער ס׳איז געבליבן גערעכט —
בין איך ניט דערגאַנגען:

געוואַרט האָט ביים ברעג דאַן מיין שיף —
ווי האָט עס פאַרדראָסן!
אַוועק, אָן דעם מינדסטן באַגריף,
וואָס האָט מען באַשלאָסן!

מיין גורל — פון לאַנד צו אַ לאַנד
זיך שטענדיק צו טרייבן —
צי איז חנן־בער אַ טאַלאַנט?
ווער וויים, ווי ס׳וועט בלייבן?

עס זיינען פאַרלאָפן צען יאָר
אין בענקשאַפט, אין קומער.
איך וואַנדער צוריק שוין, איך פאָר,
איך קום אָן אין זומער.

אַ ברעניקער טאָג אין דזשוליי —
די זון שיסט מיט פייער,
ווי לאָזט מען חברים פאַרביי,
וואָס זיינען דיר טייער?

איך האָב זיך געלאָזט אין קאַפּיי
צו אַלטע באַקאַנטע,
וואָס מאַכן איצט אַלע דאָרט זיי,
די האַרצנס־פאַרוואַנדטע?

דער זעלביקער רונדיקער טיש,
די זעלביקע סביבה,
די זעלביקע פּנימער פריש,
מיט בליקן נאַאיווע.

„וואָס מאַכט איר, איר גאָלדענע פאָן?
געוואָלט וואָלט איך הערן,
פון ווען דער שמועס גייט אָן,
זיין גורל באַקלערן“.

„מיר ריידן — האָט זיך אויפגעכאַפּט
אַן אַלטער באַקאַנטער —
צי איז ער נישט מער ווי באַגאַבט,
צי איז אַ טאַלאַנט ער“.

„איך האָף, אַז אַ נייער איז דער,
אַרויס ערשט פון נאָדל...
און וואו איז אַצונד חנן־בער? —
מסתם שוין אַ גדול?“...

כי־כי... זאָלט איר זיין אונז געזונט...
אָט זיצט וועט איר הערן...
מיר ריידן דאָך טאַקע אַצונד
פון אים, חנן־בערן!“

אַזוי גאָר! — האָב איך זיך דערפרייט
און מונטער געוואָרן...
געוועזן צען יאָר וויט צעשיידט
און גאָרניט פאַרלאָרן!

1917.

נאָכ׳ן שטורעם

. . . און אַז דער שטורם
מאַכט חרוב די שטאָט,
דאַרף מען דאָך בויען צוריק;
דאַרף מען דאָך וויסן
וואו גאַס און וואו הויז
און וואו איז די מיל ביי דער בריק;

דאַרף מען דאָך וויסן
אַוואו איז די שול
געשטאַנען — צום דאַווענען, צום ליד...
און וואו איז געווען
דער גאָרטן פאַר גרינס —
וואָס ס׳פלעגט אים פאַרזייען דער איד...

און וואו איז געשטאַנען
דער סאָד מיט די פרוכט,
פאַר זיך און פאַר לאַנד צום געשאַנק;
און וואו איז געשטאַנען
אין שול אונזער שראַנק
מיט ספרים פון העכסטן געדאַנק!

דאַרף מען געדענקען
דעם פּלאַן פון דער שטאָט,
און וואו די וואַרשטאַטן, דער מאַרק? —
און וואו האָבן קינדער
געלערנט גאָטס וואָרט —
ביים גאָרטן, צי הויך אויפ׳ן באַרג . . .

ניו־יאָרק, 1946.

דעם פרעמדן

דעם פרעמדן אָפּגעגעבן
אַלץ, וואָס דו האָסט געהאַט,
ביסט איצט אין מיט פון לעבן —
אַ פעלד, פאַרלאָזט און מאַט.

אַ פרילינג קומט אַ נייער,
און דו, פון זון באַהעלט;
אַ נייער און אַ פרייער —
און ווידער גרינט דיין פעלד...

וועלט׳ס פייער־טאָג

פייער־טאָג פאַר אַלע מידע,
פייער־טאָג פאַר אַלע שטרייטער;
איצטער אין דער וועלט׳ס ירידה,
לויכט אונז העכער, לויכט אונז ווייטער.

ליב וועט אונז דאָס לעבן ווערן
אין דעם שיין פון טאָג דעם העלן;
בייזע הערשאַפט צו צעשטערן
און די פרייהייט פעסט צו שטעלן.

און דערנאָך באַפרייט — מיט לידער
אונטער פרידנ׳ס פאָן זיך וויגן,
וועלן קומען וויסטע ברידער —
פייערן די פרידנס־זיגן.

וועט קיין הערשער מער ניט לויערן
און ניט ברומען: ווער און וועמעס?
אונזער פרידן וועט שוין דויערן,
ווייל ס׳וועט קעניגן דער אמת . . .

און דער פרידן וועט דאַן נידערן
איבער ימים, איבער לענדער;
פאָלק מיט פאָלק וועט זיך פאַרברידערן,
קיינער — ערגעץ ניט קיין פרעמדער . . .

1944.

די פריידן . . .

די פריידן פון נאָך דער מלחמה,
די זיגן, די פרייהייט, די גליקן;
זיי לייגן זיך אויף דער נשמה,
ווי שטיינער, וואָס שיינען און דריקן.

די לופט נאָכן שטורם ווערט ליבער
און רייכער שפרייט זון אירע שטראַלן;
נאָר קום אין אַ גאָרטן, צייל־איבער
די בוימער, וואָס זיינען געפאַלן . . .

אין מלחמה

„אַ, מאַמע, כ׳וויל אַביסל מילך,
ס׳איז טרוקן מיר מיין גומען...״
— מיין קינד — אַ בייזער פּאַסטוך האָט
די אַלע קי פאַרנומען.

טאַ גיב מיר, מאַמע, ברויט אַ ביס
דעם הונגער מיר צו שטילן! —
— ניטאָ, מיין קינד. אַ וואַסער האָט
פאַרטרונקען אַלע מילן.

אַ וואַסער ווילד, אַ וואַסער־רויט
האָט זיי אַראָפּגעטראָגן,
און אַלע מילנער זיינען איצט
אַוועק אין פעלד זיך שלאָגן.

„טאַ, וואו־זשע איז דער טאַטע איצט,
ער זאָל אונז עסן קריגן?״
— דער טאַטע איז אַוועק מיט זיי
אַ שונא צו באַזיגן.

דער טאַטע איז אויך איצט אין פעלד —
דו הערסט מיין קינד אַ ברומען?
ער איז אַוועק, ער איז ניטאָ,
ער וועט שוין קיינמאָל קומען.

„טאַ וואָס־זשע שוויגט דער פעטער דאָרט,
אין לאַנד פון גאָלד דעם ווייטן?
דו פלעגסט דערציילן, מאַמע, אָפט:
ער האָט דאָרט גוטע צייטן.

— דיין פעטער, קינד, ניט פרעג, ניט פרעג,
אַן אומגליק האָט געטראָפן:
ער האָט אַ זאַטער זיך געלייגט
און איז פעסט איינגעשלאָפן.

און אויפגעשטאַנען אינדערפרי —
אָ, ווי צו מיינע יאָרן! —
פון גוטן פעטער מיט זיין גאָלד
איז גלייך אַ שטיין געוואָרן״.

דאָס קינד שטעלט אויס די אייגעלעך
פול שרעק און פול סכנות,
און ענדלעך ווײנט עס: מאַמעשי,
דעם פעטער — אַ רחמנות!...

טראָמפּייטן שאַלן

(אינטראָדוקציע צו די מלחמה־לידער
1919—1914)

העי, איך הער טרומפּייטן שאַלן
פון דער וויט:
און פון טויערן דאָס פאַלן —
וואָס באַדייט?
ווערט וואו־וויט אַ פאָלק געבוירן,
גייט וואו־וויט אַ פאָלק פאַרלוירן? — —
העי, ווער רייט?

קומט אַן אָנזאָגער פון לעבן
און באַפרייט פון נויט?
וואָס־זשע ברענען זיינע אויגן
און זיין מאַנטל־רויט!
ווי עס ברומט! —
העי, ווער קומט?

גייט וואָס ווערן אָדער ענדן,
קומט ער בויען צי פאַרלענדן?
קומט ער טרייסטן, אָדער שטראָפן,
קומט ער וועקן, די וואָס שלאָפן
שוין אַ צייט?
ווי עס ברומט!
העי, ווער קומט
פון דער וויט?...

איך בין זיי מקנא

איך בין זיי מקנא, די ברידער
און שוועסטער, אויף יענער זייט ים;
איך בין, ווי אַ בלעטל, וואָס האָט אים
דער ווינט אָפּגעריסן פון שטאָם.

ווי וואָלט איך מיט זיי איצט געוואָנדערט
אין עלנט, אין שרעק און אין נויט;
און טיילן אינאיינעם די טרערן,
און טיילן די שרעקן פון טויט.

איך בין זיי מקנא דאָס ליידן
ווי וואָלט איך מיך גליקלעך געשעצט
צו ווערן מיט זיי גלייך געטריבן,
פון שונא געיאָגט און געהעצט!

ווי וואָלט איך אין וואַנדערער־עדה,
זיך גערן מיט זיי אויסגעמישט,
אין איינעם צום הימל זיך ווענדן,
אין איינעם די טרערן געווישט.

ווי וואָלט איך געאַרעמט די קינדער,
וואָס לויפן די עלטערן נאָך
מיט אויגן פאַרגליווערט פון פחד
און פילן, ווי גרויסע דעם בראָך;

ווי וואָלט איך דורך פעלד זיי געטראָגן,
דורך זומפּיקע וועגן און ליים
און גלעטן די בעקעלעך בלייכע
און טרייסטן: באַלד, באַלד איז די היים...

און פאַלט צו דער אָוונט אין מורא
און וואַנדערן ווייטער איז שפּעט,
דאַן וואָלט איך מיין ראָק אויסגעצויגן,
די קינדער אים אונטערגעבעט.

און וואָלט זיי מיט קושן דערוואַרימט,
און וואָלט זיי מיט טרערן פאַרוויגט,
ביז וואַנען אַ גילדענער חלום
וואָלט ענדלעך די קינדער באַגליקט...

ווי וואָלט איך דערנאָכדעם זיך לאָזן
דורך ווינט, דורך שרעק און דורך נאַכט,
צו זוכן אַ ברונעם, דערקוויקן
די מידע וואָס ליגן פאַרשמאַכט.

ווי וואָלט איך מיט גרייז־גרויע זקנים
וואָס זיצן אין קופּקעלעך שטום.
צערעדט זיך פון צייטן פון אַלטע
און גלויביק געוואָרן און פרום.

איך וואָלט זיי דעם זוהר דערמאָנען
און הייליקע ספרים נאָך פיל,
און וואָלטן אינאיינעם באַשפּראָכן,
אַז אַלץ וואָס קומט פאַר האָט אַ ציל...

די זקנים, די מידע, דערוואַכן,
די אויגן זיך עפענען ברייט
און שמייכלען, ווי יונגע, באַגייסטערט:
משיח משיח — ער גייט!...

ניו יאָרק, 1915.

געדענקען

מיר וועלן געדענקען
מיט צער און מיט קלעמען
— די ברידער און שוועסטער
די הייליקע נעמען.

די טייערע ברידער,
די שוועסטער די שטילע,
אין טעג פון די לידער,
אין טעג פון אַ תפילה...

דעם אָנדענק הויך טראָגן,
אין האַרצן אויף האַלטן;
אין אותיות פון נעמען
דערזען די געשטאַלטן...

איר נאָענטע

איר נאָענטע מיינע אין דער ווייט,
איך טראָג דאָס גליק נאָך אַ געהיימען,
דאָס גליק, וואָס האָט פאַר מיר באַדייט
באַזוכן אייערע נייע היימען.

מיט פרייד געעפנט יעדע טיר,
מיט פרייד באַטראָטן איי׳רע שוועלן;
און האָב ביי יעדן מינדסטן ריר
געזען דעם נייעם טאָג דעם העלן.

איך האָב געזען דאָס ערלעך ברויט,
געגעסן אים מיט אייך אינאיינעם,
און ביי די מאָלצייטן די פרייד,
וואָס דאָ איז ניט באַקאַנט פאַר קיינעם.

איך הער דעם דופט פון אייער שפייז,
ער טראָגט זיך נאָך פאַר מיר אַצינדער,
די ליבע אָוונט־שעה אין קרייז
פון נייעם דור — פון ליבע קינדער.

איך הער דאָס ליד וואָס יעדער זינגט,
איך זע דאָס בוך, ווי ערשט געבלעטערט,
און יעדער טאָן פאַר מיר נאָך קלינגט,
און יעדעס וואָרט פאַר מיר נאָך פלאַטערט.

איר האָט זיך קיינער ניט געקלאָגט
און בלויז דערציילט פון נייעם לעבן,
און יעדער קלאַנג נאָך הויך זיך טראָגט, —
ווי פויגעל אין דער לופטן שוועבן.

דער טאָן אַליין, די נייע רייד,
געקלונגען האָבן מיר ווי לידער,
און איצטער זיינען זיי מיין פרייד,
און אויך מיין בענקשאַפט זען זיך ווידער.

באַגעגנען זיך מיט אייער בליק
און איבעריק איז שוין דאָס פרעגן —
דו ווייסט שוין אויך אַליין דאָס גליק
פון גיין אויף נייע, ווייטע וועגן.

דורות שכנים

. . . עס מישט זיך אַ דור מיט אַ דור
ווי שכנים קומט אויס זיי צו לעבן,
ער דרייט זיך אַ יאָר אין אַ יאָר —
איןביידן דעם פריער׳ס געוועבן . . .

אַמאָל קומט אַרויס ביי זיין קריג,
אַמאָל רופט אַרויס איינער וואונדער;
דער אינגערער שמייכלט פול זיג,
דאָך גייט ער זיין וועג ניט באַזונדער.

אין הויכן, מיט פליגלען פון שטאָל
די לופט־שיף שווימט־אום אין די ווינטן;
אַ פור אין אַ דאָרף, ווי אַמאָל
פאָרט לאַנגזאַם און וויל ניט פאַרשווינדן...

ביים הויז אין פיל שטאָקן געבויט
מיט פענסטער, ווי דאַרשטיקע אויגן —
שטייט אָרים אַ הייזקע, פאַרטרויט,
און וויל פאַר דער צייט זיך ניט בויגן.

ביים רווישיקן שפיל פון דער צייט,
ווען טאַנצן די פידלען באַזיגן
דערהערסטו, ווי ווער ביי דער זייט
ער שפּילט זיי פאַרצייטיקן ניגון . . .

לעבנס-זין

דעם לעבנס־זין?
ניט טראַכט, ניט קלער.
דו ביסט, איך בין —
און וואָס נאָך מער?

אַדורכגעשוועבט —
נאָך וואָס, נאָך ווען?
אַבי געלעבט,
אַבי געוועזן...

דאָס שוואַרצע בוך

איך לעז אַ בוך אַ נייעם,
און עס שרעקט דאָס האַרץ,
ערשט פון דרוק ערשינען,
און דאָס בוך איז שוואַרץ.

שוואַרץ זיינען די טאָוולען,
שוואַרץ איז אויך דער שריפט,
נאָר פון שוואַרצע ווערטער
רויט בלוט — עס טריפט.

איך באַטראַכט דעם שער־בלאַט,
איך באַטראַכט דאָס יאָר:
לעז איך עס אין חלום —
אָדער אויפן וואָר?

איז דאָס די היסטאָריע
פון דער באַרבעריי
אין דעם מיטלאַלטער? —
ניין, דאָס בוך איז ניי.

(אך, דער מיטלאַלטער
ליכטיק האָט געשיינט
אין פאַרגלייך מיט נעכטן,
אין פאַרגלייך מיט היינט!)

ניין, ס׳איז ניט געשיכטע,
דאָס דערווירסט זיך באַלד,
דען די זקנים הענגען
איצטער נאָך אין וואַלד.

ניין. ס׳איז ניט געשיכטע
פון די אַלטע טעג:
ס׳זוכן איצט די קינדער
מוטערס אויפן וועג.

און אויף קעפּ פון ברידער
נאָך דער חלף בליצט:
און געוויין פון שוועסטער
הערן זיי נאָך איצט...

ס׳הערט זיך נאָך דער יאָמער
אויסגעמישט מיט פלוך:
ניין, פון היינט געשריבן
איז דאָס שוואַרצע בוך.

האָב איך אים באַהאַלטן
אין מיין ביבליאָטעק,
האָבן אַלע ביכער
זיך צערוקט פאַר שרעק...

און אפילו יענער
פון די „גזירת־ת״ח״,
האָט מיט אים געשעמט זיך
שטיין דאָרט אין איין פאַך...

ניו־יאָרק, 1915.

אָנהייב פרילינג

אַ ליכטיקער טאָג —
איך האָב אים דערקאָנט;
איך האָב מיך אין טרוים,
אין אַלטן דערמאָנט.

און עפּעס אין קאָפּ
ווערט ליכטיק און ריין,
און עפּעס אין האַרץ
ווערט וואַרעם און שיין.

עס פרעגט מיך איין שטראַל:
געדענקסטו, געדענקסט?
אַ צווייטער שטראַל פרעגט:
צו ביינקסטו, דו ביינקסט?

אַ דריטער שטראַל פרעגט:
צי פילסט נאָך איר גלעט?
און נאָך איינער פרעגט:
צי איז שוין ניט שפּעט?...

אַ, שטראַלן, לאָזט אָפּ —
געוועזן איז עס לאַנג!
אַ, שטראַלן, ניט פרעגט —
עס טוט אַזוי באַנג...

וואַרשע, 1903.

פוילן

(פון אַ פּאָעמע)

ג׳לעבט אין פּוילן פּילע יאָרן,
כאָטש איך בין דאָרט ניט געבאָרן,
נאָר ווי לאַנג דען דויערט דאַן —
פון מיין שטעטל — מיט דער באַן...

פּוילנ׳ס צער אַלס קינד פאַרנומען
סיי פון פרייען, סיי פון פרומען...
אידן האָבן שטיל דערציילט,
אַז דער רוס האָט זי צעטיילט...

ס׳איז געווען ניט איבערטריבן,
דאָך איז וואַרשע גאַנץ געבליבן,
זעט אויס כלומרט׳ש אַן אלמנה,
אָבער אַלץ נאָך אָן סכנה...

אירע גערטנער, פּאַלאַצן,
קעניגס-שלעסער — ווער קען שאַצן?
און אויך גראַפן — פּילע נאָך,
בלויז דאָס אָר׳מע פאָלק אין יאָך...

אויך איר שפּראַך, ווער ס׳קען זי, הערלעך!
פאַר אַ פרעמדן קלינגט עס שווערלעך...
כ׳האָב שוין רעדן באַלד געפּרוּווט,
ווי צו אָטעמען היימישע לופט...

(אין מיין אָר׳מער היים, אין „רייסן"
פלעגט אַ מאַנכער איד באַווייזן
מיט אַ פּריץ, מיט אַ גראַף —
רעדן פּויליש און גאָר שאַרף...)

מער האָב איך געקענט דאָך זיכער,
אירע שרייבער, אירע ביכער...
נאָך אַלס אינגל שוין געהערט
פון מיצקעוויטש, אים פאַרערט...

ווייל שוין פּושקין פלעגט אויך ליבן
אים, מיצקעוויטש, און געשריבן
וועגן אים אַ ליד גאָר לאַנג
מיט דעם רוסיש-זילבער קלאַנג...

און מיצקעוויטש׳עס באַלאַדן
איבערזעצט אין העכסטע גראַדן —
צווייַ פּאָעטן, ווי פאַראייַנט,
און אין רוסיש — ווי באַ׳חנ׳ט!...

שפּעטער שוין — צום גרויסן חידוש,
אויך געלייענט שוין אין אידיש
פון אַ שרייבער, וואָס ער הייסט
שוויענטאָכאָווסקי — דאַן אַ טרייסט...

יאָ, די שרייבער, דעמאָלט בראַווע —
שוויענטאָכאָווסקי שרייבט זיין „חוה"
וועגן אידן אַ דערציילונג,
קעגן שנאה און צעטיילונג...

אויך געהערט: אין „פּאַן טאַדעאוש" —
מאָלט אַ אידן שוין — מיצקעוויטש,
אַנהויב ניינצנטן יאָרהונדערט —
„יאַנקל צימבלער"—שיין, צום וואונדער...

אויך סיענקעוויטש אין זיין גרויסקייט
שרייבט פון אידן און אָן בייזקייט;
און זיין איד „ביי בבל׳ס טייכן" —
וועט ניט האָבן גאָר קיין גלייכן...

אויך די שרייבערין די ליבע,
קאָנאָפּניצקא — אין די טריבע,
אין די פינסטערע פּאָגראָמען
האָט געהייליגט אידנ׳ס נאָמען...

„מענדעל גדאַנסקי" די דערציילונג,
ס׳איז צום צער געווען אַ היילונג...—
הייליק איז איר אנדענק איצט —
מיט איר פּען אויך אונדז געשיצט...

א בילד פון די צענטע יאָרן אין וואַרשע

עס איז אַ קינד, אַ גאָלדנס
און פילט זיך פראַנק און פריי;
און וואָס פאַר דאגות האָט עס דען
אַז יאָר פאַרמאָגט עס דריי.

אַ צרה מיט די שפּראַכן — אײַ,
די שפּראַכן אָן אַ שיעור;
אוי, אַלט איז אונדזער קינד נאָר דריי
און שפּראַכן דאַרף עס פיר . . .

די מאַמע פון אַ רוסיש הויז,
אַ ליטווישע דאָס מיינט —
נו, רעדט זי מיט אים רוסיש בלויז
זי איז אַזוי געוואוינט.

די ניאַניע איז אַ פּוילישע,
ווי קען עס אַנדערש זיין?
נו, שפּרעכט דאָס קינד אַ וואוילישע —
אויף פּויליש, העפלעך, פיין!

די באָבע — סתם א אידישע,
זי רעדט געוויס „זשאַרגאָן";
נו, פּלאַפּלט ס'קינד אויף אידיש אויך,
וואָס קען עס נעבעך טאָן?

דער פעטער איז אַ „ציוניסט"
און האַלט פון אחד־העם,
נו, מוז דאָס קינד כאָטש גריסן זיך
מיט אים אליין: שאַלאָם!

דו, טייער גאָלדן קינד, דו מיינס
אוי, מיר זאָל זיין פאַר דיר
דו מיינסט אַז דו ביזט יוצא שוין
אַליין מיט שפּראַכן פיר?

מען זוכט אַ גוואוערנערין נאָך
אַ וועלכע?... דאָך גענוג...
עס וועט דאָס קינד שוין זיין דערנאָך
ווי טאַטע־מאַמע קלוג...

1910

די ערשטע

(געווידמעט דעם אידישן אַרבעטער־בונד,
צו זיין דרייסיגסטן יובילײ.)

דאָס איז געווען דער אָנהויב־טאָגן
אין אונזער אומעטיקער גאַס;
דאָס האָט דורך גרוי זיך דורכגעשלאָגן
אַ ליכטיקער, אַ העלער פאַס.

אין הייזעלעך, ביי מי געבויגן, —
ביים נאָדל און ביים פּרעס און אָל,
האָט איינער שטיל אַ ליד פאַרצויגן,
אַ צווייטער — מוטיק, אויף אַ קול . . .

אַ ביכעלע האָט זיך באַוויזן
אויף דין פּאַפּיר, מיט אותיות קליין;
נאָר יעדעס וואָרט — אַ וואָרט פון ריזן,
וואָס רופט און מונטערט וייט צו גיין . . .

דער מידער מענטש אין נויט געפאַנגען
האָט אויפגעוואַכט, האָט אויפגעשיינט;
דעם רוף דערהערט, מיט פרייד ·געגאַנגען
אַהין, וואו ס'רופן אים די פריינט.

מיט וואָרט און ליד אין אייג'נעם לשון,
וואָס האָט אין צוואַנג און נויט געשטומט,
האָט ווי אַ קוואַל וואָס איז פאַרשלאָסן —
זיך אויפגעעפנט און צעברומט.

עס האָבן זיך צעשאַלט די לידער,
עס האָט צעוויקלט זיך די פאָן,
און פון די הייזער — פון דער נידער
די מחנות שטייגן, קומען־אָן . . .

פון אַלע שטעט, אין אַלע לענדער
פון גאָרער וועלט אַרום און רונד —
עס קלינגט נאָך איצט, ווען וועלט
זיך ענדערט,
דער נאָמען און דאָס ליד פון „בונד".

אויף פוילנס טייך ווייקסל...

אויף פוילנס טייך ווייקסל... מיר זיינען געזעסן
ביים זאַמדיקן ברעג:
מיט ליפּן פאַרשמאַכטע, און טרינקען און עסן —
געררוט פונם וועג.

עס זיינען געקומען אַנטקעגן די פּוילן
און האָבן געלאַכט:
מה יפית צו זינגען אונדז שפּאָטיש באַפוילן
און חוזק געמאַכט.

פון קעלט האָבן אונדזערע זויגלינגס געציטערט
און האָבן געוויינט...
נאָר מיר זיינען שווייגענד געזעסן פאַרביטערט,
די הערצער פאַרשטיינט.

מיר האָבן אין האַרץ בלויז אַ שבועה געגעבן,
געהויבן די האַנט,
צו פאָדערן חשבון פאַר איטלעכן לעבן
פון שכנישן לאַנד...

ניו־יאָרק, 1914.

אַ וואָרט...

קינדער, הערט, עס קומט אַ צייט
און אַ וואונדער וועט פּאַסירן:
ווערטער וועלן דעם באַדייט
פאַר דעם יונגן דור פאַרלירן.

ווערטער שווערע האָט פאַרווישט
נייע צייט מיט אירע שטראָמען;
קינדער הערן זיי מער נישט,
גרויסע קענען קוים דערמאָנען...

אין אַ בוך, אַמאָל אַ קינד,
וועט אַ וואָרט אַזאַ געפינען:
„אָרימקייט" — פון היינט די זינד
וועט ניט האָבן דאַן קיין זינען...

בעטן וועט דאָס קינד: „דערקלער,
לערער, מיר דעם וואָרט, דעם שווערן";
וועט דער לערער טראַכטן שווער,
און ניט קענען גלייך דערקלערן.

וועט דער לערער, ווי געקלעמט,
מורמלען, ווי אַ סוד באַהאַלט ער;
און וועט ענטפערן פאַרשעמט:
„אָרימקייט" — אַ וואָרט אַן אַלטער...

און דערציילן פון „געוועזן"
און פון אַלע יענע זאַכן,
וועלן קינדער ערשט דערוזען —
מאַנכע וויינען, מאַנכע לאַכן...

עלפטער בוך

אידיליעס און באַלאַדן

היימישע וועגן

עס האָבן געדרייט זיך די וועגן,
סוף־גאַס — גיי אַהין, גיי אַהער;
אין סוד יעדער וועג איז געלעגן
און טרעפן וואו גליק איז דאָך שווער.

דאָ רעכטס שטייט דער וואַלד אויף פול סודות,
דאָרט לינקס איז דער וועג צו דער מיל;
פאָרויס שטייט דער באַרג ווי אַן עדות,
וואָס ווייסט און וואָס הערט אַזוי פיל.

און ווייטער שוין פירט צו אַ ישוב,
אין קרעטשמע אַ מיידל דאָרט זיצט:
ווער ווייסט, וועלכער גליק, ווי אַ כישוף—
פאַסירט ווען דו גייסט אַהין איצט.

און ווייטער שוין — פעלדער מיט זאַנגען,
דו גייסט ווי דורך גאָלדענע ווענט;
און וואָלסט נאָך געגאַנגען, געגאַנגען
אין ווייטקייט — פון קיינעם דערקענט.

און אפשר צום פּאַלאַץ צום רייכן,
וואו קיינער דערגאַנגען נאָך ניט;
צו וועלכן נישטאָ גאָר קיין גלייכן
צו אוצרות — פון וועכטער געהיט...

שבת בייטאָג

אומעטיקע שטראַלן, בלייכע
אויף די גאַסן, אויף די שטיבער,
און אַ ניגון ווי פון איכה
טראָגט זיך וואו־ניט־וואו אַריבער...

ס'לייענען די ליבע מאַמעס
אין דעם אַלטן „צאינה וראינה"...
ס'איז דאָך אַ דערקוויקונג ממש
און ווי היינט — דאָס לאַנג געשעענע...

ס'איז אויף עברי־טייטש, אויף אידיש,
יעדער וואָרט אַזוי פאַרשטענדלעך,
אָנפאַנגס איז אַ וואָרט צום חידוש,
אָבער מען פאַרשטייט עס ענדלעך...

די הפטורה, נאָך דער סדרה;
דאָס איז דאָך שוין שווער, אַ מוראַ,
פון נביאים — ווייסט עס יעדערע,
און דאָס קומט שוין נאָך דער תורה...

„זינג און פריי זיך שטאָט דו, ציון"
איך וועל קומען ביי די זיגן —
און ווי ליב עס איז צו לייענען,
מעג נאָך טרויעריק זיין דער ניגון.

ס'וועלן זיין הפטורות פילע,
טרייסט דערביי זיך יעדע מאַמע
און הפטורות נאָך אפילו
פריידיקע — ווי „נחמו עמי"...

די היים פון דער ווייט

דו װענדסט דײן בליק געהײם —
דײן בליק איז העל געװאָרן ;
דערזעסט די ליבע הײם ;
װי אין די קינדער־יאָרן...

די הײזער, װאָס געקענט
פון זײ אַ יעדן בױער ;
װאָס האָט פאַר נײַע װענט
געלײגט דעם מאָך צום דױער.

דו זעסט דײן פאָטער׳ס הױז,
די פענסטער בײ די זײַטן :
דורך זײ געקוקט פאַרױס
צום װאַלד, צו פעלד, צו װײַטן...

דעם ברונעם מיט דעם ראָד,
די ברונעמס מיט די שטאַנגען,
און װאו אין הױף אַ סאָד —
די פּירות צו דערלאַנגען...

אינדערהיים...

(פאַנטאַזיע)

אינדערהײם אין אָװנט —
הימל אױסגעשטערנט ;
װערט דער הימל נאָענט,
װי דער תנא לערנט...

אַז דעם הימל׳ס שטעגן
װײסט ער כדבעי,
װי די גאַסן, װעגן,
פון זײן שטאָט נהרדאָע.

איך בין ניט דערגאַנגען
נאָך דעם גאַנג פון שטערן,
אָבער װײטסטע קלאַנגען
פלעג איך אױך דערהערן...

קלאַנגען פון די טיפן,
קלאַנגען פון די הױכן
האָב איך דאַן באַגריפן,
פלעג דעם זין דערגרײכן...

פון הײמישן ברונעם...

קומט צום ברונעם שטיל אַ מײדל
שעפּט־אָן װאַסער מיטן בליק,
נעמט דערנאָך איר עמער אײדל
און זי לאָזט זיך גײן צוריק.

בלײַבט ער שטײן מיט איר און דינגט זיך,
און זי ענטפערט קלוג אים אָפּ,
און דער עמער־װאַסער זינגט זיך,
שפּיגלט בײדנס שמײכלס אָפּ...

גײט־זיך, חנ׳ט־זיך, ניט קײן מי דאָך,
ס׳איז דער עמער ניט קײן לאַסט ;
און מען רעדט איר שױן אַ שידוך —
און װער װײסט נאָך, צי ער פּאַסט...

און עס דאַכט זיך : האָסט פאַרנומען
װי אַן עכאָ, אומבאַטריבט :
יעקב איז דאָ אָנגעקומען
און אין רחלען זיך פאַרליבט.

קומט אַ שכנס יונג אַנטקעגן...
װיל איר העלפן : „גיב אַהער !“
זאָגט זי אָפּ, פון שײנקײטס־װעגן,
און זי שמײכלט : ס׳איז ניט שװער...

און װיבאַלד אַז זיך פאַרליבן,
איז נדן שױן קײן פאַרלאַנג ;
ניט נאָר דינען יאָרן זיבן —
ער װעט דינען יאָרן־לאַנג...

דאָס הייזעלע

ס'איז געווען אַ הייזעלע
נידעריק און קליין;
דאָך פֿאַרמאָגט דאָס הייזעלע
האָט אַזוי פֿיל חן.
ס'האָט געדאַכט זיך, אַז עס לעבט,
רעדן אויך געקאָנט...
נאָר געשוויגן אַלע מאָל,
קיין זאַך ניט געמאָנט!
ס'דאַרף אַ הוט דאָס הייזעלע:
ס'דאַרף אַ נייעם דאַך,
ווייסט עס אָבער, ס'איז ניטאָ
שווייגט עס, ווי קיין זאַך!
גיסט דער רעגן, ליידט עס שטיל,
ס'הייזעלע איז קלוג...
שטעלט מען אויפֿן בוידעם אַן
עמערס, טעפּ גענוג...
אויך די פֿענצטערלעך צום גאַס,
פֿונקט ווי אויגן צוויי,
קוקן אַלט און מאַנכע שויב
פֿעלט שוין לאַנג אין זיי;
שויבן פֿעלן און עס דאַכט,
ס'הייזעלע איז בלינד,
קלעפּט מען מיט פּאַפּיר זיי אויס,
שפּילט מיט זיי דער ווינד.
שוואַך איז אויך אַ מאַנכע וואַנט,
שוואַך איז אויך דער גרונט,
שיט מען זיי מיט פּריזבעס אָן,
ווערט'ס צוריק געזונט.
און עס לאַכט דאָס שטיבעלע,
ווייס פֿון עלטער ניט,
און פֿון שטאַרבן טראַכט עס ניט —
שטאַרבן — גאָט באַהיט!
פֿרילינג קומט — דאָס הייזעלע
ווערט ווי יונג צוריק;
ס'קומט אַ פֿויגל פֿון דער ווייט,
פּייפֿט: טשיריק, טשיריק!
און דאָס הייזעלע עס קוועלט,
נעמט אים פֿריינטלעך אויף —
אויפֿן דעכל אויפֿן שפּיץ
זעצט ער זיך אַרויף...
און ער זינגט איר לידעלעך
פֿון דער ווייטער וועלט
און דאָס הייזעלע הערט אויס
און דאָס הייזל קוועלט...

דער וואַנדרער

איין שטוב אויף אַ בערגל געשטאַנען,
אַ צווייטע דערביי אָנגעבויגן;
וואו האָט זיך גענומען — פֿון וואַנען
די שיינקייט, וואָס שוועבט פֿאַר די אויגן.

פֿאַרגעסן פּאַלאַצן די שענסטע,
וואָס דו האָסט געזען אין דיין וואַנדער,
און הייזער פֿון דאָרטן די קלענסטע
דו שיידסט זיך מיט זיי ניט פֿונאַנדער.

אויף שיפֿן די ימים געשניטן —
פֿאַרגעסן שוין שטורעמס, געוויטער;
דאָס טייכל אין שטעטל אין מיטן
דערמאָנסטו מיט הייליקן ציטער...

פֿיל בוימער געזען ביי די וועגן,
פֿיל האָבן שוין ווינטן צעבראָכן,—
פֿאַר דיר שטייט נאָך איצטער אַנטקעגן
דער בוים ביי דעם גוי, ביי דעם שכן...

פֿיל לידער געהערט האָסטו זינגען,
און פֿילע שוין זיינען אַנטשוויגן;
פֿאַרוואָס הערט ניט אויף קיינמאָל קלינגען
און זינגען דער היימיקער ניגון?

די היימען

(וואַריאַנט)

איך געדענק די היימען —
דירה׳ס — קליינע שטיבער;
בלויז די שול איז גרעסער,
און דער שול־הויף ליבער.

צווישן קליינע הייזער —
ברייטע, פרייע הויפן;
רוישיק, נאָך אַ רעגן
פלעגן שטראָמען לויפן...

און אין גאַס ביים בערגל
פלעגט אַ טייכל ווערן,
פלעגן דאָרט אין אָונט
שפּיגלען זיך די שטערן...

און בייטאָג די אינגלעך,
פריי פון חדר — שטיפן;
און אויף רעגן־טייכל
געלאָזט די שיפן;

שיפן פון פּאַפּירן,
שפּילצייג ווי פון גרייטן,
זיינען זיי געשוואומען
ביז אַ הויף אַ צווייטן.

שפּעטער שוין די אינגלעך —
יונגע לייט געוואָרן,
זיינען זיי שוין ממש
איבער׳ן ים געפאָרן;

און אויף שיפן גרויסע,
וואָכן נאָכאַנאַנדער,
האָבן זיי געוואַנדערט
צו אַ לאַנד אַן אַנדער.

און דערנאָך, אין שפּעטער,
ביי דער מי געזעסן,
פון דער היים די שפּילכלעך
קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

דער אויוון

שטייט אין שטוב אַ גרויסער אויוון,
ווי ער וואָלט זיך וועלן רייצן...
און די אָרעמע באַלעבאָסטע
האָלט אים שטענדיק אין איין הייצן...

ס׳איז אַן אַלטער בייזער אויוון,
קוקט אַזוי מיט צער און רוגז;
ס׳וויל אויך נאָפט אין אים ניט ברענען,
תמיד שטייט ער קאַלט און ברוגז.

צענדליק שוועבעלעך אויסגעריבן,
אָנגעלעגט די בעסטע „קאָרע“ —
ער פאַרלעשט אַלץ מיט זיין אָטעם,
ווי געשאָדט וואָלט אים עין־הרע...

און עס העלפן אים קיין סגולות:
ס׳שפּאַרט דער רויך אַלץ אומגעהייער...
און די אָר׳מע פרוי — זי שטיקט זיך,
און עס זעט זיך קיין פונק פייער...

הויבט זי אָן דעם מוליער שעלטן —
(יענער איז שוין לאַנג געשטאָרבן!...)
טראָגט זיך אָן דער מאַן פון דאַוונען,
פאַלט ער גלייך איר פאַר אַ קרבן...

לויפט ער ווידער אין בית־מדרש,
דאָרט איז רוהיק, דאָרט איז וואַרעם —
כאַפּן צו זיין טייל די קינדער,
און זי וויסט ניט פון דערבאַרם...

און דאָס האָלץ וויל אַלץ ניט ברענען,
ביי דער אָרעמער מידער מאַמען,
דאָך אין האַרצן ברענט אַ פייער,
אַזש די בלייכע באַקן פלאַמען...

אַ שטעטל

דער מאַרק און די קרעטשמע, פאַר אורחים אַ גרייטע,
די הייזער און הייזעלעך, אָרעם באַצירט;
די געסלעך די שמאָלע, די גאַסן די ברייטע,
די שול, וואו מיר האָבן אַליין זיך רעגירט.

דער סטאָליער אין הויפל, מיט הובעל וואָס פינקלט;
דער שניידער אין שטיבל — מיט אייזן און שער...
דער שוסטער מיט דראַטווע און אָל — אין זיין ווינקל,
ווער קען זי פאַרגעסן פון "עמך" די פער?...

דער שמיד אין דער קוזניע ביים טייכל דעם שטילן,
דער בלאָז־זאַק, די פונקען, דער אייזן וואָס שאַפט;
די אינגלעך, סוף־זמן, וואָס זיי פלעגן דאָ שפילן
און קוקן אויף שוועביגע פונקען — פאַרגאַפט...

די ווינט־מיל ביים בערגל וואָס פלעגט פאַר אונז מאָלן
אויף ברויט און אויף חלה דעם קאָרן און ווייץ;
דער פויער, וואָס פלעגט אונז — דורך בערגלעך און טאָלן —
פון וועלדעלע פירן דאָס האָלץ פול מיט רייץ...

מיר שוועבט

מיר שוועבט פאַר די אויגן פון היים די געזיכטער,
מיט וועלכע איך האָב זיך געשיידט.
די בליקן, וואָס האָבן אין הארצן געדרונגען,
די ווערטער וואָס האָבן ווי לידער געקלונגען,
און האָבן אין האַרץ מיך די בענקשאַפט פאַרזייט.

נו, האָט זיך צעוואַקסן די בענקשאַפט אין האַרצן:
דער באָדן קען בעסער ניט זיין;
עס ווערט דאָרט פון טרערן דערשטיקטע באַפייכטעט,
פון שטראַלן פון ליבע דערוואַרעמט, באַלייכטעט,
און ס'קומט ניט קיין פרעמדער אַריין.

נאָך איצטער

...נאָך איצטער, נאָך דעם פליען, לויפן, יאָגן —
ווי פאַר אַ מענטשן אַ מאָדערנעם פאַסט,
פאַרבענקסטו זיך אַמאָל נאָך ליבן פערד־און־וואָגן
צו פאָרן אָפּרוען אין דאָרף, צי סתם צו גאַסט.

דער וואָגן איז געבעט מיט פרישן היי פון שייער
און דו דערקוויקסט זיך שוין מיט לופט פון פעלד און זאַנג;
דער באַלעגאָלע, ווי אַ שכן דיינער, אַ געטרייער,
ער גיט דיר פּלאַץ אין וואָגן — וואו ס׳איז דיין פאַרלאַנג.

דער באַלעגאָלע נעמט אין ביידע הענט די לייצן;
די בייטש זי שטאַרט אַרויס פון קעלנע, ווי אַ פאָן;
און הײַדאַ, צווישן פעלד פון קאָרן און פון ווייצן,
און ביי אַ קלאָרן טייך ער טרינקט זיין פערדל אָן...

דער באַלעגאָלע יאָגט ניט, האַלט־איין, ווען באַרג־אַרונטער,
דעם פערד ער היט, און ס׳איז דער וועג דאָך שיין...
און מיט אַ ניגונ׳דל, וואָס איז אי טרויעריק, אי מונטער,
ער זינגט צו אונז, צום פערד און אויך צו זיך אַליין.

און אָט אַ קרעטשמע שוין... מען שטייגט אַראָפּ פון וואָגן;
דער קרעטשמער קומט אַרויס: ס׳איז ערשט אַזייגער צוויי
דער טאָג איז שיין, ניטאָ זיך וואָס צו יאָגן —
(דער באַלעגאָלע גרייט שוין פאַר דעם פערד דאָס בינטל היי...)

מען גייט אַריין דערנאָך אין קרעטשמע דער באַקאַנטער,
אַ דעמבענע, און אַלץ איז ווי פון דעמבע־האָלץ געמאַכט...
דער טיש — אין מיט — אַ ברייטער, און פיר־קאַנטיק,
כאָטש זיץ און פראַוועט אייך אַ סעודה ביז אין נאַכט.

ס׳איז דאָ אין קרעטשמע, גאָט צו דאַנק, פון אַלעם־בעסטן,
פון גאָמעלקעס, געטריקנט אויף דער זון, ביים דאַך, ביים ראַנד;
און צוואָרעך, ערשט פון זויער־מילך — געפּרעסטן,
ביז פּוטער פריש, ערשט אויסגעשלאָגן פון דער שמאַנט.

און אויך קאַרטאָפל ניי — ערשט „אָפּגעזאַייט" — אין שיסל
און ברויט אַליין געבאַקט, מיט טשערניטשקע באַשפּריצט,
און פאַר דעם באַלעגאָלע, צי ווער עס וויל אַ ביסל —
פון גוטן שנאַפּס „כאָטש ס׳איז פאַרבאָטן איצט".

פאַרברענגט מען אין דער קרעטשמע, ווי אין וואונדער;
עס איז אַ שטילע פרייד, געמישט מיט זאָרג און צער;
ווי דור נאָך דור וואָלט דאָ פאַרבייגעשוועבט באַזונדער,
מיט יעדן גראַף, און פירשט, און איד זיין אַרענדאַר...

די ווינט-מיל

אַך, וואו איז די ווינט־מיל פון צייטן פון אַלטע,
פון גוטע, אַמאָליקע יאָרן,
וואָס האָט אַזוי פריינטלעך געגריסט מיט די פליגלען,
בשעת מ׳איז פאַרביי איר געפאָרן!

אַ זאַמדיקער וועג און דער שטויב שטייט אין זיילן,
די זון שטייט אין הימל אין טיפן,
דאָס פערדעלע לויפט זיך און שפּרינגט און טאַנצט־אונטער
אַזוי ווי געוואָלט וואָלט ער שטיפן!

דערזעסטו די ווינט־מיל אין פעלד פון דער ווייטן,
אַן איינזאַמע, הויכע און טריבע;
זי גריסט דיך מיט ווײ און עס דאַכט זיך זי בעט זיך
אַ ביסעלע פריינטשאַפט און ליבע . . .

אַליין נעבעך שטייט זי, אָן בוימער, אָן שאָטן,
אַליין אין דעם פעלד אין דעם שטילן.
אַך, וואָלט דאָך איר חבר, דער ווינט, איצט געקומען
מיט איר זיך אַביסל צו שפּילן!

אַך, האָט זי געבענקט נאָכ׳ן ווינט, נאָכן גוטן,
וואָס זאָל אַביסל דערפרייען,
ער זאָל אירע פליגל, די עלנדע פליגל
אומאַרמען, זיי זאָלן זיך דרייען.

און זאָל זי אומשטאַנד זיין דאָס מעסטעלע קאָרן
צעמאָלן פאַרן אָרימען פויער . . .
און פלעגט אַמאָל לענגער דער ווינט זיך פאַרזאַמען
אין ווינט־מיל געשטאַנען פול — טרויער . . .

הינטער דעם הויז

הינטער דעם הויז פון מיין זיידן
האָבן זיך וועגן געצויגן.
קינדערשע גליקן און פריידן
שוועבן מיר דורך פאַר די אויגן.

פעלדער מיט ווייץ און מיט קאָרן
האָבן געפינקלט פון ווייטן,
בוימער געפלאַנצטע זייט יאָרן
האָבן געוואַקסט ביי די זייטן.

און נאָך די פעלדער אַרונטער
איז זיך — זיין הויז אין גרינסן געשטאַנען
איז מיר געוועזן אַ וואונדער,
כ׳האָב ניט געוואוסט גאָר פון וואַנען.

שטיל איז דער דרויסן געלעגן
פונקט ווי אין דרימל אין זיסן,
פאָרט דורך אַ פויער פון וועגן —
פלעגט אים דער זיידע באַגריסן.

פלעגט ער אים פרעגן: וואָס האָט איר?
רופט ער אים הויך אויס זיין סחורה:
פרעגט אויך דעם זיידן: וואָס באָט איר
ענטפערט דער זיידע אָן מורא.

צייטן געווען זיינען שטילע,
יעדער האָט גוט זיך פאַרטראָגן:
יאַנעק דער גזלן אפילו
האָט זיך דאַן קיינמאָל געשלאָגן.

מאַרפאַ, די שכנה, די גויה,
אידיש געקענט האָט זי ריידן, —
שטיל און פאַרשעמט, מיט הכנעה,
פלעגט זי אַריין צו מיין זיידן.

איז עס אום שבת געפאַלן,
האָט מען איר חלה געגעבן;
פלעגט זיך איר פנים צעשטראַלן,
ווינטשן אונדז: לאַנג זאָלט איר לעבן.

פלעג איך מיר שטיין און באַטראַכטן:
מאָדנע! אַ גויה עסט חלה...
און עס פלעגט נאָכדעם מיר דאַכטן,
מענטשן דאָך זיינען מיר אַלע...

אַ פויער אין שטעטל

אַ פויער קומט צו רייטן
פון דערפעלע ניט ווייטן;
קומט צו דער קוזניע צו
און שטייגט אַראָפּ מיט רו;

ס׳איז זומער, זייגער צוועלף,
ער גריסט, ער ווינטשט: גאָט־העלף!
און באַלד ער זאָגט צום אידן:
איך דאַרף דאָס פערדל שמידן.

באַטראַכט דער איד דאָס פערדל,
און טוט אַ גלעט דאָס בערדל,
טו אויך אַ גלעט, באַדאַכט,
דאָס פערד, וואָס שטייט פאַרטראַכט;

דאָס פערד, עס טראַכט און קלערט:
וואָס איז אים דאָ באַשערט?...
ער פילט, מען מעג געטרויען
און הייבט צום שמיד די קלויען...

דער שמיד האָט ליב זיין מלאכה:
ס׳איז פייער, פונק און ברכה;
און אַרבייט ס׳רוב פאַר פעלד,
וואָס שפייזט די גאַנצע וועלט.

דער בוים ביים זיידנס הויז...

1.

ביי מיין זיידענ׳ס הויז דער בוים,
פול מיט לידער—אין די צווייגען;
לידער, מעשה׳לעך, פול טרוים
ביז די וואָלקן הויך זיי שטייגן.
און פון יעדן בלאַט אַ ריר,
קלינגט אַ מעשה׳לע, אַ שיר.

2.

ניט קיין פרוכטן וואַקסט דערויף;
ניט קיין עפּל־בוים געוועזן:
ביי דעם שכן, טיף אין הויף,
עפּל־בוימער צו געפֿענזן...
רוישט דער ווינט אין דרויסן באַנג,
ווערט דעם זיידענ׳ס בוים געזאַנג.

3.

רייסטו דעמאָלט לידער אָן,
טראָגסט זיי וועיט, אַ מידער;
קומסטו אין דער פרעמד שוין אָן —
וועקן זיך די לידער.
גייט דאָס ליד פון הויז צו הויז —
טראָגן זיך צום פאָלק אַרויס.

4.

ווען דו קומסט אַצינד אַהין,
צו דעם זיידענ׳ס בוים צוריק —
וויפיל לידער, פול מיט זין,
פול מיט גלויבן, פול מיט גליק!
און דו רייסט זיי פריש פון בוים,
ווי אַמאָל אין יוגענט׳ס טרוים!...

די פענצטער

איר פענצטער מיינע, ליבע,
פון אונדזער אַלטן הויז.
ווי וואָלט איך וועלן וויסן
ווי זעט איר איצטער אויס.

איר האָט אויף אונדזער וועלטל
געקוקט, ווי פון דער הויך,
אויף גייער און אויף פאָרער,
אויף קליינע קינדער אויך.

און אַלע גוטע שכנים
(וועל איך זיי זען צוריק?)
פלעגט איר, ווי פריינט, באַוואַכן
מיט אייער ליבן בליק.

עס האָט מיין יונגע שוועסטער,
ווען ס׳האָט איר וואָס געדריקט,
דורך אייערע קליינע שויבן
אין גאַס אַרויסגעבליקט...

עס האָט מיין גוטע מוטער
מיט ליידענדן געזיכט,
דורך אייך באַטראַכט דעם הימעל
צי דאַרף מען בענטשן ליכט...

עס האָט צו אייך מיין פאָטער
געטאָן זיך אָפט אַ וואָרף,
ווען ס׳האָט געדאַכט: אַ פויער
פירט תבואה פונם דאָרף...

איר פענצטער מיינע, ליבע
פון אונדזער אַלטן הויז —
צי זענט איר גאַנץ געבליבן —
ווער קוקט דורך אייך אַרויס?...

מיר שטעלט זיך פאַר

. . . מיר שטעלט זיך פאַר אַ ווייטער פּאַס,
מיר שטעלט זיך פאַר מיין זיידנס גאַס...
די לעצטע הויז און ס'ציט דער טראַקט
און בוימער רוישן ווי צום טאַקט.

ס'איז אלול־צייט, דאָך גייט אַלץ אָן,
גליך ווי אַן אויסגעשטעלטער קאָן...
עס האָוון שכנים אום אויף ערד,
אַ פורמאַן טרייבט געניט זיין פערד.

אַ באַלעגאָלע — אין כרך ער פאָרט
צו ברענגען סחורות — יעדער סאָרט.
ער ברענגט אַהער, ער פירט אַהין,
זיין רייזע האָט אַ טיפן זין.

און ווער עס גייט און פאָרט פאַרביי —
מיין זיידנס בליק ער בלייבט געטריי;
מיין זיידע איז אַן אַלטער איד
נאָר איידל־הויך, מיט פריי געמיט.

די אויגן בלוי, דער בליק איז העל,
ער שטעלט זיך ביי זיין שטוב, ביים שוועל
און ווער עס גייט צי פאָרט פאַרביי,
ער קוקט אים אָן, מיין זיידע, פריי.

און ליבלעך אויך און מיט פאַרנעם,
דער זיידע האָט זיין גוטן שם . . .
ווער רעדט עק־גאַס, כמעט אַ דאָרף,
אַ שטוב וואו טוסט דיין בליק אַ וואָרף . . .

אנופרי דאָ, אַנטאָליע דאָרט,
יאָ — איד און גוי און שכנים פאָרט.
דעם זיידנס גאָרטן, פעלד — סוף גאַס,
זיך גרעניצט בלויז מיט שמאָלן פּאַס.

און איך, אַ אינגעלע, גאָר קליין,
דאָך קום איך שוין עק־גאַס אַליין;
ווי באַלד שוין סוף הזמן, איז פאַסט —
בין איך שוין דאָ אַן אָפּטער גאַסט . . .

ס'איז פעלד און טראַקט און וואַלד אַרום,
און דו אַ אינגעלע נאָך פרום,
און ווייסט וואָס הייסט די אלול צייט,
דאָך זיך געפילט אַז ביזט באַפרייט . . .

יום־טובים

מיר האָבן צופיל די יום־טובים —
אַזוי זאָגט אַ וואָכיקער מענטש;
איך האָב אים געענטפערט באַשיידן:
דעם טאָג פון אַ פייערונג — בענטש.

אַ יום־טוב פאַר אַ מענטש איז דאָס לעבן,
ווען מענטש וואָלט אַליין ניט געשטערט;
דאָס איז אַ דערהויבונג, אַ שוועבן
אַריבער דער גרוי פון דער ערד.

איך זע די נאַטור אַליין פייערט
פון יאָר אַלע צייטן די פיר;
די פרילינגס, די זומערס, די האַרבסטן —
אויך ווינטער איז יום־טוב ביי איר.

דאָס נאָענטע

דאָס נאָנטע איז מיר פרעמד,
דאָס פרעמדע איז מיר נאָנט;
וואָס איך האָב ניט געקענט,
דאָס רופט און רעדט און מאָנט...

און וואו איך בין שוין לאַנג,
איז ווייט אַזוי און באַנג;
און וואו איך בין נאָך ניט,
דאָרט לעב איך שוין פון לאַנג...

דער פּאַקנטרעגער

... זיצט דער אָרעמער בעל־מלאכה
ביי זיין וואַרשטאַט, אין זיין דירה
עפּעס פעלט דאָס מזל־ברכה —
כאָטש מען זינגט דער אַרבעט שירה...

לויטער זאָרג און לויטער צאָרן,
זעלטן ווייב, צי קינד געצערטלט;
זיך געקריגט אין שווערע יאָרן,
צי מיט בייזקייט זיך געווערטלט.

קומט אַריין אַ שכנה, אָרעם,
רופט ער ציפּע'ן — זי זאָל זאָרגן.
קומט אַמאָל אַ מוכר־ספרים
גיט ער אים אָפּ דעם „גוט־מאָרגן".

לייגט שוין פאַר דער פּאַקנטרעגער —
איר אַ תחינה, אים אַ סידור
און ער קוקט זיך אום צי מעג ער
פאַרלייגן זיי נייע לידער...

אפשר שלום־עליכמ'ס ביליק: —
„פעקלעך", „דער פריזיוו", „גימנאַזיע".
ווערט דער בעל־מלאכה וויליק:
דאָס איז ממש עולם־הזה...

ער האָט שוין געהערט זיי לעזן,
און זיין פּנים הויבט אָן שטראַלן:
„אַך,עס איז אַ פריד געוועזן —
יאָ, אויף דעם בין איך אַ בעלן...

ניט קיין למדן, אָבער אידיש
קען ער לייענען, ווי אין סידור,
ער פאַרמאָגט שוין, ווי צום חידוש,
שמ"ר'ס ביכלעך, צונזער'ס לידער...

און דער בעל־מלאכה נעמט זיך
באַלד דעם ערשטן בלאַט שטודירן;
וויל ער לאַכן, נאָר ער שעמט זיך
ווען נאָך אָפן ביידע טירן...

און פון גרויס התפעלות קומען
אים אין ד'אויגן אַזש די טרערן;
רופט ער ציפּע'ן — ז'איז פאַרנומען —
זאָל זי אויך די מעשה הערן.

זי קען אויך זיך ניט באַהערשן,
און אויף אירע ליפּן בלייבע
רוט אַ פרומער שמייכל מערסטן
פון דער פרייד, וואָס זי איז זוכה...

פון גרונט

וואַסער פון דעם ברונעמ'ס גרונט —
שעפּן איז געווען אַ פרייד;
עמער מיט'ן שטאַנג אין בונד
און דאָס וואַסער איז שוין גרייט.

ביז דער עמער גרייכט אַריין,
בויג־זיך־צו און טו אַ בליק;
וואַסער שפּילט אין בלויען שיין,
ווען דער עמער קומט צוריק.

טרעפט אַ ברונעם, וואָס איז ניי —
פאָרט דער עמער אויף אַ ראָד;
לאָז זיך עמערל געטריי
וואו ס'איז טיף און לויטער סוד.

פאָרט דער עמער באַלד צוריק
און ער קומט אַ פולער אָן;
טראָגסטו אים — צו פרייד און גליק,
וועמען דו באַגעגנסט־אָן.

יעדן, וואָס דו טרעפסט אין גאַנג,
ווי דו וואָלסט געבענטשט דערמיט;
שכן, שכנה — זאָגט אַ דאַנק
און עס זינגט אין האַרץ אַ ליד...

שבת אָוונט

שבת אָוונט, חצי חודש —
די לבנה אַ פאַרצירטע
בלאַנדזשעט אום אין מיטן הימעל,
ווי אַ מיידל אַ פאַרפירטע.

שפּעט... דאָך ביילקע קען ניט שלאָפן,
ווי אַ טורמע איז דאָס בעטל,
און דערצו נאָך הערט זי שפּילן —
ס׳איז אַ חתונה אין שטעטל.

ווי די פידעלע צעגיסט זיך,
דרינגט אין שטוב דורך לאָדן־שפּאַלטן;
ווי די טענער רופן, ציען
און זי קען עס ניט אויסהאַלטן...

ס׳איז דאָס לעבן גראָ — אָן אומעט!
און אַ שמחה אַזוי זעלטן;
און די פידעלע דערציילט איר
פון גאָר אַנדערע ווייטע וועלטן.

שטיל אין שטיבל, אַלע שלאָפן;
קיינעם קען די פידל שטערן,
אויסער ביילקע׳ן וויכט דער חלום —
און די פידל וועקט באַגערן...

וואַרפט פון זיך אַראָפּ די קאָלדרע
און צעשפּרייט די הענט, ווי פליגלען;
זי וואָלט ערגעץ איצט געפלויגן;
נאָר די טיר איז פעסט אויף ריגלען...

ניו־יאָרק, 1917.

הבדלה

שבת האָט מען גוט פאַרבראַכט
מיט פיל פאַרגעניגן,
און דער איד הבדלה מאַכט
מיט אַ שטילן־ניגון.

עפּעס הערט זיך אין דעם ליד
בענקשאַפט, אַנגסט און טרויער:
עפּעס ווערט גאָר באַלד דער איד
פינצטערער און גראָער.

וואָס־זשע איז מיט דיר דער־מעהר,
לידעלע, ערקלער מיר,
רופסט אַרויס פון אויג אַ טרער,
אויפן האַרץ ווערט שווער מיר.

— איך „הבדלה״, זאָג באַלד אָן:
ס׳קומט דער גוטער מאָרגן,
גרייט זיך, אָרמער, גרייט זיך אָן,
האַנדלען, יאָגן, באָרגען.

טרייב אַרויס דעם „פּרינץ״ פון זיך —
דאַרפסט זיך שוין פאַרוואַנדלען
אין אַ „הונט״ — אַך, לויף זשע גיך
האַנדלען, האַנדלען, האַנדלען!

נאָר דער פּרינץ, ער יאָמערט שטיל:
כ׳וויל אין רו נאָך ליגן!
און דעריבער קלינגען פיל
קרעכצן אין דעם ניגון...

קוידאַנאָוו, 1892.

פון דער חרובער היים

קומט אַ מענטש אַצונדער —
קומט פון ׳יענע לענדער,
איז ער לויטער וואונדער,
איז ער לויטער ענדער.

הויבן מיר אָן פרעגן
ווי ס׳איז אים געגאַנגען,
ווען אויף פילע וועגן
האָט מען מענטש געפאַנגען.

שווייגט ער און באַטראַכט אונז,
שמייכלט צו — אַ קאַלטער —
און דערציילט ער, דאַכט אונז
אַז נאָך מער באַהאַלט ער.

דאַכט זיך, אַז ער ווייסט נאָך
סודות — זייער הויכע;
אָבער אונז צו טרייסטן
דאַרפן מיר זיין זוכה.

היימישער זומער...

ערשט געוועזן חודש תמוז,
ערשט אַ תענית אַזאַ לאַנגער;
פאַסטן איז סכנות ממש,
פאַסט דיין ברודער — טוט נאָך באַנגער...

אָבער תמוז אויך אַריבער,
ס׳קלינגט שוין נחמו, נחמו עמי!...
און דער זומער ווערט נאָך ליבער,
ס׳שמייכלט אויך די מידע מאַמע.

זי פאַרגעסט, עס קומט דער אָב־נאָך,
און „ניין־טעג״ און תענית ווידער;
ווידער פאַסטן, ווידער „זאָגן״
ווידער תחינות פון איר סידור...

ס׳איז דאָך אויך אַ טרייסט צו הערן
וועגן גאָרטן פון די גרינסן,
אַז שוין צייטיק ריבן, מערן,
און די אוגערקעס — געווינסן...

אַלע מינים — ניט פאַרבאָטן,
מעגסט אין ניין טעג זיי געניסן,
און דערצו אין טעם — געראָטן,
אויך גאָט׳ס גאָב — אַ טעם אַ זיסן...

אויף די גראָז אין פעלד — נאָך הויכע,
וואו די גוטע קי זיך פאַשען,
און דער אָרימאַן איז זוכה
ווען אַ ביסל מילך צו נאַשן.

ניט־מער, ס׳דאַרף אַ מענטש דאָך ווערט זיין
אַזאַ שפע, אַזאַ ברכה,
אַלץ זאָל פון דער מי ביי ערד זיין,
צי פון ערלעכער מלאכה.

אויב פון האַנדל — ניט דערצער׳נען,
גאָט — צו האַנדלען מיט נאמנות;
ווי די חכמים אונזערע לערנען —
אַזוי אידל, מיט רחמנות...

און זי ווייסט עס — אָן קיין חידוש,
און ניט טרייבט דאָך קיין קאַטאָוועס,
ז׳האָט געלייענט אַלץ אויף אידיש,
אויך געלייענט „פרקי־אבות״...

און זי לערנט הויכן שטרעבן,
פון די אבות — די געדאַנקען —
צו באַטראַכטן מענטשנ׳ס לעבן,
אונזער תכלית — העל זאָל בלאַנקען...

און דערויף איז נאָך אַ חודש,
דאָס איז חודש אלול — דאַמלט,
ווען די בוימער זאָגן עדות,
און די תבואה ווערט געזאַמלט...

אַמאָל אינדערהיים...

אַ וואַרימער טאָג אין מיט־זומער,
די זון שיקט איר גאָלד צו דער ערד;
די גאַס האַלב אין וואָך, האַלב אין שלומער,
טוט יעדער, וואָס אים איז באַשערט...

דער סטאָליער, דער שכן אַנטקעגן —
ער הובעלט די ברעטער אין הויף:
אַ שכנה — זי דאַרף אים ניט פרעגן —
די סטרוזשקעס זי קלייבט זיי צונויף.

צו וואָס זאָל זי פרעגן — אַ שכן!
ער איז דען אַ פרעמדער, צי ווער?...
פאַרנאַכט דאַרף זי וועטשערע קאָכן —
און האָלץ אָן די סטרוזשקעס ברענט שווער

איר מאַן שטייט דערביי — אַזוי אָרעם...
אָן אַרבעט, אָן מסחר — אַט סתם!...
כאָטש נעם שוין און גרייט זיך צו פאָרן
און זוכן — אַריבער׳ן ים...

ער זעט שוין די רייכע מדינה,
באַגעגנט פון הי שוין דאָרט פריינט
ער קוקט שוין מיט פרייערער מינע,
די האָפנונג זיין פנים באַשיינט...

אין די שטעטעלעך . . .

אין די שטעטעלעך אין פּוילן,
אין „אַמאָל״, דעם שטילן, וואוילן,
צי אין רייסין, צי אין ליטע —
אידישקייט — אַ שיין־צעבליטע.

גייען אינגעלעך אין חדר
לערנען דאָרטן מיט אַ סדר,
עברי, חומש, „עשרים וארבע״,
און גמרא — מער שוין האַרבע . . .

ערב יום־טוב־טעג גאַר פרייליך,
גייען אינגלעך אויך ניט ליידיק;
אין די האַלבע טעג די שטילע
לערנען פּאַסיקע מגילה . . .

רות — זיי לערנען פאַר שבועות,
אויך אקדמות — איז אַ חיות . . .
און די שפּיל דאָרט אין גן־עדן,
איז ניט היינט דאָך צו באַשיידן.

ס׳איז אַ „קאַמף״ פון דעם לויתן
מיט׳ן שור הבר באַשלאָסן;
אָנגעפירט אַליין פון בורא
פאַר צדיקים — אַזש אַ מורא . . .

ערב יום־טוב־טעג פאַרביי־שוין
און אין שבועות — קינדער פריי שוין;
רות שוין לייענט דער בעל־קריאה,
האָט אין דקדוק אַ ידיעה . . .

ניי דער טראָפּ און ניי דער ניגון
ווי אויך גרויסע צו פאַרוויגן.
ער פאַרמאָגט אַ הויז, אַ גאָרטן,
און אַ פעלד — ווי בועז דאָרטן . . .

יום־טוב־שבועות, פריש־געשפּייזטע,
און די קאַווע — רייך פאַרווייסטע,
היינט די אייער־פּוטער־קוכן,
גיב אַ קייסער צו פאַרזוכן . . .

נאָכדעם — אויף שפּאַציר געגאַנגען
צו די בוימער, צו די זאַנגען;
און די זון — די לויכט פון אויבן
און דאָס פעלד געהילט אין גלויבן.

און אַז שבועות לויפט אַריבער,
ווערט דאָס לעבן אויך ניט טריבער
צי די זון, צי ווען אַ רעגן —
איז דאָס אַלץ פאַר מענשנס וועגן.

פעלדער, גערטנער — דאַרפן האָבן
זון און רעגן — די גאָטס גאָבן . . .
עס זאָל רייפן, עס זאָל וואַקסן
פרוכט און גרינס, און קאָרן, פלאַקסן.

און פאַר ווייץ, פאַר ווייסע מעלן,
אַז קיין חלה זאָל ניט פעלן —
שבת־קודש ניט פאַרשטערן,
זאָל די מעל ניט טייער ווערן . . .

און די גערשטן, צי די האָבער,
זיינען וואָכיקע — זיי אָבער
זיינען נויטיק; ווער באַהאַווענט —
בעט פאַר זיי אויך, ווען ער דאַווענט . . .

היים־לידער

דאָס זיינען זיי, די שטילע לידער,
פון יענער שיינער, ליבער צייט.
און הערסטו איצטער זיי אַ מידער,
מיט קרעפטן ווערסטו דאָך באַנייט.

עס בליען ביימער ביי די הויפן,
און קינדער שפּילן ביי דער זייט,
און באַרג־אַראָפּ די פורן לויפן
און שווינדן ערגעץ אין דער ווייט . . .

פּאַר די פּעלדער

אַרום שטעטל׳ס סביבה
ליגן דערפער שטילע;
פּויערים כמורנע, טריבע,
קומען דאָ צו תּפילה . . .

אין אַ חגא אַ גרויסער,
און יריד אינאיינעם; —
ווער רעדט באַלד נאָך פּסח
קומען־אָן די שכנים . . .

ווער אויף פערד־און־וואָגן,
ווער צופוס צו שפּאַנען — — —
אויב די כוחות טראָגן
און ניט ווייט פון דאַנען . . .

ווער אַ טיף־פאַרקלערטער,
אָבער אָן קיין אימה,
גייט ער גלייך אָן ווערטער
קומט צו דוד־שלמה.

קלוג איז דוד־שלמה
שיין דערצו זיין נאָמען,
און זיין קראָם איז איינע
צווישן אַלע קראָמען . . .

זאָלסט אַ קינד אויך פרעגן
וועט ער עס דיר ווייזן;
ס׳איז פאַר פּויערס וועגן,
ווייל אַ קראָם פון אייזן . . .

אייזנוואַרג דער עיקר;
קאָסעס, סערפּן קלינגען;
אַקערס — שווערע שטיקער —
דאַרף מען זיך ניט דינגען . . .

שוין אַליין די נעמען,
און בלויז ברעג צו רירן,
דאַרף מען זיך דאָך שעמען
האַנדל דאָ צו פירן.

ווען דו ״פּרואווסט״ די קאָסע
זינגט עס דאָך אַ ניגון —
ס׳איז ניט בלויז פּרנסה —
און צו וואָס זיך קריגן . . .

ער דאָך, דוד שלמה,
זוכט דערויף קיין תּירוץ,
און ער דינט בשלימות
און מיט דרך־ארץ.

משכיל, חובב־ציון —
און ער האָט דעם צייכן,
אַז זיין פעלד וועט בליען,
און זיין פאָלק וועט גרייכן.

איז ביי חברה ״ישוב־
ארץ־ישראל״ —— פאַרשריבן,
און ווי דורך אַ כישוף
שקלים פיל געקליבן . . .

ער צאָלט אויך אַ שקל —
וועט ער זיין נאָך זוכה
זען דעם טייך חדקל
און די בערג די הויכע.
פּרואווט ער שוין די קאָסע
ביי די ברעגן שאַרפע,
און פאַרגעסט פּרנסה,
קאָסע קלינגט ווי האַרפע . . .

און דער קלאַנג פון אַקער,
איז ווי פון אַ צימבל;
לייכט זיין בליק, ווי פלאַקער —
ווערט ער יונג — אַ אינגל . . .

קלינגט עס ליב און ליבער —
ווערט ער מער אַלץ הייטער,
טראָגט געדאַנק אים איבער
העכער אַלץ און ווייטער . . .

אַ יעדער

אַ יעדער טראָגט דעם צער געהיים...
אַך, ווער איז דען אימשטאַנד צו געבן
דאָס מינדסטע בילד פון אונזער היים,
וואו ס'האָט גערוישט אַמאָל מיט לעבן..

ס'האָט קיינער ניט פון אונז דעם טאָן
פאַר אַנגסטן — קיינעם אונז באַקאַנטע,
זינט וועלט איז וועלט, פון אָנהויב אָן,
פון אונז'רע ליבסטע און פאַרוואַנדטע..

מען קען בלויז זען אַ שפּליטער־בילד
פון די וואָס ס'האָט דער פיינט פאַרטיליגט;
און ס'ווערט שוין גלייך דאָס האַרץ
פאַרשטילט —
ווי קען דאָס ליד דאַן זיין באַוויליגט . . .

ס'בלייבט בלויז דאָס ליד אויף דורות־לאַנג
פון דעם וואָס האָט אַליין געליטן,
און אַלע שרעקן ניט געמיטן,
און הייליק־עכט איז זיין געזאַנג...

נ. י., 1942

אַמאָל

כ'פלעג ליב האָבן צו דאַכטן:
איך פאָר צוריק אַהיים;
צו ערשט וועל איך באַטראַכטן
וואָס מאַכט דעם שכנס בוים.

אַ בוים. וואָס קעגנאיבער
פון אונזער שטיבל שטייט,
וואָס האָט די אַלע שטיבער
די אידישע דערפרייט . . .

דער גוי אין גאַס, דער שכן —
אַ רייכער בעל הגוף;
איז ער דער בעל־נצחון,
דאָך האַלט־זיך פריינטלעך אויף . . .

און צו זיין הויז פון פאַרנט
האָט ער אַ באַנק געמאַכט;
די באַנק שוין לאַנג באַיאָרנט
מען זיצט אויף איר פאַרנאַכט.

עס זיצט דאָרט ווער אַ מידער
פון דער נאָך־מיטאָגס היץ;
אַ פאַרל זינגט שטיל לידער,
אַ איד דערציילט אַ וויץ . . .

אונזער אָרעמע היים

אונזער אָרעמע, ליבע היים
שיינקייט האָט פאַרמאָגט אַ סך;
צווייגן פון דעם גרינסטן בוים
ברענגט דאָס פויערל פאַר סכך.

פון דעם נידעריג, קליינעם הויז,
פון דעם שינדל־דאַך, אין מיט —
קוקן פליגלען הויך אַרויס,
דאַכט זיך, אַז דאָס הויז, עס פליט . . .

און אַ איד פון אָרעמען שטאַנד,
האָט געקליבן און געזוכט,
ביז ער האָט פון שענסטן לאַנד
און פון ווייט — דערגרייכט איר פרוכט.

און די גרויע וואָך פאַרשווינדט;
בלאָער הימל, קלאָרע לופט;
פאַלמען רוישן, לינד אין ווינד,
און ציטראָנען שפּרייטן דופט.

און דער גלות איז ווי אויס,
דורך אַ צויבערדיקער האַנט;
און דאָס ביידל ביי דעם הויז,
ווי אַמאָל — אין אונזער לאַנד . . .

אין מיין ליבער היים . . .

1

אין מיין ליבער היים, אין רו,
איז אַ ווינט־מיל הויך געשטאַנען;
ווען איך מאַך די אויגן צו
קען איך זען זי איצט פון דאַנען.

ווען אין שטוב איז שאַ און שטיל,
טיר און פענסטער אויפן ריגל —
זע איך איצט נאָך זי, די מיל,
הער ווי ס׳רוישן אירע פליגל . . .

2

אין מיין ליבער היים, אמאָל,
איז אַ טייכעלע געפלאָסן,
אירע וואַסער, ווי קרישטאָל,
האָט זיך קלאָר ביז ברעג געגאָסן.

און ביים ברעג די ווערבעס דין
האָבן זיך אין ווינט געבויגן —
ווען אַליין אין שטוב איך בין,
כ׳הער און זע זיי פאַר די אויגן.

געדענקט איר זיי?

געדענקט איר זיי — די היימישע,
די האָרעפּאַשנע אידן?
די העזה׳דיגע שוסטערלעך,
די שוויגנדיקע שמידן?

די שניידער, די געבויגענע
מיט שמייכלענדיקע אויגן,
די באַלעגאָלעס קרעפּטיקע,
מיט נעבל, ווי פאַרצויגן?

די פערד־הענדלער, די ספּריטנע לייט,
געיאָגט זיך און געריטן;
די שטעלמאַכערס, וואָס טאָקן אויס,
די רעדער, וואָגנס, שליטן . . .

די בלעכער און די קאָטליאַרעס
וואָס רעכענען ניט טייער,
פאַר טעפּ פון בלעך, צי קופּערנע —
צו גליען זיי אין פייער . . .

געדענקט איר די געפאַלענע,
וואָס פלעגן אין פאַרטאָגן
די וואַסער פון די ברונימער
צו באַלעבאַטים טראָגן? . . .

די ליים־פירער, די אָרעמע —
אַליין געשפּאַנט אין וואָגן,
וואָס פלעגן ליידן נאָכאַנאַנד
און קיינעם גאָרנישט זאָגן?

נייע היימען . . .

...עס ווערט אין דער וויט־וואו אַ ישוב,
דערוויילע נאָך ניי, אומבאַקאַנט,
און ווידער, אַזוי ווי דורך כישוף,
אַן אייגענע היים, אייגן לאַנד.

און דאָרט אין די איינצלנע שטיבער,
אַזוי ווי געבויט אויף דער ווייל,
מען פירט און מען ברענגט אַהין איבער
וואָס ליב שוין זינט יאָרן, פאַר מייל . . .

אַ ביכל מיט לידער געבראַכט אייך,
דער ניגון פון לידער באַקאַנט;
מען זינגט זיי מיט אויגן פול אַנדאַכט,
דאָ אידישע וואָרט אַזוי נאָ׳נט.

אַ צייטונג מיט אידישע אותיות,
די אותיות נאָך נייע און פריש —
עס האַלט זי מיט חשיבות, מיט גרויסע,
דער פאָטער — ביים אייגענעם טיש . . .

ער זוכט שוין אַ בשורה פון דאָרטן,
וואָס מאַכן די אידן שוין דאָרט . . .
אַזוי ווערט פאַרפלאַנצט, ווי אַ גאָרטן,
דאָס אידישע לעבן, דאָס וואָרט . . .

אַ באַלעבאָס — אַ בעל־תפילה

בערע ראַשקעס דער בעל־תפילה —
פון די בעלי־בתים שטילע;
ניט געשטעלט זיך קעגן האָרן
אין די צייטן פון די צאָרן.

וועלכער האָר ס'איז בעסער, ערגער —
ליגן זאָרגן ווי די בערגער;
צי ביים „צווייטן", צי ביים „דריטן" —
און די „גזרות" — גאָט זאָל היטן.

ס'איז געווען אַ גליק נאָך דאַמלט;
מ'האָט אין שולען זיך פאַרזאַמלט;
ווער רעדט אין די יום־נוראים —
פלעגט מען ערפּאָרכטיק געטרויען. . .

בערע ראַשקעס — אין־דער־וואָכן
איז אַ קרעמער, פול בטחון;
וואָר, זיין קראָם אַ „באַקאַלעינע"
און מיט שפייזן — איין־אין־איינע.

ס'איז אַ קראָם מער פאַר די פריצים,
וואָס אין רייכע „הויפן" זיצן —
אַרום שטעטל, הינטער וועלדער,
ביי די ווייטע, בונטע פעלדער . . .

בערע ראַשקעס, שטיל דאָך מונטער,
העלפט זיין ווייב צוביסלעך אונטער;
זי אַ „בעריע" אַ געווילטע,
ווי אין „אשת־חיל" דערציילט זיך . . .

מאַטלע־גיטל איז איר נאָמען
און איר שם קלינגט צווישן קראָמען;
שיין און קלוג, רעדט רוסיש, פויליש,
שמייכלט צניעותדיק און וואוילִיש . . .

אירע קונדן — גאָר געהויבן,
פון נאַטשאַלסטוואָ אויך — די לייבן;
פרידנס־ריכטער און זיין גלייכן,
און פון זייער קלאַס דעם רייכן.

קומט אַ קונה — ס'מעג ניט פאַסטן —
עפּעס קויפן, זיך פאַרפאַסטן
ערב יום־כיפור — פאַר דאָס לעצטע
אין דער קראָם, די הויכגעשעצטע.

מאַטלע־גיטל מיט איר שכל,
לאָזט די קונדן מיט אַ שמייכל
און זי וווענדט זיך ליב צום ווייבל:
וואָס־זשע מאַכסטו עפּעס, טייבל?

טייבל פילט זיך שוין געקרעפּטיקט;
מאַטלע־גיטל איז באַשעפּטיקט.
פול די קראָם מיט קונים רייכע,
רעדט זי ווי מיט איר אַ גלייכע . . .

און דערנאָך אַליין שוין בערע
גיט איר, אויף זיין שטייגער, ערע;
ער פאַרפאַקט — מיט העלער שטימע
ווינשט ער איר אַ גוטע חתימה...

און דערנאָך איילט ער זיך קענטיק,
טוט זיין הילף שוין ווי אַפּהענטיק,
און עס טוט ווי ווער אַ דריק אים,
און אַ קלונג „ובכן צדיקים" . . .

און דערנאָך „ותעביר זדון",
און דאָ קומט ער אויף זיין באָדן:
דאָ צעזינגט ער זיך סכנות
מיט די אמת'ע כוונות . . .

כלומר'שט לעבט ער זיך ניש'קשה,
ס'דאַכט זיך, ס'גיט די קראָם פרנסה,
דאָך די שטייערס ניט קיין מילדע,
און ער מוז אויך צאָלן גילדע . . .

ס'איז נאָך גוט, ס'קומט שבת קודש,
צי אַ שבת אַ ראש־חודש,
און די יום־נוראים אפילו —
ווערט ער דאַמלט אַ בעל־תפילה . . .

ניט פאַר שכר, פאַר געלט — חלילה!
אַ מתנה איז זיין תפילה.
אין בית־מדרש, וואו ער דאַוונט,
איז ער רגיל און באַהאַוונט . . .

ניט קיין זינגער, קען קיין נאָטן,
נאָר זיין עברי, ווי געבאַטן;
און זיין זאָגן — בלויז געפּילן,
ווי ס'וואָלט זיך זיין האַרץ צעשפּילן . . .

און ווער רעדט, ווען ער בלויז איינער
„זאָגט" „שמונה־עשרה"—מער ניט קיינער.
ביי די פּסוקים פון די נביאים
הויבט אָן יעדן ווייט צו ציען . . .

„ציונ'ס באַרג, וואו ס'רוט גאָט'ס כבוד,
ירושלים, וואו געקעניגט דוד";
ער אַליין — ער שוועבט אין הייכן
אין זיין טלית — העכער גרייכן . . .

דיין היים

דיין היים, ווי געהיים,
אַ היים איז אַ סוד;
דו היטסט אין געדאַנק
מיט ליבשאַפט און גנאָד . . .

אַ היים איז קיין הויז,
אַ שטיבל בלויז, קליין;
מיט פענסטער בלויז פיר,
מיט שויבן גאָלד־ריין.

קיין צימערן פיל,
ס'איז איינער געראַם;
אַ צווייטער שוין שאַפט —
די אַלמער אַלס צאַם.

אַ דריטער, אויב ווילסט,
ביים אויוון די באַנק;
דו רופסט עס אַ קיך
אַלס שפּיל, אין געדאַנק.

און רעכן אַריין
די „פּירהויז" — צום נוץ;

אין זומער — אַ צעלט,
אין ווינטער — אַ שוץ . . .

און נאָכדעם — אַ הויף,
דער הויף איז שוין גרויס;
ס'פאַרן פורן אַרויף
און דרייען זיך אויס . . .

און אדר, ווען אויס
מיט קעלט און מיט פראָסט;

און פסח־צייט באַלד,
און שניי שוין צעלאָזט . . .

דאַן ווערט שוין דער הויף
אַ ים פול מיט רייץ . . .
אַ קעסטעלע שווימט
ווי אַ שיף אין פאַרפּלייץ . . .

און דאָרטן צום מאַרק
איז שווער שוין צו גיין;
דאָך בלויז איבער נאַכט —
דאָס וואַסער ווערט קליין . . .

די זון זי איז דאָ,
און טריקנט געהיים
די גאַס און דעם מאַרק,
דעם הויף און די היים . . .

ה י י ם . . .

איך האָב ליב מיין אַלטע היים
און איך זאָג עס אייך אויסדריקלעך,
אַז געשפּילט האָב איך זיך גליקלעך
ביי די פריזבעלעך פון ליים.

„מילך און האָניג" — יאָ געוויס,
אַלץ איז אין דער היים געווען,
ניט אין חומש בלויז געלעזן.
מילך און האָניג — אָך ווי זיס!

„אָן אַ לאַנד בין איך" — נישט וואָר!
דאָס וואָלט דאָך געווען אַ בושה!
אונזער שטיבל איז בירושה
פון אַן עלטער־זיידן גאָר!

דער שמש וועקט

דער שמש — אין פרידן
געהאַט האָט זיין שליחות —
צו וועקן די אידן
צו אויפשטיין צו סליחות.

אַרום ראש השנה
די נעכט זיינען קעלטער;
ער וועקט מיט כוונה —
דאָס האָט ער נאָך העלטער.

אין שול אין דער גרויסער,
וואו ער איז הויפּט־שמש,
איז ליכטיק שוין, ווייסט ער;
דאָס טוט דער קליין־שמש:

די לאָמפּן געצונדן,
די ליכט אין די רערן,
און לויכטן ווי זונען,
און שיינען ווי שטערן.

ער שפּאַנט — אונטער אָרעם
דעם האַמער, דעם שווערן;
וואו ס׳וואוינט ווער ס׳איז אָרים —
ער קלאַפּט קוים צו הערן . . .

ער קען זיינע ברידער,
ווער שניידער, ווער סטאָליער —
ווער מערער אַ מידער,
נאָך אויסרוהען זאָל ער.

איז קלאַפּט ער וואָס גרינגער,
אַבי נאָר צו וועקן —
אין שויב מיט די פינגער —
אין וואַנט — ניט צו שרעקן.

און וואו מער אַ רייכער,
זיין הויז אָנגעטראָפּן —
אַזאַ איז שוין גלייכער
ער זאָל ניט פאַרשלאָפן . . .

געקומען איז יעדער
צו סליחות די ערשטע;
דער גביר און דער בעדער
פון פאַרכט ווי באַהערשטע . . .

דער שמש אַליין שוין
קומט לעצט, — אים איז ניחא;
דער חזן ער „זאָגט״ שוין
פון פאַרנט אַ סליחה . . .

דער באַס און דאָס אַלט׳ל
זיי העלפן אים אונטער;
דער חזן ער האַלט זיך
זיין ניגון באַזונדער...

אַ תפילה, אַ ניגון
ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ שליח;
ניט צופיל פאַרשוויגן
ביז גאָט איז מבטיח.

אַזוי פלעגט מען פילן,
אַזוי פלעגט מען האָרכן,
ווי מורמלען אין שטילן,
פון הימל אַ שאָרכן . . .

דאָס נייע בלאַט . . .

נאָך שטורעם־טעג,
דורך צייט׳ס אַ שטעג,
 דאָס יונגע יאָר קומט־אָן;
ווער ס׳שיקט אים איצט
דער האָט געשיצט
 זיין גאַנג, זיין ליד, זיין פאָן . . .

מיט ניי געמיט,
עס ווייסט נאָך ניט
 ווי וועלט איז מיד און מאַט;
מיט העלן זין,
אין זיין באַגין —
 ער שרייבט דאָס נייע בלאַט.

1946.

זאָג . . .

זאָג־וואָס עס אַרט דיך, אַז ווער בענקט —
און טראַכט פון דאַנען אין דער ווייט . . .
עס ווערט דאָס לעבן מער פאַרלענגט
און גרעסער ווערט אי אָרט, אי צייט.

ווי גרויס און שיין מעג זיין דאָס לאַנד,
דאָס לאַנד, וואָס איצט איז זי דיר היים;
און זי געפינט זיך בײַ אַ ראַנד,
וואו ס׳רוישט דער ים און רופט געהיים.

די בענקשאַפט נעמט דאָך ניט אַוועק
דעם קלענסטן טייל פון שיינקייט דאָ!
די בענקשאַפט ברענגט ביז היגן ברעג
דעם שענסטן טרוים פון ייִנגסטער שעה!

זיי שפּרייטן זיך באַלד אויס — דו זעסט —
די געסעלעך פון יענער זייט;
די שטוב דעם זיידנס, ווי אַ נעסט,
דער טראַקט, וואָס ציט זיך אין דער ווייט.

ס׳איז דאָך די ווייט, וואָס ברענגט צו דיר,
צו דיר, מיין נייַע ליבע היים;
צו יענעם בוים, ביים היים בײַ מיר —
עס פירט דאָך דאָ אַ בענקשאַפטס־בוים...

נאָך אַ יאָר . . .

נאָך אַ יאָר שוין אונטערוועגן,
ביי די טיפע אָפּגרונטס־ברעגן,
צווישן צייט און צייט;
גלייכער יאָר אין אַלע לענדער,
איצטער ווערט ער ווייטער, פרעמדער,
גייט אין אייביגקייט . . .

איבער אים אַ יאָר אין העל־זען,
איבער אים דורך בערג און פעלזן
יונג און ליב און קלאָר,
קומט אין שוואונג פון אָקאָרשט־צייטן,
קומט צו פאָרן, קומט צו רייטן,
אַלעמענס ניי־יאָר . . .

יונגער יאָר, נאָך־ניט געביטן,
ניט קיין רגע ניט געליטן,
פול מיט פרייד און גליק;
פול מיט טרייסט און מיט אידעען,
אונז באַלערנען, אונז דערפרייען,
מיט אַ נייעסטן בליק.

מיט אידעען און מיט פּלענער,
ווי צו מאַכן ליבער, שענער
אונזער וועלט, די ערד.
און דעם מענשן, מין דעם שענסטן,
פון דעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן —
האַלטן הויך זיין ווערט.

עס וועט זיין

עס וועט זיין נאָך, עס וועט שטייגן, —
וואָס ס׳איז איצט, דאָס האָט קיין האַפט;
ביז פון היינט פאַרשעמט וועט שווייגן
פאַר דאָס גוטס, וואָס מאָרגן שאַפט...

מיט דעם גאָלד־שטויב פון דעם שפּעטער
ווערט דער איצט אויך פול מיט שיין;
און דו זינגסט אין קאַלטן וועטער
פון דעם זומער, וואָס ס׳וועט זיין...

היימישע פיר צייטן...

(וואַריאַנט)

אַ לוח אין דער היים
א ספר׳ל געהיים...
(אין שול — בלויז ווי אַ בלאַט
געהאַנגען אויף אַ וואַנט;
אַזוינס איז שוין געווען
פאַר לומדים בלויז באַקאַנט).

און ניט אין צייטן פיר
איז יעדער יאָר געטיילט:
בלויז אין חדשים צוועלף —
אויך ואדר — געציילט...

דעם נאָמען פרילינג האָט
דאַן זעלטן־ווער דערמאָנט,
די צייכנס פון זיין גאַנג
האָט זעלטן־ווער דערקאַנט.

נאָר ווען דער אייז צוגייט
און ס׳גרינט שוין וואו אַ וואַלד,
האָט יעדער שוין געוואוסט,
אַז זומער קומט אָן באַלד!

און פאַר דער רייפקייטס־צייט,
האָט מען קיין וואָרט געהאַט.
ווען ס׳ברוינט פון בוים דער בלאַט,
די צייט פון שטילן האַרבסט,
מען מישט דאָס לוח׳ל,
אַ בלעטעלע, צי צוויי,
דאָרט רעדט זיך שוין פון קעלט,
דאָרט זאָגט שוין אָן אויף שניי...

און כסליו שטאַרקע פרעסט,
אין טבת — עטוואָס לינד,
דערפאַר אין חודש שבט
שוין פרעסט און שטורם־ווינט.

נאָר מישט מען ווייטער נאָך —
אין אָדר שפּעט אַריין —
דאַן זאָגט דער לוח צו
שוין טעג פון זונען־שיין.

און אויב ביז ניסן צו,
ווערט גוט שוין אָן אַ ברעג —
דער לוח זאָגט שוין אָן
די ליבע זונען־טעג.

וואונדערלעכע צייטן

נייע, וואונדערלעכע צייטן
קומען אָן:
דער פאַרשקלאַפטער וועט צעברעכן
יעדן טראָן.
און די יענע וואָס געטראָגן
האָבן קרוינען
וועלן ווי די פרייע בירגער
ערגעץ וואוינען...

נייע וואונדערלעכע צייטן,
ווי עס האָט
דורך דעם נביא׳ס מויל פאַרשפּראָכן
אונדזער גאָט.
ווי דער ים די ברעגן זיינע
וועט פאַרגיסן
נאָר די מידע וועלט מיט חכמה
און מיט וויסן.

נייע וואונדערלעכע צייטן,
הערט און הערט!
ניט קיין קלאַנג פון בלאַנקע שפּיזן,
ניט פון שווערט!
ניט דער בייזער שטאָל און אייזן —
ס׳וועלן בלאַנקען
אין די אויגן פון די מענטשן
די געדאַנקען.

נייע וואונדערלעכע צייטן...
אויף די בערג
וועט פון טיפע טאָלן שטייגן
יעדער צווערג.
וואונדער! אויף דער ערד שוין האָבן
זיך באַוויזן
די געפאַלענע פון הימעל —
יענע ריזן!...

חודש אדר

ווי עס קומט דער חודש אדר
מערט זיך, גרעסערט זיך די שמחה;
אינגלעך פריי פאַרנאַכט פון חדר
און מען לערנט בלויז ביז מנחה.

און דאָס ביסל, וואָס מען לערנט
וועגן אחשורוש מלך,
לערנען אינגעלעך גאָר גערן —
באַלד פון אָנהויב איז שוין פריילעך.

מאַכט דער מלך, לויט זיין מאָדע,
מאָלצייטן, אַזש ס׳בלענדט די אויגן,
פאַר דעם חיל פון פּרס, מדי —
לאַנג האָט זיך דער באַל געצויגן.

הונדערט אַכציק טעג אינגאַנצן!
פאַר׳ן פאָלק אין שושן דאָרטן,
זיבן טעג צו הוליען, טאַנצן
אין דעם מלך׳ס פּאַלאַץ־גאָרטן.

און די מלכה צו פאַרטרויען
מאַכט אַ מאָלצייט גאָר באַזונדער
אין דעם מלך׳ס הויז פאַר פרויען —
אַ פּאַרשוין איז זי צום וואונדער!

און אַזוי אַלץ ווייטער, ווייטער —
מיט דעם טראָפּ, דעם וויטן ניגון,
און דער רבי שמייכלט הייטער,
מיט הנאה און פאַרגעניגן . . .

ווי באַפרייט פון זיינע זאָרגן
גייט ער נאָכדעם דאַוונען מנחה,
און מיר, אינגלעך, פריי ביז מאָרגן
לויפן גלייך אַהיים, מיט שמחה . . .

חודש אדר . . . ס׳איז נאָך ליכטיק,
ס׳פאַלט פון זון נאָך וואו, די פאַסן;
זעען מיר שוין יום־טוב ריכטיק,
ס׳זינגט די פרייד שוין אין די גאַסן . . .

דער פורים שפּילער

דאָס ווייב איז קראַנק, דאָך גייט זי אום
און טראָגט דעם ווייטאָק שטיל און שטום
דאָס קינד איז קראַנק און ליגט אין בעט,
און שמאַכט אין היץ און רעדט און רעדט

און יענקל איז אַ שאַרבן אויך,
ער שפּייזט זיך נאָר מיט ליולקע־רויך
און מיט אַ קללה פון דעם ווייב:
„אַ בראָך, שלים־מזל, אין דיין לייב!״..

אין שטוב איז פינצטער נאַס און קאַלט,
די ווענט זיי שרייען, דאַכט זיך: גוואַלד!.
דאָס אויוועלע, וואָס קוים געהייצט,
שטייט, דאַכט זיך, בייז און אויפגערייצט.

עס קומט די ליבע פורים־נאַכט —
עס האָט זיך יענקל אויפגעוואַכט;
זיין ראָל ער לערנט מיט געפיל,
ער גייט באַלד שפּילן „פורים־שפּיל״...

„דאָס קינד איז, יענקל, ביטער קראַנק״ -
ער טרייבט מיט גוואַלד דעם בייז־געדאַנ
„עס איז דיין איינציק קינד פאַרביי״ — -
און יענקל בלייבט זיין ראָל געטריי.

און יענקל פּרוּווט זיך לאַכן שוין,
באַקומען דאַרף ער דאָך זיין לוין...
עס שטייגט זיין צער, עס פאַלט זיין מוט,
דאָך דאַרף ער היינט דאָרט לאַכן גוט...

און יענקל לאָזט דאָס קראַנקע קינד
און גייט דערפרייען אַ רייך געזינד,
און יענקל שפּילט געשיקט זיין ראָל:
ער זינגט און לאַכט הויך אויפן קול...

1894.

מגילת אסתר

. . . נאָך צוויי טעג און ס׳קומט־אָן פּורים,
ס׳איז דער יום־טוב גאָר דער בעסטער;
לערנען מיר בלויז ביז צו־מיטאָג,
מאָרגן — פריי, שוין תענית־אסתר.

לערנען מיר בלויז די מגילה
פסוקים, פסוקים־ווייז, כסדר,
און ביים לערנען ווערט אפילו
אויך שוין פריילעכער אין חדר.

ס׳ווערט דערמאָנט שוין המן׳ס „יחוס״ —
בן המדתא; דאַרף מען קלאַפּן . . .
נאָר דער רבי בעט בנעימות:
קינדערלעך, צי וואָס שוין כאַפּן?

מירצעשעם, שוין מאָרגן אָוונט
וועט איר די מגילה הערן —
ס׳איז דאָך פּורים אַזוי נאָענט —
היינט צו וואָס דאָס לערנען שטערן?

אָבער ביי די רייד פון המן
פאַר דעם רשע קעגן אידן —
קאַכט אונז אויף אַליין זיין נאָמען
און מיר טופּן און מיר זידן.

און אַזוי ביז ס׳קומט צו שפּאַסן
און עס פרייט זיך גאָר דער חדר —
איבער שושן׳ס שענסטע גאַסן
מרדכי רייט אין מלך׳ס קליידער.

אויף אַ פערד פון מלך׳ס שטאַלן
זיצט הויך מרדכי — גאָט צו לויבן;
המן פירט אים, רופט געפאַלן:
„זעט ווי מרדכי איז דערהויבן!״

און אַזוי ביז לעצט־קאַפּיטלען,
גרינגע פסוקים, אָן קיין קשיא;
טאָמער יאָ, איז דאָ אויך מיטלען:
קוקט דער רבי שטיל אין רש״י . . .

ער דערקלערט אונז גאָט׳ס חסדים:
„אסתר גרינגלעך איז געווען,
בלויז אַ שטראַל פון חן, אַ פאַדעם,
האָט געלויכטן פון איר וועזן״.

האָבן טאַקע אסתר׳ס תענית
אידן אָפּגעהיט אויף מאָרגן;
אינגעלעך מיט „שלח־מנות״
פלעגן דאָן שוין זיך פאַרזאָרגן . . .

היימישער ערב־פרילינג

עס איז געווען שוין צייכענס,
אַז פרילינג קומט באַלד אָן;
אַ פויגל אין די הויכן,
אַ קרייען פון אַ האָן.

אַ גריסנדיקער ווינטל,
וואָס רוימט ווי איין אַ סוד;
אַ שפּילנדיקער הינטל —
ער לויפט פאַרביי דאַ גראָד.

דעם שכנ׳ס בוים — פון ווינטער,
געוואָרן מיד און מאַט —
שוין פלוצים אַ באַגרינטער
און וואו־ניט־וואו אַ בלאַט...

אַ רוישן ביי די ראָגן,
פון קינדער אַ געזאַנג,
און הערצער אַלע שלאָגן
מיט יוגנט און פאַרלאַנג...

אַ מיידל אַ באַ׳חנ׳טע,
זי שיקט דיר פריי איר בליק,
און שמייכלען — ליב געמיינטע,
און צוזאָגן אויף גליק...

דער ערוואַרטעטער טאָג

(יום שכולו טוב)

ווי ווייניק מיר האָבן יום־טובים,
די וואָכעדיקע טעג אַזוי פיל.
מיר וואַרטן אויף יום־טוב און וואַרטן
און בלאָנדזשען און טומלען אָן ציל.

צי ווייסט איר דאָך, אָרעמע מענטשן,
איר, קינדער פון זאָרג און פון פּלאָג, —
עס ליגט נאָך וואו ערגעץ באַהאַלטן
אַ יום־טובדיק אייביקער טאָג...

ער ליגט אין דעם שויס פון דעם הימעל
און גליט אין דער זון פּורפּור־רויט;
ער קאָן זיך פאַר אונדז נאָך ניט ווייזן —
עס איז נאָך די ערד פול מיט קויט...

זי וועט אָבער ריין אַמאָל ווערן —
(דער מענטש — ער מוז העלפן דערצו!)
און נידערן וועט ער פון הימעל
מיט ליכט און מיט שטראַלן און רו...

פאַר פּסח...

פאַר פּסח דערפילט מען שוין זומער,
ביים שטעטעלע גרינט שוין דער וואַלד;
דאָס טייכל דערוואַכט פון איר שלומער,
די ווייבער דערוויסן זיך באַלד.

עס שטייט שוין ביים טייכל אַ מאַמע
און וואַשט אי די כלים, אי גרעט;
דאָס וואַסער דערפרייט זיך מסתמא —
ס'פּלייט, און ס'שטראָמט און ס'רעדט...

עס קומט אָן אַ מאַמע, אַ צווייטע —
„באַלד פּסח, ווער וואָלט עס געגלויבט!...
די מצות — דאָס האָט זי שוין גרייטע —
פאַרזאָרגט זיך מיט מצות דערהויפּט...

געוועזן איז דער ווינטער אַ שווערער
און „ער" האָט גאָר ווייניק פאַרדינט,
אויף מצה באַדאַרף מען נאָך מערער,
נאָר קלאָגן־זיך איז דאָך אַ זינד...

„ס'וועט זיין מיט גאָטס הילף, זי קען
טרויען,
און אַלץ, וואָס זי דאַרף, נאָך וועט זיין;
און ס'וועט פאַר זיין כוס, אליהו'ן —
חלילה, ניט פעלען קיין וויין".

די אַלטע הגדה

מיט אַ גראָער טישטוך
איז דער טיש געדעקט:
ליגט אַ שטיקל מצה
אָרעם, אָפּגעדעקט...

אַלע כוסות ליידיק
און דער לעערער כוס
אליהו הנביא'ס
קוקט אָן מיט פאַרדראָס...

מורמעלט שטיל דער זיידע:
„מ'נעמט די מצות דריי"...
אָך, אפילו איינע
גיט מען אויך ניט פריי...

קוקט אין דער הגדה
און ער שמייכלט צו:
„נעם די איי און כרפּס"...
וואו־זשע נעמט מען... וואו?...

אויפן פאַדער־בלעטל
קוקט דער אַלטער, קוקט...
ווען איז די הגדה
פאַרט געוועזן געדרוקט?...

עפּעס הייסט זי עסן
פון דער פולער האַנט:
ווען האָט זי געדרוקט זיך
און אין וועלכן לאַנד?...

דער וואונדער...

... צי איך גלויב אין וואונדער?
וואונדער זיי פאסירן...
פלוצלונג זעסטו פינקלען
פון דער שטוב די טירן...

און די שויבן שפיגלען
פון די אַלע פענסטער,
דאַכט זיך, שוין געשליפן
ווי דער גלאָז דער שענסטער.

קומסט אַריין אין שטיבל —
דו דערזעסט די דילן,
ווי מען וואלט געמאָלן —
און די פאַרבן שפּילן.

(און די ווענט — נאָך פריער,
און אַזוי דעם באַלקן
האָט מען וויס געקאַלכט זיי —
און דערנאָך זיי בלאַנקען...)

און דער זאַמד דער געלער —
אויפ׳ן דיל באַשפּרינקלט
ווי פון גאָלד די שטויבן —
יעדעס זעמדל פינקלט.

און דאָס קליינע שטיבל,
וואו מען וואַנדלט־האַנדלט,—
אין אַ קעניג׳ס פּאַלאַץ
פלוצלונג איז פאַרוואַנדלט.

אויפ׳ן טיש די טישטוך
שוין אַ אויסגעשפּרייטע,
און די אַלע מינים
זיינען שוין געגרייטע...

אוּנט־צייט, ביים סדר,
אויפ׳ן טיש די כוסות,
און דער וויין אין מיטן,
מרור און חרוסת...

מלך — ווערט דער טאַטע,
ווי עס הייסט — אַ קעניג;
און זיין טראָן דערהויבן —
קישנס דאָ ניט ווייניק...

און די שטילע מאַמע —
זי געווען וואָלט מוחל —
מוז דאָך מלכה ווערן,
ס׳לויכט איר גנעדיג שמייכל.

איך אַליין — אַ אינגל —
צו דער מלוכה געהער איך,
פרעג איך די פיר קשיות
און גאָר מוטיק ווער איך.

בין איך אַ בן־מלך —
טו איך שוין אַ טובה:
נעם דעם אפיקומן,
נעם אים צו בגנבה...

און די יונגע שוועסטער
נעבן מיר געזעסן
האָט דערביי געשמייכלט,
שיין, ווי אַ פּרינצעסין...

און אַן איד, אַן אורח,
מיט געבויגטע פּלייצעס,
ווערט אַ שני־למלך,
גיט דעם מלך עצות...

זעט מען דאָך: אַ למדן —
איז זיין וואָרט שוין הייליק,
קריגט ער שוין ביים עסן
גאָר דעם פיינסטן חלק...

דריי דורות
(היימישע אידיליעס)

1

דו ווערסט אַמאָל באהעלט
פון צייט, וואָס איז פאַרגאַנגען;
די פריידן פון אַ וועלט
וואָס האָבן דיך געפאַנגען.
די אוונטן אַמאָל,
די רייד און די געזאַנגען.
דו הערסט דעם ווידערקול
און וואָלסט עס צ׳ריק פאַרלאַנגען.

2

און איצט דערפילסטו אויך
די פרייד ביי יענעם פייער:
דער הענג־לאָמפּ אין דער הויך,
זיין פייער ליב און טייער...
דאָס ליכט, וואָס האָט געשפּרייט
אויף ווענט און טיש דעם רונדן,
ווי ס׳וואָלט זיך אויך געפרייט,
וואָס מ׳האָט עס אָנגעצונדן...

3

עס זיצן ביי איין טיש
דריי דורות, ווי איין עדה;
די קינדער גלויביק,פריש,
אַ טאַטע און אַ זיידע.
און וואָס דער זיידע זאָגט —
די ווערטער קלוג, געשייטע:
אַ וואָרט און עס פאַרטראָגט
צו צייטן ליבע, ווייטע...

4

פון וואָס ער רעדט איז ווייט,
פון ווערטער שטייגן דורות;
פון ליידן ביז אַ צייט,
פון בייזן האַר און גזרות...
און איז אין היינט אריין,
און ברייטער זיך פאַרנומען:
ער טרעפט אויך וואָס ס׳וועט זיין,
ווען ס׳וועט משיח קומען...

אויפן ניל

שווימט דאָס קעסטל אויפן טייך,
אויפן גרויסן ניל,
שווימט דאָס קעסטל רוהיק, גלייך,
שווימט דאָס קעסטל שטיל.

און די כוואַליעס רוישן ניט,
רירן זיך נאָר קוים,
ווי זיי וואָלטן ציטערן
אויפהייבן אַ שוים.

און די כוואַליעס גייען שטיל,
גייען זאכט און לינד,
ווי זיי וואָלטן היטן זיך
טאָן אַ לייד דעם קינד.

אָ, די כוואַליעס זיינען דאָך
נישט ווי פרעה הארט:
ניט דערטרינקען וועלן זיי
דעם, אויף וועמען ס׳ווארט.

אַ געדריקט, געפייניקט פאָלק
אונטער שטאַרקע הענט,
וואָס עס טרינקט זיך אין זיין שוויס,
ביי די ציגעל־ווענט.

אָ, די כוואַליעס זיינען דאָך
נישט ווי פרעה שלעכט,
ניט דערטרינקען וועלן זיי
משיח׳ן פון קנעכט.

שווימט דאָס קעסטל אויפן טייך,
אויפן גרויסן ניל,
און די כוואַליעס טראָגן עס
פאָרזיכטיק און שטיל...

משה

(צו די אידן אין מצרים)

איר אַרבעט פון פרי,
איר אַרבעט ביז שפּעט,
ביי׳ן ציגל און ליים:
איר גראָבט און איר קנעט
און מויערט — פאַר פרעה׳ן
פּאַלאַצן און שטעט.

איך פיל אייער לאַגע,
איך פיל און איך וויס,
אים זע אויפן שטערן
די טראָפּן פון שוייס.
זיי רינען, די טראָפּן,
אַריין אין דעם ניל,
ער ברויזט דאַן און קאָכט
און קען ניט זיין שטיל...

און טיפער, און טיפער
איר זינקט אַלץ אין זומפּ;
דאָס האַרץ איז פאַרפרוירן,
דער מוח איז שטומפּ.
די אויערן פאַרשטאָפּט,
די אויגן פאַרשמירט,
איר זעט ניט, איר הערט ניט,
ווי ר׳וואָלט ניט געשפּירט...

און דאָרט אין דער ווייטענס
געפינט זיך אַ לאַנד,
ווי זייד איז דער הימעל,
ווי פּערל דער זאַמד.
דאָרט רוישן די ווינטן,
ווי לויטער מוזיק,
דאָס זינגען די פייגל
פון אייביקן גליק —
און איר שטייט געבונדן
אין קייטן, אין שטריק״...
עס שטייען די אַלטע

און קנייטשן די שטערן
און שרייען: „וואָס וויל ער,
וואָס לאָזט ער אונז הערן?
וואָס קומט ער צו רייצן
אונדז אויביקע קנעכט?...
שוין לאַנג אַז עס דויערט,
עס בלייבט ביי אונדז רעכט.
אומזיסט נאַר, אַ וועסטו
דיין צונג דיר פאַרדאַרבן,
מיר וועלן ביי׳ן ליים
און ביי׳ן ציגל שוין שטאַרבן״...

טיפער ווירקט עס אויף די יונגע
פרישער איז ביי זיי די וואונדן,
און עס האָבן זייערע הערצער
פלאַמענדיק זיך אָנגעצונדן;

און עס קלינגען יונגע שטימען:
איצט, געקומען איז די צייט,
אונדזער שווערן יאָך צעברעכן
מיט דער לאַנגער קנעכטן-קייט.

אויס דער פרעה, וואָס ער מאַטערט
אונדז אָן אָנפאַנג און אָן סוף:
רויבט בייטאָג די זון, די ליבע
און ביינאַכט — דעם זיסן שלאָף.

אויס די שוטרים און די צווינגער,
וואָס זיי גיבן נישט קיין רו,
מיט די פויסטן און מיט בייטשן
צו דער אַרבעט טרייבן צו...

און זיי קוקן ליב אויף משה׳ן
פול מיט האָפענונג אין בליק,
און עס ברעכן זיך די קייטן,
און עס רייסן זיך די שטריק.

ניסן, 1900

אַ נאָך־פּסח־מאָטיוו

היימישער נאָך־פּסח:
וואָך מיט יום־טוב מישט זיך;
אסרו־חג אויך הייליק —
אויפן טיש — אַ טישטעך . . .

ס׳איז געבליבן מצה,
ציילט די מאַמע איבער;
ביי דריי צענדליק גאַנצע —
דאָס איז איר נאָך ליבער.

איינצושפּאָרן חלות
אויף זעקס־זיבן וואָכן;
מצה איז דאָך חלה —
אויב נאָר ניט צובראָכן.

צו די האַלבע מצות,
צי אַפילו שטיקלעך —
שמייכלט ליב די מאַמע
ווי זי וואָלט זיין גליקלעך.

ס׳וועט זיין פאַר די קינדער —
דווקא לאַנג נאָך פּסח, —
ווילן זיי אַלץ מצה
און עס טוט זיך חושך . . .

און זי מאַכט אַ חשבון
מיט איר גוטן שמייכל —
נוצט קיין טינט און פעדער —
חשבונ׳ט אויס מיט שכל:

זי איז מיט שבתים
שוין באַזאָרגט ביז שבועות;
און מיט אינדערוואָכן
גלויבט זי אין ישועות . . .

אָנהויב זומער טאַקע —
שטיל איז מיט פּרנסה;
ס׳איז דער גוי פאַרנומען
מיט זיין פעלד און קאָסע;

מיט זיין שטאַרקן אַקער,
און אויך מיט זיין „בראָנע״;
קויפט ניט און פאַרקויפט ניט,
נאָר ס׳איז אַן סכנה.

זי אַליין פאַרזייט אויך
באַלד איר קליינעם גאָרטן
וואָס אַהינטער שטיבל —
גרינס פון אַלע סאָרטן.

און איר מאַן דער משכיל
צעגראָבט די ערד מיט רידל,
און דער רידל שפּילט אים
ווי אַ גרינגע פידל.

איז פאַר איר די אַרבעט
ווערט נאָך דעמאָלט גרינגער;
„בראָנעוועט״ די ערד שוין
מיט די אייג׳נע פינגער.

און זי מאַכט די בייטן —
בלויז אַכט קליינע בייטן;
זי פאַרזייט די גרינסן
און די טאָכטער — קווייטן . . .

און אַרום ל״ג־בעומר,
ווי ס׳פּאַסירן ניסים,
קען מען שוין אַ ציבל —
גרינערהייט געניסן . . .

און אַ גרינעם אוגעריק —
זעט מען שוין זיין קומען;
ווי ער רייפט און צייטיקט —
אַזש דאָס אויג פאַרנומען . . .

אסרו־חג...

נאָך די יום־טוב׳דיקע טעג
איז נאָך דאָ צו זיי אַ שטעג;
ס׳איז נאָך דאָ אַ טאָג צו טרייסט —
„איסרו־חג“ — אויך יום־טוב הייסט...

ווען ס׳זאָל פּלוצלונג ווערן אויס,
וואָלט די בענקשאַפט זיין צו גרויס.
ליגט דער טישטוך אויפ׳ן טיש —
איז פון יום־טוב דאָך אַ גריס...

און די זון, ווי דורך אַ טיול,
קוקט נאָך יום־טוב׳דיק אין שול;
שיינט אין שטיבער אויך אַריין:
זאָל נאָך וואַרעם, ליכטיק זיין.

און די מוטער אין דעם הויז,
קוקט האַלב־יום־טוב׳דיק נאָך אויס.
גרייט נאָך מיטאָגס מאַלצייט צו
מיט אַ יום־טוב׳דיקער רו...

און דאָס דאַווענען אַליין
איז נאָך מיט׳ן יום־טוב׳ס חן.
נאָך שמונה־עשרה — גאָט באַהיט —
זאָגט מען נאָך קיין תחנון ניט...

יעדעס קינד אין שטוב איז קלוג
און סימנים ווייזט גענוג;
יום־טוב גייט אַוועק — דאָך ניט...
איסרו־חג ווערט אָפּגעהיט...

און נאָך איסרו־חג — טרעפט אָפּט
קומט דער פרייטאָג, וואָס מען האָפט;
און דער טאָג — ער טוט אַ יאָג:
שבת בראשית — שענסטער טאָג...

וואָס עס טוט זיך דאַן אין שול,
צי ביים מנין — פריידן־פול...
ווי ביי שמחת־תורה, ערשט,
ביי דער תורה — פרייד באַהערשט...

בראשית ברא — הויבט מען אָן,
אויפדאָסניי — פון אָנהויב אָן;
דער בעל־קורא׳ס קול — אַ פליט
און דער טראָפּ דאָס האַרץ דערפרייט...

„בראשית ברא“ און „ויכל“ —
און עס פאַלן שטראַל נאָך שטראַל
אויפ׳ן פּאַרמעט ווי אַ ליכט
און אויף יעדערנס געזיכט...

מיר דאַכט...

מיר דאַכט, איך בין אַ קליינער אינגל,
איך האָב ערשט אָנגעהויבן לעבן:
די גאַנצע וועלט איז בלויז דאָס שטעטל
און שענערס קען פאַר דעם ניט געבן.

מיר דאַכט, איך בין אַ קליינער אינגל
און בין נאָך ערגעץ ניט געפאָרן,
און וואָס איך האָב געזען אין לעבן
איז ווי דורך כישוף ניט געוואָרן.

עס איז געבליבן בלויז דאָס שטעטל,
אַ גאַנצע וועלט מיט זיבן גאַסן;
זיי ציען זיך אין מיין זכרון
ווי זון־באַשטראַלטע, גאָלדענע פאַסן.

דער שול־הויף איז דער פלאַץ דער
שענסטער,
די שולן פיר — איך זע זיי תמיד:
צוויי טויבן אויפן ארון־קודש,
צוויי לייבן הויערן ביים עמוד...

דאָס טייכל קלאָר און ריזלט פריילעך
מען קען זיך אין זיין וואַסער שפּיגלען:
די ווינט־מיל איז דער גרעסטער וואונדער:
עס דרייען זיך אַליין די פליגלען.

דער וויטסטער וועג — צום וואַלד
צום גרינעם,
אַהין שוין מוז מען גיין צוזאַמען,
און הינטערן וואַלד איז ענדע וועלט שוין
און ס׳הויבן אָן זיך וויטע ים׳ען...

פרייד

איך האָב געגרייט זיך און געגרייט,
געגרייט זיך לאַנג...
און אַט געקומען איז די פרייד
אויף מיין פאַרלאַנג.

איך האָב די האַנט איר אויסגעשטרעקט,
זי אָנגעקוקט,
און נאָכדעם שטילערהייט געפרעגט
און אָפּגערוקט:

ווי לאַנג פאַרבלייבסטו, פרייד, מיט מיר?
זי האָט געלאַכט:
„איך בלייב ווי לאַנג דו ווילסט מיט דיר".
איך האָב געטראַכט...

נאָך פסח...

נאָך יום־טוב׳דיקע טעג פאַרקלערטע,
עס איז אי אומעטיג, אי גוט;
די רו איז איצט שוין אַ פאַרוועריטע,
און אויך די אַרבייט רופט אָן מוט...

די שיינע קליידער מוז מען בייטן,
דאָך רעכנט מען דאָך אויס דערביי:
עס וויל זיך ווייזן נאָך פאַר לייטן
אין עפּעס יום־טוב׳דיקס און ניי...

אין הויז — נישטאָ שוין וואָס צו נאַשן,
דאָך עפּעס גוטס מוז וואו נאָך זיין,
און פון דעם יום־טוב׳ס אַלע פלאַשן —
נאָך ווינקט אַ האַלבע פלאַש מיט ווייַן.

עס קוקט דער וויין אַרויס מיט חידוש,
ווי קומט ער דאָ — פון ווייסטסטן שטאַם;
עס וועט שוין, מירצע שם, אויף „קידוש"
און אויף „הבדלה" זיין, מסתם...

די מאַמעס ציילן וואָס געבליבן
פון יום־טוב׳ס שפּייז, דאָס איז דערהויפּט;
ביי וועמען גאַנצע מצות — זיבן,
באַ אַנד׳רע מער — ווער וואָלט געגלויבט!

ווען מען אַ שבת איבערקומען,
ווייל גלייך נאָך יום־טוב איז מען קאַרג;
געבליבן ניט קיין סך מזומן,
דאָס „שבת־מאַכן" — שווער, אַ באַרג...

און זומער גייט — שווער די פרנסה,
דער פּויער אַרבייט שוין אין פעלד;
נאָר זאָרגן טאָר מען ניט, נישקשה —
ס׳וועט גאָט פאַרזאָרגן שוין זיין וועלט...

אַלע ליבע זאַכן

אַלע ליבע זאַכן
ווייסן מיר פון דאָרטן;
ברונימער און הויפן,
באַ אַ שטוב — אַ גאָרטן...

סעדער — קליין, באַשיידן
וואַקסן זומער פרוכטן,
עפּל — טעם גן־עדן,
באַרנעס, ברוינע, דופטן.

באַ אַ שטוב אַ גאַניק —
יעדער שוועל צו שיצן;
אויף די טרעפּ אַ תענוג
איז געוועזן צו זיצן.

ווייבלעך נאָכ׳ן קאָכן,
קומען דאָרט זיך סוד׳ען;
פון פרנסה־יאָכן
קומען מאַנסביל רעדן.

יונגע מיידלעך לאַכן,
קוקן קלוג זיך איבער,
ווען פאַרביי דעם גאַניק
גייט אַ יונג פאַראיבער...

צי אַ יונג אַ חתן,
צי אַ יונג אַ פרייער —
האָט זיי אי פאַרדראָסן,
אי געווען זיי טייער.

אין חדר

(חומש־מעשה׳לעך)

אָנהויב־זמן, שוין אינדערוואָכן,
און אין חדר — ווידער גיין;
קינדער האָבן דאָך בטחון —
חומש־מעשהלעך, ווי שיין!

ערשטע סדרה איז מיט אדם,
און אַז ס׳קומט די צווייטע וואָך
ציט זיך וואונדערלעך דעם פאָדים,
פרשה נח — שענער נאָך!

נח איז אַ מענטש אַ צדיק,
און אַ פרומער אין זיין דור
(און אין היינטיקן אוודאי),
איז מיט גאָט געגאַנגען נאָר...

נח האָט דריי זין געבאָרן:
שם און חם און יפת נאָר...
און דאָס לאַנד אין יענע יאָרן
איז געווען פאַרדאָרבן גאָר...

און ס׳האָט גאָט געזאָגט צו נח:
כ׳ברענג באַלד אַלע לייבער אום;
ווייל בלויז אומרעכט, רויב און כוח
הערשט אין לאַנד דאָ אומעטום...

מאַך זיך דו אַ תבה איצטער,
און פון פּימסענהאָלץ — באַגרינד!
וועסטו בלייבן אַ געשיצטער
מיט דיין גאַנצן הויז־געזינד.

און גאָט זאָגט אים וויפיל גאָרן,
ווי די גרויס און ווי די ברייט;
ער זאָל זיין אין טעג פון צאָרן,
זיין מיט אַלעם אָנגעגרייט...

און אויך וועם אַריינצונעמען
אין דער תבה, זייער היים;
קיינעם זיי ניט צו פאַרשעמען —
חם און יפת — גלייך ווי שם!

„חם איז פּראָסט און יפת אידל —
אָבער שם — דאָס איז דער איד!“
ס׳איז דעם רבי׳ן ליב דס פּשטל,
און דער ניגון העלפט נאָך מיט...

באַלד און ס׳האָט גאָטס וואָרט געטראָפן,
קוואַלן פון דעם תהום זיך שפּאַלט;
הימעלס פענצטער — אַלע אָפן,
און אַ רעגן גיסט און פאַלט...

אינגלעך — זיצן מיר אין חדר,
צווישן ווענט און אונטער דאַך;
דאָך עס פילט דאָ, דאַכט זיך, יעדער
ווי מקוים ווערט די זאַך...

צווייטער קאַפּיטל

נאָך פאַר רש״י, פאַר גמרא,
צווייטער זמן אין חדר דאָך,
ס׳גייט די פרשה שוין חיי שרה,
און מיר לערנען נח נאָך.

אברהם אבא, דער מלמד,
האַלב אַ „דרדקי“ — צום שפּאַס,
נאָר זיין שטים איז ווייך, ווי סאַמעט
און זיין ניגון קלינגט אין גאַס.

און ער איז אויך הויך־געוואַקסן —
אָן אַסאַבע, מיט אַ קאַרק,
ניט קיין בייזער, ניט קיין עקשן,
מעג ער אויסזען מער נאָך שטאַרק.

ער באַוויזט קיין לומדות אויכעט,
פרעגט קיין קשיא אויך ניט אָפט;
און אפילו ניט אין „נח“,
ווען ס׳האָט גאָט די וועלט באַשטראָפט.

ס׳איז דער מבול ניט די הויפּט־זאַך,
כאַטש געווען איז דאַן אַ גרויל!
דאָך די תבה, קוים עס גלויבט זיך,
מאַלט דער רבי מיט אַ קויל.

ס׳האָט די קויל די באַלעבאָסטע
פון דעם אויוון אים דערלאַנגט,
זי אַן אשה ניט קיין פּראָסטע,
האָט דער רבי איר באַדאַנקט.

מיט אַ קויל אַן אָפּגעקילטע
וואַקסט די תבה אויפ׳ן טיש;
זיין פאַנטאַזיע אַ צושפּילטע —
מאַלט ער זי ניי און פריש...

יעדער גאָרן, יעדער חדר,
וואו די חיות, וואו די פי;
און אַזוי געמאָלט כסדר
גאָר אַן טראַכטן, בלויז אין פלי...

ניט אַריינגעקוקט אפילו
אין דער פּרשה וואָס באַקאַנט,
ווי אַ שמונה־עשרה־תפילה,
וואָס ער „זאָגט" ביים מזרח־וואַנט.

און די אינגלעך — אויך דער קלענסטער —
זעען דעם וואונדער אַלע גלייך;
און זיי ווילן זען די פענסטער,
אָט דעם צוהר, וואָס ער שיינט...

דריטער קאַפּיטל

עפנט נח אויף דאָס פענסטער
פון דער תבה, וואָס זי האָט,
ערשט קיין טרוקן אָרט, קיין קלענסטער,
ס׳איז נאָך אַלץ אין צאָרן גאָט.

און קיין פייגל פליט שוין אויך ניט,
ניט דער אָדלער—שטאַרק און גרויס;
ווערט דערשראָקן דאַן שוין נח
און ער שיקט דעם ראָב אַרויס,

זעהן, ווי האַלט עס מיט׳ן וואַסער;
זעהן, כאָטש וואו אַ שפּיץ פון בוים.
אָבער נח ווערט אַלץ בלאַסער,
ס׳קומט דער ראָב ניט מער אַהיים.

ס׳איז ניט מער דער ראָב געקומען,
נאָך קיין מעגלעכקייט פאַר מייל;
האָט שוין נח דאַן פאַרשטאַנען:
קיין פאַרגרינגערונג דערוויל.

שיקט ער דאָך די טויב אין נויטן,
קומט זי צ׳ריק פון מבול׳ס גרויל;
שיקט ער זי צום מאָל צום צווייטן—
ערשט זי ברענגט אַ בלאַט אין מויל.

און צום דריטן מאָל ער שיקט זי,
איז זי ניט געקומען מער;
זינגט דער רבי אַ באַגליקטער;
„ס׳הייסט—ס׳איז טרוקן שוין די ערד"!

אַך, אַ פרייד און אַ ישועה!
אויס פון מבול שוין דער פּיין.
האָט שוין גאָט געטאָן אַ שבועה:
ס׳וועט שוין מער קיין מבול זיין.

האָט שוין גאָט געשענקט זיין ברכה
פאַר דעם לאַנד און אַלע לייט,
און ס׳האָט נח און משפחה
פון דער תבה זיך באַפרייט.

האָט געזאָגט גאָט טיף דערבאַרעמט:
לעבט שוין גליקלעך אויף דער ערד;
זייט און שניידט! אין קעלט און וואַרעם,
טאָג און נאַכט — ניט מער צעשטערט.

כ׳ווייז אין וואָלקן אייך אַ בויגן,
דאָס דערמאָנט זיך, און ניט שרעקט—;
ווען איר זעט דעם רעגנבויגן —
אַז דער מבול איז געענדט...

פאַר שבועות

פערטער קאַפּיטל

דאָס פלעגט פאַר שבועות־צייט פּאַסירן;
דער שטרענגער רבי ווערט אַ טרוימער...
דער חדר מיט די פענסטער, טירן
ווערט פרייער, אָפענער, גערוימער...

די גמרות — אויפ׳ן טיש, ביים ווינקל—
פאַרמאַכט דערווייל—אויס יעדע קשיא...
דעם רבי׳ס קול איז קלאָר, מיט פינקל —
ער קוקט אפילו נישט אין רש״י...

די אַלע ווערטער ווי דערפרישטע,
עס לערנט־זיך, עס זאָגט־זיך גרינגער...
דער ענין איז ניט קיין פאַרמישטער,
דער רבי דרייט ניט מיט קיין פינגער.

מיר לערנען רות! ס׳איז גרינג כסדר,
און מילד, ווי ס׳ווינטעלע אין דרויסן;
דער שאַרפסטער אינגעלע אין חדר
קיין קשיא פרעגט, קיין תירוץ אויסן...

מיר גייען־נאָך דעם גוטן רבי׳ן,
און רות, און נעמי אין דערמיטן;
אָט קומען מיר שוין אין בית־לחם
וואו בועז׳ס גערשטן ווערט געשניטן.

אַוועק אַ טאָג פון שניט, אין זומער,
די זון צו מערב איז פאַרגאַנגען;
מיר זעצן זיך מיט רות דער פרומער
און עסן די געברוינטע זאַנגען.

און באַלד קומט־אָן אין פעלד דער בועז —
דער רבי קען אים פאַר אַ רייכן —
ער פרעגט: ווער איז זי? ערשט אַ
מואבֿ׳ס
ער רעדט מיט איר ווי מיט אַ גלייכן.

און נאָכדעם איז זי שטיל געגאַנגען,
צו בועז׳ס שייער, שטיל געקומען;
דער פרומער מאַן האָט זי אָמפּפאַנגען
און פאַר אַ ווייב דערנאָך גענומען.

עס איז אַרויס פון זיי פיל שטאַמען,
ביז דוד׳ס שטאַם — אין ליכטיק לעבן...
— „פון דוד וועט משיח שטאַמען״ —
האָט פרום דער רבי צוגעגעבן...

א ליד וועגן רות . . .

שרייבט נאָך, שרייבער, אויך אַצונדער,
מעשיות — יעדערער באַזונדער;
שרייבט די גרעסטע, שאַפט די קלענסטע,
מעשה — רות בלייבט אַלץ די שענסטע!

ס׳האָט ניט קיין געזאַלבטער דיכטער
פון אַמאָל „אין טעג פון ריכטער״ —
און ביז היינט די שעפער־ריזן
שאַפן נאָך אַ רות באַוויזן.

און אין יענער צייט אפילו
די באַרימטע „שמשון־דלילה״,
וואָס איז וואונדערלעך און הערלעך —
גלייכן זיי צו „רות״ איז שווערלעך . . .

ס׳גייט ניט בלויז אין די געשיכטן,
נאָר אין פשטות פון דעם דיכטן,
גלייך אַ טייכל פליסט נאַטירלעך,
און ווי אידל, טיף און צירלעך . . .

און די אַלע מידות וואוילע
וואָס עס קומט אַרויס ממילא —
גוטסקייט, פריינטשאַפט, טרייהייט טיפע
אין דער וואונדערלעכער סביבה.

און דערצו די שיינקייט, טוגענט
נעמי — עלטער, רות — אַ יוגענט,
און ווי ביידע ליב זיי ריידן
ווען עס קומט זיי אויס זיך שיידן . .

ערפּה אויך — די שנור די צווייטע,
גיין מיט נעמי׳ן אויך אַ גרייטע,
פֿאָלגט דאָך ענדלעך — קערט זיך ווידער
צום לאַנד מואב, צו די ברידער.

רות דאָך קעמפּט מיט אַלע קרעפֿטן,
זיך אין נעמי׳ס פֿאַלק באַהעפֿטן,
און אין זעלבן גאָט פֿון נעמי׳ן
וואָס פֿול וואונדער איז זיין נאָמען . . .

צי געשיכטע, צי אידיליע —
ס׳האָט קיין נאָמען ניט אפילו ;
אין איר שטילקייט, אין די דופטן
שטעקט איר כוח, שוועבט אין לופטן.

ס׳האָט דעם דופט פֿון גרינסטע לאַנען,
און פֿון פֿעלדער ווייט פֿון דאַנען,
און פֿון אַלץ וואָס שיין זינט דאמלט
איז אין איינער רות געזאַמלט . . .

נאָך גרינס

1

נאָך צוויגעלעך קינדער, אין וואַלד לאָזט זיך גיין
— און פֿריילעך מיט לידער כסדר,
אַזוי ווי עס וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען —
קיין רבי, קיין קאַנטשיק, קיין חדר.

נאָך צווייגעלעך, קינדער, נאָך צווייגעלעך גייט,
און פּוצט אויס די אָרעמע שטיבלעך ;
דער וואַלד איז ניט ווייט, הינטערן שטעטל ער שטייט
און קוקט אַזוי ווייך, אַזוי ליבלעך.

פֿאַרוואונדערט וועט ווערן דער אַלטער, דער וואַלד :
וואָס טוען דאָ אידישע קינדער ? —
דערציילט אים : ס׳איז שבועות — דערציילט עס אים באַלד ;
און זאָל אים ניט זיין צו קיין וואונדער . . .

און זוימט אייך וואָס לענגער און רייסט וואָס מער אָן —
ניט האָט פֿאַר די טאַטעס קיין מורא ;
היינט מעגט איר אין וואַלד זיין, מ׳וועט גאָר נישט אייך טאָן —
עס איז דאָך לכבוד דער תורה !

שבת שירה

(עראינערונגען אין פערזן — היימישע אידיליע)

ווער געדענקט דעם שבת — ווינטער,
ווען מען לייענט פרשה בשלח?
מאַמעס ווערן מערער מונטער,
יעדע מאַמע — גוט, אַ מלאך

און די אינגלעך — הערט אַ מעשה,
ס׳פינקלען פול מיט פרייד די אויגן;
ס׳גייט ניט איין זיי קוגל, קאַשע,
ניין — דאָס גיט מען היינט די פייגל.

אַך, די אָרעמע אין ווינטער,
פייגעלעך — אין קעלט געבליבן;
ניט געפלויגן טייכן הינטער,
אין אַ וואַרעם לאַנד, אַ ליבן.

פאַלט אַרויס אַ שניי — נאָך ערגער,
פלויט און בוים און דאָך פאַרווייעט,
און דער גאָרטן — שניי פול בערגלעך,
און עס שטורעמט און עס ווייעט...

אינגלעך קליינע העלפן גערן
זיי מיט זייער שפּייז אין חדר;
וועמעס מאַמע האָלט־וואו קערנער,
שפּייזט מען פייגל אָן כסדר.

ברעקלעך, קערנער — בלויז געציילטע,
און פאַרבאָטן איז דאָס שפּילן:
טיילן שפּייז אין טעג אין קאַלטע
קען מען, קינדער, זיך פאַרקילן.

און דער רבי רופט פון חדר,
און די מאַמע רופט פון פענסטער;
פון די אינגלעך פאָלגט דאָך יעדער,
מעג ער זיין נאָך גאָר דער קלענסטער...

אָבער שבת, פרשה בשלח,
צי נאָך שענער: שבת שירה,
ווערט דער טאַטע אויך אַ מלאך
און די מאַמע ווערט אַ גבירה...

לויכט איר פנים ליבער, העלער,
צוליב שבת־שירה וועגן;
טראָגט דאָס אינגל פולע טעלער,
און ער דאַרף ביי איר ניט פרעגן.

ניין, זי הייסט אַליין אים טראָגן —
אַזאַ ליבלעכע, געטרייע;
— טראָג זיי קאַשע — פלעגט זי זאָגן —
זיי די פייגעלעך מחיה!...

און דער טאַטע ווי פאַרוואַנדלט,
עפנט־אויף דעם שפּייכלער תבואה;
אויפן הויף — פאַר וואָך און האַנדל —
פאַר די פייגל אַ ישועה!

און די פייגל פון אַרומעט,
הויבן־אָן צו פליען, שפּרינגען;
אויס מיט ווינטערדיקן אומעט,
הויבן־אָן אַ דאַנק־ליד זינגען.

די לעצטע גאַס

די לעצטע גאַס פון שטאָט,
די לעצטע הויז פון גאַס:
נאָך שטאָטישן גערויש
קוקט אויס דאָ ווי אַ שפּאַס.

די הייזער אַזוי קליין,
די שכנים אַזוי שטיל;
דערפאַר ווי ברייט דאָס פעלד
און הימל אַזוי פיל.

און וואו די קוקסט זיך אום,
דיין אויג זיך העלט און קוועלט;
דאָ ענדיקט זיך די שטאָט,
דאָ הייבט זיך אָן די וועלט.

דער נס אום שמחת־תורה

אין היים אונזער ליבער,
וואָס וועקט אונזער בענקשאַפט,
געוואוינט אין די שטיבער
אין קליינע — אין ענגשאַפט.

אַ פאַרהאַנג — צו שיצן —
דאָס הייסט שוין אַ חדר,
און אָפטמאָל — אין מיטן,
דער אַלמער פון קליידער.

אַמאָל — זיי געביטן:
דער פאַרהאַנג איז רייכער;
דער אַלמער אין מיטן
אַלס חדר שוין גלייכער.

דער טאַטע דער יחסן
פלעגט אָפט זיך פאַרקלערן:
„דאָס קינד האַלט אין וואַקסן",
מען דאַרף איר ניט שטערן . . .

זי ברייטערט די דירה,
אין שטיבעלע ענגן;
די חבר'טעס אירע
זיי קומען פאַרברענגען.

אין שבת — זיי קומען,
ווי יוגנט — צו טאַנצן;
איז דאַן שוין פאַרנומען
די דירה אינגאַנצן.

גייט טאַטע מיט מאַמען
אַרויס, ווי שפּאַצירן,
און קינדער צוזאַמען
די פרייהייט דערשפּירן.

די מאַמע, זי ווייסט דאָך,
מען קען זיך פאַרלאָזן;
דער טאַטע, ער טרייסט זיך:
מען איז ניט צעלאָזן . . .

און וואָס קען מען שטערן
אין אָרימקייט טריבע,
עס קען דאָך אויך ווערן
אַ שידוך — אַ ליבע . . .

און באַלד נאָך יום־נוראים,
פיר טעג בלויז געבליבן,
אַ סוכה צו בויען
אויף גאַנצע טעג זיבן.

בלויז זיבן צו „זיצן",
ווי ס'הייסט אונז די תורה,
און נאָכדעם זי שיצן —
ביז נאָך שמת־תורה.

עס קומט שמחת־תורה,
און ס'ווילט זיך נאָך טוליען;
ס'גייט אַ ווינטער פול מורא,
איז דאַרף מען היינט הוליען . . .

אָט דאָס איז אַן ענין,
דאָס קליגסטע, ווי ס'פּאַסט זיך;
דער טאַטע ביים מנין —
אים דאַכט, ער אַ גאַסט איז . . .

אין טלית אין זיינעם,
כאָטש געטראָגן שוין יאָרן,
ער וויקלט אינאיינעם
זיך מיט „כל הנערים" . . .

אין איין שמחת תורה —
די גאַס האָט געקלונגען;
דעם „חתן התורה" —
אליין אָפּגעזונגען . . .

די ווערטער די שענסטע,
דער ניגון פול האָפן —
געשוועבט דורכן פענסטער,
וואָס ס'איז געווען אָפן . . .

האָט ער שוין געלאַדן
ביים מנין דעם רייכן
די פריינט קאַמעראַדן,
צו אים, פון זיין גלייכן . . .

פאַרשטייט זיך, געוויזן
די סוכה — שוין ליידיג;
ניטאָ די אושפּיזין,
דאָך זעט נאָך אויס פריידיג . . .

דער טיש ניט־געדעקטער —
איז קען מען אים דעקן,
די ווייב צי די טעכטער,
נאָר שטיל, ניט דערשרעקן . . .

די ווייב, מיט אַ שמייכל —
ס׳איז דאָך שמחת תורה;
איר מאַן אַ בעל־שכל,
אַ דאַנק איז דעם בורא . . .

אין סוכה געפירט זיי —
אין שטוב טאַקע פּאַסט ניט;
די סוכה פאַרצירט שוין
ווי קיינמאָל פאַר געסט ניט . . .

פון שטוב געבראַכט שטולן
און בענקלעך ביז קלענסטן,
און טעלער אין פולן —
מיט כיבוד דעם שענסטן . . .

די וויין פון דעם קידוש,
די וויין פון הבדלה;
און זעט נאָר דעם חידוש —
אויך ווישניק — אין ראָלע . . .

די סוכה אַ גרויסע,
פון שטיבל נאָך בעסער;
און מאַכט מען אַ כוס׳ע —
פון שטוב ווערט זי גרעסער.

די געסט דאָך — ניט גלויבן
וואָס הייסט עפּעס גרעסער?
די שטוב גאָר זיי לויבן —
אין שטוב איז דאָך בעסער . . .

און גאָר אָן פּאַראַיבל,
אין גאַס שוין באַלד מנחה,
פון סוכה אין שטיבל
מען לאָזט זיך מיט שמחה . . .

„דו וואוינסט דאָך גאָר, זלמן,
אַזוי ווי אַ מאָנאַרכע,
איך האָב ניט געזען ווען
אַזאַ שטוב, אַזאַ רחבות!...‟

און נעמען שוין זינגען,
גאָר ניט אויפצוהערן —
ביז ס׳הויבן־אָן פינקלען
אין הימל די שטערן . . .

די נייע פאָן

הער, מיין קינד, דעם גרויסן וואונדער,
וואָס אַ פאָן באַדייט;
אין אַ טיפער הייל, באַזונדער
זיצט די מוטער „צייט‟.

זיצט זי דאָרטן שטיל און אַרטיג,
וועב־שטול איז איר טראָן,
און זי וועבט און מאַכט דאָרט פאַרטיג
גאָר אַ נייע פאָן!

ליבסטע פאַרבן, שענסטע קווייטן
וועבט זי דאָרטן איין,
פאַר דעם נייעם טאָג זי גרייטן,
וואָס עס דאַרף נאָך זיין...

אַלע האָפנונגען, באַגערן,
וועבט זי אויס — די צייט;
ווי די פאָן וועט פאַרטיג ווערן —
ווערט די וועלט באַפרייט.

אַ חתונה שבת נחמו

דער פֿריילֿיכסטער שבת פֿון אַלע,
איז שבת נחמו, גאָר אַ לויטערע פֿרייד,
ניט נאָר ביי אַ חתן־און־כלה,
וואָס האָבן געוואַרט, זיך געגרייט...

אויך אָרעמע קלעזמער — זיי פֿלעגן
ביז שבת נחמו זיין פֿאַרבענקט,
און גלייך ווי פֿאַרצייטן אויף וועגן—
די פֿידלען אויף ווענט אויפֿגעהענגט...

ניט רירן קיין סטרונע, ציי נאָטן,
ציי נעמען אַ פֿלייט צו דעם מויל;
ניט נאָר ווייל געווען איז פֿאַרבאָטן—
דער טרויער, דער חורבן, דער גרויל...

אַזוי אַ גאַנץ זומער זיך היטן,
פֿון פֿידל, פֿון פֿלייט ניט קיין קלאַנג;
אַ חתונה־שפּילן פֿאַרמיטן,
טעג ציען זיך אומעטיג, לאַנג...

דאָך לייענט מען באַלד די הפטורה
פֿון נביא ישעיה — נחמו,
פֿאַרשווינדט יענע וואָך שוין די מורא—
די פֿרייד קומט אַלץ נעענטער צו.

עס לויכטן שוין טעג, און אין לופֿטן
שוין קלינגט, ווי פֿון פֿידל אַ טאָן;
אין גאַס, וואו אַ כלה — דאָרט דופֿט שוין
דער טאָרט און דער לעקעך מיט מאָן...

און ס׳קומט שוין אָן נעענטער אַ גרימפּלען
פֿון גאַס, וואו אַ קלעזמער דאָרט וואוינט;
עס קלינגען די טאַצן, די צימבלען
אין „פֿראַבע״, די „שטיק״, ווער ס׳געדענקט.

און שפּעטער שוין קומט די קאַפּעליע
צו הירשל דעם פֿידלער אין הויז;
זיין טאַטע, דער אַלטער ר׳ אליה,
גייט כלומר׳שט אין מאַרק דאַן אַרויס.

די קלעזמער זיי דאַרפֿן קיין פֿולע —
אַ קעלישאַק „לחיים״ געמאַכט...
און פֿריער מען טוט שטיל אַ הוליע,
נאָך איידער די „פֿראַבע״ געמאַכט...

„קאַלדוניע״—דער פֿידלער דער צווייטער,
קורצזיכטיק, אָן נאָטן ער שפּילט;
דאָך איז ער דער ערשטער אַ גרייטער
צו שפּילן אַזוי ווי ער פֿילט...

און פֿרייטאָג ביי טאָג שוין פֿאַרטיילט מען
מיט קלעזמער — צו חופּות צו פֿיר;
פֿאַר איטלעכער חתונה ווילט מען
די צייט און די שפּילער פֿאַר איר...

אַ חתן

אין בית־מדרש, אין פֿרימאָרגן,
אין אַ מאָנטאָג, אין אַ בלייכן;
אָנהויב וואָך, וואָס קומט מיט זאָרגן
און פֿון וואו קען פֿרייד דען גרייכן?

און דאָס דאַווענען — אַזאַ לאַנגער:
„לאַנג־והוא־רחום״ און נאָך „תחנון״...
און דער ניגון ווערט נאָך באַנגער
שויןביים אָנהויב פֿון דעם דאַווענען...

אָבער ניסים טרעפֿן שטענדיק:
ס׳קומט אַ חתן, שטיל, באַשיידן;
און ער שפּיגלט־אָפּ אויף יעדן
זיינע האָפֿנונגען און פֿריידן...

און דאָס דאַווענען ווערט שוין פֿריילעך;...
לאַנגע תפֿילות — אויסגעשלאָסן...
ס׳איז דער דין אַז — ווי אַ מלך
קומט אַריין אַ בחור־חתן.

ערשט די וואָך וועט זיין די חופּה,
און די וועלט פֿאַר אים נאָך אָפֿן
קען ער — ווי אַמאָל די דאַוונער —
אויף די שענסטע גליקן האָפֿן...

א תשרי-טאָג

א תשרי־טאָג, ווי פּאַר אַ רעגן,
און אויפ׳ן הימל וואָלקנס ציען;
און פייגל שטיל־פאַרזאָרגטע פליען
און שטעלן־אָפּ־זיך, ווי צו איבערפרעגן:

צי פליען ווייטער, אָדער דאָ פאַרבלייבן?
זיי קוקן אָן זיך שטום:
ס׳איז האַרבסטיק אומעטום;
צו וואָס זיך ווייט אַרומצוטרייבן —

וואו בעסער איז — ווער קען דען וויסן?
דאָך פליען זיי אין ווייט . . .
איך קוק זיי נאָך אַ צייט,
און שיק זיי אַ פאַרבענקטער מיינע גריסן...

י ע נ ע...

יענע ווינטעלעך די שטילע,
אין דער אלול נאַכט,
און די שול, און דער בעל תפילה —
אַלץ האָט אויפגעוואַכט.

אין דעם רוישיק לאַנד און ווייטן
זעסטו ווידער זיי,
און עס לעבן אויף די צייטן
פון דיין פרייד און וויי.

ווי זיי קומען נאָכאַנאַנדער,
יענע נעכט און טעג —
אין דיין לעבנס לאַנגען וואַנדער,
אויף דיין נייעם וועג!

ווי עס לויכט נאָך יענער שימער
פון די אַלטע ווענט!
דאָס פאַרלאָשענע אויף אימער
צינדט זיך אָן און ברענט!

און ווי ווייט דו ביזט פון אַלטן
און ווי נאָענט דאָך,
און אַנטרונענע געשטאַלטן
גייען אַלץ דיר נאָך!...

שופרות

(ניי ראש־השנה־ליד)

שופרות שאַלן ווי טראָמפּייטן:
פריי וועט זיין דער מענטש פון קייטן;
און דער שטן — אָפּגעטראָטן,
רעדן שלעכטס — אים ניט געראָטן.

פריי אין לעבן, פריי אין פרידן,
און דער האַס וועט מער ניט זידן;
אַלע וואָגלער וויט־צעשפּרייטע,
קומען שוין צוריק דערפרייטע.

יעדע היים איז ווידער טייער,
און ביי יעדנ׳ס אויוון — פייער,
און ביי יעדער שוועל — געזאַנגען,
נאָענט, ווייטן — צו אַמפּאַנגען...

ערב ראש השנה...

(אַ חסידישער מאָטיוו)

אין מיין שטעטעלע צום רבי׳ן,
פלעגן אָנפאָרן די חסידים;
קומען־אָן ווי אויפצולעבן,
ווי אויף הייליקע ירידים...

ניט צו האַנדלען דאָ קיין סחורה,
ניט צו מאַכן קיין געשעפטן;
נאָר צו הערן רבי׳נס תורה
און באַקומען נייע קרעפטן...

ניט בלויז הערן — זיין געשטאַלט זען,
זיינע אויגן און זיין מינע;
און זיין בליק — אין האַרץ באַהאַלטן
ווי אַ שטראַל מזיוו השכינה...

און דערנאָך אַהיים צו קומען —
סיי צו האַנדלען, סיי צו מלאכה —
זאָל אין אַלץ זיי וואויל באַקומען
רבי׳נס בליק און רבי׳נס ברכה...

די קערה

אַלע ערב יום־כפּורים,
איידער ס׳פלעגט די זון פאַרגיין,
פלעגט אין פאַרהויז פון בית־מדרש
אויסגעשטעלטע טישן שטיין.

און די טישן פול מיט קערות,
אויסגעשטעלטע אין דער ריי;
זיין נדבה וואַרפט דאָרט יעדער
ווער עס גייט דעם טיש פאַרביי.

„פאַר די אידן אין „מאַראָקאָ"
און „פאַר די ברידער אין דער וויט",
און „פאַר שיך פאַר אָר׳מע קינדער"
און „פאַר האָלץ פאַר אָרעמע לייט".

און „פאַר קראַנקע קינפּעטאָרינס"
און „פאַר אידן יורדים סתם":
„פאַר עגונות, וועמעס מענער
„לעבן ערגעץ איבערן ים..."

יעדער צעטל אין דער קערה
איז אַן אומגליק און געשריי:
יעדער אויפשריפט אין דער קערה
פלעגט דערמאָנען וועגן זיי.

ביז די קערות פלעגן ענדליך
ווערן אָנגעפילט מיט געלט,
אידן זיינען ווידער אידן
און די וועלט איז ווידער וועלט...

ווער זיצט היינט דאָרט ביי די טישן
מיט די קערות אַלערליי?...
קענען דען מיליאָנען קערות
לינדערן פון פאָלק דעם וויי?

אַך, פון אַלע פילע קערות
איז געוואָרן איינע בלויז
מיט אַ לאַנגן — רויטן צעטל —
בלוטיק יעדער אות זעט אויס.

כל נדרי

אָ, דו טרויעריק־זיסער ניגון,
וויפיל זיפצן, קרעכצן ליגן
אין דיין יעדן קלאַנג!
אַלטע בילדער און געשטאַלטן
פון דעם גרויסן פאָלק און אַלטן
שטייען אויף פון לאַנג.

אָ, זיי שטייען אויף פון היילן
און זיי קרעכצן און דערציילן:
פון הישפּאַניען שטאַמט
יענער ניגון וואָס ער ציט זיך
און די אַלטע וואונד צוגליט זיך
און דער גלויבן פלאַמט!

ס׳האָט פאַרפאַסט אים דאָרט דער גלות
און דאָ קלינגען חרמות, קללות
פון אַ פאָלק, וואָס האָט
נישט געטאָרט זיין תורה היטן,
זיינע מצוות זיינע זיטן
און געבעטן גאָט:

„זיי אונדז מוחל, וואָס פון אויבן
האָבן מיר מיט פרעמדן גלויבן
אונדזער גוף פאַרהילט!
אונדזער האַרץ דאָך קען נישט שטילן:
הייסע אידישע געפילן
ברויזן דאָרטן ווילד!"

שפּעטע שעה

שפּעטע אָוונט־שעה,
אפשר קומט ווער אָן;
קיינער איז ניטאָ —
קלינגט דער טעלעפאָן.

וואַרפסטו זיך צו אים —
ווערט דאָס קלינגען ליב;
הערן בלויז אַ שטים
און אַ ציטערן — גיב!...

דער יום־כיפורדיקער שפּאַציר

נאָך דער כּהנים׳ס עבֿודה,
צווישן דריי בייטאָג און פיר —
גייען יונגע לייט שוין מידע
פון דער שול — אויף אַ שפּאַציר...

עסן טאַקע ניט — אוודאי —
די עבֿירה שווער באַדייט;
סאַי פאַר גאָט און סאַי פאַר טאַטע,
און פאַר מאַמע, און פאַר לייט.

זיך באַהאַלטן איז ניט מעגלעך —
גאָט, ער זעט דאָך סאַ־ווי־סאַי;
און די שטראָף פון יעדן — קלעגלעך,
ווער יום־כּיפּור וויל זיין פריי...

דאָך צו רעדן מיט אַ מיידל
ביים באַגעגענען זיך — פאַרשמאַכט
מעג מען יאָ — פאַרשטייט זיך — איידל:
בלויז געשמייכלט, ניט געלאַכט...

כאָטש געוואוסט דאָן האָבן אַלע,
וואָס די גמרא אונז דערציילט,
אַז יום־כּיפּור האָט אַ כּלה
זיך אַ חתן אויסגעוויילט.

ס׳איז געווען גאָר פאַרצייטן
אין דעם לאַנד ישׂראל נאָך,
פלעגט יום־כּיפּור גאָר באַדייטן
פאַר דער יוגנט — שענסטער טאָג.

אין די גערטנער — ביי מאַראַנצן,
יונגע פאַרלעך פלעגן דאַן
פריילעך זינגען, לוסטיק טאַנצן —
מיידלעך ווילן זיך אַ מאַן.

אפשר צוליב דער אגדתא
איז אויך אין דער אָר׳מער היים,
נאָך צוויי טויזנט יאָר אַוואַדע,
נאָך געווען אַ שפּור געהיים...

אַך, אַ מנהג פון אַן אומה,
מעג ער זיין שוין דורות לאַנג,
און דער חתן — אַלץ אַ פרומער —
זוכט אַ כּלה יונג און שלאַנק.

און דערנאָכדעם, ווען די יוגנט
גייט צוריק שוין אין דער שול,
גייען מיידלעך פרום, פול טוגענט —
מיט מיט זיי — מיט אַנדאַכט פול.

און זיי בלייבן ביי די פענסטער
פון דער שול אַרום, אַרום;
קוקט אַרויס אַ יונג, דער שענסטער,
מיט אַ בליק אי קלוג, אי פרום.

בלייבט זי נאָך ביז שופר בלאָזן,
הערן אויך: לשנה הבאה!
און דערנאָך אַהיים זיך לאָזן —
ווען די לבֿנה איז שוין דאָ.

געדאַנקען

עס זיינען פיל געדאַנקען דאָ,
וואָס קומען אין דער אָוונט־שעה.
זיי שוועבן אום און פלאַטערן,
זיי רייזן זיך און מאַטערן.

דו האָסט זיי זעלבסט דערצויגן,
מיט זיי אין וויט געפלויגן;
און איצטער — פרעמדע, שונאים
און זיי לאַכן דיר אין פּנים...

חנוכה

„ברוך אתה!
זינגט דער טאַטע
און ער צינדט די ליכט,
און די שטראַלן,
מילדע, פאַלן
אויף זיין בלאַס געזיכט.

און אַ פייער —
הייליק, טייער —
אין די אויגן לייכט,
און דער מידער
מיט די גלידער
האָט זיך אויסגעגלייכט.

און עס דאַכט זיך,
און עס טראַכט זיך:
ס'איז נאָך עפּעס דאָ;
ס'איז געבליבן
וואָס צו ליבן —
הייליק איז די שעה!

אַלטע קלאַנגען
לאַנג פאַרגאַנגען —
ניין! עס קלינגט נאָך צינד;
זינג מיר, טאַטע
ברוך אתה,
און איך בלייב דיין קינד!...

דאָס אַכטע ליכטל

אַלע ליכטלעך אָנגעצונדן,
אַכטע ליכטל, אַכטע קראַפט;
און אַ ליכטעלע באַזונדער,
וואָס האָט ליכטיקייט געשאפט...

און באַלד פריידיק אין די שויבן
שפּיגלט יעדער שטראַל זיך פרום.
ס'לויכט דער אויביק־יונגער גלויבן,
וואָס דערהאַלט אונז אומעטום.

ליכטעלעך, ווי קליין זיי זיינען,
האַלטן זיך ביים פענסטער אויך;
און די פלעמלעך הויך זיי שיינען,
ווי די שטערן אין דער־הויך...

און דערפרייען די וואָס גייען
ביי דער זעלבער זייט פון שיין;
צי ביי שטורעם, צי ביי שנייען —
ווינקען פייערלעך: אַריין!

דער נס

כ'געפין נישט דערינען דעם נס
אַכט נעכט האָט דער בוימאייל געברענט;
דעם בוימאייל אין הייליק געפעס
וואָלט יעדער דאָך קאַרגן געקענט.

דער נס איז נאָך שענער געווילט,
עס שטראַלט מיר פאַר פרייד דאָס געזיכט.
אַן אָרעם, קליין פאָלק האָט פאַרטיילט
אַ וועלט אַזאַ גרויסע מיט ליכט!...

די שווערד און די פייערלעך

צי איז בלויז אַ נס דאָרט געווען,
צי איז נאָר געוועזן אַ שטרייט;
עס איז אַזוי לאַנג שוין געשען —
עס קלינגט אַזוי דומפּ, אַזוי ווייט.
לעגענדן און וואָר
געמישט אין אַ כאָר
ווי עכאָס פון אוראַלטער צייט.

צי האָבן די העלדן דעם פיינט
פאַרטריבן, פאַריאָגט מיט'ן שווערד;
צי פייערלעך האָבן געשיינט
און ס'האָט זייער ליכט זיך געמערט? —
די שווערד בלויז אַ קלאַנג,
פאַרקלונגען פון לאַנג,
די פייערלעך שיינען נאָך היינט...

פאַריז 1914, ניו יאָרק 1926.

ווען איך צינד די ליכטלעך...

פאַרלאָשן זיינען מיינע שטערן
און פינצטער איז די לאַנגע נאַכט,
דאָך הויבט מיר ליכטיק אָן צו ווערן,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט!

מיין מאַכט און שטאָלץ איז לאַנג אַריבער,
דערווילדער שונא שפּאָט און לאַכט
עס לעבט דאָך אויף דער אַלטער גיבור,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט!

עס שטומען אַלע מיינע לידער
פון גבורה, העלדנמוט און מאַכט,
דאָך קלינגען זיי אין האַרץ מיר ווידער,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט!

אַן אַלטע טרער מיין אויג פאַרדונקעלט
און האָט עס שיער נישט בלינד געמאַכט,
דאָך זעט ווי העל צוריק עס פונקעלט,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט!

וואַרשע, 1899

דורך די שויבען

... זעט, ווי פריידיק אין די שויבן
שפּיגלען־אָפּ זיך — ליכטלעך פרום;
ס׳לייכט דער אייביק־יונגער גלויבן,
וואָס דערהאַלט אונז אומעטום.

ס׳איז אַ פרומקייט גאָר אַן אַנד׳רע,
ס׳איז אַ גלויבן אין דער פריי;
און אין לעצטן לענדער־וואַנדערן
ברענען ליכטעלעך אויפסניי...

קליין און אָרעם, ווי זיי זיינען —
האַלטן זיך ביים פענסטער בלויז;
דאָך די פלעמעלעך זיי שיינען
און דערפרייען יעדעס הויז...

און אין יום־טוב אין דעם שיינעם,
ווען אַ שניי קומט אינדערמיט
פרייען קינדער זיך אינאיינעם —
שנייעלעך זיי טאַנצן־מיט!

איך געדענק...

איך געדענק אייך אַלע
פריינט, פאַרוואָרפענע וויט;
כאָטש עס טיילט פון אייך מיך
אָפּ דער רוים און צייט.

כאָטש איך בין אַן אַנדערער
אויפן ערשטן בליק,
לעב איך אַלץ נאָך שטענדיק
מיט דעם שטילן גליק...

וואָס געלעבט האָט נעכטן
איז געשטאָרבן היינט,
אָבער אייביק לעבן
אַלטע טעג און פריינט.

כאָטש איך זיך מיט מענטשן
און פאַרטרייד מיין לייד,
הער איך דאָך פון וויטן
בלויז פון אייך די רייד.

כאָטש איך וואַנדל שטענדיק
צווישן רויש און דראַנג —
רוט מיר דאָך אין האַרצן
אייער וויט געזאַנג.

און וואָס מער דאָס לעבן
ווערט מיר ענג און שווער —
נעענטער און בעסער
זע איך אייך און הער...

דאָס יאָר...

די יאָרן אין דער היים האָט מען ניט אויסגעציילט
און ניט אין צייטן פיר אַ יעדן יאָר געטיילט;
נאָך זומער — ווינטער קומט, בלויז זמנים צוויי, ניט מער,
(דערפאַר האָט זיך דאָס יאָר געצויגן אַזוי שווער...)

דעם נאָמען פרילינג — אים האָט קיינער ניט דערמאָנט,
די צייכנס פון זיין טראָט האָט זעלטן ווער דערקאָנט;
נאָר ווען דער שניי צעגייט, און ס׳שמעלצט דער אייז אין טייך,
געוואוסט האָט יעדערער, אַז זומער קומט אָן גלייך.

אויך פאַר דער גאָלדענער צייט, ווען ס׳ברווינט פון בוים דער בלאַט.
די צייט פון שטילן האַרבסט, האָט מען קיין וואָרט געהאַט.
עס האָט געהייסן בלויז: דער זומער גייט אַוועק
און יעדער האָט געזיפצט מיט טיפן ווייי און שרעק:

„דער ווינטער קומט שוין אָן״... די ווינטן בלאָזן שאַרף,
און יעדער רעכנט אויס באַשטימט פיל האָלץ ער דאַרף;
אַ קלאָפטער דאָך געוויס, און אפשר טאָקע צוויי...
דער לוח זאָגט שוין אָן, אין חשון פאַלט אַ שניי...

אין כסלו שטאַרקע פרעסט און ערשט אין טבת לינד...
דערפאַר אין חודש שבט — אי גרויסע פרעסט, אי ווינט...
נאָר ווער עס מישט דאָס בלאַט ווייט ביז אין אייר אַריין —
דעם זאָגט דער לוח צו אויך טעג פון זונענשיין...

דער נביא

. . . און האָט ווער פאַרצייטן דעם אמת גערעדט,
איז איצטער פאַרהייליקט — ער איז אַ פּראָפעט . . .

זיין וואָרט ווערט געלערנט, זיין וואָרט איז געשעצט;
אַמאָל האָט אים פּשחור אין תפיסה געזעצט . . .

אין תפיסה געזעצט אים, וואו פינסטער און קאַלט . . .
די מעשה איז טויזנטער יאָרן שוין אַלט . . .

אַן אַלטע געשיכטע — האָט היינט פּאַסירט:
מען האָט ערשט אַ נביא אין תפיסה געפירט . . .

די קעלנערין

(די יונגע מאַרטירערין)

... ס׳איז אַ רעסטאָראַנט, וואו ס׳קומען
זאַטע מענשלעך ווערן זאַט,
יענע פראַנטן די באַקאַנטע,
געראַזירטע ריין און גלאַט...

פון די אויגן ווייעט אַ קאַלטקייט
און עס דאַכט זיך, דאָרט וואָס פרירט...
פונקט אַ באַרבער וואָלט פון האַרצן
די געפילן אויסראַזירט...

דאָך דערלאַנגט די שיינע בעלאַ
זיי דאָס עסן, צי דעם טרונק,
פלאַמט אין זייערע לערע הערצער
אויף אַ לוסטיק־ווילדער פונק...

„אַפּעטיטלעך!״ — פליסטערט איינער
צו דעם צווייטן, ווען ער פרעסט,
און זיי שלינגען זי מיט בליקן,
יעדן קער פון איר און זשעסט.

אָבער בעלאַ האַסט זיי אַלע,
דען זי קען זיי אַלע גוט!
דאָך אַ קעלנערין איז בעלאַ,
אירע פליכטן בלויז זי טוט!

און זי שמייכלט יעדן גאַסט צו,
אָפּט פאַרבייסנדיק די ליפּ,
אַך, די „ווידזשעס״ זיינען קליינע
און דער עיקר איז דער „טיפּ״.

יעדער שמייכל איז אַ ניקל,
פון צוויי שמייכלען ווערט אַ דיים —
אַזוי האַנדלט זי מיט שמייכלען,
ביז זי גייט ביי נאַכט אַהיים.

אין איר איינזאַם־קליינעם צימער,
וואָלט זיך וויינען איר געוואָלט,
נאָר עס לוינט ניט: ס׳האָט פאַר טרערן
קיינער איר נאָך ניט באַצאָלט.

די צוויי ראַדיקאַלן

(ניו יאָרקער באַלאַדע) .

ערב פסח. העל און ליכטיק
און דאָס לעבן שלאָגט מיט קוואַלן,
אין קאַפע־הויז ביי אַ טישל,
זיצן זיך צוויי ראַדיקאַלן.

מיט פאַרבענקטע שטומע בליקן
קוקןביידע זיי זיך איבער,
באַלד דאַרף אָנקומען דער אָוונט,
און זיי ווערן טריב און טריבער.

ביידע זעען זיי אַ סדר
פאַר די אויגן פּרעכטיק, הערלעך,
אָבער רעדן זועגן סדר,
איז פאַרביידן גלייך געפערלעך.

„ס׳קען אַרויסגעבן״ דער חבר
באַלד מיין אידישקייט, וואָס וויס איך?
טראַכט זיך איינער ווי דער צווייטער —
און זיי רעדן ניט פון פסח...

זיצן לאַנג די ראַדיקאַלן,
ביז דאָס שווייגן ווערט זיי פיינלעך.
— גייט איר ערגעץ היינט אין אָוונט?
— אין טעאַטער העכסט וואַרשיינלעך.

— אין טעאַטער — זאָגט דער צווייטער
בין איך נעכטן שוין געוועזן.
איך וועל אין דער היים היינט בלייבן,
כ׳האָב אַ וויכטיק בוך צו לעזן.

און זיי קוקן אָן זיך ביידע
ווי זיי וואָלטן וואָס פאַרשטאַנען;
ווי אַמאָל דאָרט אין טאַלעדאָ
צוויי אומגליקלעכע מאַראַנען...

סיידע דעלאַן

(די יונגע מאַרטירערין)

אַז דו באַטראַכסט עס, דאַכט זיך:
וואָס איז אַ פאָן? נו, וואָס?
דאָך פלאַטערט אויך ניט דיינע,
דאַן איז עס אַ פאַרדראָס.

און פלאַטערט אויך ניט דיינע,
פון ווייס און בלוי קאָליר,
דאַן דאַכט זיך, אַז זיי זאָגן:
אַ פאָן איז ניט פאַר דיר!

ניט אַלע קענען פילן
און ניט פאַרשטייען עס גאָר:
געפילט האָט עס נאָר די איינע,
דאָס קינד פון דרייצען יאָר.

די קליינע, ליבע סיידע
ווערט פלוצים שטאַרק און גרויס
און אין די פרעמדע גאַסן
וואַקסט אַ נביאה אויס.

עס האָט פּאַסירט גאָר נעכטן,
דאָס האָט פּאַסירט גאָר לאַנג:
און ווידער זינגט און קלינגט אונדז
פון דבורה׳ן דער געזאַנג...

און ווען עס קומען פלשתים,
דאַן קומט אַ דבורה אָן
און שטעלט פאַר פאָלק און פרייהייט
דאָס לעבן אירס אין קאָן...

דאָס האָט פּאַסירט פאַרצייטן
און איצט אין אונדזערע טעג...
און קיינמאָל וועט פאַרוואַקסן
צום העלדינס גרוב דער וועג.

1918

אין „האַל אָוו אינדעפּענדענס"

(ביים ערשטן אידישן קאָנגרעס
אין פילאַדעלפיע — 1919)

אין דעם זאַל פון דער באַפרייאונג,
מיט אַ הייליקייט דורכדרונגען,
ביי דעם גלאָק, וואָס האָט די פרייהייט
פאַר אַ גרויסן פאָלק צוקלונגען —

אין דעם זאַל ביים גלאָק דעם אַלטן,
מיט אַ גלויבן גאָר אַ יונגן,
זיינען מיר געשטאַנען ציטריק
און די „האָפענונג" געזונגען.

אַלע יענע אויסגעווײלטע.
אַלע שלוחים די פיר הונדערט,
האָבן אונדזער ליד געזונגען
איבעראַשטע און פאַרוואונדערט.

איז דאָס ניט דער גרעסטער וואונדער,
וואָס עס האָט געקענט פּאַסירן:
אין דעמזעלבן זאַל פון פרייהייט —
אונדזער פרייהייט פּראָקלאַמירן?

און מיר אַלע, וועלכע זיינען
שטיל געשטאַנען פון דער ווייטן
האָבן אַ געבעט געמורמעלט
און געהאָפט אויף גוטע צייטן.

און די פאָן די ווייס און בלויע,
שוין פון שטורעמס אויסגעמאַטערט,
האָט צום פאָן פון „שטרייפן־שטערן"
זיך געטוליעט און געפלאַטערט...

די צויבערין

(געשיכטלעך — פון גזרת ת״ך)

איך הער ווי אַן אָפּקלאַנג פון פינסטערע ווייטן,
עס וועבט זיך אַ מעשה פון טונקעלע צייטן.
אַ מעשה אַן אַלטע, פון כמעלניצקיס טעג —
עס רוישט פון קאָזאַקן דאָס ווילדע געיעג...

צי האָב איך די מעשה, ווען קליין בין געווען
פון זיידן געהערט, צי אין ביכער געלעזן,
עס איז אַזוי נאָענט, עס איז אַזוי ווייט —
זי גלויבט זיך און פּאַסט זיך אין היינטיקער צייט...

עס פליט אַ קאָזאַק אויף זיין פערד,
עס טרייסלט אונטער אים די ערד:
און ניט אַליין דער קאָזאַק רייט —
אַ מיידל האַלט ער ביי דער זייט.

די האָר צעפלאָסענע אין ווינט
זעט ווי א מלאך אויס דאָס קינד...
דער טייוול האַלט זי דאָך אין האַנט
און פליען איז זי ניט אין שטאַנד.

דער קאָזאַק איז צו איר דאָך גוט
און ווילד און ווילדער קאָכט זיין בלוט.
ער פליט מיט איר אַהיים צו זיך
און זיינע ווערן דאַרף זי גיך...

און אָט איז זי אין קאָזאַקס צעלט —
אַ שטיבעלע אין מיטן פעלד
און פרעמדע בילדער אויף די ווענט
און פרעמדע ליכט אין ווינקל ברענט..

דער קאָזאַק נעמט זי פאַר דער האַנט;
זי איז זיך ווערן ניט אין שטאַנד,
זי בעט זיך שטיל: לאָז אָפּ, לאָז אָפּ!
און זינקט איר שיינעם, שטאָלצן קאָפּ!

דער קאָזאַק נעמט זי פעסטער אָן
און לאַכט: וואָס קענסטו איצטער טאָן?
דיין היים פאַרוויסט מיט פייער, שווערד
האָסט קיינעם אויסער מיך אויף דר׳ערד

„— בלויז דיך אַליין? מער קיינעם ניט?
אין אירע אויגן פייער בליצט...
איר שטאָלצער קאָפּ האָט וואָס פאַרטראַכט,
און רואיק ווערט זי און זי לאַכט...

— „מיין ליבער, הער, ווי באַלד אַזוי,
בין וויליג איך צו זיין דיין פרוי,
דאָך מוז איך זאָגן ווער איך בין;
זיי וויסן: כ׳בין אַ צויבערין!...

דער קאָזאַק הערט זי אויס און שטוינט;
צי האָט די זאַך אים גאָר געלוינט!...
אַ צויבערין ביי זיך אין שטיב...
דאָך האָט ער זי שוין צופיל ליב...

דאַן נעמט זי אים אָן פאַר דער האַנט
און זאָגט: — „דו ווייסט, כ׳בין אין שטאַנד
פאַרצויבערן דיך אויף אַלע מאָל,
עס זאָל ניט שאַטן דיר קיין קויל״...

דער קאָזאַק שטעלט די אויגן אויס
און צווייפל קוקט פון זיי אַרויס:
ער גלעט דעם שטערן און ער לאַכט:
זאָג, ווי אַזוי וואָלסטו עס געמאַכט?

דאַן שמייכלט זי צו אים פאַרשייט:
איך האָב צו טאָן מיט יענע לייט,
איך האָב אַליין פאַרכישופט זיך
און ס׳קען קיין קויל ניט טויטן מיך.

גוטמוטיק לאַכט דער קאָזאַק: ניין...
דאַן ענטפערט זי, פּרוביר אַליין...
אַט שטייט דיין ביקס לאָד אָן און שיס
און שאַטן וועט מיר ניט געוויס...

דער קאָזאַק טראַכט: דאָס איז כּדאַי...
ער לאָדט דעם ביקס און צילט זיך פריי.

דאָס מיידל שטייט פונקט ווי פאַרשטאַרט,
דאָך שמייכלט זי צו אים און וואַרט...

אַ קנאַל פון ביקס... געטראָפן גלייך...
דאָס מיידל ליגט אין בלוט אַ טייך...
דער קאָזאַק פאַלט צום קערפּער צו
און קריצט די ציין: ווי פאַלש ביזט־דו!

1915

די טירן פון פּאַלאַץ

(אַ מעשהלע אין פערזן)

געווען איז אַ פּאַלאַץ אַמאָל אין אַ לאַנד —
אין אים וואוינט אַ שׂררה פון איידעלן שטאַנד.

געווען איז דער פּאַלאַץ אויף וואונדער געבויט:
זעקס טירן פאַר שׂמחות, איין טיר פאַר דער נויט.

און מאַכט ווען דער שׂררה אַ שׂמחה, אַ פעסט,
דורך זעקסערליי טירן, זיך ציען די געסט.

די טירן זיי פירן אין זאַלן אַריין,
דאָרט שטייען גרייט טישן מיט עסנס און וויין.

דאָרט שפּילן קאַפּעליעס, ווי ימים צעברויזט,
דאָרט טאַנצן די מיידן מיט הערצער אַנטבלויזט.

דער שׂררה איז פריילעך, פאַרברענגט מיט די געסט,
ביז וואַן אין דער זיבעטער טיר — ער פאַרגעסט.

און איינמאָל — געווען איז די נאַכט אַזוי קאַלט —
דערשיינט פאַר דעם שׂררה אַ פרעמדע געשטאַלט.

„העי", ווענדט זיך דער שׂררה און בייז אָן אַ שיעור —
„ווי ביסטו געקומען? — דורך וואָס פאַר אַ טיר?

„איך האָב דאָך די טירן, די זעקס, שוין פאַרמאַכט?"
דאַן ענטפערט דער פרעמדער דעם שׂררה און לאַכט:

„דיין פּאַלאַץ, ער האָט נאָך אַ זיבעטע טיר;
פאַרגעסטו — דאַן קום איך דערמאָנען דורך איר"...

ווערט בלייך שוין דער שׂררה, דער פרעמדער פאַרשווינדט,
און הינטער דעם פּאַלאַץ צעשפּילט זיך אַ ווינט.

און מחנות זיי קומען אין ליכט און אין שיין,
אומרינגלען דעם פּאַלאַץ און נעמען אים איין...

דער גוטער קעניג און דאָס פאָלק

אַמאָל איז — דערציילט מען — געוועזן
אַ קעניג אין ערגעץ אַ לאַנד:
ער פלעגט אין די גאַסן פון הויפּטשטאָט
אַרומגיין אַן וואַך ביי דער האַנט.

ער פלעגט אין די גאַסן אַרומגיין,
ווי יעדער געוויינלעכער מאַן,
ער פלעגט זיך אָוועקשטעלן רעדן
אַפילו מיט אַן אָרעמאַן.

ער האָט זיך געפירט לויט זיין שכל
און לויט ווי זיין האַרץ האָט דיקטירט —
און האָט ער אַ מיידל באַגעגנט,
האָט אויך ער אַ שמועס פאַרפירט.

אַ נייטאָרין מעג זיין דאָס מיידל,
דאָס מאַכט אים צו איר אויך ניט פרעמד
ער פרעגט איר: צי האָט זי אַ חתן?
און וויפל זי נעמט פאַר אַ העמד?

און וויפל אַזייגער זי ענדיקט
איר אַרבעט אין ענגער פאַבריק?
צי בלייבט איר אַביסעלע צייט נאָך
געניסן פון ליבע און גליק?

און איז זי אַ דינסט גאָר געוועזן,
אויך דאַן ניט געשעמט האָט ער זיך,
און נאָכגעפרעגט האָט ער: ווי גייט איר
צי שווער איז די אַרבעט אין קיך?

צי לעבט דאָרט די „הערשאַפט" בשלום
צי איז נאָך דער הער ניט צו אַלט?
פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל ער אין קיך נישט
צי שווייגט זי, צי מאַכט זי געוואַלט?

און אַנדערע פראַגן אַזעלכע,
וואָס זיינען גאָר נאַריש אין פלוג:
אין גרונד דאָך געגומען: טיף מענטשלעך
און אמת ערהאָבן און קלוג.

דאָך פלאָך איז אַ יעדער מיניסטער,
און פלאָך אַלע שררות אין הויף:
זיי האָבן דאָס אַלץ ניט פאַרשטאַנען
און האָבן געמורמלט דערויף:

אַ קעניג, פון גאָט אַ געזאַלבטער,
זאָל זיין אַזוי מענטשלעך און גוט!
ווער רעדט נאָך — די קעניגין — איר
געקאָכט אויפן קעניג דאָס בלוט!

נו, האָבן זיי אַלע אין איינעם
דאָס פאָלק קעגן אים אַלץ געהעצט,
ביז מ'האָט אים, דעם קעניג, דעם גוטן,
פון טראָן־שטול אַרונטערגעזעצט.

דאָס פאָלק האָט געיובלט, די שמחה
דערגרייכט האָט דעם הייסעסטן גראַד,
ווען מען האָט אים אַ קעניג אַ צווייטן
אין טעמפל געקרוינט מיט פּאַראַד.

עס האָבן די פּריסטער געצויגן
די גלעקער אַרויף און אַראָפּ,
ווען מען האָט אים געזאַלבט און דעם בוימל
געגאָסן, געטריפט אויף זיין קאָפּ.

עס איז אַרום טעמפל געשטאַנען
דאָס פאָלק אין דער ברייט, אין דער לענג
דאָך אָרדענונג האָט מען געהאַלטן
און ס'האָט זיך געפילט אַזוי שטרענג.

מ'האָט זיך געשושקעט: „דער קעניג
דער נייער איז גרויזאַם און שלעכט".
דאָך יעדער געוועזן איז צופרידן
ווי ס'קענען צופרידן זיין קנעכט.

די דינסט און די נייטאָרין, ביידע,
זיי האָבן דאָ אויך ניט געפעלט
אין נייעקע ציצענע קליידלעך
און גליקלעך געווען ווי די וועלט.

דער פאַרבלאָנדזשעטער מלאך

אין הימל איז רואיק, אין הימל איז שטיל —
מלאכים, זיי זיינען ערצויגן:
די פליגל זיי רוישן קוים־קוים וואָס מען הערט,
דער פלי איז געמאָסטן געוואויגן.

און ריידן זיי וואָס, איז עס לויטער מוזיק,
אַ שטילע מוזיק, אָן געטימל,
ניטאָ דאָרט קיין באַס, און ניט קיין טראָמבאָן,
קיין פויקן, קיין טאַצן אין הימל...

און פליען זיי אָפטמאָל אַ מאַרש דורך פאַר גאָט,
(אין הימל טרעפט אויך אַ פּאַראַדע),
דאַן מאַכן די פאַרבן פון פאָנען ניט בלינד, —
די רויטע — די פעלט דאָרט אַוואַדע...

מען זינגט דאָרט קיין לידער פון פרייהייט, פון קאַמף,
עס זיינען ניטאָ דאָרט קיין מאַסן:
עס זשומט בלויז אַ „קדוש" דער הימלישער כאָר
און ס'יובלען די הימלישע גאַסן.

זיי הערן אַמאָל אַ געגרוס פון דער ערד,
דאַן הויבן זיי אָן זיך צו שעמען:
זיי הערן פון רויב און זיי הערן פון מאָרד,
און קענען עס דאָך ניט באַנעמען.

זיי ווענדן זיך דאַן צו דעם איינציקן מאַן,
וואָס האָט אויף דער ערד זיך ערצויגן —
אליהו הנביא — זיי פרעגן אים אויס
און קוקן אים טריי אין די אויגן.

אליהו הנביא — ער שמייכלט אין באָרד:
איר זייט דאָ אַזעלכע נאַאיווע!...
און לייגט פאַר זיי אויס דאַן דאָס לעבן אויף דר'ערד,
אַזוי ווי אַ ראש פון ישיבה.

זיין שטימע זי הויבט זיך, זיין שטימע זי פאַלט,
דאָ בייז און דאָ זאַנפט, ווי צום בענטשן:
אָן אַנדערער ווערט אליהו ווען ער
דערציילט זיי פון ערד און פון מענטשן.

עס הויבן זיך אָן ביי מלאכים פאַר שרעק
אַ פליגל אָן פליגל צו פאָכען,
אַזוי ווי להבדיל ביי מענטשן די ציין,
אַזוי ווי ביי די מענטשן די קנאָכען...

דאָך קומט ערב פסח און ס׳קלויבט זיך אין וועג
אליהו הנביא גאַנץ מונטער,
דאָן זיינען גאָר מאַנכע מלאכים פאַרבענקט
און קוקן אַראָפּ אַלץ, אַרונטער...

די יונגערע מאַכן דעם וואָגן אים גרייט,
אַ וואָגן פון פייער און בליצן,
און בעטן אים אויסעט מיט שטראַלן און שיין,
באַקוועמער זאָל זיין אים צו זיצן.

דער וואָגן איז פאַרטיק, אליהו איז גרייט,
ער גריסט זיי: אויף ווידער זען, קינדער!
און לאָזט זיך אויף דר׳ערד צו די סדרים אַראָפּ,
און טראָגט זיך געשווינד און געשווינדער.

ער קוקט זיך אַרום, ערשט אַ מלאך ביים זייט
פון וואָגן זיך האָט אָנגעהאָנגען,
די ווייסינקע פליגל צעקנייטשט און פאַרשטויבט —
די אויגן — פול תאוה, פאַרלאַנגען...

אליהו הנביא, ער זיפצט דאָן: וואוהין?
דו וועסט אויף דער ערד זיך פאַרלירן,
פאַרפאַלן! איך האָב שוין אויף דיר מער קיין רעכט,
אין הימל צוריק דיר צו פירן.

ער לאָזט אים אַראָפּ אין אַ שטאָט אין דער פרעמד
פאַרוואַנדלט אין מענטשלעכע קליידער...
אין הייזער איז ליכטיק... עס קלינגט „כל דכפין!" —
מען פראַוועט דעם פריילעכן סדר.

דער מלאך ער פילט זיך אינגאַנצן שוין מענטש,
און הויבט אָן באַלד הונגער צו שפירן;
ער לאָזט זיך מיט שמחה וואו ס׳קלינגט כל דכפין:
אָ, וואונדער! פאַרשפאַרט אַלע טירן!

פאַרשטייט ער קיין לשון־הקודש דען ניט ?
צי זאָל ער די מענטשן ניט גלויבן ?...
און הונגעריק שטייט ער מיט בענקשאַפט אין בליק
און קלאָגט זיך פאַר גאָט, דאָרטן אויבן...

און הונגעריק שטייט ער מיט בענקשאַפט אין בליק :
וואו זאָל ער זיך ווענדן און קערן ;
און לאָזט זיך אין גאַסן און מאַרקן אַרום
צו זוכן אליהו'ן — אין טרערן...

אַלס זינדיקער מענטש איז ער ניט אומשטאַנד
אליהון דערזען ! שוין פאַרפאַלן !
אַזוי ווערט דער מלאך אַלס אָרעמער מענטש
וואָס ווייטער אַלץ מערער געפאַלן...

ער ווערט אויף דער ערד דאָ פאַרשפּאָט און פאַרלאַכט
און קיינער פאַרשטייט ניט זיין וועזן,
און אומעטום שטרויכלט זיין פוס און ער פאַלט — — —
ער איז דאָך אַ מלאך געוועזן !...

יעקבס חלום

געגאַנגען איז יעקב קיין חרן
צו מאַכן זיך דאָרט אַ געצעלט,
ביז ער איז פאַרמאַטערט געוואָרן
און רוען געבליבן אין פעלד.

די זון איז אין מערב פאַרגאַנגען,
ס'איז טונקל געוואָרן און קיל.
געשוועבט אין דער לופט האָבן קלאַנגען
פון ערגעץ דער ווייט און דער שטיל.

אין פעלד איז ער איצטער בלויז איינער,
דאָך פילט ער — ער איז ניט אַליין.
ער זעט אַז דאָס אָרט איז בלויז שטיינער,
האָט ער זיך געלייגט אויף אַ שטיין.

געוואָרפן א בליק פול מיט שלום,
צופרידן מיט שטיינער אין וועג...
און ס'האָט אים געחלומט אַ חלום
וואָס גרייכט ביז די אייביקסטע טעג.

אויף דר'ערד איז געשטאַנען אַ לייטער,
דער שפּיץ ביז אין הימל אַריין.
מלאכים ווי זיינע באַגלייטער,
זיי שטייגן דאָ אויס און דאָ איין.

און פלוצלונג — אַ וואונדער ! — אין מיטן
האָט גאָט זיך באַוויזן אַליין
צו שיצן און טרייסטן און היטן
דעם וואָגלער וואָס שלאָפט אויף אַ שטיין...

צוויי ברידער

אַזוי און אַזוי זאָל די מעשה זיך לעזן:
עס זיינען פאַרצייטן צוויי ברידער געוועזן.
אַן עושר איז איינער געוועזן, דער אַנדערער
אַן אָרעמער מענטשל, אַ שטענדיקער וואַנדערער.
האָט איינמאָל דער אָרעמער געבראַכט זיך צושלעפּן
צום ברודער צום רייכן — עס קען זיך נישט קלעפּן!
געוואָרן איז פול גאָר די הערצער בייביידן,
דאָך שווער איז געווען זיך פונאַנדער צו ריידן.

— „וואָס מאַכסטו?" דו זעסט דאָך. וואָס מאַכסטו? דו זעסט דאָך!"
עס שמייכלט דאָס פּנים — אין האַרצן עס פּרעסט דאָך...
און מער האָבן זיי ניט געקענט עפּעס פרעגן,
ווי שטיינער וואָלט ביידן אין האַרצן געלעגן...
און האָבן זיך אָנגעקוקט ביידע פאַרשעמטע
און האָבן געשיידט זיך מיט הערצער צעקלעמטע...

ביינאַכט האָט דער רייכער גענומען באַקלערן:
פאַר וואָס זאָל די רייכקייט אַליין אים געהערן?
און יענער — זיין ברודער — אַ דאַלאָזער, מידער,
זאָל וואַנדערן עלנד — זיי זיינען דאָך ברידער! —
און האָט גאָר בשתיקה פון ווייב און פון קינדער
געשפּאַנט פערד און וואָגן, געלאָזט זיך געשווינדער
זיין אָרעמען ברודער דערגרייכן, דעריאָגן:
ער וועט אים שוין אַלעס דערציילן און זאָגן...

געיאָגט האָט ער איין טאָג, אַ צווייטן, אַ דריטן,
ביז וואַן ער דערזען האָט אַ קרעטשמע אין מיטן.
אַריין אין דער קרעטשמע דעם ברודער דאָרט קריגן.
אין קרעטשמע — האַלב טונקל, דאָך גוט, אַ פאַרגעניגן...
דער קרעטשמער אַ איד אַזאַ גוטער, אַ שטילער,
ער גיט אים אָפּ „שלום" און פרעגט אים: וואָס וויל ער?

— איך וויל זען מיין ברודער — „אָט שלאָפט ער אין ווינקל!...
אין קאָפּ האָט דעם רייכן געטאָן וואָס אַ פינקל.
עס האָט זיך דער רייכער באַטראַכט, אַז זיין ברודער
איז רואיק און גליקלעך... צו וואָס דער גערודער?...
וואָס איז ער געקומען מיט אים זיך צו טיילן?...
דאָס גליק פון דעם מענשן איז טיף דאָך פאַרהוילן...

אַ פּאַטש, אַ קרעטשמע — ווען קען אונטערשיידן,
דער עיקר די רו. דער עיקר דער פרידן...
און ס׳איז אים געוואָרן אַ שאָד גאָר צו וועקן
דעם אָרעמען ברודער אין מיטן דערשרעקן...
און האָט דאָרט דעם ברודער געלאָזן נאָך שלאָפן,
אַליין איז ער שטיל און בגנבה אַנטלאָפן...

אַ ספר־תורה שרייבן . . .

(אידיליע)

ס׳איז יום־טוב און פריילעך אין גאַס אינדערוואָכן,
ווען מאַמעס בלויז קאָכן קאַרטאָפל מיט אַרבעס;
דערפאַר אין אַ יום־טוב — באַקומסט מיט רווחים —
די שענסטע געריכטן פאַרנאַכט, אויך צו „וואָרמעס״...

אין שול זינגט דער חזן, דער רבי — אין שטיבל —
דאָס אינגעלע גייט וואו מען זינגט, וואו ס׳איז פריילעך;
און טאַנצן די חסידים — איז אָן אַ פאַראיבל;
דעם רבינס אַ זון זעט אויס אַ בן־מלך.

אין שטעטל אַ שמחה — ווערט ס׳קינד אַ מחותן,
מתנגד, צי חסיד, צי פרייער, צי פרומער;
אַ „סיום־התורה״ — אַ תירוץ אַ גוטער
צו גיין נאָך די קלעזמער, פאַרנאַכט, אין אַ זומער...

מען פירט אונטער חופה די איידעלע תורה,
(דאָס אינגעלע האָט זי שוין ליב אויף אָן אמת);
איז הערט ער דאָס זינגען מיט פרייד און מיט מורא
און הערט די ניגונים — וואָס אַרט עס אים וועמעס...

און אים איז אויף יאָרן — אויף שפּעטער, געבליבן
דאָס אַלץ צו געדענקען, כדי אַלץ צו געפינען...
די היים, ווי אינגאַנצן — מיט חן אירן ליבן,
די סעדער, די וועלדער, די גערטנער וואָס גרינען...

דאָס טייכל ביים שטעטל, די טייכן ביי דערפער,
די מילן ביים וואַסער, די מילן אויף הויכן;
ביים שפּעטער־דערמאָנען דער ווייַ אַזאַ שאַרפער,
און אויך אַזאַ לוין, וואָס ניט יעדער קען גרייכן...

דער טאַנץ אין צוג

(פון די נייע אידישע באַלאַדן)

ס׳האָט אים אָנגעהויבן גרוילן,
אונזער גרויען גרייז,
ווען מ׳האָט טאַנצן אים באַפוילן:
„גאָט, דיין נס באַווייז!“

האָט אין האַרצן דאַן געבעטן:
שיק דיין פייער, בראַנד,
איידער רשע׳ס בייז־געשפעטן,
איידער אַזאַ שאַנד.

און ווי זאָל ער זיך דערוועגן
זינגען נאָך דערביי —
ווען אין האַרצן — טוט ער פרעגן —
ברענט דער האַס ווי בליי...

פלוצלונג טוט אים פאַר די אויגן
שדי גלייך אַ גלאַנץ,
און אַ גלייכער, ניט געבויגן,
לאָזט ער זיך אין טאַנץ...

זיינע אויגן — גאַר אַן מורא —
האַלבער־הייט פאַרמאַכט,
אַז ער טאַנצט עס פאַר דעם בורא,
האָט ער פרום געדאַכט...

אַז ער טאַנצט עס פאַרן בורא
מיט אַ כח שטאַרק,
ווייל געשענקט זיין פאָלק די תורה
אויפן סיני־באַרג;

ווייל ער האָט די וועלט באַשאַפן —
מענטשן, חיות אויך,
און די האַרץ, און די וואָפן,
און דעם בייזן כח.

און די מענטשן דאַן אין שטאַמען
האָט ער איינגעטיילט,
און ישראל׳ס שטאַם — צוזאַמען
אַלס זיין פאָלק געוויילט.

און די פרעמדע, די געביטער,
האָבן ניט געוואוסט
וואו דער זקן, ווי אַ ריטער,
נעמט צום טאַנץ זיין לוסט...

און דער זקן וואַקסט־אויס העכער,
אַך, ווי הויך, ווי הויך!...
ווי צו קידוש־ווין אַ בעכער,
און ער זינגט נאָך אויך.

ביז דער שמייכל איז פאַרשוואונדן,
דעם באַפעלערס שפּאָט.
ווייל דער טאַנץ האָט זיך געצונדן
אין אַ טאַנץ צו גאָט...

אין שעה׳ן

אין שעה׳ן טריבע,
אין אונזער נאַכט —
האָט איר מיט ליבע
אַ טרייסט געבראַכט.

עס שטייגן בילדער
ווי אין דער לופט;
זעסט בליקן מילדע,
און שטימע רופט...

און באַלד געביטן
איז וועלטס געזיכט;
די נאַכט געמיטן —
עס העלט טאָג׳ס ליכט.

די שאָטן שווינדן,
און טאָג קומט אָן:
אין לינדע ווינטן
זיך וויגט די פאָן...

פאַרגעבונג

עס פליסט אין מיר בלוט פון באַליידיקטן איד —
כ׳ליב דעם, וואָס געקומען פאַרמאַטערט און מיד
און האָט מיט אַ האַרץ פול חרטה און צער
אַנידער געקניט פאַרן שוועל פון זיין האַר.

און ווען ס׳איז דער האַר פון זיין פּאַלאַץ אַרויס
און האָט אָנגעקוקט, ווי דער מידער זעט אויס,
האָט ער זיך מיט קלינגענדן לאַכן צעלאַכט —
דעם אָרעמען האָט עס קיין ווייַ ניט געמאַכט.

ער האָט זיך געלאָזן צוריק צו זיין היים,
מיט ליכטיקער האָפנונג אין האַרצן געהיים.
דער וועג איז געוועזן פאַרלאָזן, פאַרוויסט —
די זון פון דעם הימל האָט אַלץ דאָך באַגריסט.

אַ טעמפּל אינמיטן געשטאַנען איז לער, —
די הייליקע בילדער — געוועזן ניט מער;
ער האָט אים, דעם טעמפּל, דער מידער דערקענט
ער האָט אים געשענדעט מיט אייגענע הענט...

דאָך איז נאָך אין טעמפּל געבליבן איין בילד,
וואָס האָט אויפן מידן געקוקט אַזוי מילד,
עס האָט אים דאָס בילד ווייך געגלעט און געטרייסט
און האָט ווי געשמייכלט; ניט זיי צופיל דרייסט.

נ. י., 1917

אַן פרייד

אָפּגעטאָן האָט זיך די פרייד פון אונזער לאַנד,
האָסט זיך ניט מיט וואָס דאָ צו פאַרשפּילן...
אין טראַמווייען שלעפּט זיך אום דער אָרעמער שטאַנד,
און דער רייכער — יאָגט זיך אין אויטאָמאָבילן...

און וואו אַ גאַס אַ רייכע — אַרבעטסהייזער פיל,
זיצן דאָרט די שענסטע ביי דער מי געבויגן;
וואו־ניט־וואו אַ פּאַלאַץ — פּוסטעוועט ער שטיל,
אונטער די גאַרדינען — האַרט אַראָפּגעצויגן...

צו מיין פאָלק

מיין אָרעם פאָלק ישראל! איך קאָן דיר גאָרנישט זאָגן
איצט, אין דער ערגסטער פון דער מענטשהייטס צייט;
איך קאָן ניט קוקן, ווי ישעיה, אַזוי ווייט
און כ׳קאָן, ווי ירמיה, אַזוי ניט קלאָגן.

און ווי יחזקאל זען וויזיאָנען איז מיר שווער,
פון שרפים און אופנים הער איך קיין געווימעל:
מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז שטיל אויך איצט אין הימל,
ווי ס׳וואָלט דער הימל איצט געווען גאָר לער . . .

ניט מיין, מיין אָרעם פאָלק, אַז איך בין אַזוי קליין,
אַז ס׳קאָן מיין גייסט, ווי זייערער ניט שוועבן, —
ווען זיי אפילו וואָלטן איצטער לעבן,
דאָן וואָלטן זיי, ווי איך, דאָ גאָרנישט ניט פאַרשטיין.

מען קאָן נביאות זאָגן אויף אַ לאַנד,
וואָס האָט אַ צווייטעס לאַנד אין קריג דערשלאָגן:
דאָך קליינע קינדער אויף די שפּיזן טראָגן —
דערויף איז אויך אַ נביא ריידן ניט אין שטאַנד...

(געשריבן אין 1919, נאָכן פּאָגראָם אין פּראָסקוראָוו, אוקראַינע)

צום גולם

אָ, גולם וועק זיך אויף, די העכסטע צייט
עס זיינען ווידער ווילד געוואָרן יענע לייט.
און די אַלע חיות האָבן זיך צעברומט אין שטייג,
(נאָר דער צדיק אין דער תפיסה וואָרט און שוויגט!)
און דער נייער הערשער אין דעם אַלטן פּראָג —
ער פאַדערט די משכנות און פייניקט טאָג נאָך טאָג.

און ניט נאָר אין דעם אַלטן פּראָג אַליין —
פון אַלע שטעט און לענדער — טראָגט זיך דער געוויין.
אָ, גולם וועק זיך אויף — און מיט דיין שווערן טראָט,
גיי־אום און וואַרף די תפיסות, אין יעדן לאַנד און שטאָט
און שליידער וואַנט נאָך וואַנט פון פּאַלאַץ וואו ס׳וואוינט דאָס בייז,
און מיט דיין הייליק שמייכל דאָס אָרעמע פאָלק דערלייז!

.1940

דאָפּלטע בענקשאַפט

ס'איז טייער די ערד, וואו מיר האָבן געוואוינט
און ליב איז די היים, וואו געלעבט און געליטן;
מיר וועלן געדענקען, מיר, די וואָס געבליבן,
מיט טרערן, וואָס לויכטן ווערט יעדער באַקרוינט.

דער שארית ישראל — ווי קען ער דאָרט בלייבן
און ווי קען ער לאָזן פון ליבסטע דעם אַש.
אויך איצט נאָך אַ שכן אַ בייזער טוט טרייבן
אין שנאה געררייצטער, אין רעשטלעך פון האַס . . .

מעג גלוסטן דאָס האַרץ צו דעם לאַנד פון די אבות,
דאָך הייליק איז אויך דאָך דער היים־בית־הקברות,
וואו ס'רוען די ליבסטע אונטער בערגעלעך־ערד . . .
און טאָפּעלער ווײי איז נאָך יענעם, וואָס פילט

דעם צובונד צום אָרט, וואו געלעבט האָבן דורות —
וואו קינדווייז ער האָט זיך מיט קינדער געשפּילט
און דאָרט איז זיין שטאַם און זיין שורש —
און זיי אויך די בענקשאַפט געהערט!

נ. י. 1945

צו זיי

נקמה? ניין! עס איז אַ העכערער געפיל!
פאַר ליידן, אויסגעליטן אין דער שטיל,
פאַרדינען מיר דעם העכסטן, שענסטן שכר:
מיר וועלן זיך באַטייליקן אין אייער צער.

מיר וואַרטן נאָר, ביז איר וועט שטיין ביים ראַנד
פון אָפּגרונט — דאַן אייך אויסשטרעקן די האַנט;
די האַנט, וואָס איז אייך לאַנג שוין אויסגעשטרעקט געווען,
נאָר איר אין אייער בלינדן האַס האָט ניט געקאָנט זי זען.

נ. י. 1920.

אויף אַ פערד אַ ווייסן...

אויף אַ פערד אַ ווייסן
וועט משיח קומען,
האָב איך אין מיין קינדהייט
ציטעריק שטיל פאַרנומען,
און אין האַרצן האָבן
יונג געבליט פאַנטאַזיעך,
ווי די ריינסטע בלומען.

שוין פאַרפלויגען זיינען
פילע, לאַנגע יאָרן —
ס'לעבן האָט דערעסן,
משיח'ן פאַרגעסן...
דאָך דאָס פערד, דאָס ווייסע,
פון דער שיינער מעשה
לעבט נאָך אין זכרון.

ווי דאָס גאַנצע לעבן
שלעפּט זיך שווער מיט פּלאָגן!
היי, דו פערד, דו ווייסער,
קום און זאָלסט מיך טראָגן.

טראָג מיך, וואו סאיז פרידן,
וואו אתרוגים בליען,
וואָרט ניט אויף משיח —
לאָמיר ביידע ציען!...

דאָס ליד פון שווייגן

דאָס איז דאָס ליד פון שווייגן
פאַר לאַנגע שווערע יאָר;
עס דרינגט און זינגט נאָך העכער
פאַר אַלע לידער גאָר.

איך האָב דאָס ליד פון שווייגן
אין בבל נאָך געהערט:
עס האָט אין האַרץ צעגליט זיך
און האָט מיין רו געשטערט.

איך בין דערנאָך געגאַנגען
אין לענדער פינצטער שוואַרץ,
איך האָב דאָס ליד פון שווייגן
באַהאַלטן אין מיין האַרץ.

איך האַלט עס און איך היט עס
ביז וואַן עס קומט די צייט,
און ווען איך וועל עס זינגען
וועט זיין די וועלט באַפרייט.

היינט...

(געווידמעט דעם אָנדענק פון לאָרד
ראָטשילדס אַן אייניקל — געפאַלן
ביי די טויערן פון ירושלים)

היינט איז אַ נשיא געפאַלן
נעבן דעם הייליקן לאַנד:
היינט האָט אַ ציטער געגעבן
יענע פאַרבליבענע וואַנט.

האָף איך און ווייז איך צוזאַמען,
איז מיר דאָ שלעכט און דאָ גוט:
ווידער מיין פאָלק ווערט געבוירן,
טרינקט זיך אַ וועלט אין איר בלוט.

אייביק, מיר דאַכט, וועל איך טרויערן
אויף אַלע ברידערס פאַרגיין:
דאָך ביי די הייליקע טויערן
וועקט עס און קלינגט אַזוי שיין.

עפּעס קומט פאַר... עס באַגעגנען זיך
דורות מיט דורות אין גאַנג.
פלאַמען און נעפלען און דונערן —
און אין דער הויך אַ געזאַנג.

היינט איז אַ נשיא געפאַלן
און מיט אים טויזנטער פיל — — —
בעט איך און ווייז איך צוזאַמען,
קען ניט מיין האַרץ ווערן שטיל...

נ. י. 1919.

אני מאמין

מיט אַ טרויעריקן ניגון —
און די אויגן פלאַמען —
ברומט דער איד ביים דאַווענען הימלעך,
פליסטערט „אני מאמין":

„אני מאמין, ברומט ער טעגלעך —
מאָרגן, היינט, צי שפּעטער,
וואַרטן וועל איך אויף משיח —
קומען, קומען וועט ער...

„זאָל עס זיין נאָך לאַנג צו וואַרטן,
זאָל ער זיך פאַרזאַמען —
איך וועל וואַרטן, ניט אויפהערן
זאָגן אני מאמין...

„זאָל דער גלות זיין ווי ביטער,
זאָל מען שווערער פּרעסן; —
איך וועל אני מאמין זאָגן
קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

„אויף דיין הילף, מיין פאָטער, האָף איך,
וועלטן קאָן איך טראָגן;
און געדולדיק וועל איך טעגלעך
אני מאַמין זאָגן..."

ניו־יאָרק, 1919.

שטילע שמנה עשרה'ס...

שטילע שמנה־עשרה'ס
אין די לאַנגע יאָרן,
וויטע תפילות — נאָענט
זייט איר מיר געוואָרן.

איך געדענק די ווערטער,
איך געדענק די טרערן:
„צו ירושלים
זאָלסטו אונדז אומקערן"...

זיידעס פלעגן מורמלען,
ס'פלעגן הענט זיך שטרעקן
און ביי אונדז, די קינדער,
פלעגט עס וואונדער וועקן.

אַלע טאָג צו דריי־מאָל
מאָרגנס, און פאַרנאַכטן
פלעגן אונדז די ווערטער
טיף און ווייט פאַרטראַכטן.

און די קינדערס הערצער
פלעגן שטאַרקער שלאָגן,
אויף די ציונס בערגער
פלעגט עס אונדז פאַרטראָגן...

זאָגט ניט, אַ מתנה!
כ'וויל עס גאָר ניט הערן:
וואָס עס בעטן דורות
מוז מקוים ווערן...

1919, נאָך לאָרד באַלפור'ס דעקלאַראַציע

צו ברידער

געגאַנגען — ניט דערגאַנגען —
פאַרדריסט אויף אייך מיר, ברידער,
געבליבן אָן פאַרלאַנגען,
פאַרגעסן אַלע לידער...

און יעדערער באַזונדער
אין אומעטיקן מיטן...
דאָס לאַנד פון זיג און וואונדער —
פאַרפעלט און אויסגעמיטן.

אין לענדער

אין לענדער, וואו איך בין געוועזן,
צוריק דאָרט זיין וואָלט איך געוואָלט;
איך וואָלט מיר דאָרט צונויפגעקליבן
מיין גאָר פאַרלאָרן גאָלד...

און וואו איך בין נאָך ניט געוועזן,
מיך ציט אַהין — אין וועג!
דאָרט וואָלט איך מיט אַ גרויסער מילדקייט
צעשפּרייט מיין גאַנץ פאַרמעג...

נייע וואַנדערער

ציט אַ שטילע מחנה,
צווישן בוימער, צווייגן,
צווישן פעלדער וויסטע...
שרעק און שטיל, און שווייגן...

אין די צייטן אַלטע
איז אַזוי געוועזן,
אין די אַלטע ביכער
האָבן מיר געלעזן:

ביי די בבל'ס טייכן
זיינען זיי געגאַנגען,
פידלען אויף די פּאַלמען
דאָרטן אויפגעהאנגען.

ניין... ניטאָ קיין פידלען!
דאָס איז מער נאָך שרעקלעך —
אויף די פרעמדע בוימער
הענגען זיי בלויז פּעקלעך...

א שיף

איך זע די שיף זיך טראָגט,
איך זע דאָרטן יונגען זיצן;
אַ וועל מיט וועל זיך שלאָגט —
דו זאָלסט זיי, גאָט, באַשיצן!

קיין טראַכטן אין די טעג,
און ס'העלפן ניט קיין טרערן;
די שיף שוין ווייט פון ברעג —
דו זאָלסט זיי, גאָט, דערהערן . . .

איך האָב זיי, אין מיין וויי,
מיין ברכה מיטגעגעבן;
מיין האַרץ שווימט-מיט, מיט זיי:
פּאַרהיט, גאָט, זייער לעבן . . .

ווער ווייסט וואו קען מיין שטאָם
דער פוס אויף זיכער שטעלן?
עס שטורעמט לאַנד און ים —
באַרואיק גאָט די וועלן.

ווער?

ווער איז געווען אַמאָל דער ערשטער,
וואָס האָט די אותיות אויסגעטראַכט? —
געזעסן איז ער אַ באַהערשטער,
אין שטילקייט פון געהיימער מאַכט...

אין ווינקל וואַלד זיך ווייט פאַרקליבן
און שוין געזוכט פון אונטערגאַנג,
און צייכנס מיט אַ צווייג געשריבן
אויף פייכטער ערד, ס'זאָל בלייבן לאַנג...

און האָט דערנאָך באַטראַכט די שטערן,
אין זייער ליכטן זיך פאַרטיפט,
און האָט געטרייסט זיך: ס'וועט געווערן,
ווי דאָרט די שטערן, דאָ זיין שריפט...

דער וואַנדערער

אין דער וועלט זיך אומגעטריבן,
אויסגעוועזן דאָ און דאָרט;
טיילן לעבן איז פאַרבליבן
אומעטום, אין יעדן אָרט.

דאָ פון לעבנס-בוים געריסן
זיסע פרוכטן אַלערליי;
ערגעץ האָט אַ שלאַנג געביסן
ביז דעם טיפסטן, גרעסטן וויי . . .

דאָרט א שמחה, דאָ אַן אומעט,
דאָרט אַ גליק און דאָ א צער;
און דו וואַנדערסט ווידער אומ'עט,
און דו טראַכסט ניט פון געפאַר...

צוויי שטעט

תל־אביב און ירושלים —
ווער האָט וועלכע העלטער? —
ביידע שיין — ירושלים
איז דאָך אָבער עלטער.

תל־אביב אַ שטאָט אַ נייע,
ערשט ניט לאַנג געבויט זיך;
ברייטע גאַסן, הויפן פרייע,
און נאָך מער, זי גרייט זיך!

בלויז דאָס רעדן, ווי אַ תפילה,
נוסח ספרדי — פרומער!
קומט פון אונז אַ רב אפילו,
איז ער שיר אַ שטומער...

ירושלים — שטאָט דו וואוילע,
קעניגן און נביא;
נאָ'נט „מערת המכפלה",
אָט די וואַנט מערבי!

ס'איז כדאי אויך ספרדיש ריידן —
שוין צוליב די ערטער;
תפילה טאָן ביי ציון'ס פריידן,
זינגען עלטסטע ווערטער!

קומט ער, פרעגט ער, יישר כחם!
פריי און גרינג, צום חידוש!
גיט ער באַלד ווען שלום־עליכם —
און מען רעדט שוין אידיש...

פרומע אידן — מיט דעם ניגון,
אידן פון גמרא;
ווייזט מען וואו אַכסניא קריגן,
עסט ער, קיין עין־הרע!...

„עסט און בענטשט און לויבט גאָט,
פעטער,
בענטשט מיט אַ מזומן;
גייט אייך נאָכדעם זען די פלעצער,
און צו מנחה קומען!..."

פרילינג אין ישראל

מיר שפרייטן די זוימען
ווי פרילינג נאָר ציט;
און נאָכדעם מיר טרוימען
פון זאַנגען און שניט.

מיר דאַרפן ניט זאָרגן
טאָג אויס און טאָג איין;
די זון קומט פרימאָרגן,
אויך רעגן וועט זיין.

פון זון און פון שטראַלן
דאָס ברויט קומט אַרויס,
פון טראָפנס, וואָס פאַלן
די שפע ווערט גרויס.

פרימאָרגן די טויען
דערפרישן דעם זאַנג;
אויך מעג מען געטרויען
די ווינטן אין גאַנג.

זיי קומען זיך שפילן
און זינגען אַ ליד;
די שטערנס צו קילן
ווען אַרבעט מאַכט מיד.

איין וואָרט

איין וואָרט וועט איבערוועגן,
איין וואָרט, ווי העלער בליץ,
אַ יעדערנס פאַרמעגן
און יעדערנס באַזיץ.

איין וואָרט, וואָס ער וועט זאָגן
מיט ליבע און פאַרטרויט,
וועט אונז אַריבערטראָגן
אין וועלטן, ניי געבויט.

אין ארץ-ישראל . . .

אין ארץ ישראל איז ליכטיק,
אין ארץ ישראל איז ריין:
און טאָמער פעלט אויס דאָרט ברונעמס,
איז טרינקט מען דעם רעגן אַליין.

אין ארץ ישראל הערשט יושר,
גאָטס שטימע פון אומעטום רופט:
און טאָמער פעלט אויס דאָרטן שולן,
מאַכט קלוג דאָרט דעם מענטשן די לופט.

אין ארץ ישראל הערשט חדוה
און ס'פילט זיך דאָרט גליקלעך דער איד:
און טאָמער פעלט אויס דאָרט פידלען,
רוישט שטענדיק דער ירדן זיין ליד.

אין ארץ ישראל די הייזלעך —
איינשטאָקיק, מיט בלומען אין הויף:
און טאָמער פאַרוועלט זיך דיר העכער,
דאַן שטייג צום באַרג תבור אַרויף.

1915.

הימלאַנד
(נאָך באַלפורס דעקלאַראַציע)

איך ווייס ניט פון נאָענט,
איך ווייס ניט פון ווייט:
און וואָס זיינען יאָרן
פון טויזנטער צייט?

מעג ליגן מיין היימלאַנד
פאַר טויזנטער מייל —
איך זע זי, איך גרייך זי
אַט באַלד, אין איין וויל!

און טויזנטער יאָרן
וואָס האָט פאַר אַ ווערט?
מיר דאַכט: איך האָב נעכטן
געערוט אויף איר ערד.

ווי נאָענט! ווי נאָענט!
שטרעק אויס בלויז דיין האַנט,
און — וואונדער! גלייך גרייכסטו
דיין היים און דיין לאַנד!

און וואונדער! — דו פילסט שוין,
ווי ס'רוישט איבער דיר
די ווינטן די לינדע
דורך פענצטער און טיר...

דער פרעמדער

איך געדענק אין דער היים,
איז געקומען אַ איד
און געקוקט האָט ער ווייט
און האָט אויסגעזען מיד.

און מיין טאַטע האָט דאַן —
איך געדענק עס ווי היינט —
פאַר גרויס נחת און גליק
אַזוי ליכטיק געשיינט.

און דער איד איז געווען
אַזוי אָרעם און קליין:
איך האָב דעמאָלט דעם סוד
ניט געקענט גוט פאַרשטיין.

כ'ווייס מיין טאַטע איז רייך,
האָט אַן אייגענע הויז,
און ער פאָרט פון דער שטאָט
אַזוי זעלטן אַרויס.

און דער אָרעמער איד
איז געקומען פון ווייט,
דאָך דער טאַטע ער זעצט
אים אַוועק ביי זיין זייט.

טאָ וואָס האָט ער אַזוינס
אין דעם אורח דערזען?
אָך, פון ארץ ישראל
איז דער פרעמדער געווען...

אַ ליד צום יום טוב פון ישׂראל

(אין הימן־טאָן)

עס שאַפט זיך ווידער
טרייסטיקע לידער:
אַלט־ניי־ערד, אַלט־ניי־לאַנד.
דאָס ארץ־ישׂראל
איז געוואָרן ישׂראל —
דאָס לאַנד מיט פאָלק באַהעפט באַנאַנד.

אין לאַנד פון אידן
זאָל הערשן פרידן —
זאָל וועלט פאַרגינען אונז די פרייד;
בפרט, אַז ישמעאל —
א שכן ישׂראל׳ס,
און דערצו נאָך ברידער — אפילו צעשיידט.

ס׳וועט וואונדער ווייזן
דאָס לאַנד, ס׳וועט שפייזן
די פעלקער צוויי, און אויך די וועלט;
צו וואָס דאָס טענה׳ן? —
ישׂראל׳ס ווייגען —
זיי שוימען שוין, אַז ס׳האַרץ עס קוועלט!

און די ציטראָנען
אין די מיליאָנען,
און ברויט וועט וואַקסן אויך צו־גענוג;
דעם חומש, מיין ליבער,
נאָר לייען איבער
און דו וועסט ווערן ווידער קלוג!

אין יענע יאָרן —
שוין געזייט קאָרן ,
און ס׳ווערט דערמאָנט אויך האָבער, אויך ווייץ;
און די אַפּעלסינען
אין ישׂראל׳ס מדינה —
איז פול מיט זאַפט און פול מיט רייץ!

די נייע יוגנט —
מיט מוט און טוגענט,
און מיט ערפאַרונג פון נאָענט און ווייט —
זי וועט דערגרייכן
די טיפן, די הויכן,
אַז ערד זאָל געבן מער, אין צייט!

און אויך זיך בייטן
מיט גוטס פון די ווייטן,
מיט לענדער וואו דאָרט אַמאָל וואָס פעלט;
בפרט ווען דער חלום
פון אייביקן שלום
וועט ווערן וואָר אין גאָר דער וועלט!

1949.

מיט די זאַפטן . . .

(אַן אָדע צו אַמעריקע)

מיט די זאַפטן פון דער ערד, דער היימישער,
מיט די קראַפטן פון דעם דאָרטיק ברויט מיט זאַלץ;
מיט דער זון פון פעלדער זאַנגיקע, ביי וועגן בוימערישע,
אונטער קלאָרן רוים, וואָס האָט געשיצט, פאַרוויקלט אַלץ —

האָב איך זיך געלאָזט — אַ יונגער, קוים געשטילט,
אין וועלט צו וואַנדערן, ביז צו קאָלאָמבוס־לאַנד;
האָט ביים ברעג אַמפאַנגען מיך די פרייהייטס בילד,
האָב איך איר געשענקט מיין הארץ און מיין פאַרשטאַנד.

לידעלעך געזונגען איר — גאָר אַלערליי,
סאַי פון הי, ווייל מיר דאָס לעבן דאָ געפעלט;
סאַי פון וויטער אָר׳מער היים — איר פרייד איר וויי!
און פון אַלע טרעפונגען מיט מיר און לייט — אין וועלט.

מיט דערציילונגען, באַפריינדעט פאָלק מיט פאָלק;
און געוועקט די ליבשאַפט אין דעם מיך, דעם מענש;
און געהאַט, צי ווייניגער, צי מער — ערפאָלג —
סאַי ווי סאַי דאָס לאַנד מיט אירע איינוואוינער איך בענש.

איך וועל זינגען מיין ליד

איך וועל זינגען מיין ליד, ווי איך פיל,
איך וועל זינגען מיין ליד, ווי איך טראַכט;
און וואָס נאָר איך וועב אין דער שטיל
וועט רוישן אין וואָכיקן פראַכט...

איך וועל אייך ניט נאַרן מיט פרייד,
איך וועל אייך ניט שרעקן מיט צער;
נאָר אַלץ וואָס דאָס לעבן האָט גרייט
וועל איך ברענגען ווי חבר און האַר...

דער נעכטן, וואָס ליב איז פאַר מיר,
באַליבט וועל איך מאַכן פאַר אייך;
דעם מאָרגן אין שלייערס ביים טיר —
אַנטדעק איך, אַנטפּלעק איך אים גלייך...

עס דאַכט מיר

עס דאַכט מיר, איך האָב וואָס פאַרלוירן אין וועג,
איך ווייס דאָך ניט וואָס...
זאָל איך צוריקגיין? עס איז אַזוי ווייט —
עס איז אַ פאַרדראָס!

איך האָב וואָס פאַרלוירן און ווייס דאָך ניט וואָס...
צי האָט עס אַ ווערט?
לאָז איך עס איבער, — דער טאָג איז שוין קורץ,
און גרויס נאָך די ערד...

עס פאַלן שוין שאָטנס פון בוימער און בערג, —
מיין שאָטן איז לאַנג...
דאָס האַרץ איז ניט רואיק, עס שרייט: קער זיך אום,
דער שאָדן טוט באַנג!

דאָ בלייב איך גאָר שטיין מיר אין מיטן דעם וועג,
אין חושך געהילט...
איך האָב וואָס פאַרלוירן, איך ווייס דאָך ניט וואָס —
איך האָב וואָס פאַרשפּילט...

צוועלפטער בוך

(די אָפּטיילונג איז געווידמעט פּרץ'ס אָנדענקען — צום יובילײ פון זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג)

אָן אַ סוף

ס'איז געווען אַ גראָער מאָרגן
נאָך אַ נאַכט אַ שווערער;
וואָלקנס האָבן זיך געזאַמלט
מערער אַלץ און מערער.

פרי איז ער דאַן אויפגעשטאַנען,
ווי ס'וואָלט ווער אים טרייבן,
און אַ מעשה'לע פאַר קינדער
אָנגעהויבן שרייבן.

פאַר די קינדער אָן די היימען
וואָס ער פלעגט זיי ליבן:
פאַר די קינדער וואָס מ'האָט זיי
אין דער פרעמד פאַרטריבן.

וועלכע בילדער האָט געשוועבט דאַן
פלינק פאַר זיינע אויגן?
איז אַ טויב אַ ווייסע דעמאָלט
פאַר אים דורכגעפלויגן?

האָט ער עפּעס זיי אַנטדעקן
דעמאָלט זיך געקליבן?
ביי די ערשטע צוויי־דריי ווערטער
איז ער שטיל געבליבן.

האָט דערהערט ער רופן, רופן?
פון דער ווייט געזאַנגען?
אויף זיין פעדער איז אַ טראָפּן
טינט פאַרשטימט געהאַנגען...

איז נאָך פריצייטיק געווען.
וואָס ער האָט פאַרנומען?
האָט ער ניט געטאָרט דערציילן,
וואָס עס וועט נאָך קומען?

אַך, ווי וואָלטן מיר איצט וועלן,
אין דער צייט פון שרעקן,
דאָס וואָס ער האָט מיטגענומען
קענען דאָ ענטדעקן.

האָט געזען אַ באַרג אַ הויכן
וואו די נביאים שטייגן,
און די וועלכע בלייבן אונטן
שטייען שטיל און שווייגן?

האָט זיך אליהו הנביא
פאַר אים דורכגעטראָגן,
ווי ער קומט אַראָפּ אַהערצו —
אויף אַ פייער־וואָגן?

אָדער האָט ער דאַן געהערט שוין
משיח'ס שופר שאַלן,
און דערהויכט ווערט יעדער, וועלכער
איז געווען געפאַלן?

און עס זאַמלען זיך די אַלע —
אין עק וועלט פאַרטריבן
— — — — — — — — — — — — —

ביי די ערשטע צוויי־דריי ווערטער,
איז ער שטיל געבליבן...

די שבתים ביי פרץ׳ן
(פון די מאַטיוון „וואַרשע״)

ווי איצט געדענק איך יענע גאַס,
וואו פּרץ האָט געוואוינט;
עס איז געווען אַ גאַנג דורך ראַש,
דאָך האָט דער גאַנג באַלוינט.

איך זע דעם הויף, די טרעפּ, די טיר,
איך זע די וואונדער — גרויס;
איך זיי זיי איצט און ס׳וואַקסט פאַר מיר
אין נייער שיינקייט אויס.

מען גייט אַריין ניט דרייסט, און שטיל —
נאָך ניט געווען באַקאַנט;
נאָר קוים באַגעגנט האָסט זיין בליק,
ביזטו אין אייגן לאַנד.

בפרט, אַז ניט מיט ליידיקן
געקומען דאַן צו אים;
אַ ליד געבראַכט! — אין פריילדיקן
זינגט אויס דיין יונגע שטים.

ער נעמט אין האַנט דיין ליד, דיין שריפט,
ער לייענט און ער פרעגט...
און באַלד איז שוין זיין בליק פאַרטיפט —
ער האָט אַ פונק אַנטדעקט.

באַלד קומען אויך די אַנדערע אָן:
ס׳קומט יצחק גרינבוים, אַש,
און נאָמבערג קומט, און דינעזאָן —
עס ווערט אַ ליבער רעש.

ווער ס׳זיצט, ווער ס׳שטייט, נאָר דינעזאָן
אים קומט דער אויבן־אָן,
שוין פריינט זינט לאַנג, פון אָנהויב אָן,
דורך בריוו — פון קיעוו אָן...

„בית פּרץ, וואָס איז שייך, וואָס?״
עס איז זיין היים, זיין גאַס;
געהאַט שוין דאָ אַמאָל פּאַרדראָס,
דערפאַר אויך פרייד און שפּאַס...

אַ שאָד, ס׳רעדט גרינבוים פּויליש נאָך,
דאָך ער איז אַ סטודענט...
דאָס „פּינטעלע״ האָט פּרץ דאָך
פון איד אין אים דערקענט.

דער הויכער יונג פון קוטנע ערשט —
אַ יונג מיט גרויסן מוט;
ער האָט שוין נאָמבערג׳ן באַהערשט,
מיט „משה׳לען״ — ווי גוט.

און נאָמבערג — יונג און בלאָנד, און טיף,
ער רעדט נאָך אַלץ אַנטציקט:
אַך, אייער „אויב נישט העכער נאָך״ —
ווי טיף אַריינגעבליקט!

און דינעזאָן ער שמייכלט ליב:
— ס׳א מעשה׳לע אַ שיינס...
אַ, ווער קען דען פאַרגעסן דיך,
צעגליאַנע נומער איינס...

די נייע יבנה פון אַמאָל,
דער פונקט פון וואָרט און ליד;
וואָס חרוב ווערט זי יעדעס מאָל
און חרוב ווערט זי ניט...

זי בויט זיך אויף צי דאָ, צי דאָרט —
מיט יונגער קראַפט באַנייט;
און ס׳קלינגט דאָס אידיש־ליד און וואָרט
אַזוי ביז אייביקייט...

פּרץ׳ס בילד

ס׳האָט געוואוסט דער גרויסער לערער,
קיינער ניט אַזוי ווי ער:
גרויסע — ליבן, קינדער — מערער,
און די אָרימע — נאָך מער!

ניט פאַר שכר און ניט פאַר כבוד —
ס׳האָט זיי ליבשאַפט פריי געברענט...
איצט אין יעדער שול, בכבוד
לויכט זיין בילד, באַשטראַלט די ווענט.

וואַרשע

וואַרשע, ניט ביי דיר געבאָרן,
דאָך ביי דיר בין איך געוואָרן...
ביי מיין אָנקום — גלייך געפונען
האָפענונג, גלויבן — די צוויי זונען.

גאַס צעגליאַנע, איינס דער נומער,
דאָרט האָט אויפגעלויכט מיין זומער.
און די נייע פריינט געטראָפן
מיט די בליקן — ליכטיק, אָפן.

איך דערמאָן, אין טאָג אַ גרויען,
פּרץ הויז, די ליבע שעה'ן,
ווען עס פלעגן צו אים קומען
יונגעלייט — פון פאָלק די בלומען.

גאַסט נאָך גאַסט האָט אָנגעקלונגען,
און דערנאָך זיך ערשט צעזונגען,
ווי די חסידים ביי אַ רבי'ן:
„אונזער רבי'ניו", זאָל לעבן.

ס'איז געווען אַ נייער „חסידיש":
וועלטלעך־פריי און וועלטלעך־אידיש.
און דערנאָך אַ פאָלקס־ליד קומט שוין,
און מען זינגט אין כאָר, פאַרפרומט שוין.

אָפט אַ פרעמדער גאַסט פאַרשעמט זיך:
אָט צו וואָס די יוגנט נעמט זיך —
צו די לידלעך גאָר פאַרלאָזטע
פון אַ „דינסט־מיידל" אַ פּראָסטע...

באַלד ווערט קלאָר דעם גאַסט דער זינען
(פּרץ האָט עס אויסגעפונען! —)
און דער פרעמדער זינגט מיט אַלע
וועגן דער „געגאַרטער כלה"...

גייט אַ שעה נאָך שעה אַריבער
ביז צום ליד „אַ טאָג אַ טריבער",
די מעלאָדיע, אַזאַ שטילע —
פול כוונה, ווי אַ תפילה...

די הייליקע שליחות

(לויט י. ל. פּרץ'ס אַ פאָלקס־מעשה)

ס'איז אַ מעשה מיט אַ רבי'ן
וואָס ער פלעגט אין הימל שוועבן —
אין דער נאַכט פון ערשטע סליחות:
ערשט נאָך גרעסער איז זיין יחוס...

פאַר אַ פויער זיך פאַרשטעלט דאָן —
אָנגעקומען צו אַ וועלדל,
און אין וועלדל, פול סכנה —
האָלץ געגרייט פאַר אַן אלמנה...

קלאַפּט ער אָן אין קליינעם שטיבל,
מורמלט זי מיט אַ פּאַראיבל;
זאָגט ער איר ס'איז האָלץ, צו הייצן,
ענטפערט זי — צו וואָס מיך רייצן:

איך בין אַלט און קראַנק שוין וואַכן —
ווער קען הייצן, ווער קען קאָכן?
און וואו האָב איך געלט צו צאָלן? —
ענטפערט ער: ער וועט באַצאָלן...

הויבט ער אָן שוין, ווי אַ מבין,
האָלץ צו שפּאַלטן, הייצט דעם אויוון.
ווי צו הייצן לאַנג באַהאַוונט,
הייצט דעם אויוון און ער דאַוונט...

און דערביי דעם רויך געבלאָזן —
נאָכדעם פליען זיך געלאָזן
אין זיין דמיון הויך און העכער
ביז די הימלען — אויב ניט העכער...

פלעגן טאָקע חסידים זאָגן,
אַז דער רבי איז פאַרטראָגן
ערגעץ וויט צו ערשטע סליחות,
ווייל ער האָט צו טאָן אַ שליחות...

פאַרוואָס?

(מנחמס ליכטיקן אָנדענק;

פאַרוואָס איז שנעל אַוועק,
פאַרוואָס זיי ניט פאַרהאַלטן —
אַזעלכע ליבע טעג,
אַזעלכע פרייד־געשטאַלטן?

די ערשטע יוגנט־יאָר,
מיין אָנקומען אין וואַרשע;
דער לויטער נייער דור —
מען האַלט די זעלבע פּרשה.

אַט טאַקע ווי אין תנ״ך
אין גאָר אַפילו פּרטים;
ס׳איז פּרץ דער פּאַטריאַרך
און מיר די זין — די שבטים.

דער פּאַטריאַרך — פאַרבענקט,
ער בענקט נאָך יונג־דערפרייען;
ער ווייסט ווער ס׳פעלט, געדענקט:
אַ טרייסטער און אַ גייער.

ער האָט באַוויזן זיך
דאָן צווישן אַלע ברידער —
אַ בחורל אַ בחיר —
מיט שפּאָגל־נייע לידער.

און ס׳האָט אויף אים קיין האַנט,
און ס׳האָט אויף אים קיין שליטה —
די שפּראַך ווי פון איין לאַנד —
ער איז פון בריסק דליטע...

ער רעדט זיין אידיש קלאָר,
ער שרייבט זיין לשון ליכטיק,
אַזוי ווי יענעם יאָר,
און ביז צו היינט נאָך ריכטיק...

אַוועק צו־שנעל, פאַרוואָר? —
פון אַלע ברידער שנעלער;
דער שבט פון דעם דור,
דער שטערן אונזער העלער!

עס בענקט דאָס האַרץ נאָך אים,
ביי פּרץ־יאָר געערטער;
צו הערן דאָן זיין שטים,
פון אינגסטן — זיינע ווערטער...

עס וועט ניט פאַרשווינדן

עס וועט ניט פאַרשווינדן,
פאַרשעמט וועט ניט ווערן
די האָפענונג, וואָס מוטיקט
און טרייסט אונז אין פּיין;
דאָס ליד וועט זיך טראָגן,
דאָס ליד וועט זיך הערן
פון לאַנד, פון דעם נייעם,
פול וואונדער און שיין.

פאַר אַלע, וואָס וואַרטן
געהיים און פאַרבאָרגן
פאַר מידע, וואָס מונטערט
דעם אַנזאָגערס טריט;
פאַר אַלע זאָל ווינקען
דער ליכטיקער מאָרגן
פאַר אַלע זאָל קלינגען
אין כאָר אונזער ליד.

פאַרוואָס?

פאַרוואָס זאָל ער זיך גרויסן,
שטאָלצירן קעגן אייך?
אַ טראָפּן איז ניט אויסן
זיך גרויסן פאַר זיין טייך.

אַ כוואַליע וועט ניט יאָגן,
ניט שיידן זיך פון ים;
אַ צווייגל וועט ניט זאָגן:
כ׳בין גרעסער פאַרן שטאַם.

יענע הויז

(וואַריאַנט)

(פון די מאָטיוון „וואַרשע")

ווי איצט געדענק איך יענע גאַס
וואו פּרץ האָט געוואוינט:
עס איז געווען אַ ווייטער גאַנג,
דאָך האָט דער גאַנג געלוינט.

אַפילו איצט געדענק איך נאָך
דעם הויף, די טרעפּ, דאָס הויז;
איך זע זיי איצט, אַלץ וואַקסט פאַר מיר
אין יענער שיינקייט אויס.

די שטאָט, די גאַס און יענע הויז —
ווי ליב אַלץ האָט באַגריסט! — — —
איך הער אַ בת־קול קומט פון דאָרט
ווי פון אַ חורבה וויסט . . .

איך הער אַ בת־קול, ווי אַ טויב
פון דאָרט צו מיר זיך טראָגט:
ווער האָט מיין פאָלק געטאָן צו רויב,
פאַרטיליקט און פאַריאָגט?

איך הער אויך פּרץ'ס וואָרט — עס שוועבט
און קלינגט מיר ווי אַ האַרף;
איך הער זיין רוף: „אָ, טרייסט מיין פאָלק,
די טרייסט, מיין פאָלק, עס דאַרף!"

אָנהויב

(פראַגמענט)

ס'איז אָנהויב געווען —
ווי זיכער דער טראָט;
ס'איז וואַרשע געווען —
די מלכה, די שטאָט . . .

און פּרץ, ער גייט
פאָרויס פון זיין שטאָם;
אין בליקן די פרייד,
אין האַרצן דער פלאַם.

2

עס האָט זיך געגרייט
צום יום טוב דער דור,
די פאָנען צעווייעט,
צעקלונגען דער כאָר.

בראשית — די גלות,
די זון אַזוי ניי;
מיר זיינען פול מוט —
די וועלט ווערט באַלד פריי . . .

פּרץ'ס „גאָלדענע קייט"

אַמאָל איז געוועזן אַ גאָלדענע קייט,
ביי'ן פאָלק, ביי דעם אַלטן,
ווער האָט דען געוואוסט וואו געלעגן איז זי
פאַרשטויבט און באַהאַלטן.

אַ טייל פון דעם פאָלק פאַרגעסן האָט לאַנג
זיין גרויסן פאַרמעגן,
און יאָרן זיי זיינען פאַרגאַנגען, די קייט
אין שטויב איז געלעגן.

דאָס פאָלק האָט צו פרעמדע געשטרעקט זיינע הענט,
ביי פרעמדע גענומען,

און יענע, זיי האָבן פאַראַכט אונז דערפאַר —
ביז ער איז געקומען.

ער האָט אויסגעזוכט אונזער גאָלדענע קייט
פון דונקעלע ווינקלען,
ער האָט זי דערלאַנגט אונז . . . ווי ניי אויסגעשמידט
מיט אייביקן פינקלען.

עס האָט זיך דערוועקט אונזער יוגנט און שטאָלץ —
ביי יעדן באַזונדער . . .
די גאָלדענע קייט איז בלויז איינער געווען
פון פיל זיינע וואונדער . . .

זיין אָנקום

מיר האָבן אין באַגין די גרויסע פרייד געהאַט
די ערשטע לייענען — פון פרצ׳ס ערשטן בלאַט.

עס איז אין אונדזער וועזן ווי אַריין
אַ שטראַל פון לויטערקייט און פון זיין העלן שיין.

בי „מאָניש״־לייענען — דאָס ליד פון גרויס געזאַנג,
די פערזן האָבן זיך געיאָגט אין נייעם שטראָם און גאַנג.

ס׳האָט זילבערדיק געשוימט, געלויכטן און געלאָקט,
ווי ס׳וואָלט אין גרויען טאָג מיט נייער ליכטיקייט געטאָגט.

ביי „ווענוס און שולמית״ — ביים קאַמף פון יפת און פון שם —
מיר האָבן זיך דערפילט שוין מוטיק ווי אינדערהיים.

מיר האָבן שוין פון אונדזער קראַפט דערשפּירט דעם סוד
פון שיר השירימס שיינקייט און פון שולמיתעס גענאָד.

און ביי „שלמהס שטול״ — פון ווייטער צייט און לאַנד, —
דערשפּירט שוין פרצעס חכמה, און זיין אײדעלן פאַרשטאַנד . . .

און שפּעטער שוין, וואו פרץ האָט זיך נאָר געקערט —
אַ נאָענטן, אַן אייגענעם — צו אים זיך צוגעהערט.

און וואוהין ער רופט, און וואו ער ווייזט, און וואָס ער הייסט —
איז פול געווען מיט וואָר און וואונדער און מיט טרייסט . . .

ביים גרעניץ פון יאָרהונדערט . . .

מיט פופציק יאָר צוריק האָב איך צעביטן
די ערשטע העלפט פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט;
ער איז געוועזן ניי און פריש, געבליקט אויף אַלץ פאַרוואונדערט
געשאַלט מיט גאָלד־טראָמפּייט און בייטש און פריי אַרויסגעריטן.

און איך — נאָך דאָן אַ יונג פון דריי־און־צוואַנציג —
בין אויך, פאַרשטייט זיך, מיטגעריטן, מיטגעפאָרן.
פאַר מיר איז אָפט דאָס בייטשל גאָר געווען אַ קאַנטשיק,
נאָר וואָס דען קענען ניט פאַרטראָגן יוגנט־יאָרן?!

בפרט נאָך, אַז דו פאַרסט אַרויס אין פרילינג,
מיט לידער פול מיט האָפענונג און גלויבן
און זאָל ווי ווייט נאָך זיין די צייט — אַן עכטער צווילינג
די גראַמען צוויי, און פויגעל זינגען הויך און לויבן . . .

לכבוד אים אַ זאַמעלבוך, וואָס האָט געהייסן
„דאָס צוואַנציגסטע יאָרהונדערט״, און צום חידוש
געווידמעט אַן אַרטיקל דאָרט צו אידיש,
מיט אַ רוף „אַלס נאַציאָנאַל שפּראַך״ — גאָר אַ הייסן.

נו, האָט זיך דעמאָלט דאָס געקאָכט און שטאַרק גערודערט,
עס איז די פּרעסע בייזלעך, קאַלט געבליבן
און בלויז „הצפירה״, און „איזראַעליטע״, קוים געשריבן,
ערשט שפּעטער־צו מיט זיי אויך זיך פאַרברודערט . . .

און וואָס איז דען דער וואונדער, צי דער חידוש,
אַז פּרץ — ער אַליין האָט דאָרט געדרוקט די שענסטע זאַכן
צו פרייען זיך, צו דענקען און הומאָר צום לאַכן,
און „ירמיהו׳ס בריוו״ — אין וואונדערלעכסטן אידיש.

און נאָמבערג׳ס „גליק״, און פרייהייטס־לידער,
און פון דעם יונגן פראָפּוס׳ן אַ ליד „די אידעאַלן״;
און אויך פון טעג, וואָס קומען אָן מיט פרייד און שאַלן,
און פון דעם גלויבן, אַז מיר אַלע זיינען ברידער . . .

געשטאַלטן

א.

מאָריס ראָזענפעלד

אַ מידער און אַ מאַטער
האָט ער פון אונז געשיידט;
מיט לייד און פּיין אַ זאַטער,
אַ דאָרשטיקער נאָך פרייד

זיין ליד אין בונטע שפּראַכן
געשוועבט האָט איבער דר'ערד,
און ער האָט בלויז דאָס לאַכן
פון נאָענטע געהערט.

עס האָט זיין ליד געפאַנגען
די הערצער ווייט און פיל,
און ער איז אויסגעגאַנגען
פאַראיינזאַמט, אינדערשטיל.

פאַרגרויט די לעצטע יאָרן
פון קנאהס רייד און שטויב;
איצט ווערט ער ערשט געבאָרן
צו אייביקייט און לויב...

ער איז געווען...

צו ש. אַנסקיס אָנדענק)

ער איז געווען אַ וואַנדערער —
און וואו ער איז געקומען,
האָט ער דעם לעבנס־סוד פאַרנומען
און איז אַוועק אַן אַנדערער...

צו גוטס אַ שטענדיק שטרעבנדער,
האָט ער אויף אַלץ געזאָגט: ס'איז גוט,
און אויף די ליפּען זיינע האָט גערוט
אַ שמייכל אַ פאַרגעבנדער...

זיי האָבן געטויט אים

(א. ווייטער'ן)

זיי האָבן געטויט אים, מיין פריינד,
זיי זיינען פאַר אים איצטער ערוב . . .
זיין ליכטיקער פּנים מיר שיינט
פון איטלעכער שטאָט, וואָס ווערט חרוב...

פון איטלעכער שטאָט, וואָס דער פיינט
פאַריאָגט זיי און וועט זיי נאָך יאָגן,
דערזע איך דעם בליק פון מיין פריינט
אַריבער די מחנות זיך טראָגן...

אויף א. ווייטערס טויט

פאַרלאָשן די שטראַלן,
פאַרלאָשן דאָס ליכט:
מיין פריינט איז געפאַלן —
מיט בלוט זיין געזיכט.

די אויגן נאָך אָפן
און קוקן מיך אָן:
ווי האָט עס געטראָפן,
ווער האָט עס געטאָן?

מיין נאָענטער ווייטער,
מיין ליכטיקער פריינט,
אַ קנעכט אַ באַפרייטער
געטאָן האָט עס היינט...

די בלוטיקע פלעקן
זיי ווערן מער גרויס...
די שטראַלן, פון שרעקן,
זיי לעשן זיך אויס...

אַזוי

(יהואש)

אַזוי גייען זיי אָפּ,
אַזוי שווימען זיי אָפּ
די אַמאָליקע לידער —
פון דעם זיידענעם לאָק,
פון דעם גאָלדענעם קאָפּ,
פון די הערלעכע גלידער.

און דאָס ליד שטיל פאַרגייט
וועגן שאָרף פון איר קלייד —
דער אַלט־אייִדעלער ניגון;
און עס זינגט ניט דער זייד
אין דער רוישיקער צייט —
אויך דער זייד איז אַנטשוויגן...

צום פאַבעליסט

(געווידמעט דעם דיכטער נחום יוד)

ס'איז די וועלט אַרויס פון נאָרמע
און אויף אַלדאָס בייז קאַפּאַבל;
איצטער איז די בעסטע פאָרמע
פאַר דעם דיכטער בלויז די פאַבל.

ווען באַליידיקט ווערן שוואַכע,
ווי־זשע קענסטו, דיכטער, שטומען?
ווען די שטאַרקע נעמען ראַכע —
זאָל צו הילף די פאַבל קומען.

מענטשן־העלדן מוזטו וויכן,
דען דיר דראָען פיל געפאַרן;
נעם דעם אייזל און זיין גלייכן
און שטעל פאַר מיט זיי די נאַרן...

זאָלן דיר די שאָף, די בלודנע,
דינען פאַר די גרויסע מאַסן,
און די שוואַרצע וועלף די ברודנע —
פאַר די רויבערישע קלאַסן.

פיר אַרויס די פיקס אַצונדערט,
אַלס די פירער, יענע בערן;
דען אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
איז דער מין צוריק מאָדערן...

1916.

ביז דאַן

(י. ראָלניקן)

עס וועט זיכער טאָגן,
עס וועט ליכטיק ווערן;
זאָל דערווייל זיך טראָגן
ווייטער שיין פון שטערן,
און אַ העלער פּאַס
פון אַ צווייטער גאַס.

פון אַ לאַנד אַן אַנדערער
קומען וועט דער שענסטער;
איצט איז ליב דער וואַנדערער,
וואָס דו זעסט פון פענסטער;
און דער ווינט ביים טיר
זינגט זיין ליד פאַר דיר.

י. קיסין

(עלעגיע)

מיר שרייבן דאָס דאָזיקע ליד
מיט וויי און מיט צער און מיט לייד,
געווידמעט פון טיפסטן געמיט —
יוד קיסין — פריצייטיק געשיידט.

דער דיכטער פון יונגן פאַרנעם,
באַנייער פון אידישן ליד,
געשאַפן, געשאַפט זיך אַ שם,
פאַר שעפער, פאַר יונגע געגליט...

וואָס שיין — איבערדיכטעט פון זיי,
און יענעמס געדאַנק אָפּגעהיט,
און ניט אין אַן איינציק עסיי —
געטייטשט און דערקלערט פּושקינ'ס ליד.

דער זון פון אַ מגיד אַליין
האָט אים שוין „דער מגיד געזאָגט" *)
וואָס טיף איז, וואָס הערלעך, וואָס שיין,
די סודות, וואָס שאַפונג פאַרמאָגט...

די אייגענע לידער, פון אים —
זיי טראָגן אַ רייכן פאַרמעג;
דורך זיי וועט מען הערן זיין שטים,
אין ווייטע — אין אייביגקייט'ס טעג...

*) דער „מגיד געזאָגט" הייסט אין קבלה אינטואיציע.

אַ בליק

(אַ. לוצקיין געווידמעט)

איך האָב ניט לאַנג אַ פריינט באַגלייט:
זיין בליק פאַר מיינע אויגן שטייט.
און וואו איך גיי און וואָס איך טו —
עס גיט דער בליק מיר ניט קיין רו.

מיין ליבער פריינט, אין ווייטן לאַנד!
געזעגנט האָסט זיך מיט פאַרשטאַנד.
אַ וואָרט פאַרשווינדט, אַ טרער פאַרווישט:
אַ בליק אַזאַ פאַרגעסט מען נישט! —

„די גאָלדענע קייט"

מעג ווי שיין אַ מאַנגער זינגען
וועגן זבאַרזשער, וועגן בראָדער;
איך — הער אין דעם כאָר אויך קלינגען
דיכטער נאָך — לויט יענער מאָדע . . .

מעגן אויך די בראָדער, זבאַרזשער
נאָענט זיין דעם אויער אונזער;
אָבער אין דעם נייעם מחזור
ווי פיל תפילות אויך פון צונזער!

ער איז אויך פּאָעט פון גנאָדן,
כאָטש פון פאָלק און לאַנד געדיכטעט;
צי איז דען מיט דעם געלאָדן
ניט געווען די שענסטע דיכטער!

און אין אונזער לשון־קודש
גאָר די גרעסטע פון די אַלע;
יהודה הלוי׳ס שיר אַן עדות —
כ׳מיין זיין „ציון הלא תשאלי" . . .

נו, געוויס — ניט צו פאַרגלייכן
מיט הלוי׳ן — ער איז איינער;
דאָך גאָלדפאַדענ׳ס „ביי בבל׳ס טייכן" —
אויך אַ פאָלקס־פּערל אַ ריינער.

מיר דערמאָנט זיך נאָך פּאָעטן
פון דעם ניינצענטן יאָרהונדערט,
זייערע לידער, ווי געבעטן,
וואָלט איר איצטער אויך באַוואונדערט . . .

אויך דעם מינסקער „סענדער בדחן",
און „באָברויסקער פסח אליה",
ווי מען פלעגט זיי שעצן, אַכטן
און אַזוי אויך די קאַפּעליע . . .

ס׳פלעגט ביי אידן־לומדים פלאַמען,
און צעשפּילן זיך דער דמיון,
ביים דערמאָנען זייערע גראַמען
מיט געדאַנקען הויך — ביז הימלען . . .

„ניין, ניטאָ מער היינט אַזעלכע:
ווער שוין נפטר, ווער געפאָרן
קיין אַמעריקע נאָך וועלכער —
שוין פון מינסק אַוועק שוין יאָרן!

טאָקע צונזער — אַזאַ קענער —
אַ בעל־ניגון, אַ בעל רעיון
זיינס אַ שיר — וואָס קען זיין שענער —
מיט דעם ניגון, מיט דעם נייען.

„אָבער אָפּגעדרוקט געבליבן
זיינען לידער זיינע פילע;
ניט פון אויסגעטראַכטע ליבעס
נאָר פאַר אידן תפילות שטילע.

נעמט „די סאָכע", „שיבת ציון"
„אַך, וואָס זע איך דורך די שויבן"!
ציונ׳ס פעלדער זעט מען בליען,
קינדער קומען — ווי די טויבן! . . .

„קומען אָן ווי צו אַ מאַמע׳ן,
צו דעם לאַנד ישראל ווידער";
און דער ניגון ווי די פלאַמען —
ווי עס פּאַסט פאַר ציונס לידער!

אויף אַלע צייטן

אויף אַלע צייטן רוף זיך אָפּ,
אין יעדער צייט דיין איך פאַרוועב;
די אַלע קאַמפן שפּיגל אָפּ,
און יענע מידיקייט — באַלעב.

אין וואָס דו זינגסט אַליין און זאָגסט,
זאָל קלינגען זייער פרייד און וויי;
פון אַלע לאַסטן, וואָס דו טראָגסט,
זאָל ליב דיר זיין די לאַסט פון זיי.

מיר זאַמלען...

(ווילנער „ייוואָ" געווידמעט)

מיר זאַמלען אַלץ, וואָס אונז איז טייער
אין אונזער לאַנגן וועג ביז איצט;
אַ בלאַט פון דאַן, אַ בוך פון היי־יאָר,
זאָל אַלץ מיט ליבע זיין געשיצט.

א־יעדנס מיען זיך און פלייסן,
אין צייטן און אין לענדער פיל;
אַ בוך פון פוילן, און פון רייסן,
אַ ליד פון קובאַ און בראַזיל.

די ערשטע שטילע ווערק אויף אידיש,
ווען מ'האָט געשריבן נאָך: „עס וואַר"...
דאָס „מעשה־בוך", צום גרויסן חידוש —
פון ערשטן דרוק — אַן עקזעמפּליאַר.

פון צייטן פינסטערע און ווייטע —
אַ וואָרט, וואָס קומט פון טיפסטן גרונט;
אַ ליד פון קעמפער און באַפרייטע,
אַ רוף, אַ בלעטעלע פון „בונד".

אַ ליד, ווען ס'האָט געהערשט דער אַכזר
אין צייט פון טיפן ווי און קלעם;
אַ ליד אויף ווין פון וועלוויל זבאַרזשער—
דער ערשטער אידישער באַהעם.

און פון אין וועלט צעשפּרייטע ברידער—
די עלטסטע און די נייסטע ווערק,
די אַלע מעשה'לעך און לידער,
פון עטינגער ביז פיניבבערג.

פון ריינסטער ליבע די געשיכטן,
וואָס ליגן וואו פאַרגעסן שטיל;
און „חכמת־שלמה" אָפּצוריכטן,
און לוסטיקייט פון „פורים־שפּיל".

און אַלע רייכע אוצרות זוכן,
די אוצרות, וואָס דאָס פאָלק באַשאַפט;
די אַלע ווערטעלעך און שפּרוכן,
וואָס גיט צו לעבן אונז די קראַפט.

און אַלע טרוימערייען, שפּאַסן,
און אַלע לידער פון לאַנג אָן,
זיי זאָלן זינגען אין די מאַסן
מיט אַ באַנייטן, יונגן טאָן.

און יעדעס וואָרט פון שטילן שאַפן
אין ווייטסטן לאַנד, אין ווייטסטן דור,
זאָל שווייגן שטיל שוין מער ניט דאַרפן—
זאָל קלינגען אין דעם פעלקער־כאָר...

אידיש

אַ מתנה מיין ליבן און איידעלן פריינט
און קאָלעגע, דיכטער און ליבהאָבער פון
אידיש — אהרן קאַרלין.

אידיש, שפּראַך און לשון מיין,
וואונדער פון מיין בלייבן זיין;
צווישן פרעמדע, דאָ און דאָרט —
ביזט מיין היים אין יעדן אָרט...

וואו איך קום, אָפט מאַט און מיד,
קלינגט מיר אויף דיין היימיש ליד;
דורך מיין פענסטער, וואו ס'זאָל זיין —
דרינגט דיין ליד אַרויס, אַריין...

און ניט ליד אליין — דיין וואָרט,
מיר דערנענט ווייטסטן אָרט;
איז מיר ליב וואוהין איך קום,
ברידער רינגלען מיך אַרום...

ניט נאָר וואָרט — דיין בוך אליין,
אידיש בוך, ווי ליב און שיין!
פרץ, מענדעלע — נאָכאַנאַנד —
ווערט מיין היים שוין אידיש־לאַנד:

ניין, קיין פרעמדער ערגיץ ניט,
מיט מיין אידיש וואָרט און ליד;
מיט מיין צייטונג־בלאַט און בוך
פאָר איך אַלע לענדער דורך!...

די אויפקלערונג . . .

(מיין ליבן יונגן, גרויסן קלוגע פסח מאַרקוס, דעם דיכטער פון דער עפּאָפּיי, דער ווילנער גאון)

זאָגט ניט: ער איז אַ בעל־תשובה,
ווען ער רעדט פון אידישקייט;
אין זיין היים און אין איר סביבה —
אַלע גוטע פרומע לייט.

צי אין שראַנק, צי אויף אַ טישל —
ווער קיין ש״ס האָט ניט פאַרמעגט —
האָט דאָך יעדער איד אַביסל
פון דעם טיפסטן קוואַל געשעפּט . . .

ס׳איז געווען גענוג אין סידור
צו באַגרייפן גאָר די וועלט,
און פון תהלים דוד׳ס לידער
זאָל דיין זינען זיין באַהעלט . . .

און פון „קב־הישר׳ס״ מידות
אויף דער עברי־טייטש — דיין שפּראַך;
צי דעם מנורת־המאור׳ס חסידות,
צי ר׳ נחמנ׳ס מעשה׳לעך . . .

און אַליין די פינף חומשים,
אויך אויף אידיש־טייטש דערקלערט,
און ניט נאָר אין די שבתים —
יעדער טאָג די רייד באַגערט . . .

זיך באַקענט מיט פעלקער, לענדער —
אין די ספרים — פיל פון זיי;
ניט געווען אין זיי קיין פרעמדער
און ניט אין די וועלטן צוויי . . .

ביידע וועלטן גלייכע, רייכע,
וואָס איז שייך מורא — וואָס? —
ווען דיין לעבנס־וועג אַ גלייכער —
אָן קיין קנאה, אָן פאַרדראָס!

און דערצו מען הערט אַ מגיד,
וואָס שוין אָנהויב ווינטער קומט,
פרעגט אַ קשיא, שטעלט אַ פראַגע
און פאַרענטפערט עס פאַרפרומט . . .

און דו הערסט שוין פון פיל ספרים,
וואָס דער מגיד מישט צונויף:
פון מדרשים די מאמרים —
און פון זוהר׳ס „נופת־צוף״ . . .

און דערצו נאָך גרויסע אידן
אין דיין שטעטעלע אַליין,
ווי דער רב, וואָס איז צופרידן
מיט די שכירות — אַזוי קליין . . .

און אפילו אונזער רבי,
וואָס פון גרויסע איז זיין שטאַם,
איז אַ צדיק אין זיין לעבן —
און זיין ניגון — איז ווי פלאַם.

שפּינאָזע

שפּינאָזע — ער, דער גרויסער לערער,
מיט שטאַרקן גייסט, אין מידן גוף;
וואָס אויף דער ערד דאָ טומלט מערער,
אַלץ העכער גייט זיין נאָמען אויף.

שוין יאָרן הונדערטער — ניטאָ אים,
שוין יאָרן הונדערטער — נאָך דאָ;
אין לעבנס טומל, אין דעם גרויען,
זיין לערע לויכט אין שפּעטער שעה . . .

די גלעזער פאַר דעם טאָג געשליפן,
און דעם געדאַנק — פאַר אייביקייט;
און אין די הויכן, אין די טיפן,
און איבער רוים, און איבער צייט . . .

אין איינזאַמקייט, אָן שטראַל פון ליבע,
אין נויט און צווישן גרויע ווענט —
באַטראַכט די סיבה פון דער סיבה
און גאָר דעם אוניווערס געקענט.

זיין לערע

(עקספראמט — לכבוד אַלבערט איינשטיין)

דיין רעלאַטיוו־אַנטפּלעקונג, פון ווייטסטער ליכט באַהעלט,
איז עכט און אויסגעהאַלטן און וואונדערליך און טיף;
דאָס האָט שוין אָנערקענט פון וויסנשאַפט די וועלט —
דיין גרויסקייט בלויז שטראַלט גלייך און קיינמאָל רעלאַטיוו...
דיין טעאָרי איז לויטער, ווי ס'איז דער אוניווערז
און ווי אַ ליד ווען אויף דעם דיכטער גאָט'ס גייסט רוט;
אַז ס'שטימט ניט וואו — טרעפט אויך ווען אין אַ מאַנכן פערז;
דיין גוטסקייט צו דיין פאָלק און וועלט — איז אַבסאָלוט...

אַ גרוס צו אַלבערט איינשטיין

אין דעם רויש פון האַס און שקר,
קומט ער ווידער מענשהייטס־וועקער,
צו אַנטפּלעקן נאָך אַ שיינקייט
אין נאַטור — פון אַלץ די איינהייט;
אונזער איינשטיין — איין בריליאַנט
איז מיט גאָר דער וועלט פאַרוואַנדט.

אָנפאַנגס שפּראָצט נאָר די השערה,
נאָכדעם שמייכלט שוין די סברה
און באַלד ליכטיקט די טעאָריע —
פּאַסט די ערד אום, קיין עין־הרע.
ביז עס ווערט ווי „צייט און רוים" —
זיין געדאַנקטער נביא'ס טרוים...

נאָך אַזעלכע וואונדער־זיגן,
ווי פאַרשעמט מעדאַלן ליגן,
די מעדאַלן פון די העלדן,
ביי די שלאַכטן אויף די פעלדער —
אָך, ווי לעכערלעך ביז גאָר
ווען דעם נביא'ס טרוים ווערט וואָר.

ער אַליין — ווי ניט אים מיינט מען,
מיט מעדאַלן ווער באַלוינט אים?
(מ'דאַרף דאָך זיין מיט איינשטיינ'ס זינען
אַ מעדאַל אַזאַ געפינען!)

און צי וואָלט ער וועלן נעמען —
זיין עניוות צו פאַרשעמען!

דאָס איז וואונדער, דאָס איז וויסן,
פאַר די אַלע מענשן וויסן,
פאַר די פעלקער צו געניסן,
איינס דעם צווייטן פרידלעך גריסן.
איינס צום אַנדערן — ס'איז זיין לערע,
און די לערע איז זיין ערע!

געדאַנקען

צי שאַפסטו גרויס, צי שאַפסטו קליין —
דער זעלבער שאַד, דער זעלבער לוין...

דער צער פון גרויס איז אָפּטמאָל מער
ווי פרייד פון קליין מיט קליין באַגער...

דאָס גרויסע וויל נאָך ווערן גרעסער;
דאָס קליינע גרויסט זיך, פילט זיך בעסער...

פאַר ביידן איז דער טאָג — אַ קליינס,
און זיבן טעג אין וואָך אַלץ איינס...

די מערב־אידן

(געווידמעט דעם „דזשאָינט״)

די מערב־אידן, אונזערע ברידער,
און אומעטום פון פאָלק די פריינט;
ווען אונזער שיף, ווי אָן אַ רודער,
זיי שטייען אויף דער וואַך, ווי היינט . . .

מיר זיינען אַלע פון איין יחוס,
דאָך זיי, אין צייט פון זונאויפגאַנג,
דערפילט זיי האָבן זייער שליחות
געשיקט די אָנזאָגער אין גאַנג.

ר׳ משה מענדעלסאָן פון דעסוי, —
מיט די תלמידים אומעטום —
ער האָט מיט טרייסט, ער האָט מיט חסד,
געשיקט זיין בשורה ליב און פרום.

און מאָנטעפיאָר, דער איד דער הייסער
מיט ענגלאַנד׳ס רום, מיט אידיש האַרץ,
פלעגט זעגלען, אין פאָלקס־בויט
אין גרויסער,
אין וויטסטן לאַנד, וואו מאַכט איז שוואַרץ.

און דיזראַעלי, אַ איד געבליבן,
ביים הויכן טראָן, מיט גרעסטן ראַנג;
ווער האָט געקענט אַזוי שטאַרק ליבן
זיין פאָלק, זיין לאַנד — אין וועלטנ־גאַנג.

און אויך קרעמיע, אין רויש פון יאָרן,
זיין אידיש פאָלק פאַרגעסן ניט,
אין פרייען פראַנקרייך שוין געבאָרן —
דעם אידנ׳ס פרייהייט איינגעהיט . . .

און אַלע ראָטשילדס — אין די לענדער
וואָס האָבן פרידן בלויז געוואָלט,
דעם אייגן פאָלק פון די פאַרלענדער
געהיט, געשיצט און ריין, ווי גאָלד.

און אין דער שיינער לאַנד, דער נייער,
פון וואַשינגטאָן, און דזשעפערסאָן;
אויך דאָ דער מערב־איד, אַ פרייער,
זיין פליכט צום אידיש פאָלק געטאָן.

אויך דאָ זיין גאונות און זיין שאַפן
האָט זיך צעלויכט, האָט זיך צעשיינט,
אין שווערער צייט, אין צער אין שאַרפן
דעם מזרח־איד געשטרעקט די האַנט.

און איצטער אַלע ברידער גלייכע,
דער מזרח־איד, דער מערב־איד,
די כלומר׳שט־אָרעמע, די רייכע
זיך אויסגעמישט, אין ליבשאַפט, פריד.

און וואו עלעקטרי, וואו אַ לעמפּל,
עס פאַלט אויף יעדן גלייך דאָס ליכט,
און ווער אין שול, און ווער אין טעמפּל,
צי ווער — צו־הויז — מ׳ווייסט די פליכט!

געאָרג בראַנדעס

ער האָט באַלעבט די שעפער אַלע
פון גאָר דער וועלט, פון איבעראַל;
די שעפער, די אוניווערסאַלע —
הוגאָ און בייראָן און לאַסאַל.

געווען איז קיינער אים קיין פרעמדער,
פון איטלעכן געהערט די שטים;
און שעפער פון די וויטסטע לענדער
באַנומען נאָענט און אינטים . . .

געווען מיט גנאָד אַיעדנס ריכטער,
און ערפאָרכט צו דעם גייסט געוועקט;
די ווערק פון לאַנג־פאַרגעסנע דיכטער
מיט צער און ליבע זיי אַנטדעקט.

דאָס קליינלעכע אין דיכטערס לעבן,
דעם לייכטזין, וועלכער שטאַמט פון וויי,
האָט ער פאַרשטאַנען און פאַרגעבן
און מיט זיין שיין באַלויכטן זיי.

און אים, דעם ליבן צו פאַרדאַנקען
זיי לעבן אַלע נאָך ביז איצט;
מיט זיינע ליכטיקסטע געדאַנקען
זיי פון פאַרגעסנהייט געשיצט . . .

די אידישע מוזיק

(געווידמעט ערנסט בלאָך)

איך האָב געהערט די אידישע מוזיק
און ס׳האָט מיך ווייט אַוועקגעטראָגן,
איך האָב געהערט ווי דורות שלאָגן
און האָב מיין פאָלק דערזען גאָר יונג צוריק...

עס האָט דער ים זיין אָפּגרונט אָפּגעדעקט,
דער ירדן איז מיט אַנגסט אַנטלאָפן...
און באַלד האָב איך דערזען דעם מדבר שלאָפן
און באַלד האָט אים אַ נייעס פאָלק געוועקט...

איך האָב געזען דעם פּאַלאַץ שלמה׳ס אין געדאַנק,
געהערט אין צימערן אַ יוגנטלעך געלעכטער,
און טענץ און שפּרינגעריי פון פּרעה׳ס טעכטער,
און מלכה שבא געזען, און אופיר׳ס גאָלד געשאַנק...

ביי בבל׳ס טייכן געהערט האָב איך אַ רעש,
געזען מיין פאָלק דערנידעריקט, געפאַנגען
און ירמיהו איז געבויגן מיטגעגאַנגען
זיין שטאָלצער קאָפּ באַשאָטן פול מיט אַש.

און פּלוצלונג האָט אַ שטורם דורכגעשוועבט
און — ניט געוואוסט אַליין פון וואַנען,
איז פון אַ טאָל אַ מחנה אויפגעשטאַנען
און נייער גייסט האָט יעדערן באַלעבט...

און באַלד גאָר בין איך אין אַ שול אַריין. ביי נאַכט...
געזען אַן עדה הין און הער זיך וויגן —
אין האַרץ געדרונגען האָט אַ ווייטער ניגון
און תפילות אַלטע האָבן מיך ערוואַכט...

ניו־יאָרק, 1918, נאָך זיין ערשטן קאָנצערט אין קארנעגי האָל . . .

דעם טאַטנס תנכ׳ל

(פראַגמענט פון אַ „היימישער אידיליע")

דעם טאַטענ׳ס תנכ׳ל
געבונדען אין שוואַרץ,
נאָר קוים עס געעפענט —
דערפרעהט האָט זיין האַרץ.

ד׳עם טאַטענ׳ס תנכ׳ל,
געהיט עס — ס׳איז ניי;
געמישט זיינע בלעטער
בלויז ווען געווען פריי.

פריי פון די ריגלען,
פון קויף און פאַרקויף;
צעשפרייט ז׳ינע פליגלען
זיין גייסט שטייגט דאַן אויף.

דאָך, ווען ער פאַרטראַכט זיך —
שוין שבת פאַרנאַכט,
ער האָט צום „המבדיל"
אַ לידעל באַטראַכט.

אַ ליד, און אויף אידיש,
אַזוי ווי מען רעדט;
דאָך איך האָב געוואוסט,
אַזוי שרייבט אַ פּאָעט...

ער לעזט־פאַר דער מאַמען —
זי הערט־אויס און שיינט;
די אויגן — ווי פלאַמען,
כ׳געדענק עס, ווי היינט...

דאָס ליד פון „המבדיל
בין קודש לחול" —
אַ לידל אויף אידיש,
וואָס קלינגט אַזוי וואויל...

דער תלמוד

כ׳נעם דעם תלמוד אין דער האַנט
און עס אַנטפּלעקט זיך נייעס לאַנד,
נייעס לאַנד און נייער ישוב,
און עס שוועבט אויף אַלץ אַ כישוף...

ס׳ווייעט, ס׳גייט אַן אַנדער לופט
און אַ בת־קול, דאַכט זיך, רופט;
רופט צו די וואָס זיינען זוכה —
מיט געדאַנקען ריינע, הויכע.

און ביים מישן יעדעס בלאַט
עפּעס רוישט און פליסטערט: שאַט!
שאַט, רבותי, דאָ איז הייליק,
גרויסע האָבן דאָ אַ חלק...

גרויסע גייסטער, ניט ווי מיר,
קענען קומען צו דער טיר,
וואו אַן אַנהויב און אַן ענדען
ווייען בת־קולס און לעגענדן...

אמת׳ן...

עס זיינען דאָ אמת׳ן פיל —
איך האָב מיך געלאָזט אָפט פאַרפירן;
איך האָב זיי שוין אַלע דערקענט,
פאַרשטייי זיי לויט קלאַנג און קאָלירן.

עס קלינגען די אמת׳ן הויך,
און דופטן מיט ריחות און פאַרבן,
דאָך ווי נאָר דו קוקסט זיי אַן נאָענט —
זיי ווערן פאַרשטומט באַלד און שטאַרבן.

איך האָב זיי געהאַלטן שוין פיל,
פאַר פילע געקעמפט, פיל פאַרטיידיקט;
זיי האָבן מיך אַלע גענאַרט,
איך פיל מיך באַטראָגן, באַליידיקט...

דאָך גיב איך מיין ליבע ניט אויף
צום אמת, צום איינציקן קלאָרן;
ער מוז זיך באַווייזן אַמאָל —
באַלויכטן מיין רעשט ביסל יאָרן...

די ביבל

ס׳ליגט טרויעריק די ביבל ביי מיר אויף מיין טיש,
איך שעם מיך צו געבן עס צערטלעך אַ מיש,
אַזוי ווי מיין שטייגער אין פּאַריקע טעג,
ווען מענטש איז געווען נאָך מענטש אין זיין וועג!

ס׳ליגט טרויעריק די ביבל, געבונדן אין שוואַרץ
און שיינע געפילן — געבונדן אין האַרץ...
אַך, אַלץ, וואָס געווען אַזוי טייער און גרויס,
ווי שפּל און קליין קוקט עס איצטער מיר אויס!

איך עפן די ביבל, זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין!
אַך, אפשר געפין איך אַ טרייסט צו מיין פּיין!
דאָ האָבן נביאים באַגייסטערט גערעדט,
מיט ליבע און האָפענונג די הערצער געגלעט!

איך עפן עס אויף און זאָל נעמען אַן ענד!
(ניט ציטערט דערביי מיינע אָרעמע הענט!)
„והיה באחרית״ — אַ „קינד מיט אַ שלאַנג״ —
אַ, הייליקע ווערטער, ווי לעער אייער קלאַנג!

„און שווערדן פאַר אַקערס״ — אַ, הער אויף, אַ האַלט,
פאַרוק אין אַ ווינקל די ביבל, באַהאַלט.
דו הערסט ווי פון אָפּגרונט דער שטן ער לאַכט:
מען האָט אַלע אַקערס פאַר שווערדן געמאַכט!...

נ. י. 1915

פון די בערג

דאָ איז אַלץ אַזוי אָפן און קלאָר,
דאָ איז אַלץ אַזוי נאָענט און פאַרשטענדלעך.
איין טאָג לעבט דער שמעטערלינג נאָר,
ערד און הימל — זיי בלייבן אומענדלעך.

דאָ הערשט ניט דער פּיין פון פאַרגיין,
דאָ גייט ניט די ווימלונג פאַרלאָרן;
דער אומקום איז דאָ אַזוי ריין,
ווי אַלץ וואָס עס ווערט דאָ געבאָרן.

דער „צאינה וראינה" — אום שבת חזון

„צאינה וראינה" — ס'איז אַ נאָמען,
פון אַ וואונדער־בוך, צו רירן;
און דער נאָמען איז גענומען
פון דעם הויכן שיר השירים.

ס'איז אַ אידיש־בוך אָן עכטער
ווי ס'שטייט ווייטער: איר „בנות ציון"...
ס'הייסט פאַר אייך אויך, ציונ'ס טעכטער,
קומט און זעט ווי ווערטער בליען.

מ'זאָגט דער טאָכטער, מ'מיינט דער מאַמען,
ס'איז פאַר מאַמעס ס'בוך צו לייענען;
קומט מען זיך אין שטוב צוזאַמען —
שכנות — פרייען זיך, צי וויינען.

פון אַ וואָכנשריפט אַ כח —
יעדע וואָך אַ נייע סדרה;
די הייסט בראשית, די הייסט נח,
און מיט מעשה'לעך פון מדרש.

ס'איז אַ צייטשריפט, און ביי „דברים"
קומט אַ ביילאַגע אַ לאַנגע,
גאַנצע בלעטער פון גמרא
ווען ירושלים ווערט געפאַנגען . . .

און ר' יוחנן, א תנא,
אויפצוהאַלטן דאָן די תורה
האָט געבעטן שענקן יבנה,
און מיט אירע לומדי־תורה . . .

מיט די פיל חכמים אירע,
וואָס דאָס איז די גרעסטע גבורה;
און עס האָט געשאַלט ווי שירה,
ווען ער האָט געבראַכט די בשורה . . .

און דערנאָך . . . איז העלד בר־כוכבא
אויפגעשטאַנען קעגן די רוימער;
אים געבענטשט האָט רבי עקיבא,
און זיין חייל — די יונגע בוימער.

ביז פאַרמאַכט איז „צאינה וראינה",
ליבע שכנות זיך צוגייען;
סדרה'ס קומען מער נאָך, שיינע;
וואָכן קומען, וואָכן גייען . . .

מאַנסביל אויך — אין שטוב זיי האַרכן,
ווי זיי טוען גאָר אַ טובה . . .
ניט קיין רירן זיך, קיין שאַרכן,
הערן צו אַלץ ווי בגניבה . . .

ער — א משכיל, לייענט „הצפירה",
אויב אַ למדן — ביי אַ מסכתא;
צאינה וראינה דאָס איז אירע,
ס'איז איר צייטונג, איר געשיכטע . . .

שווער איז ביי אַזעלכע ווייען
מיט די ליפּן דאָן צו רירן;
טרערן אין די אויגן שטייען —
אויף דעם אַלץ, וואָס ס'טוט פּאַסירן . . .

אָך, ס'האָט לאַנג צוריק געטראָפן
אָבער זיי — ווי ערשט דערהערט־גאָר;
טייערע, ס'איז לאַנג פאַרלאָפן,
אָבער זייער אויג איצט טרערט־נאָך . . .

און דער רוימער וויל אַלץ זיגן
און דאָס גאַנצע לאַנד פאַריאָכט ער;
ס'קען קיין ביסל מעל ניט קריגן
ירושלים'ס רייכסטע טאָכטער.

וויל אוודאי מעל די בעסטע,
זי די אידלסטע פון אַלע,
און די גבירה, זי די גרעסטע
שיקט נאָך זעמל־מעל פאַר חלה.

קומט צוריק דער קנעכט און זאָגט איר:
— אויס, פאַרקויפט נאָר וואָס דאָס לעצטע;
הייסט זי ברענגען גראָב־מעל . . . יאָגט ער
— שוין ניטאָ, מיין הויכגעשעצטע.

— גיי און ברענג כאָטש מעל פון גערשטן,
און ביז ס'איז דער קנעכט דערגאַנגען,
האָט מען שוין פאַרקויפט ביז לעצטן;
איז זי שוין אַליין געגאַנגען . . .

דאַן געלאָזט זיך אויף סכנות
יוחנן בן־זכאי פון די אידן;
און צום מלך אספאסיאנוס
בעטן אים צו שליסן פרידן . . .

ביכער און ספרים

(היימישע אידיליע)

אין שטיבער גאָר אָרים,
אין היימען אַמאָל,
געווען ביכער און ספרים —
געדענק איך, אָן צאָל . . .

וואו ס'ליגן אין ווינקל
איר דרשה־געשאַנק,
וואָס האָבן אַ פינקל
פון יוגנט'ס געדאַנק.

די גמרות די שטרענגע,
וואָס קוקן אַרויס —
פון אַלמערס שוין ענגע
מיט ספרים דורכאויס...

דער טייטש־חומש אירער,
איר טייערסטער בוך,
איר לעבנס־באַצירער,
נאָר לייען און זוך...

פון פאַכן, פון שיכטן —
פון נידער ביז הויך;
און שירים, געדיכטן
און „מעשה'לאַך" אויך...

זי דאַרף זיך ניט שעמען
פאַר'ן למדן איר מאַן,
זי דאַרף זיך ניט קלעמען —
„כל־טוב" דאָ פאַראַן.

איין ספר, לויט פירונג,
ביי אונזערע לייט —
געווען ווי אַ צירונג
באַהאַלטן גאָר ווייט...

און אויך פון גמרא,
גאָר טיף און גאָר הויך;
—„דו ווערסט, קיין עין הרע,
אַ למדנ'טע אויך".

און אויך ווי אַ צירונג,
וואָס מ'טוט שבת אָן;
(אין טעג — אינדערוואָכן
איז מאַמע פאַרטאָן)!

דאָס האָט מיט אַ שמייכל
דער מאַן איר אַנטפלעקט;
זי האָט דאָך מיט שכל
דעם סוד ניט אַנטדעקט...

דער ספר דער מאַמעס
פול גליק און גענאָד,
ווי צירונג אָט ממש,
ער ליגט אין שופלאָד.

זי וויל זיך ניט גרויסן
פאַר שכנות אין וויי;
זי איז דאָך ניט אויסן
שטיין העכער פון זיי...

אין יענעם טאָג

(פון ישעיה)

און פול געוואָרן איז דאָס לאַנד
מיט גאָלד אין יענע טעג,
און קיינער איז שוין ניט אימשטאַנד
צו ציילן זיין פאַרמעג.

און פול מיט וועגן און מיט פערד
און רייטוועגן אָן צאָל...
עס ציטערט אונטער זיי די ערד
זיך יאָגנדיק אין טאָל.

און אָפּגעטער גאָר אָן אַן ענד
האָט זיך אין לאַנד צעבליט...
אַליין געמאַכט מיט אייגענע הענט
און נאָכדעם זיך געקניט...

און נידעריק זעט יעדער אויס,
געבויגן שפל, קליין;
אין יענעם טאָג איז איינער גרויס,
בלויז איינער — גאָט אַליין...

צו די שרייבער...

(פון ישעיה)

העי, איר שרייבער און איר קריצער,
פון געזעצן וועגן זינד;
ניין, איך קאָן אייך ניט פאַרטראָגן,
אייער שרייבן — לויטער ווינט!

דען דער עלנטער, געדריקטער,
ווען צום ריכטער־הויז ער קומט,
שפּעטן אויס אים אַלע ריכטער,
און גערעכטיקייט פאַרשטומט.

און אלמנות און יתומים
און דאָס אָרעמע פאָלק דורכאויס
האָט זיך ניט צו וועמען ווענדן,
ביז דער צאָרן־טאָג ברעכט אויס...

זעט, ער טראָגט זיך פון דער ווייטן,
איינגעהילט אין פלאַם און בלוט;
העי, איר ריכטער, וואו אַנטלויפט איר
אין דעם טאָג פון דין און גלות?!

הוי, שודד!

(אַ פסוק פון ישעיה)

אוי, דו רויבער, רויבער! —
ביסט מיט גליק געקרוינט;
האָסט ראַבירט, געגזלט,
און דו ביסט געשוינט.

אוי, דו וועלט־פאַררעטער,
פירסט דיין שווינדל פריי;
אַלעמען פאַרראַטן,
דיר איז יעדער טריי.

אָבער ווי דו ענדיקסט
גאָר דיין רויבעריי,
וועלן דיך צערויבן
די, וואָס זיינען טריי.

ווען דיין סוף, פאַררעטער,
ברענגען וועט די צייט,
וועלן דיך פאַרראַטן
דיינע טרייע לייט...

גאָטס וואָרט...

(פון ירמיהו)

כ׳האָב גאָטס וואָרט אין מיר דערפילט
און געלאָזט מיך איבעררײדן.
און זינט דעמאָלט — מיט גאָטס־וואָרט —
שטיי איך אויס געשפּעט און לײדן.

און איך רעד פון זינד און רויב
און פון נאַריש־בייזע זאַכן;
קוקן זיי מיך שפּאָטיש אָן,
און זיי שפּאַסן און זיי לאַכן...

האָב איך מיר געזאָגט: גענוג! —
אויף מיין לעבן איז מיר טייער!
ברענט גאָטס וואָרט דאָך אין מיין האַרץ,
ווי אַ פלאַמענד העליש פייער.

האָב איך מיר געטראַכט: בין מיד,
און צו שוייגן שוין באַשלאָסן;
האָט דאָס וואָרט פון גאָט אין מיר,
ווי אַ פייער זיך צעגאָסן.

פאַרוואָס

דו ביזט גאָט צו פיל גערעכטער,
און ווי קאָן איך קעגן־רעדן?
כ׳וויל ביי דיר בלויז משפּט פרעגן,
זאָלסט מיין פראַגע מיר באַשיידן:

אַך, פאַרוואָס דער וועג פון שלעכטע
אויסגעפּלאַסטערט איז מיט גליקן,
און זיי גייען צו דער רשעות,
ווי אויף פעסט־געבויטע בריקן?...

און ווי בוימער טיף געוואָרצלט
וואַקסן זיי און ברייגנען פּירות,
און אַזוי פאַרשפּרייט זיך אומרעכט
ביז די שפּעטע, ווייטסטע דורות?

אליין...

קיינער האָט מיך ניט גערופן,
כ׳בין צו אייך אַליין געקומען,
און געזוכט האָט מיך ניט קיינער,
כ׳האָב אַליין זיך אויסגעפונען.

רוף און הער ניט אויף צו רופן,
ווי אַ שופר זאָלסטו שאַלן:
זאָג דיין פאָלק — עס איז געשטרויכלט,
זאָג דיין פאָלק — עס איז געפאַלן!

דער גוטער

אויסגעגאַנגען איז דער גוטער,
שטיל פאַרלאָזט די שלעכטע וועלט:
וועמען האָט זיין טויט באַנומען,
ווער באַמערקט — דער גוטער פעלט!

גוטע, פרומע לייט פאַרגייען,
קיינער גיט דערויף קיין קרעכץ,
ווייל די וועלט איז פול געמיינהייט,
פול פאַרדאָרבנקייט און שלעכטס...

ניט באַוויין

ניט באַוויין דעם טויטן,
מתים ניט באַדויער!
אויף דעם אָרעמען וואַנדערער
מער און טיפער טרויער!

גרויס איז יענעמס וויטאָק,
ווער ס׳פאַרלאָזט זיין לאַנד
און צוריק צו קערן
קיינמאָל ניט אין שטאַנד...

וויי איז יענעם...

וויי איז יענעם אויף דער וועלט,
ווער זיין הויז אָן משפּט שטעלט,
און דעם חבר אויסגענוצט,
און די צימערן פאַרפּוצט.

און די ווענט געפאַרבט פאַרשידן
מיט דער אַרבעט פון דעם מידן.
ניט קיין פאַרב איז דאָס, נאָר בלוט!
וויי איז יענעם, ווער דאָס טוט...

אין טאָל...

(פון יחזקאל)

ס'האָט גאָטס האַנט מיך אַנגערירט,
און דערפילט האָב איך זיך רײנער;
צו אַ טאָל מיך צוגעפירט —
און דער טאָל איז פול מיט בײנער.

אַנגעװאָרפן, אַנגעשאַרט
זײנען בײנער דאָרט געלעגן,
אױסגעטריקענט, אױסגעדאַרט,
אָן אַ חיות, אָן באַװעגן.

פרעגט מיך גאָט: דו מענטשן־קינד,
קענען זײ אַמאָל נאָך לעבן?
כ'האָב געענטפערט: איך בין בלינד! —
װען דו װילסט, קאָן אַלץ דאָך געבן.

האָט באַפױלן מיר גאָטס קול:
אױף די בײנער זאָג נבואה:
האָרכט, איר בײנער אין דעם טאָל,
קומען װעט נאָך די רפואה...

װערט פון טױט צוריק געװעקט,
װערט צוריק געװעקט צום לעבן;
נײע הױט זאָל זײן באַדעקט,
און אַ נײער גײסט געגעבן!

כ'האָב געטאָן װי גאָטס װאָרט, —
איז אַ שטורעם אַנגעקומען,
בײן צו בײן איז אױפן אָרט,
אַלע גלײך צונױפגעקומען.

פלײש און אָדערן און הױט
אױף די בײנער אַנגעצױגן,
נאָר עס איז נאָך אַלץ דער טױט
זײ געלעגן אין די אױגן...

און דערהערט האָב איך גאָטס קול:
גײ צום װינט און זאָלסט אים זאָגן:
ער זאָל בלאָזן אין דעם טאָל,
צו די טױטע חיות טראָגן...

און פון אַלע עקן װעלט
זײנען װינטן אַנגעקומען,
ס'האָט אַ חיל זיך אױסגעשטעלט
מיט אַ ליאַרעמען און ברומען.

איכה

ס'נעמט מיך דורך דער אַלטער טרױער
אין דעם בײנטען־אָב בײ נאַכט — —
כ'הער, עס פאַלט פון שטאָט דער טױער
און עס פלאַקערט אױף די שלאַכט.

װי צורײצטע חיות לױפן
אין דער שטאָט דעם פײנדס חײלות
און אין זײער װילדן לאַכן
װערט פאַרטױבט דעם פאָלקס יללות.

כ'זע אַ צונטער־רױטן פײער
שלאָגט זיך אָפּ אױף טױזנט מײלען
און עס טראָגן זיך פון פונקען
ביז צום הימעל הױך די זײלן...

װאָס ערװאָרבן האָט יהודה
דורך פיל יאָרן לאַנגע, שװערע,
זע איך װערט פאַרװיסט, פאַרניכטעט
מיטן לעבן, מיט דער עהרע...

ס'נעמט מיך דורך דער אַלטער טרױער
אין דעם בײנטן אָב בײ נאַכט —
אױף דער ערד, דעם קאָפּ געבױגן,
זיץ איך אבל'דיק, פאַרשמאַכט...

און די שול איז פול מיט שאָטן,
פול מיט ברידער, װײסע, בלײכע — — —
ירמיהו שטײט פאַר די אױגן,
שפרײט די הענט און יאָמערט: איכה!...

װאַרשע, 1900

קהלת

שבת, סוכות; קלינגט דער ניגון
פון קהלת, קעניג שלמה׳ס;
אי צו וועקן, אי פאַרוויגן,
ווי פון הויכן און פון תהומות...

דער בעל־קריאה — אַ בעל־הקירה,
פון דער צייט שוין פון דער נייער,
זינגט דעם פסוק אויס, ווי שירה,
ווי אַ משכיל אַ געטרייער...

קלוגע ווערטער פון אַ מלך,
אין ירושלים — שלמה;
הייסט אין יוגנט־טעג זיין פריילעך,
אין די פרילינג־טעג די שיינע...

דאָך אין ווייטערן קאַפּיטל —
ווערטער שווערע און געדרייטע;
חכמה איז נאָך אַלץ אַ מיטל,
און דאָס האַרץ ווערט אַ דערפרייטע.

און דער עיקר אונז ער לערנט —
צופיל ביכער ניט צו שרייבן,
און קיין בייזקייט, וואָס דערצערענט,
ווייל דאָס גוטע בלויז וועט בלייבן...

פון קהלת

1

כ׳האָב געזען די גרויסע רשעות,
וואָס איין מענטש טוט אָן דעם צווייטן
און די טרערן פון באַרויבטע,
און דעם פרייען גייסט אין קייטן...

און די אַלע אונטערדריקטע
מוזן נאָך די טרערן שטיקן;
און ניטאָ פאַר זיי קיין טרייסטער,
ווער זאָל הילף אין נויט זיי שיקן...

און באַטראַכט האָב איך דאָס אַלעס,
ווי די וועלט איז שלעכט, פאַרדאָרבן...
לויב איך בעסער יענע, וועלכע
זיינען לאַנג שוין אויסגעשטאָרבן...

בעסער אָבער איז נאָך יענעם,
וואָס איז גאָר דאָ ניט געבאָרן, —
האָט פאַרשפּאָרט צו זען די אומרעכט
אין די קורצע לעבנס־יאָרן...

2

אַלץ, מיין זון, איז גאָרנישט,
אַלץ איז נאַרעריי:
ס׳גייט דאָס גאַנצע לעבן,
ווי אַ ווינט פאַרביי.

און צו וואָס דאָס מיען
פון דעם מענטש אויף דר׳ערד,
ווען די אַלע גליקן
האָבן ניט קיין ווערט?

דורות גייען, קומען —
וויס ווער — ווער זיי טרייבט?
בלויז די ערד די איינע
אַלץ די זעלבע בלייבט.

אַלע קוואַלן פאַלן
אין דעם ים אַריין;
און דער ים קאָן פולער
אַלץ דערפון ניט זיין.

וואָס עס איז געוועזן,
דאָס וועט זיין צוריק, —
ס׳בייטן זיך די מענטשן,
דאָך די זעלבע שטיק...

שיר השירים

1

ווי זאָל איך מיין ליבסטע גלייכן,
ווי זאָל איך מיין ליבסטע מאָלן?
ווי אַ פרישע בלום פון שרון,
ווי אַ רויז אין טיפע טאָלן.

ווי אַ רויז צווישן דערנער
זעט מען בעסער, זעט מען עכטער,
פונקט אַזוי איז זי, מיין כלה,
צווישן אַלע מענטשן־טעכטער.

2

קוקט ניט, זאָגט ניט:
איך בין שוואַרץ;
לויטער פייער
איז מיין האַרץ.

נעמט קיין ביישפיל
ניט דערפון:
ס׳האָט פאַרברוינט מיך
בלויז די זון.

מ׳האָט אַלס היטערין
מיך געמאַכט,
ביי די גערטנער
טאָג און נאַכט.

פרעמדע גערטנער
אָפּגעהיט,
און מיין אייגענעם
גאָרטן — ניט!...

3

פרילינג, פרילינג איז שוין היינט,
כ׳הער די שטימע פון מיין פריינט,
ווי דורך בערג און טאָל ער ציט,
ווי אַ יונגער הירש ער פליט!

כ׳הער זיין שטימע פון אַרום,
ווי ער רופט מיך: כלה, קום!
קום, דער ווינטער האָט געעקט
און די טירקל־טויב שוין וועקט:
קום אַרויס פון דיין געצעלט,
פול מיט דופטן איז די וועלט!...

4

זעכציק מלכות האָב איך מיר,
אַכציק קעפּס־ווייבער געוויילטע,
און דערצו איז ביי מיר דאָ
יונגע מיידלעך ניט געציילטע.

דאָך נאָר איינע איז מיין טויב,
איינע איז זי צווישן פילע:
ס׳לויבן זי די מלכה׳ס אויך
און די קעפּס־ווייבער אפילו...

5

איך אַליין — איך שלאָף,
ס׳האַרץ איז וואַך אין מיר;
כ׳הער מיין ליבסטנס קול,
כ׳הער, ער קלאַפּט אין טיר:

— עפן שוועסטער מיין,
ס׳איז דיין טיר פאַרמאַכט —
מיינע לאָקן — זע —
נאַס פון טוי און נאַכט...

6

אוי, ירושלים־טעכטער,
אייך האָב איך באַשוואוירן:
ווייסט איר אפשר, וואו פאַרפאַלן
איז מיין פריינט געוואָרן?

אויב איר וועט אים וואו געפינען,
וואָס זאָלט איר אים זאָגן?
כ׳בין פון ליבע קראַנק געוואָרן,
כ׳קאָן שוין ניט פאַרטראָגן.

אָ, דו שענסטע פון די פרויען,
ווער איז דיין באַשערטער,
וואָס דו האָסט געלאָזט זיך זוכן
אים, אין אַלע ערטער?

ראָזיג־ווייס איז ער, מיין ליבסטער,
מער פון אַלע טייער;
זיינע לאָקן — שוואַרץ ווי ראָבן,
זיינע אויגן — פייער.

איך וואָלט פאַר אַ ברודער דיך האָבן געגלוסט,
וואָס האָט ביי איין מאַמען געזויגן די ברוסט,
דאַן וואָלסטו געווען מיר ניט פרעמד און ניט וויט
און קושן דיך וואָלט איך אין גאַס צווישן לייט.

נאַכט סודות

(פון ח. נ. ביאליק)

האַלבע נאַכט. אדורך מיין פענסטער, וואָס איז אָפן,
זיינען ווינטעלעך, בגנבה, אנגעלאָפן,

איינער נאָכן צווייטן, האָבן שטיל געבלאָזן
ווי אַ הייליקע אסיפה ערשט פאַרלאָזן.

און פאַרביי געשוועבט מיר, ווי געוואָלט דערציילן
מיט אַ וואונק אַ לייכטן פון אַ לאַנד פאַרהוילן.

בלויז דער פלאַם אין לאָמפּ, ער ציטערט, — צי פאַרשטייט ער,
אָט די שפּראַך פון יעדן ווינטל, וואָס אַזוי פאַרגייט ער?

אויך דיין שאָטן אויף דער וואַנט, דער הויכער שאָטן,
אַלע ווילע אין דער פולער הויך — צוריקגעטראָטן . . .

און פון וואַנען זיינען זיי די ווינטעלעך, אַ וואונדער,
וואָס זיי קומען אין מיין חדר אָן דערלויבעניש, באַזונדער...

אָדער זיינען זיי מרגלים, חס־חלילה,
„רואים ואינם נראים‟ — טוען תפילה?

אויף די פראַגן אַלע — פאַנטאַסטישע געוועבן,
מוז דען דער משורר ענטפערס אויף זיי געבן?

אָבער וועט וועט דען באַשולדיקן אַן אָרעמאַן — אַ דיכטער
ווען ער זיצט באַנאַכט ביים טישל, עלנט און אויך ניכטער.

און אַנטקעגן אויף דער וואַנט טאַנצט אום דער שאָטן ווילד —
און זיין האַרץ איז וואַך און זיין פאַנטאַזיע — שפּילט!

ביינאַכט
(פון ביאַליק)

ס'איז די שטילע נאַכט פול סודות,
און די גאַנצע וועלט אַנטשוויגן;
נאָר די וואַסער מיל — זי וואַרפט זיך,
לאָזט דעם טייך ניט רואיק ליגן . . .

ס'ווערט די שוואַרצקייט אַלץ געדיכטער,
שאָטנס מערן זיך און מערן;
זאַכט אין ים פון נאַכט און שוואַרצקייט
פאַלט אַ שטערן נאָך אַ שטערן . . .

שטיל אַרום. מיין האַרץ נאָר, פיל איך,
וויל ניט שוויגן, וויל ניט שטומען,
און איך הער אַ קוואַל אַ ריינעם
אין מיין האַרצן רוישן, ברומען . . .

און עס רעדט פאַמעלעך: „קינד מיינס,
ס'ווערט מקוים דיין באַגערן.
זעסט, אַ שטערן פאַלט פון הימל,
גלויב מיין קינד — ס'איז ניט דיין שטערן!

דיינער זיצט נאָך פעסט און פינקלט
אין דער שטערנ־קייט דאָרט אויבן;
גיב אַ קוק, דו זעסט — ער ווינקט דיר,
און זיין בליק איז טרייסט און גלויבן"...

און איך קוק אַהין צום שטערן,
ווי עס ווערט די וועלט אַנטשוויגן — —
מיין וועלט, ווייס איך, איז נאָר איינע —
כ'פיל זי אין מיין האַרצן ליגן . . .

קענסטו?
(פון העברעאישן — פון י. ל. פרץ)

א

קענסטו מיין ליבסטע, דאָס פעלד,
וואו אַלע דורות
זייען מיט טרערן.

קענסטו מיין ליבסטע, דאָס פעלד,
וואָס האָדעוועט שטיינער
און נערט בלויז ווערים?

קענסטו מיין ליבסטע, דאָס פעלד,
וואו צווישן די זאַנגען
בליט דאָרט מיין האָפן?

קענסטו, מיין ליבסטע, דאָס פעלד,
וואו מיין האַרץ און מיין ליבע,
וועלן ווען עס איז שלאָפן...

ניו יאָרק, 1912.

די סודות
(פון „העוגב" — פון י. ל. פרץ)

די סודות פון שטערן און הימלען
אין דיינע אויגן, מיין שיינע;
און בלומען געמורמל פאַרשטיי איך
ווען ס'פליסטערט דיין מיילכל, דאָס קליינע.

און לייגסטו דיין האַנט אויף מיין שטערן
איז וועלט ווי אַ בוך פאַר מיר אָפן;
און וואָלט דיינע אויגן מיר לויכטן
דאַן וואָלט איך דעם קץ אויך געטראָפן.

דאָס פאָטערלאַנד

(פון לערמאָנטאָוו)

כ׳האָב ליב דאָס פאָטערלאַנד, נאָר מיט אַ מאָדנער ליבע;
עס קען זי ניט באַזיגן מיין פאַרשטאַנד;
ניט רום געקויפט דורך שלאַכטן טריבע,
און ניט די שטאָלצע רו, ווען פרידן איז אין לאַנד.
אויך ניט די זאָגעס פון פאַרצייטן, אין פאַרנאַכטן,
זיי רירן מיך ניט אָן, זיך אַנגענעם פאַרטראַכטן.

נאָר איך האָב ליב — פאַרוואָס — דאָס ווייס איך ניט אַליין —
דאָס קאַלטע שטילשווייגן פון אירע ברייטע פעלדער,
דעם רויש פון אירע דרימלנדיקע וועלדער,
דעם אויסגוס פון די טייכן — זילבערדיק און ריין.
כ׳האָב ליב, דורך וועגן דאָרפיקע, אַרומפאָרן אין וואָגן
און ווייט מיין בליק — דורך שאָטנס — טאָן אַ וואָרף,
און צו אַ נאַכטלעגער זיך ערגעץ־וואו דערשלאָגן,
ביי ציטערדיקע פייערלעך אין אומעטיקן דאָרף...

די געצעלטן

(אַ ציגיינער־ליד פון אַלעקסאַנדער פושקין)

ביי די ברעגן פון די וועלדער,
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,
רויש און ליד ביי די געצעלטן
און אויך פייערן — געמאַכט.

זיי געגריסט, דו שבט־וואַנדערער,
דיינע שייטערס איך דערקען!
איך אַליין — אין צייט אַן אַנדערער
וואָלט מיט אייך פאַרבראַכט, געוועזן.

מאָרגן מיט די ערשטע שטראַלן —
שווינדן אייער שפור און טריט;
איר גייט ווייטער, נו, פאַרפאַלן —
אייער דיכטער גייט ניט מיט.

וואַנדערשאַפט מיט אירע זיטן —
פון אַמאָל זיין לוסט און שפּיל,
האָט ער איצט אויף היים פאַרביטן
און אויף אַרבעט אין דער שטיל...

דער זעגל...

(פון רוסיש — פון לערמאָנטאָוו)

וואָס זאָל דער זעגל דאָרט באַדייטן —
אַליין אין נעבל׳ס בלוי פון ים;
וואָס זוכט ער אין דעם לאַנד דעם ווייטן?
וואָס האָט פאַרלאָזט ער ביי זיין שטאָם?

די כוואַליעס מיט דעם ווינט זיך שפּילן,
דער מאַסט־בוים בויגט זיך אומגעשיצט;
ניט גליק צו זוכן איז זיין ווילן;
און ניט פון גליק אַנטלויפט ער איצט...

זע, אונטער אים אַ שטראָם אַ קלאָרער,
און איבער אים די זון אין שיין;
און ער, בונטאַר, וויל שטורם מערער,
גליך ווי אין שטורם רו וואָלט זיין...

פאַר טאָג

עס איז שוין באַלד פאַרטאָג געווען —
איך בין זיך שטיל אַהיים געגאַנגען,
אַ גוטסקייט האָט מיין האַרץ געפאַנגען
און האָב די גאַנצע וועלט דערזען!

כ׳האָב באַמערקט — ס׳ווערט פינצטערער,
פון וואָס זאָל פינצטערער עס ווערן?
אַהאַ! מען לעשט אויס די לאַמטערן —
ווער לעשט זיי אויס? טשיקאַווע — ווער?

עס איז אַ מענטשעלע אַ קליינס;
האָט עפּעס אין דער האַנט געהאַלטן
און מיט אַ שנעלן בלאָז און קאַלטן
געלאָשן האָט ער איינס נאָך איינס.

מיין גליק איז דאַן געווען גרויס;
ווען איך פאַרשלאָף ווי אַלע נאַרן,
וואָלט איך דאָך קיינמאָל ניט ערפאַרן,
ווער ס׳לעשט פאַרטאָג לאַמטערנעס אויס.

מיין הויז...

שטילקייט אין מיין הויז,
שאָטנס פון אַ שיין;
ס׳קומט קיין קלאַנג אַרויס,
און קיין קלאַנג אַריין.

צוגעמאַכטע טיר —
קוקט ווי אומבאַקאַנט;
בענקט זי נאָך אַ ריר
פון אַ פריינט׳ס אַ האַנט.

איז די וועלט נאָך דאָ?
דאַכט זיך יאָ און ניין...
אין דער שפּעטער שעה
ווען דו וואַכסט אַליין...

רודערט - אויף אַ וויל,
ס׳טראָגט זיך דורך אַ באַן,
ערגעץ וואו פאַר מייל
איז אַ וועלט פאַראַן.

און פאַר זיי, אין באַן,
אפשר אויך, ווער ווייסט? —
פון מיין הויז דער שיין
ברענגט זיי גרוס און טרייסט...

אין הייסע טעג

אין הייסע טעג, אויף גליענדיקע טראָטואַרן,
אין הייסע טעג, אויף שטויביקן אַספאַלט,
די קינדער שפּילן, ווי עס וואָלט זיי גאָרנישט אַרן,
און זייער ליבער רויש אַ שטראָמענדיקער פאַלט...

אַ ווינטעלע — דורך דעכער און דורך הויפן
אַריינגעגנבעט זיך, אַ בלאָז אויף זיי געטאָן;
די קינדערלעך נאָך מונטערער זיי לויפן
און דורך אַ פענסטער קוקט אַ מוטער שמייכלענדיק זיי אָן.

אַ בוים אַן איינציקער, וואָס אים האָט עס געראָטן
צו בלייבן אויף דער גאַס און וואַקסן ביז אַצינד, —
ער שענקט די קינדערלעך אַ ביסל קילן שאָטן
און רוישט זיי פריינדלעך צו ביי יעדן מינדסטן ווינט...

ווער זיינען זיי?

וואָס טראַכטן די, וואָס מיר באַגעגענען
ווען ס׳לויפט דער צוג אין וועג אַמאָל,
אין זייערע פאַרשמירטע קליידער,
ביי שווערער אַרבעט אין דעם טאָל?...

צי זיינען זיי דאָן בייז, דערצאָרנט
וואָס מיר פאַרגעסן באַלד אָן זיי
און ס׳טראָגט דער צוג אַוועק אונדז ווייטער
און לאָזן זיי אַליין אין ווי...

און אפשר וואָגן זיי ניט טראַכטן,
פאַרט זיינען מיר די האַרן דאָך;
אונדז קומט די פרייהייט און די באַנען
און זיי אין טאָל — דער שווערער יאָך...

און אפשר שפּאַסן זיי און לאַכן
מיט זייער איינפאַכן פאַרשטאַנד:
וואו יאָגן זיי, די אַלע מענטשן,
פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד?...

און אפשר טראַכטן זיי מיט ליבע
אין קילן טאָל אין וויסטן פעלד,
און זיינען דאַנקבאַר פאַר די גרויסן
צו זיי פון גאָר דער ווייטער וועלט...

דער וועג צו אַ נייער שטאָט...

(פון אַ רייזע איבער קאַליפאָרניע)

צו דעם הייסן מדבר
לויפט דער צוג פאָרויס,
און דו זעסט דער מדבר
איז נאָך אַלץ ניט אויס.

און די אַלע זיגן
פון אַ יעדן דור,
ווערן ווי פאַרשוויגן
ווען דו זעסט די וואָר...

טראַכסט דאָן, וויפיל יאָרן
איז דער מדבר אַלט
און נאָך ניט פאַרלאָרן
האָט ער זיין געשטאַלט...

פונקט אין צייט פון משה,
זעסטו אים נאָך איצט;
און אין טעג אין הייסע
פון קיין דאָרשט געשיצט...

בלויז אַ ווינט אַ גבור,
קומט פון צייט צו צייט,
טראָגט די זאַמדן איבער
צו אַ צווייטער זייט...

דורך אַ פענסטער

(אַ רייזע־בילד פון קאַנאַדע)

פעלדער אָפּגעשניטן —
אויב געווען פאַרזייט —
וואו ניט וואו, אין מיטן,
הייזעלעך צעשפּרייט;

וואו ניט וואו אַ ישוב —
שייער, הויף און הויז;
און ווי דורך אַ כישוף
קוקט אַ מענטש אַרויס...

קאַנאַדע, דו ווייטע,
כ׳האָב זיך נאָענט דערפילט;
פראַגן, ווי באַפרייטע,
האָבן זיך צעשפּילט.

אָך, צו וואָס דאָס פרעגן
שטרענג פון גרעניץ־וואַך?
אַלע דיינע וועגן
פירן צו אַ דאַך...

צו אַ דאַך פאַר יעדן,
ווער עס זוכט זיין היים...
פעלדער דאָ פאַרזייען,
פלאַנצן דאָ זיין בוים...

אַ פאַבריק צו שטעלן,
שאַפן וואָס דיר פעלט,
ביי די נייע שוועלן
פון דיין יונגער וועלט...

דאָס אידישע ליד

איך בין געווען אין קאַלטן לאַנד קאַנאַדאַ
אין איינער פון די וויטסטע שטעט:
דער שניי האָט צוגעדעקט, פאַרשיט
די גאַסן אַלע און די מערק.

מיין גאָט! האָב איך געטראַכט — ווי וויט
דיין פאָלק פאַרטריבן איז, צושפּרייט...
ווי קאַלט דאָ איז, ווי וויט עס איז... —
און ס'האָט געפרוירן מיר מיין האַרץ.

אין אָוונט־צייט האָט מיך אַ פריינט,
אַ וויטער פריינט, אַוועקגעפירט,
צו ווייזן מיר אַ קינדער־שול,
וואו אידיש ווערט געלערנט דאָרט.

איך האָב געזען דאָרט קינדערלעך
און אויגן לויכטן — פינקלנדיק;
זיי האָבן אַלע אויסגעזען,
ווי ווינטער־בלומען אונטער גלאָז.

זיי האָבן הילכיק מיך באַגריסט,
גערעדט צו מיר אין אידיש ריין,
און נאָכדעם האָבן זיי געזונגען מיר
דאָס ליד פון „פריפּעטשיק, אַ פייערל".

צוריקוועגס זיך געווענדט צום פריינט:
מיר דאַכט, געפאַלן איז דער פראָסט...
ער האָט געשמייכלט און געזאָגט:
דאָס וואַרעמט אייך דאָס ליד נאָך אַלץ.

און בלייבנדיק אַליין האָב איך געטראַכט:
אָך, אומעטום דאָס זעלבע פייערל...
אין קאַלטן קאַנאַדע, אין סיבירן־לאַנד,
דאָס זעלבע פייערל, ס'זעלבע אידיש ליד.

ביכער

די ביכער זיי בלייבן אונדז איינציק,
ווען פריינט און געליבטע פאַרלאָזן,
ווען ווינטן פון אײַנזאַמע וועלטן
אין צימער מיט קעלט צו אונדז בלאָזן.

די ביכער געשריבן אין פּראָזע
זיי ווערן גלייך אונדזערע ברידער,
אויך שוועסטער באַקומען מיר דעמאָלט,
דאָס זיינען די ביכער מיט לידער.

ס'איז דאָ צווישן זיי גאָר פאַרשידן,
די ברידער און שוועסטער — אַ מענגע!
אַ טייל זיינען האַרציק און טרייסטנד,
אַ טייל מאַכן פאַרוואורפן שטרענגע...

אַ טייל זיינען יונגע, נאָך קינדער,
און פילן דאָס האַרץ אָן מיט גלויבן,
אַ טייל זיינען רייך און זיי שרייבן
אונדז אָפּ אַ ירושה דאָרט אויבן...

אַ צייטונג...

איך האָב מיר אַ צייטונג
געקויפט אין דער פרי:
געוואָלט, דאָך געציטערט
צו עפענען זי.

דער טאָג איז אַ שיינער,
די זון איז צו גאַסט:
אָן אָנזאָג אַ גוטער
וואָלט היינט זיך געפּאַסט.

עס ווילט זיך ניט גלויבן
ביי זון און ביי שיין
נאָך זאָלן די מענטשן
פאַרפינסטערט דאָרט זיין.

דאָך שרעק איך מיך אַלץ נאָך
צו עפענען זי —
עס איז מיר אַ שאָד דאָך
די זון אין דער פרי...

דאָס בוך פון לעבן

מען גלייכט דאָס לעבן צו אַ בוך,
נאָר ס׳לייענט זיך ניט גלאַט;
צו אָפט איז דאָ אַ ווידערשפּרוך,
אַמאָל — אַן איבעריק בלאַט.

אַן אַנדער בלאַט וואָלסטו אַן שאָד
געקענט אַדורך פאַרביי, —
דו ווילסט, צי ניט — אים מוזטו גראָד
אָפּט לעזן אויף דאָסניי.

און נאָך אַ בלאַט איז שיין און פריש,
פאַרשפּרעכט דיר גליק אַ סך —
דו טוסט דאָס צווייטע בלאַט אַ מיש —
און גאָר אַן אַנדער זאַך.

דאָך קלאָגן זיך — ניטאָ אויף וואָס:
עס איז אויך זיס דער יאָך;
אַמאָל אַ פרייד, אַמאָל פאַרדראָס,
און ס׳ציט צו לעזן נאָך...

מאָדערן

צי איז עס מאָדערן,
מאָדערן צי ניט? —
מיין ליד האָב איך גערן
אין ריימען געשמידט.

מיין ליד איז אין פערז,
מיט מאָס און מיט קלאַנג,
אַז אין אוניווערס
זאָל אָפּקלינגען לאַנג.

איך ווייס, וואו איך גיי,
די וועלט איז מיין ציל;
דער מענטשלעכער ווײ
איז מיר ניט קיין שפּיל

די יוגנט ווי רויך,
דאָס נייע ווערט אַלט,
דער אמת — ער אויך
פאַרבייט זיין געשטאַלט.

פון מענטש, וואָס מען זינגט —
זיין פרייד און זיין פּיין,
דאָס קלינגט און דאָס דרינגט
אין דורות אַריין.

די מסיבה

אַך, אונזער מסיבה
טאָג אויס און טאָג איין;
אין טעג אין די טריבע —
ביז אָוונט אריין.

די קאַווע די ברוינע,
דער טונקעלער טאָרט
און פון אַ „מורנו"
אַמאָל אַ גוט־וואָרט...

די ליבע מסיבה
פון יונג און פון אַלט;
אַמאָל טרעפט אַ סיבה —
אַ נייע געשטאַלט.

אַ שאָד, וואָס דאָס טישל
אַרום איז שוין פול;
מען רוקט זיך אַביסל —
דעם נייעם אַ שטול.

אין אונזער מסיבה —
ווי וואַרעם און גוט;
די שכינה מיט ליבע
אויף אַלעמען רוט.

די גייסטער צעשטורעמט,
די ווערטער באַזעלט,
און יעדערער פורעמט
זיין אייגענע וועלט...

דער רוף...

ווילט זיך אויך אַמאָל פֿאַרשפּילן,
שאַפֿן, ווי באַפֿרייט פֿון צילן...
שורה לענגער, שורה גלייכער,
שורה אָרים, שורה רייכער —

ווי עס טראַכט זיך אין דיין שלום,
ווי עס דאַכט זיך אין דיין חלום...
לויפֿן ווערטער, פֿליסן זאַצן,
ניט צו בייטן, ניט צו שאַצן;

און די פֿערזן פֿול מיט חיות,
יאָגן, טראָגן זיך אָן שהיות...
אַזש אַ פֿרייד, אַ פֿאַרגעניגן
און דערצו — אַ נייער ניגון.

שטעלסט זיך אָפּ ווי ס'וואָלט ווער שטערן...
ווי דו וואָלסט אַ זיפֿץ דערהערן...
ווער זיפֿצט דאָרט און ווער מאָנט דאָרט!
און ווער רופֿט און ווער דערקאָנט דאָרט!

הערסט זיך צו, פֿון וויט פֿאַרנעמען,
מוזסטו זיך אַליין פֿאַרשעמען...
זעסט די ברידער אויף די וועגן,
און זיי קומען דיר אַנטקעגן...

און דו ווערסט שוין באַלד אַנטשוויגן
מיט דיין נייעם פֿרייען ניגון...
זוכסטו אַ ניגון שוין אָן אַנדערן
פֿאַר די ברידער ווען זיי וואַנדערן...

אונדזער וואָרט

אונדזער וואָרט און אונדזער ליד —
ניט דערהערט געוואָרן:
און די גאַנצע וועלט איז מיד,
פֿול מיט האַס און צאָרן.

אונדזער בוך ליגט איצט פֿאַרמאַכט,
ווער זאָל אים דען לייענען?
גרויסע קינדער אויפֿן שלאַכט
און די קליינע וויינען...

אונדזער נביא איז פֿאַרשעמט
מיט זיין וואָרט דעם שאַרפֿן:
ס'איז ניטאָ אפֿילו ווער
זאָל אַ שטיין אים וואַרפֿן.

אונדזער האָפֿענונג — צו נישט,
אונדזער שטאָלץ געבויגן;
אונדזער וואָרט ניט אָפּגעווישט
קיינעמס טרער פֿון ד'אויגן.

נ. י. 1916.

איוואָ

כ'האָב ליב די בלעטער „איוואָ“,
געקליבן בלאַט נאָך בלאַט.
פֿון פֿריערדיקער סביבה, —
פֿאַרגעסענע כּמעט...

און יעדע שורה — טייער,
און הייליק שוין ביז גאָר;
און צינדן זיך ווי פֿייער
ביז גאָר אַ וויטן דור...

אַ לידעלע, אַ פֿאַבל
אַ מעשה — העט פֿון ווען;
ביזט גלויבן אַזש קאַפּאַבל,
אַז ס'איז דאָס אַלץ געשען...

דער אויסלייג גאָר אָן אַנדערער
דער לשון, ווי פֿאַרשטעלט;
ווי ס'וואָלט אַריין אַ וואַנדערער,
פֿון ווייטער־נאָענטער וועלט...

דאָס וואָרט

ס׳קומט אַמאָל אַ וואָרט צו גרייכן
און פון וואַנען? — אומבאַגריפן,
צי פון ווייטע בלויע הייכן,
צי פון טונקלע אָפּגרונט־טיפן.

און דאָס וואָרט, וואָס איז געקומען,
אָן קיין צייכן, אָן קיין זיגל,
האָט די גאַנצע וועלט פאַרנומען
און עס טראָגט זיך ווי אויף פליגל...

מיר אַלע

אַלע ווילן זיין,
אַלע ווילן ווערן
און זיך לאָזן הערן
אין דער ווייט אַריין.

ווער אַ ניגון שפּילט,
ווער עס רוישט און שרייט, —
ביידע — איין באַדייט
און צו איינס געצילט.

ס׳איז אַ שפּיל אַ שיינס,
ס׳איז דער וועלט־אָרקעסטער;
ווער עס איז דער בעסטער —
דאָס איז דאָך אַלץ איינס.

וואָס אים איז געגרייט —
יעדערער שפּילט גערן,
צי דעם באַס דעם שווערן,
צי דעם גרינגן פלייט.

איינער ווערט פאַרשטילט,
הערט ער אויף צו שפּילן;
ווער וועט דען דערפילן?
דער אָרקעסטער שפּילט!...

זון..

זון און פעלד און שיין
און אַ פויגל׳ס ליד,
זומער וועט נאָך זיין,
האַרץ, פאַרצווייפל ניט!

שטראַל, ווי זון אין הויך
און ווי בוים צערויש,
און ווי פויגל אויך
זינג דיין ליד אַרויס.

זע ווי ליב און מילד,
זיי דו אויך באַרוט;
שוויג אַביסל שטיל,
ס׳וועט שוין ווערן גוט.

כ׳האָב ליב

כ׳האָב ליב דעם ווייטן רויש פון ווערטער,
וואָס פון דעם ליד זיך טראָגט;
דעם אָפּקלאַנג פון די בלאַנקע ערטער,
דאָס וואָרט, וואָס ניט דערזאָגט

דאָס שטילע מורמלען, ווי פון קוואַלן,
וואָס דיר איז ניט באַקאַנט,
פון וואַנען קומען זיי און פאַלן,
אין וועמענס וואונדער־לאַנד...

די בענקשאַפט און די פרייד צוזאַמען,
וואָס שלאָגט פון יעדער צייל;
דאָס צינדן און דאָס לעשן פלאַמען
אין איין און זעלבער ווייל.

דאָס ציטעריקע זיך פאַרטראַכטן
ביים לעצטן וואָרט און קלאַנג;
ווי דו פאַרטראַכטסט זיך אין פאַרנאַכטן
ביים שטילן זון־פאַרגאַנג...

דו פרעגסט

(עקספראמט)

וואָס איז אַ דיכטער? — פרעגסטו, ליבער.
טאָ הער, מיין קינד: די וועלט איז גראָ, —
נו, פאַרבט ער זי צו ביסלעך איבער,
אַמאָל אין גרין, אַמאָל אין בלאָ.

די רויטע פאַרב זי קאָסט צו טייער.
נאָר ווען עס קומט אַ גרויסע נויט,
דאַן צינדט זיך אָן זיין האַרץ ווי פייער
און פאַרבט די וועלט אין פייער־רויט...

מ אַ מ ע ס

עס היטן די היימען,
אין גרויקייט געמאָלט —
די מאַמעס, די ליבע,
מיט הערצער ווי גאָלד.

אין שטענדיקער ענגשאַפט,
און אָפט מאָל אין נויט, —
זיי וועקן זיך אויף שוין
ווי טאָג נאָר רע גרויט.

אַליין אויפגעשטאַנען
און קיינעם געוועקט;
מיט רירנדער מינע
אַ קינד צוגעדעקט.

האָ, זאָל עס נאָך שלאָפן
און זי וועט אַליין
דעם אָנבייסן גרייטן;
אין שפּייזקרעמל גיין.

דאָס האַרץ פון דער מוטער
מיט ליבשאַפט איז פול;
דאָס קינד זאָל ניט הונגעריק
אוועקגיין אין שול...

פון וואַנען..

פון וואַנען שטאַמען
די שענסטע לידער? —
פון הינטער ימ׳ען,
פון ווייטע ברידער.

פון קליינע שטיבער
אין טיפע טאָלן;
אין נויט אין טריבער —
אין גרוי געמאָלן...

פון וועלקע בוימלעך
אין ווינט, אין שנייען,
געדרייט אומהיימלעך,
וואו וועגן גייען...

פון צער־פאַרנאַכטן,
פון גרויען־טאָגן,
פון טיפן טראַכטן,
אין ווייט פאַרטראָגן...

און פון א זינגען,
פאַרבענקט און אָרים
אין טיפן דרינגען
ביי אַלטע ספרים.

פאָרגענגער

כ׳בין מיט ווערטער ניט קיין שטיפער, ניט קיין שפּילער;
איך בין אַ תּלמיד נאָך פון פּושקין און פון היינע, און פון שילער;
און נאָך פון עלטערע — די נביאים
און נאָך פון פריערדיקע — די לוויים.

אין מיין וועזן בלאַנדזשען אום די אַלע ווייטע קלאַנגען,
צו דערלייזן, צו באַלערן אַלע צייטן, אַלע דראַנגען.
זייער פרייד און זייער לייד אין מיר נאָך וואוינען,
זייער צער און זייער שכר און אַלע זייערע לוינען.

און ווי פּראָמיטעאוס וואָלט איך פונקען־פייער טיילן
און ווי ירמיהו — פאַר מיין רו דעם מדבר וויילן.
ווי ישעיה פון דער צייט פון באחרית הימים זינגען,
און ווי געטע אַלע צייטן, אַלע ווייטן דורכצודרינגען.

די באַגריפן צו פאַרטיפן און אין זינגען — זאָגן,
און אין פרייד דערמאָנען און אין שטראָף — פאַרגעבן,
און אין שטילן גאַנג פון לעבן — מיט די ווערטער שוועבן
און דאָס בייז פאַרטרייבן און דאָס גוטס אייך טראָגן . . .

צום חבר

חבר, מיין ליבער, כ׳שעם מיך צו זאָגן,
אָבער איך קען שוין דעם צער ניט פאַרטראָגן.
ס׳קען אים ניט שטילן דער דיכטער דער גרעסטער,
עס קען אים ניט לינדערן קיין ליד פון די בעסטע.

ניט שעלי, ניט בייראָן, באָדלער און ווערלען ניט,
און אויך לעאָפּאַרדי׳ס אַ טרויער ליד — קען ניט;
און אויך ניט די אייגענע, די ליבע, די גרויסע:
ניט ביאַליקס „עס ציט מיך“, מיט טרערן די הייסע.

ניט ראָזענפעלדס „וואַנדערער“, פרוגס „בעכער“ אפילו.
ניין — ס׳האַרץ בענקט נאָך ניגון מיט ווערטער פון תפילה.
די תפילות פון שוהלן זינט הונדערטער יאָרן,
וואָס זיינען אין צער און אין גלויבן געבאָרן.

וואָס זיינען אַזוי ווי אין נבואה געשאַפן
די בייז צו פאַרטרייבן, די וועלט איבערשאַפן...

1943.

דער אַנזאָג
(צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע)

אונדזער פרייד איז צופיל גרויס —
רעדט ניט, ליבע ברידער!
איצט זאָל זיין מיט ווערטער אויס —
לידער דאַרף מען, לידער!

טרוקן פאַלט דאָס וואָרט פון צונג,
קען אין האַרץ ניט דרינגען;
אונדזער האָפענונג ווערט יונג —
זינגען, דאַרף מען, זינגען.

דורות לאַנג איז אונדזער האַרף
שטיל און שטום געהאַנגען:
אונדזער האַרץ איז מיד — עס דאַרף
לידער און געזאַנגען.

ס'איז געווען דאָס לעבן גראָ,
ווי אַ הערבסט אַ מידער:
איצטער אין דער העלער שעה
זינגט אונדז לידער, לידער!...

ג. י. 1919

אַמאָל איז

אַמאָל איז אַ מוזע געווען,
אַמאָל איז געווען אַ פּאַרנאַס,
אַ פערד איז געווען אַ פלינקער —
דער פליענדער יונגער פעגאַז.

אַמאָל איז געווען אַ לירע,
אַ פידל, אַ האַרפע דערצו:
עס האָבן געלעבט יענע דיכטער
אין צייטן פון שיינקייט און רו.

זיי האָבן געלעבט אָפגעזונדערט,
געוויזן זיך קיינמאָל דער גאַס.
געגלויבט האָבן דעמאָלט די מענטשן,
דער דיכטער באַוואוינט דעם פּאַרנאַס.

היינט זיינען די גליקן די אַלע
פאַרשוואונדן — די האַרפע איז שטום:
די מוזע, אַזוי ווי די שכינה,
זי וואָגלט אין גלות אַרום.

און ווען איצט פאַרבענקט זיך אַ דיכטער
און רופט אָן איר נאָמען אַמאָל,
די יונגען פון מאַרק און קאָפּעען
צולאַכן זיך הויך אויפן קול...

1917

ו.

דער נייער וועג

עס הויבן אָן שוין צו פאַרשטילן
די טריט פון פריערדיקן דור;
און איצטער, זע, וואוהין מיר צילן
איז ברייט דער וועג און ווייט און קלאָר.

עס פאַלן שאָטנס נאָך פון בוימער,
וואָס זיינען לאַנג־צוריק געפלאַנצט;
נאָר ווען דו טרעפסט ביים וועג אַ שומר,
זיין בליק מיט זון, מיט נייער גלאַנצט.

אַמאָל, עס טרעפט, הויבט אָן פאַרדריסן;
דאָס אַלטע גייט אַוועק... ס'טוט באַנג...
דו הערסט אַן אָפּקלאַנג, הערסט די גריסן
פון פריערדיקע אין דיין גאַנג.

עס וויל דיר, דאַכט זיך, ווער דערמאָנען
אַ יום־טוב־טאָג, אַ פרייד, אַ שפּיל;
דו הערסט אַ טאָן, אין רויש פון פאָנען,
וואָס רופט און ברומט און וועקט געפיל...

דערהערסט אַ לידעלע אַ טריבע,
נאָר ווי מיט סודות דורכגעוועבט...
אַ ווייטע, טרויעריקע ליבע,
נאָך אין דער קינדהייט דורכגעלעבט...

און וועגן דעם, וואָס ס'איז פאַרבליבן
פון אַלע דורות אין פאַרמעג;
נאָר דו, פון נייעם דראַנג געטריבן,
דו גייסט פאָרויס צו נייע טעג.

דער צויבערער

ווער עס ווייס, ווי ווערטער קלייבן,
קען ער מיט זיי צויבער טרייבן.

האָרכן ווערטער אים ווי שקלאַפן,
קען ער מיט זיי אַלץ באַשאַפן.

וואָס ער וויל נאָר און פאַרמעגט ניט,
ווערט באַלד זיינס און קיינער פרעגט ניט.

שטעלן ווערטער זיך אין צײַלן —
ציט זיך וואַלד און פעלד פאַר מײַלן . . .

שטעלט ער אַנדערע צוזאַמען —
שווימט זיין שיף אויף ווייטע ימען . . .

זוכט ער נאָך די ווערטער־שאַצן —
שטייען שטאָלץ פאַר אים פּאַלאַצן.

האָט ער אַנדערע געפונען —
גליען דימענטן ווי זונען.

זיינען נייערע געקומען —
וואַקסט אַ גאָרטן, דופטן בלומען.

וואָס ער וויל און וואָס באַגערט ער,
שאַפט דער צויבערער פון ווערטער!

צווייערליי . . .

ביי לידער די אַנצאַליקע,
וואָס ס'האָט דער היינט געבראַכט —
דערמאָנסטו אויך אַמאָליקע,
געזונגען שטיל, פאַרטראַכט.

פון ליבע, אַ פאַרפלויגענע,
פון טרעפן זיך באַנאַנד;
פון שיידן זיך מיט אייגענע
און וואָגלען אין אַ לאַנד . . .

די היינטיקע — פיל נייער דאָך
און פרייער אויך — געוויס;
דאָך יענע ליד איז טייער נאָך —
ווי פון דער היים אַ גריס.

ווען ניט די פּאָעטן

1

ווען די פּאָעטן זינגען ניט,
אַז ס'איז דאָס לעבן שיין,
ווער וואָלט עס דען אַליין געוואוסט
ווער וואָלט עס דען פאַרשטיין.

ווי וואָלט דער מאַרש געוועזן שווער,
דער גאַנג — געמאַכט אונדז מיד,
ווען הינטער אונדז, און אונדז פאַראויס
וואָלט שווייגן זייער ליד.

ווער וואָלט געאַקערט דען די ערד
און ווער וואָלט זייען פעלד,
ווען ס'וואָלט ביים זייען, אַקערן
דאָס ליד פון מי געפעלט?

2

ווען די פּאָעטן זינגען ניט
פון שטאָט, פון אייזן, שטאָל,
ווער וואָלט געביידן אויפגעשטעלט
און גאַסן אַן אַ צאָל?

ווער וואָלט געוואָגט צו וואוינען דאָ
אין טומל, אין געבריל,
ווען ניט די לידער זייערע
וואָס וועקן דעם געפיל?

ווי וואָלט אַן ליד דער אַרבעטער
געקעמפט מיט מוט און קראַפט
פאַר אַלע פריידן, וואָס אים קומט —
פאַר אַלץ וואָס ער פאַרשאַפט?

פעברואַר 5, 1936.

אַ לייד — אַ ליד . . .

אַ לייד — אַ ליד; אַ לייד — אַ ליד:
וואָס קענסטו, מזל, מאַכן —
דו ווערסט גיכער ווערן מיד,
איך וועל לײַדנד לאַכן.

מזל! מער נאָך ליידן גיב,
כ'שטעל מיך נישט דערווידער,
איך האָב דיינע ליידן ליב —
ליידן זיינען לידער . . .

וועלט־פּרושים

מיר זיינען פון וועלט די פּרושים,
מיר עסן ביי פעלקער בלויז „טעג״:
מיר זיינען זיך עוסק אין תורה,
די פעלקער אין קריג, אין געיעג.

מיר האָבן אין איין לאַנד אַ „מאַנטיק״
אַ ביטערער טאָג, וואָס ער גיט:
דאָס ברויט איז געזאַלצן פון טרערן,
ער ציילט יעדער ביסן און היט.

מיר גייען מיט רוקנס געבויגן
און גלאָצן די אויגן צו גאָט,
און זי, די באַוואָפנטע אומה,
זי מאַכט אונז צו שאַנד און צו שפּאָט...

און טוישן מיר אויס אונזער מאַנטאָג,
די אומה, די צווייטע, זי אויך
פאַרגינט ניט דעם ביסן און קרימט זיך,
און זעטיקט אין קיך אונז מיט רויך...

און קריגן אַ טאָג מיר אַ רייכן,
און כאַפּן אַמאָל אויך אין באר, —
פאַרלאַנגט מען פון אונז, אַז מיר זאָלן
די נשמה זיי געבן דערפאַר...

מיר זיינען פון וועלט די פּרושים,
אויף „טעג״ ביי די פעלקער באַשטעלט,
דאָ מאַנטאָג, דאָ דינסטאָג, דאָ מיטוואָך,
א שבת, אַ שבת — בלויז פעלט!...

הויך

הויך ביז די טורעמס שפּיצן,
צי קליין, ווי קלענסטער שטויב,
זיי קענען זיך ניט שיצן
אַנטקעגן יאַרנס רויב.

אַזוי דאָס קלענסטע בלימל,
וואָס ווער באַמערקט עס קוים,
אַזוי דער בוים צום הימל...
דער שטייגנדיקער בוים.

די וועלט...

(פראַגמענט)

אַלץ איז דאָ געגרייט
זינט ס'האָט טאָג געהעלט;
זינט עס האָט געוויינט
לעבן אויף דער וועלט...

זון, דאָס גרויסע ליכט,
ברענט און ברענט ניט אויס;
שטערן פול געדיכט
ווען דער טאָג גייט אויס.

וואַסערן און ברעג...
פיש אין וואַסער טיף;
און אין ים — אַ שטעג,
שווימט שוין שיף נאָך שיף...

הויך דער וואָלקן גייט
און ער קומט געשווינדט;
רעגן איז געגרייט,
אָנזאָגער — דער ווינט.

און דער מענטש אליין,
גלייך, מיט זיין פאַרשטאַנד,
וואו ער קומט צו גיין
לייגט ער צו זיין האַנט.

בלעטער, ווי געצעלט,
צי אַ שטוב פון ליים,
אין דער מיט פון וועלט
בויט ער זיך אַ היים...

וואוינט מען דאָרט צו פּאָר,
ליבע קומט אריין:
וואַקסן זאָל אַ דור —
מענטש זאָל אייביק זיין!...

לידער

אויך לידער, מיין ליבער,
וואָס קלינגען ביז אייביק —
די צייט גייט זיי איבער,
און טייל ווערן שטויביק...

געוועזן מהומות
און שטורעם און סיבה;
פאַרגעסן אין טומל
די לידער פון ליבע...

אַ פאַרלאַנג

שוין לאַנג מיט פרייד געטאָן קיין שטיף, —
געגאַנגען מער אין שאָטן;
דער צער געוועזן איז אַלץ נאָך טיף,
און לאַכן איז פאַרבאָטן.

און איך אַליין האָב אויך געקלערט:
עס פּאַסט ניט, גוטער ברודער;
עס איז מיט צער נאָך פול די ערד,
די לופט נאָך מיט גערודער...

דאָך אָט באַווייזט זיך קוים אַ שטראַל,
אַ וועג,וואָס פירט צום לעבן,
און אָט — אַ זאַנג, אַ וואַסער־פאַל,
וואָס שפּריצט מיט נייעם לעבן...

אַ שיינער אינגל גייט פאַרביי,
אַ מיידל — שענער, ליבער;
עס וועלן קומען דורות ביי
ס'וועט אַלדאָס בייז פאַראיבער.

טאָ גרייט זיך אָן אַ נייע פרייד,
מיט ליכטיקע פאַרלאַנגען,
און בלומען, האָפענונג — צעשפּרייט
ביי זייערע יונגע גאַנגען...

די שבועה

איך האָב מיר אַ שבועה געגעבן:
ניט וועלן קיין גליק און קיין פרייד,
נאָר שענקען און ווידמען מיין לעבן
דעם מענשלעכן עלנד און לייד.

כ'בין שפּעטער אויף שמחות געגאַנגען,
מיט פריילעכע לייט זיך געמישט,
געזונגען מיט זיי גלייך געזאַנגען —
די שבועה געבראָכן דאָך נישט.

אַ באַגער

דו באַגערסט ווען — פול כוונה,
אַז דאָס וואָרט זאָל זיין מעלאָדיש,
שוועבן יובלענדיק, ראַפּסאָדיש,
רוישן, טיפן־זיך סימפאָניש.

ווי מוזיק זאָל עס געלינגען
ווי אין מאָצאַרטס „צויבער־פלייטע",
טענער טיפע, הויכע, ברייטע
און אין האַרץ אַריינצוזינגען.

און אויב וואָרט דינט צייט אפילו
האָט דאָך צייט־ווערק אויך בעטהאָווען;
דאַן זאָל וואָרט ווי קלאַנג זיך טראָגן
ביז די הימלען, ווי אַ תפילה.

און אויב וואָרט מוז זיין פון אותיות,
זאָל כאָטש זיין ווי „צוועלף" פון בלאָק'ן,
וואו עס וועקט זיין וואָרט ווי גלאָקן
און עס זינגט פון לאַנד פון גרויסן...

צי — צו אונדזער דרך־ארץ —
ווי עס זינגט און קלינגט סימפאָניש
אין דעם פרעכטיק ליד — אין „מאָניש" —
פון דעם וואונדערלעכן פרץ...

מיר

מיר ביי דער גרענעץ פון צייטן
ווי שווער איז צו מאַכן אַ טריט.
פאַנטאַסטישע בילדער פון ווייטן,
און פעלזן פון בערג און גראַניט.
און מחנות פאַרצויבערטע רייטן
פון קיינעם געפירט און געהיט...

און דאָ, וואו מיר שטייען, איז היימלעך
און אַלץ אַזוי נאָענט באַקאַנט;
די לאָנקעס, די הייזלעך, די ביימלעך,
די קליינינקע בלומען ביים וואַנט,
די נידריק־געפלאָכטענע ציימלעך,
די פירנדיק־רואיקע האַנט.

דער אָנהויב...

דאָס איז געווען דער אָנהויב־טאָגן
אין אונזער אר׳מער, שטילער גאַס;
דאָס האָט דורך גרוי זיך דורכגעשלאָגן
אַ ליכטיקער, אַ העלער פּאַס.

אין הייזעלעך, ביי מי געבויגן, —
ביים נאָדל און ביים פּרעס און אָל, —
האָט איינער שטיל אַ ליד פאַרצויגן,
אַ צווייטער — מוטיק, אויף אַ קול...

אַ ביכעלע האָט זיך באַוויזן,
אויף דין פּאַפּיר, מיט אותיות קליין;
נאָר יעדער וואָרט—פון פרייגט, פון ריזן—
וואָס רופט און מונטערט ווייט צו גיין...

דאָס וואָרט און ליד אין אייג׳נעם לשון,
וואָס האָט אין צוואַנג און נויט געשטומט,
האָט ווי אַ קוואַל, וואָס איז פאַרשלאָסן —
זיך אויפגעעפנט און צעברומט.

דער מידער מענטש אין נויט געפאַנגען
האָט אויפגעוואַכט, האָט אויפגעשיינט,
דעם רוף דערהערט, מיט פרייד געגאַנגען
אַהין, וואו ס׳זאַמלען זיך די פריינט...

מיט אַ בליק

מיט אַ בליק אַ העלערן
דו באַטראַכט גאָטס וועלט;
צייל ניט אירע פעלערן, —
רים וואָס דיר געפעלט.

ווערט די וועלט דיר ליבער מער,
לעבן — אַ געשאַנק;
און פון אַלע שטיבער — הער —
טראָגט זיך אַ געזאַנג.

קומט אַ איד

(פון אַ פּאָעמע)

קומט אַ איד פון יענער זייט
און דערציילט פאַר היגע לייט...
היגע לייט — אין פריי, אין רו,
שטייען זיי און הערן צו...

ערשט — עס לעבן דורות אויף
און זיי זאַמלען זיך צונויף...
שטייט שוין יעדערער פאַר זיי
מיט זיין צער און מייט זיין ווי...

און דערציילען האָט ער פיל:
פון אַ קרעטשמע, פון אַ מיל.
האָט געביטן זיך די צייט,
וויסט ער אויך וואָס דאָס באַדייט.

ס׳איז די וועלט דאָך בייז און שלעכט,
ווער אַ האַר און ווער אַ קנעכט,—
די גערעכטיגקייט פאַרבויגט —
האָט עס טאָקע ניט געטויגט...

האָט געביטן זיך נאָך מער,
איז נאָך אַלץ געווען שווער...
האָט מען אַלץ געגלויבט, געהאָפט,
ווי עס טרעפט מיט מענשן אָפט...

נעמען

עס זיינען דאָ נעמען,
וואָס אין זייער קלאַנג
קענסט הערן, פאַרנעמען
פון צייטן דעם גאַנג.

עס רוישן ווי קוואַלן
פאַרגעסענע רייד;
עס לויכטן און שטראַלן
געזיכטער פון פרייד.

און וואָס ס'איז געוועזן
פאַרשפּאָט און פאַרלאַכט —
דרינגט דאַן דורך דיין וועזן —
מיט שיינקייט און מאַכט.

און וואָס ס'איז פאַרגאַנגען
און קען מער ניט זיין,
האָט ווידער געפאַנגען
אין נעץ דיך אַריין.

אין שטילקייט

פון פלאַכע פרייד און לידער
איז מאָט שוין איצט מיין אויער;
איך האָב פאַרבענקט זיך ווידער
נאָך אָונטס שטילן טרויער

נאָך רייד אין קליינעם צימער,
אין שטילער ווייטער געגנט;
ביים קליינעם לעמפּלס שימער,
ווען דרויסן האַרבסטיק רעגנט.

אַ בליק טאָן אין די שויבן,
מיט נעפּל ווי פאַרהאַנגען,
און ניט פונאַנדערקלויבן
זיך קענען אין פאַרלאַנגען.

אַ בענקשאַפט אָן אַ נאָמען,
אַ האָפענונג אַ מאַטע;
אין הויכן, צי אין תהומען,
נאָר ניט אויף וועגן גלאַטע.

צו די יונגע

ס'איז ניט אייער קראַפט,
און ניט אייער חן;
וואָס איר זינגט און שאַפט —
זינגט די צייט אַליין.

אייער וואָרט באַצירט
האָט די צייט אין פלאַם;
ווי עס האָט פּאַסירט
פריי און אָן אַ צאַם.

ניט פאַרויסגעזאָגט,
אַז עס וועט געשען;
איידער ס'האָט געטאָגט
זיינען מיר געווען.

האָבן איינגעשטעלט
אונזער יונגע פרייד;
פאַר אַ שיינער וועלט
דאַן זיך צוגעגרייט.

און צום ווידערקלאַנג
שטיל זיך צוגעהערט,
ווען אונזער ניי־געזאַנג
האָט געוועקט די ערד.

פרייד דיר, נייער דור,
זאָלסט אונז נאָענט זיין!
נעם אויך אין דיין כאָר
אונזער ליד אַריין...

אונזער ליד

און אַלע די, וואָס ציען מיט
אין אַלע לענדער אונזער ליד,

אין טענער פריילעכע צי באַנגע,
אין שורות קורצע אָדער לאַנגע,

אין נייעם אָדער אַלטן פורעם,
פון זון, פון רעגן צי פון שטורעם,

צי פון יום־טוב, צי פון וואָך,
פון גרינגן לעבן צי פון יאָך,

צי ניי — פון שטאָט, פון אייזן, שטאָל,
צי אַלט — פון שטעטל, באַרג און טאָל,

צי פון אַ כלה שיין און אידל,
צי פון אַן אָרים, שטילער מיידל,

צי פון אַ קריג, צי פון פאַרגעבן,
פון אַלטן, צי פון נייעם לעבן, —
קיין אונטערשיד.

אַבי עס זינגט, אַבי עס קלינגט,
אין יעדן לאַנד אַ אידיש ליד.

ניט איצט

ניט איצט דער גייסטיק־דופטנדיקער וויין
וואָס לידער אומעטיקע אונז זיי קענען געבן;
דיין ליד מוז אַלץ נאָך שטאַרק און מוטיק זיין
צו וועקן מענש און וועלט צום פרייען לעבן.

און ווען עס איז די נייע וועלט שוין גרייט
און יעדעס פאָלק וועט גלייכהייט שוין
געווינען,
דאַן קענען ווען וועסטו זיך די שאַפונגס־פרייד
פון אומעטיקע לידער אויך פאַרגינען.

פון דעמער־קלאַנגען און פון זון־פאַרגאַנג,
און אָט די אַלע האַלבע, מידע טענער,
וואָס מאַכן אונז אי גוט אַזוי, אי באַנג
און ס׳ציט צו וועלטן העכער נאָך און שענער

פאַר אייך

איך בין אַליין ניט רייך
און רייך איז ניט מיין פירונג;
איך וויל אַ ליד פאַר אייך,
אַ ליד — א לעבנס־צירונג.

אַ ליד איז ניט געגוּג,
דאָס ליד דאַרף אויך דערפרייען;
וואו נעמט מען עס אין פלוג,
ווען שטורמווינטן ווייען?

דאַן מוז איך אין דער ווייט,
מיט מיין געדאַנק זיך ווענדן,
וואָס זאָל די שטורם־צייט
מיט נייער זון פאַרבלענדן.

אַמאָל געלינגט — איך קריג
אין ווייט דאָרט אַ פאַרמעגן,
איך האַלט עס ניט פאַר זיך,
עס איז פאַר אייערטוועגן.

און ווען עס לאָזט זיך אויס —
ס׳איז וואו אַהינגעקומען, —
דאַן זוך איך שענערס אויס,
און זאָל אייך וואויל באַקומען.

ס׳קלינגען נאָך

ס׳קלינגען נאָך מאָטיוון פיל,
וואָס די צייט אַליין
האָט פאַרמשפט אין איר גאַנג
זיי צום אונטערגיין.

כאָטש נאָך ניט געזונגענע,
כאָטש נאָך פול געבעט
און נאָך פול מיט שיינקייטן —
זינגען זיי אין שפעט.

ווילן זיי ניט אומקומען
אויף דער צייטס באַפעל;
פלאַטערן זיי אין האַרץ אַרום,
ציטערן אין זעל . . .

צום יונגן דור

מיר ווילן הערן איצט די יונגעו,
אפילו וואָס די קינדער זאָגן, —
ווי ווייטער אונדזער וועלט צו טראָגן
אויב אונדזער דור האָט ניט געלונגען.

איר יונגער דור, פון היינט די קינדער,
וואו איר זייט דאָ און גאַנץ געבליבן,
צי אינדערהיים, צי נאָך פאַרטריבן —
דערציילט, זינגט אויס פון אַלץ אַצינדער.

דערציילט, זינגט אויס פון נייע וועגן,
מיט בליקן אין דער ווײַט געצילטע,
מיט פרייען גאַנג, מיט גוטן ווילן —
פאַר אייערט און פאַר דורות־וועגן.

יוגנט

יוגנט — העלער יום־טוב,
יום־טוב פון דעם לעבן;
וועסט געפייערט פריילעך —
וואָס עס זאָל ניט געבן.

יוגנט־העלער יום־טוב,
זון אין אַלע פענסטער,
און פון יעדן יום־טוב
יוגנט איז דער שענסטער.

ביי דער שווערסטער אַרבעט,
אין פאַבריק דער גרויער,
דרינגסטו אויך אַריין דאָרט
און עס וויכט דער טרויער;

און אויך דאָרטן קלינגען
לידער און געלעכטער,
ווען די רעדער יאָגן
יונגע זין און טעכטער.

וואו דו וועדנסט זיך, יוגנט,
יום־טוב דיינע וועגן
און די העלסטע לידער
זינגען דיר אַנטקעגן.

1926.

צוויי וועגן

1

וואו גייט איר יונגע קינדער?
וואָס גייט איר אַזוי שטיל?
אַך, גייט דאָך, גייט געשווינדער —
צו גיין האָט איר נאָך פיל.

עס ענטפערן די קינדער:
„דער וועג איז אונז באַקאַנט,
די זיידעס און די באָבעס
זיי האָבן דאָ געשפּאַנט...

מיר גייען לאַנגזאַם, לאַנגזאַם,
ווייל דאָרט, איר זעט, פון ווייט,
דאָרט שטייט שוין דער בית־עולם...
מיר האָבן צייט נאָך, צייט"...

2

— וואו גייט איר, יונגע קינדער,
וואָס זינגט איר אַזוי שטאַרק?
איר זייט דאָך שוין פאַרמאַטערט
צווישן טאָל און באַרג.

עס ענטפערן די קינדער:
„דער וועג איז אַזוי ניי...
מיר יאָגן, יאָגן שנעלער
און זינגען צו דערביי...

דער וועג — אַן אומבאַקאַנטער,
און ס'איז אַזוי צו מוט . . .
בלויז טאָלן, בערג און פעלזן — —
ס'מוז ערגיץ־וואו זיין גוט! . . .

אַ היימיש אינגעלע

(יקותיאל גינזבורג — אַ מתנה)

אויך דאָ געפינען מיר איצט ווינקלען,
אין געגנטן מיט פאָלק געדיכט,
וואָס הויבן אָן פאַר אונז צו פינקלען
מיט חן פון היים — און נייער ליכט . . .

אַ אינגעלע, געקליידט נאָך אָרעם,
ער גייט דאָך גיך, מיט ליבע טריט ;
ער האַלט אַ גמרא אונטער אָרעם —
כ׳זע אַ ישיבה דאָ אינמיט.

איך שטעל אים אָפּ, און פרעג אין אידיש :
און ס׳ווערט מיר הייליק דאָ דער אָרט ;
ער ענטפערט — ווי צום גרויסן חידוש,
אין אידיש אויך — ס׳איז דאָ ווי דאָרט.

כ׳פרעג : ווי פאַרטייטשט דער רבי גמרא
אין אידיש, צי אין ענגליש נאָר ;
ער ענטפערט, ווי אין שפּאַס : „אַ סברא
איר קאָנט ניט אונזער נייעם דור״.

„דער נייער דור ווערט דאָ באַהאַוונט
אין אידישקייט, אַזוי ווי דאָרט ;
מען לערנט אונז דאָ, ווי מען דאַוונט,
פון חומש טייטשט מען יעדעס וואָרט.״

„דער נייער דור — דערציילט ער ווידער,
און שמייכלט קליגער נאָך פון אייך :
„ער זינגט אין אידיש שיינע לידער
און אויך אין חכמה איז ער רייך.

„און אונזערע לערער — גרויסע אידן,
פון ערשטן קלאַס ביז העכסטן גאָר ;
און אידיש־שפּראַך זי לעבט אין פרידן,
די לערער אויך פון נייעם דור.

און דער פּראָפעסאָר אונזער גרויסער
פון מאַטעמאַטיקע, אויך ער
וואָס פילע שפּראַכן קען ער, ווייס ער
און אידיש קען ער, דוכט זיך מער״ . . .

ער רעדט אַמאָל מיט גראַדואירטע
שוין נאָכן לערנען, ווען מ׳איז פריי ;
די רייד אין אידיש שיין־באַצירטע,
און איך, אַ אינגל, שטיי דערביי . . .״

אונדזער קינדער־שול

אין אונדזער שול — אַ פרייד,
און וואָס איז דען דער חידוש ?
די קינדער הערן רייד,
די נייע רייד אין אידיש.

און ניי איז אונדזער ליד,
און שיין איז די דערציילונג ;
עס פאַלט אויף קינדס געמיט,
אַזוי ווי טוי, אַ היילונג.

עס ווערט דאָס קינד געוואָר
פון וועלט און אייגן לעבן,
פון טאַטע־מאַמעס דור,
פון נייעם אידנס שטרעבן ;

פון אָרעמקייט דעם גרונד,
ווי נייע וועלט צו שאַפן,
ווי מענטש מיט מענטש אין בונד,
זאָל קיינעם ניט פאַרשקלאַפן ;

נאָר גלייך, אונטער איין דאַך,
מיר זיינען אַלע ברידער ;
און פריי איז יעדנס שפּראַך,
און פריי איז יעדנס לידער.

און יעדער פאָלק איז פריי
צו גיין צו זיינע קוואַלן
און בלייבן דאָך געטריי
צו מענטשהייטס אידעאַלן.

הקפות...

(נאָכן לעצטן חורבן)

זאָל די פרייד זיך ווייזן ווידער
אין דעם יום־טוב — פריידיק־פרום;
קלינגען זאָל געזאַנג פון ברידער
ביי דער בימה און אַרום.

און די קינדערלעך וואָס מערער —
כ׳זע זיי דאָ — זיי קומען אָן!
מיט די רבי׳ס, מיט די לערער,
יעדעס קינד מיט נייער פאָן...

און די פאָן אַרום דעם שטעקל
און אַ ליכטל אין דער הויך,
און דאָס ליכטל אין אַ עפּל,
דאָס אַליין דערפרייט שוין אויך...

און דערנאָך מיט זיגער־מינע
גרייט צום „מאַרש" שוין קליין און גרויס
רינגלען דריי מאָל אום די בימה,
דער בעל־תפילה גייט פאָרויס.

ספרי־תורה — גלייך געשעצטע,
די הקפות — יעדער גלייך:
צי די ערשטע, צי די לעצטע —
אויס דער יחוס — אָרעם, רייך.

ס׳איז די רייכקייט אין דעם מנין —
נאָך אַ איד איז שוין אַ גליק!
יעדער מנין איז אַן ענין,
און מיט גלויבן שיינט דאָס גליק!

ס׳ווערט אויך טרויעריק, אַוודע,
ווען מ׳דערמאָנט זיך וויפיל ס׳פעלט!
דאָך ביי ספר־תורה׳ס שדי
לעבט זי ווידער אויף, די וועלט!

קוקט מען אָן אין שול די צווייגן:
אינגלעך, מיידעלעך — אַ פרייד:
ס׳וועלן נייע דורות שטייגן,
און דאָס בליק צעשטראַלט זיך ברייט...

זינגען אידן, גלויבן, האָפן,
טיילט מען נאָך הקפות אויס;
און דער ארון־קודש אָפן,
און אַ וואונדער: ס׳פעלט ניט אויס!...

ווען אַ ספר קליין אפילו
איז דאָך דאָס נאָך יונג, אַ קינד!
טיילט־מען איין אים אַ מגילה,
איז דאָס אויך דאָך גיט קיין זינד.

אויך אין מענטעלע, דער בעסטער,
מיט אַ קרוינדעלע, וואָס ס׳שיינט!
אויך אויף פאָרמעט — מגילת־אסתר,
מיט אַ נס, אַזוי ווי היינט!...

אותיות

עס וועלן זיך ציען
אין דורות אַריין
די אותיות וואָס גליען
מיט פרייד און מיט שיין.

די ווערטער, וואָס דרינגען
פון טיפסטן געמיט,
זיי שאַלן און קלינגען
אין בוך און אין ליד.

די אָרעמע שולן
מיט מי אויפגעשטעלט,
זיי וועלן פאַרפולן
די פרייד אויף דער וועלט.

זיי וועלן פאַרבינדן
אַ דור מיט אַ דור,
און פייערלעך צינדן
אין אויגעלעך קלאָר...

אַ רייזע-בילד
(אימפּרעסיע)

לאַנג ניט געזען אַזאַ הימל אַ קלאָרן,
קענטיק שוין לאַנג מיט דער באַן ניט געפאָרן,
ניט געקוקט פון אַ פענסטער אין באַן.

דו פאָרסט פאַרביי האָדסאָן, מיט בערג ביי די זייטן,
און פאַרמס און הייזקעס אויף הויכן, און ווייטן —
אַ שיינקייט — דו ווייסט ניט פון וואַן.

אַזוי ווי אַ געטלעכע האַנט וואָלט געמאָלן
דעם הימל, די וואָלקן, דעם וואַסער, די טאָלן,
געמאָלן די בערג אַזוי שיין.

עס דאַכט זיך, דער מייסטער אַליין איז באַגייסטערט
פון שיינקייטן אַלע, וואָס ער האָט געמייסטערט, —
אַנטציקט פון זיין שאַפן אַליין!

נייע קוואַלן

די, וואָס גראָבן קוואַלן
אויף אַ נייער ערד,
זייער ליד טוט שאַלן —
זיי איז פרייד באַשערט.

רידל, האַק און אייזן
זינגען אַ געזאַנג;
וואַסער וועט זיך ווייזן —
מעג געווערן לאַנג.

טרעפט אַ שטיין זיך אונטן —
גרעסער איז דער רייץ;
פון די טיפסטע גרונטן
וואַסער — טו אַ פלייץ!

וואַסער — ניט געזען נאָך,
מורמלען — ניט געהערט;
וועט עס אויסזען שענער
פון דער טיף פון ערד.

ביז מען וועט זיך לאַבן
מיט די קוואַלן פריש,
איז אַליין דאָס גראָבן
ליב דערווייל און זיס...

אין רוואיקן לאַנד

ס'איז זיטלעך, געמיטלעך,
אין רוואיקן לאַנד;
דאָך שטורעמט און פורעמט
ווער הינטער דער וואַנט.

ס'איז גרינדיק און בינדיק
דער גרויער געזעץ;
דאָך בייגט זיך און לייגט זיך
שוין ערגעץ אַ געץ.

ס'איז פריילעך דער מלך
אין לאַנד פון די קנעכט;
דאָך שרעקט אים און וועקט אים
געשפּענסט אין די נעכט.

פאַרלאַנגגען — אין צוואַנגען,
די האָפענונג — מיד;
דאָך דרינגט שוין און זינגט שוין
די פרייהייט איר ליד.

עס ציט זיי . . .

(די אַמעריקאַנער קאַלעגן)

עס ציט זיי צום שורש, עס ציט זיי צום שטאַם,
די אָרימע ברידער פון יענער זייט ים.

עס רוישט און עס ברויזט די געפונענע וועלט,
די נייע, די פרייע — אויף גיך אויפגעשטעלט.

עס ציט זיי צו אונז און אונז ציט צו זיי,
און קראַנק זיינען ברידער אין וועלט־טיילן צוויי.

פּאַריז, 1914

מיר שטאַמען אַלע פון אַן אַנדער וועלט

מיר שטאַמען אַלע פון אַן אַנדער וועלט . . .
דאָרט זיינען מיר אין גאָלדענעם בוך פאַרשריבן . . .
דאָרט ווערן מיר רעגירט פון אַ געהיימען מלך,
וואָס האַלט אויף אונז אַן אויג און היט אונז . . .

אַהער אויף דער וועלט קומען מיר צו גיין
צו זען אַ פאָרשטעלונג, וואָס ווערט געגעבן
פון שוישפילער, א חברה קאָמעדיאַנטן,
צו זען אַ פאָרשטעלונג וואָס רופט זיך: „לעבן".

מיר קוקן מיט פאַרכאַפטן אָטעם און ס׳געפעלט
די שפיל און די שפילער און מיר הויבן אָן
אַליין אויך שפילן, ווערן קאָמעדיאַנטן,
און יעדער וויל דער גרעסטער „שפילער" ווערן.

און דאָס איז שלעכט! ווייל אַלע ווילן שפילן
הויבט אָן דאָס שטיק דעם ריטם צו פאַרלירן,
עס הערן זיך פיל קולות און געשרייען
און ענדלעך ווערט דאָס שטיק גאָר אומאינטערעסאַנט!

דער בעסערער, וואָס איז אַהער געקומען
צו זען וואָס שיינס, הויבט אָן זיך צו לאַנגווײלן,
ער גענעצט און ער איילט און לאָזט די שפּיל אין מיטן,
און הויבט זיך גרייטן אָן צו גיין צוריק!

מיר שטאַמען אַלע פון אַן אַנדער וועלט,
דאָ זענען מיר בלויז פרעמדע, אָן פאַרוואָנדטע,
און וואויל איז דעם וואָס ווייס דאָס אַלץ און דאָס פאַרשטייט
און שמייכלט ליב אויף אַלץ, וואָס קומט דאָ פאָר . . .

אָפּגייענדיקע שיפן

נאָך אָפּגייענדיקע שיפן —
וואָס בלייבט דיר אין געדאַנק?
דאָס פלאַטערן פון טיכל
אין אויסגעשטרעקטער האַנט;

דער רויך פון הויכן קוימען,
פון שיף דער שטאָלצער גאַנג,
פון וואַסער־וועג די שוימען,
אַן אָפּגעהאַקטער קלאַנג.

דאָס שרייען פון די מעוועס,
דער קאַלטער רויש פון ווינט,
סיגנאַלן און דאָס רעווען
און אַלץ נאָר וואָס פאַרשווינדט.

דער שפּיל־קאַסטן...

עס טרעפט נאָך היינט אפילו —
אין טעג פון קאַמף און לאַסטן —
גייט דורך אַ גאַס אַ שטילע
דער שפּילער מיט זיין קאַסטן.

עס עפענען זיך פענסטער,
עס דרינגט אַריין אַ ניגון,
און טענער ווי געשפּענסטער,
אין שטילער גאַס זיך וויגן.

פון וואַן איז ער געקומען
אַהער, אין שטילן דרויסן?
וואָס האָט ער דאָ פאַרנומען,
און וואָס איז ער דאָ אויסן?

געוואָגלט און געוואַנדלט
דורך לאַנגע טעג, דורך יאָרן,
ביז ס׳איז אין ליד פאַרוואַנדלט,
אַ בענקשאַפט־טאָן געוואָרן.

בוימער...

1

ווייט אין גאַס, אין שטילן געגנט
שטייען בוימער נאָך אַ רעגן.
ס׳איז פאַרנאַכט — די זון קוים לייכט נאָך
און דערקוויקט די צווייגן — פייכט נאָך...

און די זון אַלץ העכער שיפּט־זיך,
ווייט אין מערב־זייט זי טיפּט זיך.
און די בוימער, פייכט פון רעגן,
קוים די בלעטלעך זיך באַוועגן.

אויסגעצוואָגן, אויסגעוואַשן —
קוקן־אַן גאַטס וועלט געלאַסן.
רואיק, שטיל, קיין ווינט קיין שטויבן —
שטייען גרייט דעם הימל לויבן —

פאַר דעם רעגן, פאַר דער שטילקייט,
פאַר דער ליבער אָוונט־קילקייט,
און די אָוונט־רו געניסן
און פון שטורעם־ווינט ניט וויסן.

2

אין דער פרי — די זון דאָ ווידער
מיט אַ כאָר פון פייגל׳ס לידער...
אויך אַנטקעגן דאָ די שכנים
וואַכן אויף צום טאָג דעם שיינעם.

גריסט אַ ווינטעלע די בוימער,
ווי אַ חבר, ווי אַ שומר...
מורמלט, ווי ער וואָלט זיי פרעגן:
וואָס־זשע מאַכט איר נאָכן רעגן?...

קענען בוימער שוין ניט שווייגן;
שאָקלען־צו מיט גרינע צווייגן,
קוקן הויך צום רוים צום בלויען:
„אייביק וועלן מיר אים טרויען!“.

ווען ער קומט

און ווען אין דער צייט דער בייזער
קומט דער נביא, דער דערלייזער
מיט זיין וואָרט און מיט זיין תפילה —
וואָלט מען ניט געוואוסט אפילו...

ווען ער וואָלט צו אונז שוין גרייכן,
ווי וואָלט מען געוואוסט דעם צייכן,
אַז אַזוי פיל טעג און יאָרן
לעבן מיר אין האַס און צאָרן...

ווען דער נביא וואָלט שוין קומען,
ווער וואָלט זיינע רייד פאַרנומען?
וואָס זיין וואָרט געווען וואָלט עכטער,
הילכן מער וואָלט דער געלעכטער.

אפשר צווישן אונז, אַצונדער
גייט ער אום מיט טרייסט און וואונדער,
און מיר דאָ, אין נעץ פאַרצויגן,
קוקן אויס אויף אים די אויגן...

צוויי הערצער

צוויי הערצער איז שווער צו געווינען,
צוויי פריידן — זיי טרעפן זיך ניט;
האָט ליב דיך די מיידל, די קלוגע,
די שיינע ווייכט אויס דיינע טריט.

צוויי לידער פון האַרצן — ניט מעגלעך;
ס'קלינגט שיין זיי דאָס ליד פון דיין צער;
ווערסט זינגען אַ ליד אויך פון שמחה,
ווערסט אויסנעמען בלויז ביי דעם נאַר.

צוויי וועלטן — זיי קענסטו ניט האָבן,
ווילסט הוליען ביז וואַן עס ווערט נאַכט,
וועט זיין דיר די טיר פון דעם מאָרגן,
פון אייביקן מאָרגן פאַרמאַכט.

צוויי גטער איז שווער דיר צו דינען,
דען יעדער פון ביידע איז שטרענג,
און ווערסטו צו איין גאָט זיך ווענדן —
וועט ווערן דער צווייטער דיר ענג.

אַזוי איז עס שטענדיק, מיין ליבער,
ס'איז טרויריק, דאָך אמת — געדענק!
דו קענסט מער ווי איינס ניט דערלאַנגען,
דערפאַר נאָך דאָס אַנדערע בענק!

דורות...

דורות פון דער צוקונפט,
קומענדיקע ברידער,
איר זאָלט ניט דערוועגן
אויסלאַכן די לידער —

לידער פון די שוואַכע,
לידער פון די מידע,
אין אַ דור אַן אָר'מען,
פאַר דער וועלטס ירידה.

מיט דער וויטער פרייהייט
אַלע דורכגעדרונגען
האָבן מיר די לידער
שטילערהייט געזונגען.

און אין נאַכט אין חושך,
וויט פון אייג'נע גליקן,
האָבן מיר בשתיקה
אויפגעשטעלט די בריקן.

זיך געהיט פון שונא,
וואָס האָט וואָך, געלויערט,
און דערפאַר די לידער
קלינגען אָפּ פאַרטרויערט;

און אַ גרויע בענקשאַפט
און געהיימער צאָרן,
זיינען אין די לידער
איינגעוועבט געוואָרן...

1920, בערגען סטריט, ברוקלין, נ. י.

מען ווארט...

מען ווארט אויף דיין ווארט,
דו שווייגסט נאָך דערווייל...
אין שווייגן איז אויך
פאַרענטפערט די שאלה.

דו האָסט ניט קיין מוט
די וועלט צו פאַרשעמען;
דו פילסט זיך אין חוב,
אין טאָפּעלן קלעמען...

איז סיידן טראַכט אויס:
„סוועט שיינס נאָך פּאַסירן"?
און זאָל אין איר ווי,
דאָס האַרץ ניט פאַרפירן...

מיט דער וועלט

ווערט וואו אַ לאַנד באַפרייט
שטראַלט פריי און העל זיין בליק;
הערשט צוואַנג נאָך ערגעץ ווייט,
איז ער אין צוואַנג צוריק.

מיט מידע איז ער מיד,
מיט שטאַרקע קריגט ער מוט;
מיט וואַנדערער גייט ער מיט,
מיט אָנקומער — באַרוט!

און וואו ער קומט און גייט
פאַרנעמט ער יעדנס שטים;
וואו פריינטשאַפט אים דערפרייט,
וואו האַס — פאַרביטערט אים...

ער איז מיט וועלט באַהעפט
אין פרייד און אין געוויין;
און וואָס מיט מענטשן טרעפט
דאָס טרעפט מיט אים אליין.

##ביים ראַנד פון דער וועלט

ביים ראַנד פון דער וועלט,
דאָרט שטייט אַ געצעלט
פאַר מוטיקע וואַנדערער;
אַ טישל שטייט גרייט,
אַ טישטוך פאַרשפרייט —
פאַר אים און פאַר אַנדערע.

אַ מיידל אַליין,
מיט ליבשאַפט און חן
אים לאָזט זיך אַנטקעגן:
„וואָס זוכסטו, מיין האַר?
דאָ האָסטו דיין שכר
ביים סוף פון די וועגן.

באַלוינט זאָלסטו זיין —
דאָ האָסטו דיין וויין,
דיין וויין און דיין קוכן;
דער וועג ביז אַהער
געוועזן איז דאָך שווער —
דאָס גיין און דאָס זוכן..."

דער זוכער, ער טראַכט
און מורמלט באַדאַכט:
וואָס האָב איך געפונען?
ער וואַרפט הויך זיין בליק,
און לאָזט זיך מיט גליק
צו זוכן די זונען...

דער אָנזאָג — נאָך איידער...

(עפּילאָג)

די פרײדיקע ליד, וואָס איך אָנהויב געשריבן —
זי ווערט אַלץ ביי דיר ניט פאַרענדיקט;
אַ העלפט אויף פּאַפּיר — אויפן טיש געבליבן,
דאָס טיפסטע אין האַרצן בלייבט שטענדיק...

דאָס פענסטער איז אָפן, אַ ווינטל בלאָזט אונטער,
עס וואַרט אויף די ווייטערע צײלן;
די שורות — די ליבע — אין האַנטשריפט דער רונדער,
זיי בעטן דיר, דיכטער, זיך איילן...

ניט לאָז זיי, די איינצלנע, פרייד'יקע ווערטער,
פאַרצווייפלען אין טאָג, וואָס דאַרף קומען;
זיי זעען דעם שאָפער — ער זיצט אַ פאַרקלערטער,
ער איז מיט דער וועלט נאָך פאַרנומען...

עס בעטן די צײלן אין טיפן פון האַרצן:
אַך, ברענג שוין אַרויס אונז געשווינדער;
ניט וואַרט ביז ס'פאַרגייען די וואָלקנס די שוואַרצע,
די וועלט וואַרט אויף אונז דאָך אַצינדער.

דו פעדער־זיך פריער, נאָך איידער דער שטורעם
צערייסט זיי, די וואָלקנס — פול גבורה;
און דו, אַ באַפרייטער פון מורא, יסורים —
פאַרענדיק די ליכטיקע בשורה...

און ברענג זי, אין פרידלעכע צײלן, צו ברידער,
צו פעלקער, צו לענדער, צו שטאַמען,
ווייל איידער עס טרעפט — דו מוזט זיי אין לידער
באַלייכטן דעם גאַנג ווי מיט פלאַמען...

ניו יאָרק, 1951.